# מָאדֶערְנֶע לִיטוּרגִיֶע

## אִין אוּנְזֶערֶע סִינַאגָאגֶען אִין רוּסְסלַאנד.


פון

פִּנְחָס מִינְקָאווְסְקִי

אָבֶער־קַאנְטָאר דֶער בְּרָאדֶער גֶעמֵיינְדֶע.


ערשטע טהייל


אדעססא, תר"ע.

דרוק פון ה. נ. ביאליק און ש. בורישקין.



291

Digitized by the Internet Archive
in 2016 with funding from
Boston Public Library

https://archive.org/details/moderneliurgiyei00mino

# פארוואָרט.

די שריפט, די איך אייך, מיינע געעהרטע לעזער, איבערגיב, טראָגט דען נאָמען: „מאָדערנע ליטורגיע אין אונזערע סינאַגאָגען אין רוססלאַנד". דעם נאָמען נאָך ווערט דיעזע שריפט בעהאַנדעלן די ליטורגיע, דאָס הייסט: דעם גאָטטעס־דיענסט, די עבודת אלהים, וועלכע בעשטעהט אויס רעליגיאָזער קונסט, אויס וואָרט־און טאָנקונסט, דער ביי אַללע פעלקער גאַנצע ליטעראַטורען פאָן רעליגיאָזע דיכטער און דענקענדע קינסטלער געווידמעט זענען, און נור ביי אונז יודען נאָך אַזוי וועניג אויפמערקזאַמקייט פאַר זיך צו בעוויזען האָט. מיינע שריפט ווערט אָבער אויך בעריהרען די קינסטליכע רעליגיאָן, די געקינסטעלטע שפראַך־און טאָנקונסט אין אונזערער ליטורגיע, אין וועלכער אונזער פאָלק איז אַצונד אַזוי טיעף פערזונקען. אום דיעזע ביידע טהייל אונזערער ליטורגיע צובעשפרעכען, דאָס הייסט: רעליגיאָן און קונסט, וועלכע ביי אַללע פעלקער אין דער שפיצע אַללער קינסטע שטעהען, און וועלכע ביי איהרער נאַטירליכען פעראייניגונג אַלס רעליגיאָזע קונסט אַזוי פיעל ניצליך זענען, דאַגעגען אין איהרער אוננאַטירליכען פעראייניגונג אַלס קינסטליכע רעליגיאָן זייער פיעל שאָדליכעס אין זיך ענטהאַלטען,—גענינגט ניט אַזאַ קליינע און בעשיידענע שריפט ווי די מייניגע גערעכט צו ווערען. נור אָבער האַבע איך תמיד אין אַללע מיינען מוזיקאַלישען און ליטורגישען שריפטען, וועלכע האָב ביז נון אין פערשיעדענען שפראַכען פעראָפענטליכט. ר' טרפון'ס לעהרע אין די אויגען געהאַט, וועלכער זאָגט: „לא עליך המלאכה לגמור ולא אתה בן חורין להבטל ממנה" (אבות פרק שני. כ"א).

רעליגיאָן און קונסט, אָדער רעליגיאָזע קונסט! וואָס פאַר איין ערנסט ליעגט אין דיעזעם זווג, און ווי געפאָהרליך איז יעדער אונריכטיגער שריט און טריט פאָן דער איינען אָדער פאָן דער צווייטען!—מיט פאָלעם פערגלייך קאָן מען היער אַנבריננגען דען זאַץ וואָס אונזערע חכמים האָבען אויף דעם מענשליכען זווג געזאָגט: „זכה עוזרתו, לא זכה — כנגדו" (יבמות ס"ג)

קײן פאָלק איז אַזױ רײך אין שריפטען איבער רעליגיאָן װי דאָס יודישע פאָלק, און װען מען האָט אונז תמיד בעטיטעלט מיט דעם נאָמען „עם הספר", האָט מען אימער דאַמיט פערשטאַנדען אײן פאָלק, װאָס בע־זיטצט דאָס בוך דער ביכער, דאָס בוך דער רעליגיאָן. דאַס בוך, אויס װעלכעם עס איז ענטשטאַנדען ביכער, רעליגיאָנען, נביאים, אַפּאָסטאָלען, טעסטאַמענטען און גאָטטער פאַר אַנדערע פעלקער.

„כריסטוס"—זאָגט דער דײטשער פילאָזאָף און נאַטורפאָרשער ערנסט האַעקעל—„שטעהט עבען זאָ אויף דען שולטערען פאָן מאָזעס, װי שפּעטער מאַהאַמעד אויף דען שולטערען פון כריסטוס... טהאַטזאַכליך איזט יאַ נאָך הײטע אין געװיסער בעציהונג די ביבעל—טראָטץ איהרער זעלטזאַממען מישונג אויס דען בעסטען אונד שלעכטעסטען בעשטאַנדטהײלען—דאַס בוך דער ביכער" [1]). דאָס אַנערקענט אײנער דער גראָססטען אַטהאָאיסטען פאָן דעם 19 און 20־טען יאַהרהונדערט.

צו אַלע צײטען, װען מען האָט געװאָלט בײ אונז װעקרױבען דען נאָמען „עם", האָט מען בשום אופן ניט געקענט פערניכטען, דאָס „ספר", און צו יעדער צײט האָט דאָס „ספר" אײן בעסערען עקזאַמען אױסגעהאַלטען אַלס דאָס „עם", װעלכעס האָט זײער פיעל מאָל אין דער געשיכטע גע־שװאַנקט און װאַר כמעט דעם אונטערגאַנג נאָהענט. דאָס ספר אַבער נימאַלס; עס װאַר, עס איז און עס װעט עװיגבלײבען אַלס גרונד דער מענשליכען זעליגקײט, די עהרע און שטאָלץ פאַר דעם פאָלק, װאָס האָט די װעלט בעגליקט מיט אַזאַ ספר. מיר װאַגען עס צו זאָגען, דאַס די עטהיק פאָן דעם יודישען ספר איז די מוטער דער עטהיק פאָן אַלען נאַבהעריגען ספרים און רעלי־גיאָנען, פאָן אַלען נײען פעלקער דער װעלט.

דאַגעגען איז קײן פאָלק אַזױ אָרעם אין קונסטשריפטען װי דאָס יודישע פאָלק, און די יעניגע, װעלכע בעהױפּטען די בעטהײליגונג פאָן דעם יודישען פאָלק אין די אַלגעמײנע קונסטען, און בעזאָנדערס אין דער ספּע־ציעלען טאָנקונסט, זענען געצװאונגען זײערע בעהױפּטונגען אויס װינקען פאָן דאַנען און פאָן דאָרט, אין דער יודישען געשיכטע צו שעפּפען, ספּעציעלע קונסטביכער אָדער אַעסטהעטישע שריפטען האַבען זײ ניכט. און װען מיר

---

1) Ernst Haekel's „Die Welträthsel". Cap. XI· „Gott und Welt" S. 14, Stuttgart 1898.

פערטיפעֶן זיך אָביעֶקטיוו אין דיעזעֶר פראַגע, אום ריכטיגע בעֶווייַזעֶ אויסצופינדעֶן פאַר די קינסטלעֶרישעֶ פעֶהיגקייַטעֶן דעֶר יודעֶן, מוזעֶן מיר אימעֶר אונזעֶרעֶ שטיצעֶ זוכעֶן אין דעֶם „עם״, וועֶלכעֶס לעֶבט, ליעבט, גלויבט, לייַדעֶט, קלאָגט, האָפט און זינגט, פיעל מעֶהר אַלס אין דעֶם „ספר״, וועֶלכעֶס פעֶהלט אונז, וועֶלכעֶס עֶקסיסטירט איבעֶרהויפט ניכט. דאָס לעֶבעֶדיגעֶ זינגעֶנדעֶ „עם״ האָט זיך היער שטאַרקעֶר געֶצייַגט אין זיך זעֶלבעֶר אַלס אין זייַנעֶם „ספר״. עֶס לעֶבט אין זינגט אונאויפהעֶרליך מעֶהר אַלס דריי טויזעֶנד יאָהר—נאַטירליך צו יעֶדעֶר צייַט פעֶרשיעדעֶנעֶ זמירות—און דאַרום האָט עֶס דאַס רעֶכט צו פעֶרלאַנגעֶן מעֶן זאָל עֶס אַנעֶרקעֶנעֶן אַלס שותף און דעֶר וועֶלטמוזיק.

דאַס שלעֶכטעֶ דאַבייַ איז אָבעֶר, דאָס אַזוינעֶ בעֶווייַזעֶ, וועֶלכעֶ וואָלטעֶן געֶנוג געֶוועֶזעֶן פאַר אַנדעֶרעֶ פעֶלקעֶר זיך צו רעֶכטפעֶרטיגעֶן, זעֶנעֶן פאַר דעֶם יודישעֶן פאָלק ניט געֶנוג. אונזעֶרעֶ עֶוויגעֶ געֶגנעֶר, וועֶלכעֶן אונזעֶר רעֶליגיאָזעֶר ספר ווי אַ דאָרן אין אויג שטעהט, וועֶלכעֶ פעֶרפאַססעֶן נעֶגעֶן דעֶם ביבעֶלס, באַבעֶלס און בעֶבעֶלס, און דעֶנאָך מוזעֶן זיי אַנעֶרקעֶנעֶן אונזעֶר רעֶליגיאָזעֶן יחוס, בעֶשטרעֶבעֶן זיך, אין וועֶניגסטעֶנס, אונז פאָן דעֶר קונסט צו בעֶזייַטיגעֶן. זיי האָבעֶן זיך געֶוואָהנט ביי אונז אימעֶר דאָס „ספר״ העֶכעֶר צו שטעֶלעֶן אַלס דאָס „עם״. צו דעֶר מוטעֶר, דאָס הייסט צו דעֶר ביבעֶל האָבעֶן זיי פעֶרטרויעֶן, צום פאָטעֶר אָבעֶר, דאָס הייסט צום „עם״—ניט; דעֶם ספר גלויבעֶן זיי, ווייַל זיי זעֶנעֶן דאַצו געֶשיכטליך און עֶוואַנגעֶליש געֶצוואונגעֶן, דעֶם עם גלויבעֶן זיי ניט, ווייַל עֶס ליגט גאָר ניט אין אירעֶם אינטעֶרעֶס דעֶם אַלטעֶן „עם״, וועֶלכעֶס האַלט זאָ פעֶכט אין זייַן ספר, פעֶרטרויעֶן צו שעֶנקעֶן. זיי מאַכעֶן תמיד אַגרויסעֶן אונטעֶרשיעד צווישעֶן יודעֶנטום (יהדות), אין יודעֶנהייַט (יהודית), דאָס עֶרשטעֶ זייעֶר הויך צו אַכטעֶן אום דאַדורך דאָס צווייטעֶ מעֶהר צו פעֶראַכטעֶן. זיי פעֶרלאַנגעֶן פון אונז דורכאויס שריפטליכעֶ בעֶווייַזעֶ, פאָרדעֶרעֶן פאַר די קונסט, ווי פאַר די רעֶליגיאָן, איין ספר. „איין פאָלק״—זאָגעֶן זיי—„וועֶלכעֶס מוס זיך אויף טריט און שריט דורך שוואַרץ אויף ווייַס לעֶגיטימירעֶן, פעֶרדיענט אויך אין דעֶר קונסט קיין פעֶרטרויעֶן, ביז עֶס וועֶט ניט צייַגעֶן זייַן מוזיקאַלישעֶן פאַס, זייַן קונסט-ספר. לייַדעֶר בעֶזיצעֶן מיר קייַן קונסט-ספר, ניט ווייַל די יודעֶן האָבעֶן געֶהאַסט די טאָן-קונסט, זאָנדערן ווייַל זיי האָבעֶן, אַלס טהעאָקראַטישעֶס פאָלק, בעֶטראַכטעֶט

אַלע קינסטע אַלס משרתים בײַ דער רעליגיאָן, און האָבען עס געפינען
עפּעס העראָפּגעזעצט שרײַבען ספרים פאַר די דינער ווי פאַר דעם הערן.
דאַדורך זענען מיר געצוואונגען צוריק צו געהען צום „עם״, נאָר אָבער צו
זײַנער אַלטען און גלענצענדען עפּאָכע, אין וועלכער ער איז—אויך נאָך
דער מיינונג זײַנער געגנער—אין דער טאָנקונסט זייער הויך געשטאַנען,
און איז אומשטאַנדע דאַפיר אויך איין ספר צו צײַגען.

ווען מיר וועלען אַננעהמען די אַלגעמיינע רעגעל, דאָס פּאָעזיע
און מוזיק זענען צווילינגס־שוועסטער, טאָכטער בײַ איינער מוטער, מוסען
מיר אויך אַנערקענען בײַם יודישען פאָלק גרויסע מוזיקאַלישע פעהיגקײַ־
טען אין דער אַלטען קלאַסישען צײַט. איין פאָלק, וועלכעס אים שטאַנדע
איז צו פאַרפאַסען אַזוי פיעל שיינע, ערהאַבענע פּאָעזיען אין זײַנער ביבעל,
איין פאָלק וועלכעס איז אים שטאַנדע צו פּראָדוצירען אַזוי פיעל איינפאַכע,
און יעדאָך, קלינגענדע ליעדער, פּסאַלמען, קלאָגען און געבעטע דורך
איהרע נביאים, משוררים, מהללים ומקוננים אין אַלערלײַ פאָרמען אין
דער קלאַסישען העברעאישען שפּראַכע, מוז אויך אים שטאַנדע געוועזען
זײַן אויך אין איהרער מוזיקאַלישען בעקליידונג—ווען אויך, נאַטירליך, אים
געשמאַקע דאַמאָליגער צײַט—בעדײַטענדעס צו שאַפען. שוין דער פאַקט,
דאָס די העכסטע און גײַסטרײַכסטע מענער פאָם פאָלק, ווי די מלכים
און נביאים, האָבען זיך מיט דיכטען, זינגען און שפּיעלען בעשעפטיגט, און
אַם ערשטען פּלאַץ, פאַר דען העכסטען צוועק דער ליטורגיע, פאַר די
פערשענערונג פאָן דעם גאָטעסדיענסט, פאַר די בעגײַסטערונג דער נבואה—
בעווייזען מעהר אַלס אַלע דאָקומענטען דער וועלט, ווי הויך די רעליגיאָ־
זע טאָן־קונסט איז געשטאַנען אין יענער צײַט בײַ די יודען. פאָן דער
טיש־מוזיק, טאַנץ־מוזיק, גאַסען־צערעמאָניען מיט זינגער און שפּיעלער,
פאָן שרים ושרות, שדים ושדות, וועלכע האָבען בעגלייטעט און פערשע־
נערט דאָס גאַנצע יודישע לעבען בײַ ליידען אין בײַ פריידען (ווי איך
האָב אַ ביסעל דאַפאָן אין מײַנער יעצטיגען שריפט געשפּראָכען), —
איז היער ניט דער אָרט לאַנגער צו רעדען. ווי דײַטליך ענטפערט ברזלי
הגלעדי דעם קעניג דוד אויף זײַנער אײַנלאַדונג, בײַ איהם אַלע זײַנע אַלטע
יאָהרען צו פערברענגען: „בן שמונים שנה אנכי היום האדע בין טוב לרע...
אם אשמע עוד בקול שרים ושרות... (שמואל ב׳, י״ט). און ווי דאַמאָלס

צוּרִיק מִיט מֶעהר פָאן דרײַ טוֹיזֶענד יָאהר אִיז אוֹיך יֶעצט, נָאךְ אַללֶען וואַנדֶערוּנגֶען אוּן הֶערוּמטרײַבּוּנגֶען, דִי דָאס יוּדִישֶׁע פָאלק אִין דֶען לֶעצטֶען צווײַ טוֹיזֶענד יָאהר אִין דֶער גאַנצֶען ווֶעלט דוּרךְ גֶעמאַכט הָאט, דִי זֶעלבֶּע לִיעבֶּע צוּ רֶעלִיגִיאָזֶען מוּזִיק בּײַ אִיהם אִין הֶערצֶען גֶעבּלִיעבֶּען. יֶעדָאךְ לִיעבֶּע צוּר מוּזִיק אִיז נָאךְ נִיט מוּזִיק אַלײן, אײַן קוּנסטלִיעבּהאַבֶּער אִיז נָאךְ קײַן קִינסטלֶער, אוּן צוּ קוּנסט מוּז מֶען נִיט ווֶענִיגֶער עֶרצוֹיגֶען זײַן אַלס צוּ רֶעלִיגִיאָן. אִיז דֶען דִי עֶרצִיהוּנג פָאן דֶעם יוּדִישֶׁען פָאלק אִין דֶער קוּנסט פּאַראַללֶעל גֶעגאַנגֶען מִיט זײַנֶער עֶרצִיהוּנג צוּ רֶעלִיגִיאָן?— אָ נײן!—רֶעלִיגִיאָן מִיט אַלֶע אִיהרֶע פּרטים זֶענֶען פֶערֶעוִויגט גֶעוואָרדען אִים ספר, אַ״יך דִי שפּראַךְ-קוּנסט בִּיז דֶער הֶעכסטֶען פָּאֶעזִיע, ווִי אַלֶע עֶנצִיקלָאפֶּעדִישֶׁען ווִיססֶענשאַפטֶען, וואָס דֶער יוּדִישֶׁע גײַסט הָאט גֶעשאַפֶען צוּ אַלֶע צײַטֶען. זֶענֶען פֶערֶעווִיגט אִין ספרים; וואָס דָאט פָאלק אָבֶּער גֶעפִיהלט אוּן אוֹיסגֶעדרִיקט אִין טָאן, ווֶעלכֶעס הײסט „טָאן-קוּנסט", אִיז גֶעבּלִיעבֶּען בִּיז דֶער הֶעלפטֶע פָאן דֶעם 19-טֶען יאַהרהוּנדֶערט אִים מוּנד, אִין זמרה שבעל פה, אִין דֶער אִיבֶּערלִיעפֶערוּנג, אִין דֶער מסורה איש מפי איש. אוּן ווִי שווֶער אִיז עֶס אוּנז צוּ בֶּעווײַזֶען דֶען וואַהרֶען חאַראַקטֶער פָאן אוּנזֶערֶען גֶעזאַנגֶען אוּן שפִּיעלוּנגֶען אִים אַלטֶערטוּם, אָדֶער גָאר בֶּעלײַכטֶען דָאס ווֶעזֶען אוּן פָארמֶע פָאן אוּנזֶערֶען בִּיבּלִישֶׁען אִינסטרוּמֶענטֶען, פָאן ווֶעלכֶען אוּנזֶערֶע פּסאַלמֶען זֶענֶען פָאלל, מִיט ווֶעלכֶען מוּזִיק-הִיסטָארִיקֶער שוֹין יָאהרהוּנדֶערטֶע אִיהרֶע קֶעפּ זִיךְ פֶערדרײֶען, אוּן אַ ווֶעלט מִיט השערות צוּזאַמֶען גֶעשטֶעלט, ווֶעלכֶע הָאבֶען דָאךְ קײַן גרֶעססֶערֶען ווֶערט אַלס הִיפָּאטהֶעזֶען; ווִי נָאךְ שווֶערֶער אִיז עֶס אוּנז צוּ בֶּעווײַזֶען דִי אָרִיגִינאַלִיטֶעט דֶער יוּדִישֶׁען מֶעלָאדִיען אִין דֶער סִינאַגָאגֶע, אוּן זָאגאַר דִי יוּדִישֶׁע זֶעלבּסטשטֶענדִיגֶע מוּזִיקאַלִישֶׁע סקאַלאַ דָאקוּמֶענטאַלִיש צוּ בֶּעווײַזֶען [1].

יאַ, דָאס יוּדִישֶׁע פָאלק אִיז פוּן נאַטוּר גֶענײגט צוּ מוּזִיק ווִי צוּ רֶעלִיגִיאָן, נוּר פאַר דֶער רֶעלִיגִיאָן הָאט מֶען זִיךְ מִיט אִיהם גֶעשלָאגֶען אוּן גֶעקֶעמפפט. דֶער „אנכי ה׳ אלהיך", וואַר גָאר נִיט אַזוֹי שווֶער פאַר דֶעם

---

[1] אין דעם נייעם רוסישען מוזיקאלישען לעקסיקאן: Риманъ, Музыкальный словарь איז איינע גאנצע סיסטעמע פאן יודישען סקאלען פאן דעם מחבר געדרוקט אונטער דעם טיטעל: „Еврейская музыка". Стр. 1512.

וִידִישֶׁען פָאלק אוֹיפצוּפאַסֶען, אָדֶער פּשוּט צוּ גלוֹיבֶּען אִינאוֹיפפאַסוּנג, אוּן אִין אמת אַרײַן האָבֶּען זײ עֶס אַ סך גרִינגֶער אוֹיפגֶענאָמֶען אַלס משה האָט זִיךְ עֶס פאָרגֶעשטֶעלט; שוועֶר, זײעֶר שוועֶר אָבֶּער, וואַר דעֶם פאָלק דעֶר „לא יהיה לך אלהים אחרים״. אַ פאָלק בּײ וועם דעֶר רעֶלִיגִיאָזֶער אִינסטִינקט כמעט צוּ אײנֶער מאַניעֶרעֶלִיגִיאָזֶע אוֹיסגֶעבּראָכֶען האַט, וואָס זײַנֶע גאַנצֶע בּעפרײַאוּנגס־גֶעשִׁיכטֶע מִיט דעֶם גאָטעֶס־דִיעֶנסט, מִיט „שלח את בני ישראל ויעבדוני״, מִיט „לכו עבדו את ד׳ אלהיכם״ אַנגֶעפאַנגֶען האָט, וואַר פִיעֶל לײַכטֶער גלוֹיבֶּען צוּ מאַכֶען אִין 10 פעֶרשִׁיעֶדעֶנֶע גאָטטעֶס־פאָרמֶען פאָן „אנכי׳ם״, אַלס אָפּצוּרײַסֶען פאָן אײנֶעם דעֶם נִיעֶדרִיגסטֶען דעֶר „אלהים אחרים״. דעֶם קאַמפף מִיט דעֶם יוּדִישֶׁען פאָלק וואַר נִיכאַלס פאַר דעֶם גלוֹיבֶּען אִיבֶּעֶרהוֹיפּט, דאָס הײסט פאַר דעֶם Theism, זאָנדעֶרן פִיעֶל מעֶהר געֶגֶען דעֶן געֶמִישטֶען גלוֹיבֶּען Mixotheism, וועֶלכעֶר האָט אִימֶער געֶדִיעֶנט אַלס פאָרשטוּפֶע, אַלס בּרִיקֶע פוּן אײַנגֶעטֶטעֶרײַ (Monotheism) צוּר פִיעֶלגֶעטֶטעֶרײַ (Politheism) אוּן דִי לעֶהרעֶר האָבֶּען תמיד געֶהאַט אַ שוועֶרֶע אַרבּײַט מִיט דעֶם פאָלק אִים צוּ לעֶהרעֶן, נִיכט צוּ גלוֹיבֶּען, זאָנדעֶרן אִין וועֶמען צוּ גלוֹיבֶּען, אוּן נאָךְ מעֶהר—אִין וועֶמען נִיט צוּ גלוֹיבֶּען. אוּן אַזוֹינֶע געֶרִיהמטֶע לעֶהרעֶר האָט דעֶם יוּדִישֶׁען פאָלק נִיע געֶפעֶהלט, וועֶלכֶע האָבֶּען אִיהם נִיט נושא פנים געֶוועֶזֶען, וועֶלכֶע האָבֶּען אִיהם דִי בִּיטעֶרֶע וואַרהײַט אִין דִי אוֹיגֶען געֶזאָגט: „שמעו נא המורים״, „ממרים הייתם״, „עם המרי״. „עם טמא שפתים״ אוּן נאָךְ אוּן נאָךְ. אוּן ווען דאָס פאָלק אִיז געֶוואָרֶען אוּנצִיפרִיעֶדעֶן מִיט דעֶר וואַרהײַט וואָס זײַנֶע לעֶהרעֶר האָבֶּען אִיהם געֶזאָגט אוּן האָט געֶשרִיהעֶן: „אל תטיפו!״, אוּן אײנִיגֶע פאָן זײַנֶע לעֶהרעֶר אִין קעֶרקעֶר געֶוואָרפעֶן, האָבֶּען דִי לעֶטצטעֶן דעֶנאָךְ צִינדעֶנדֶע רעֶדעֶן, לעֶהרעֶן אוּן וואַרהײַטעֶן דעֶם פאָלק אִין פנים געֶשלײַדעֶרט אוּן געֶפרעֶדִיגט, אוּן פעֶרצײַכעֶנט אִים ספר, אִין שרִיפטעֶן, אוּם אוֹיךְ פאַר דִי צוּקוּנפט—„את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה—אִים העֶרצעֶן פאָם פאָלק צוּ אַללֶע צײַטעֶן אײַנצוּפלאַנצעֶן אײנֶע דעֶר העֶכסטעֶן עטהִיק, אוּן מאָראַלִיטעֶט וואָס אַ פאָלק האָט יֶע בּעֶזעֶסעֶן.

וועֶר אָבֶּער האָט דעֶם יוּדִישֶׁען פאָלק וואַרהײַטעֶן געֶזאָגט, געֶלעֶהרט אוּן געֶקעֶמפפט פאַר דעֶר קוּנסט, פאַר דעֶר עסטהעֶטִיק דעֶר ספּעֶצִיעֶלעֶן טאָן־קוּנסט?—אִין זײַנֶער גלאַנץ־פעֶריאָדֶע העֶרעֶן מִיר נאָךְ אײנִיגֶע שוואַכֶע

פּראָטעסטען געגען אונרעליגיאָזען מוזיק: „הפורטים על פי הנבל... כדויד חשבו להם כלי שיר", אָדער: „קחי כנור סובי עיר זונה נשכחה" און נאָך. אין דער דיאַספּאָראַ (גלות) פינדען מיר אפילו קעמפּפע און פּראָטעסטען, אָבער ניט פאַר די מוזיק=קולטורע, פאַר די פערפאיידעלונג פאָן דעם קינסטלירישען געשמאַק, פאַר די פערפיינערונג פון די מוזיק=אינסטרומענטען, פאַר די קאָרעקטהייט דער מוזיקאַלישען מעטריק (משקל) און ריטהמיק (מדה)— ווי זיי האָבען אַזוי האַרט געקעמפּפט אין אַזוינע ענינים אין דער אַראַבי= שען פעריאָדע פאַר יודישע גראַמאַטיק און פּאָעזיע—זאָנדערן איין קאַמפּף געגען יודישע מוזיק איבערהויפּט: „שלח ליה מר עוקבא לריש גלותא: זמרה מנא לן דאסור?—שרטט וכתב ליה מהכא: „אל תשמח ישראל אל אל גיל כעמים" (גטין דף ח).

דאַמיט האָט די מוזיק=קולטורע בּיי די יודישע לעהרער איהר ענדע ערריַיכט. און זייט דעם די סופרים האָבען איבערגענומען פאָן די נביאים די הנהגה פאָם יודענטום אין איהרע הענד, האָט זיך די רעליגיאָן פּראַקטיש צוואַר זייער הויך ענטוויקעלט, דאַגעגען אָבער איז די יודישע רעליגיאָזע טאָן= קונסט און איהר קולטורע זייער לאַנגזאַם זיך בּעוועגט, און זייער פיעל מאָל האָט זיך די גאַס הערייַנגעדרייַנגט אין די סינאַגאָגען און פרעמדע מעלאָדיען זענען אין דער יודישער ליטורגיע אַלס „גרי צדק" אייַנגעבירגערט. די סופרים האָבען דעם יודענטום מעהר נוצען געבּראַכט אַלס די הויכע אידע= אַלישע—און דאַרום אונפערשטאַנדענע—נביאים אין זייער צייַט. דער סופר וואַר קיין פאַנטאַזיאָר, זאָנדערן אַ בעל חשבון, אַ מאַטעמאַטיקער, אַלעס פריהער גוט בּערעכנעט וואָס צוזאָגען און ווי אַזוי צוזאָגען דעם פאָלק, עס זאָל איהם ריכטיג פערשטעהן. „חכמים הזהרו בדבריכם"—וואַר דער גרונד, אויף דעם די סופרים איר גאַנצע שיטה געגרינדעט האָבען, און דאַרום האָט בּיים פאָלק עקסיסטירט די זאַגע: „חכם עדיף מנביא". עס האָט איהם אָבער געפעהלט די פּראָפהעטישע בּעגייַסטערונג, די אינערליכע שווערמעריי אין אייסערען פּאָעטישען גלאַנץ, וועלכע נור דורך מוזיק, דורך געזאַנג און קלאַנג מעגליך וואַר. ער האָט די מוזיק גאָר ניט געזוכט, ווייל זי וואָלט פאַר איהם גאָר שעדליך געוועזען. צו שרייַבען קאָמענטאַרען, אַנאַליזען, קאָדעקסען פאָן טראָקענע געזעצע מוז מען בּעזיצען קאַלטע איבערלעגענהייַט, טראָקענע בּערעכענונג פיעל מעהר אַלס פלאַמענדע

עֶקסטאַזע. דאַדורך איז די מוזיק, וועלכע איז אין איהר גלאַנץ־פּעריאָדע פאָן קעניגע און פּראָפּהעטען קולטיווירט געוואָרען, איבערגעגאַנגען צום נידריגען פאָלק, צום אונוויסענדען דילעטאַנטען, און ווי די דייטשען זאָגען איר שפּריכוואָרט: „וועם בּרויט איך עס, דעם ליעד איך זינג" זאָ, האָט דאָס יודישע פאָלק אַלע מאָל אַנדערס וואו בּרויט געגעסען און דאַדורך אויך אַנדערע ליעדער געזונגען, בּיז זיין אָריגינאַלגעשמאַק גאַנץ פערדאָרבּען און צעמישט געוואָרען. נעבּען דער טראַדיציאָנעלען מוזיק, דער נוסחאות פאָן דער סינאַגאָגע און ליטורגישע אַלטע מעלאָדיען, וועלכע האָבּען זיך זייער גוט ערהאַלטען אים מונדע פונ'ם פאָלק אין איר אַלטען אינערליכען אַרכיטעקטור און אויסערען פערציערונגען, דאָס הייסט דער יודיש מוזיקאַלישע „אנכי ה'", האָט דאָס מוזיק־ליבּענדע פאָלק זיך זייער פיעלע מוזיקאַלישע „אלהים אחרים" אַנגעאייגנעט. פרעמדע מעלאָדיען, סעמיטישע, חאַמיטישע, אָריענטאַלישע און אַקסידענטאַלישע, און סלאַווישע האָבּען זיך זייער טיף אים הער־צען פונ'ם פאָלק איינגעוואורצעלט און געבּילדעט איינען מוזיקאַלישען Mixotheismus. נעבּען דעם שפּראַך־שואַרגאָן אין דער גאַס איז אויסגעוואַקסען איין טאָן־זשאַרגאָן אין דער סינאַגאָגע, דאָס פיעלע יאַהרע צוריק, איידער אונזערע זשאַרגאָנישע שריפטשטעללער אויף איינער קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ עס געוואַגט האָבּען די גאַסען זשאַרגאָן־שפּראַכע מיט איינעם נאַציאָנאַלען יאַרליק צו בּעשיינען, האָט שוין די גאַסען־זשאַרגאָן־מוזיק אין דער יודישען סינאַגאָגע שוין לאַנגע, לאַנגע אַלס נאַציאָנאַלע טאָן־קונסט זיך דעקלאַרירט, קונה שביתה געווען, און פונ'ם פּובּליקום אַלס זאָלכע סאַנקציאָנירט. און ווען די יודישע מאַסע שפּריכט פון נאַציאָנאַלער מוזיק, פון „יודיש זינגען" און נאָך מעהר „יודיש זאָגען" „יודישען טעם", איז דאַמיט פערשטאַנדען שואַרגאָן זינג־זאַנג, שואַרגאָן קלינג־קלאַנג, שואַרגאָן פריי־דריי, זשאַרגאָן מיש־מאַש וחסר טעם. עס טהוט אונז זייער לייד אַזאַ מיינונג עפענטליך אויס צו שפּרעכען, מיר מוזען אָבּער עהרליך גענוג זיין דאָס אַנצוערקענען. און נון, ווי שווער איז עס יעצט אויפצוטרעטען געגען די „אלהים אחרים", געגען די פרעמדע געט־טער, געגען דעם מוזיקאַלישען Politheismus, נאָכדעם זיי זענען שוין אַזוי לאַנג בּיים פאָלק נאַציאָנאַל פערהייליגט! ווי שווער איז צו אַלען צייטען אויפטרעטען אין זיינעם אייגענעם לאַנדע אַלס פּראָפּהעט און זאָגען

דעם יודישען פאָלק ביטטערע וואַרהייטען אין דער רעליגיאָזען טאָן-קונסט, אין דער סינאַגאָגאַלען עסטהעטיק, נאָכדעם זיין בעגריף איבער שײן און אונשײן פיעלע יאָהרהונדערטע אַזוי באַרבאַריש היפּנאָטיזירט איז! וויפיעל מיט מוז מען איבערהויפּט האָבען ביי דער יעצטיגען צייט דעם יודישען פאָלק, דעם עם קשה-עורף, וואַרהייטען צו זאָגען, נאָכדעם די גרויסע דענקער דאַריבער נאָך ניכט איינפערשטאַנדען זענען, אויב מיר דאַרפען איבער הויפּט דער וועלט וואַרהייטען זאָגען די, נאָך שיללער, „בעטראָגען ווערדען וויל". זאָ זאָגט דער אַמעריקאַנישע דענקער און ראַציאָנאַליסט, קולוניל אינגערסאָל:

„A man must do one of three things—
tell what he knows, keep still or lie.
The respectable way is to lie."

(„אַ מענש מוז טהון איינס פאָן די דריי זאַכען—זאָגען וואָס ער דענקט, שווייגען אָדער ליעגען זאָגען. דער רעספּעקטאַבעלסטער וועג איז צו זאָגען ליעגען" ...).

דאַגעגען זאָגט דער בעריהמטער ענגלישער פּאָעט און פילאָזאָף אלכסנדר פאָפּ פאָלגענדעס:

„Who dares think one thing and another tell
my heart detests him like the gates of hell".

(„דעריעניגע, דער עם וואַגט צו דענקען איינס און זאָגען עפּיס אַנדערש פעראַכטעט איהם מיין הערץ ווי די טויערען דער האָללע.")

קאָמט דער דייטשער פילאָזאָף און מאַכט נאָך גרעסערע קאָמפּלימענטען דער וואַרהייט און זאָגט:

„Die Wahrheit ist keine Hure, die sich denen an den Hals wirft welche ihrer nicht begehren: vielmehr ist sie eine so spröde Schöne, das selbst wer ihr alles opfert noch nicht ihrer Gunst gewiss sein darf."[1])

(„די וואַרהייט איזט קיינע הורע, די זיך דענען אַן דען האַלז ווירפט וועלכע אירער ניכט בעגעהרען: פיעלמעהר איזט זי איינע זאָ שפּרעדע

---

[1]) A. Schopenhauer's „Die Welt als Wille und Vorstellung". Vorrede. s. 18. Leipzig

שענע, דאָס זעלבסט ווען איר אַלעס אָפּפערט ניכט אירער גונסט געוויס זיין דאַרף״.)

פילאָזאָפיש איז די שאָפּענהויערישע מיינונג איבער די וואַהרהייט זייער ערהאַבען; וואָס זאָלען אָבער מאַכען די יעניגע, וועלכע בלאָנזשען אַרום איר גאַנצעס לעבען און זיי ווייסען ניט, וואו מען געפינט די וואַרהייט — זאָלען מיר זיי וואַרטען לאָסען ביז זיי וועלען אַליין דער וואַהרהייט אָפּפער ברייגנען — וועלכע וועלען עס געוויס ניט טהון — אָדער מען זאָל זיי בעסער די וואַהרהייט זאָגען, דאָס הייסט: זיך מטריח זיין מיט דער שפּרעדער שענע צו זיי? האָט מען דאָס רעכט די וואַהרהייט פערשטעקט צו האַלטען אין אירעם „לפני ולפנים״ ביז יענע וועלען צו איר קאָמען, אָדער וועט עס מעהר פּראַקטישער זיין שלעפּען מיט זיך די וואַהרהייט צום פערבלאָנזשעטען, ווי מחמד האָט זיך מטריח געוועזען צום בערג, נאָכדעם דער בערג האָט בשום אופן ניט געוואָלט געהן צו אים? — גאָטהע זאָגט פונקט פערקעהרט: „מען זאָל זיך ניט שעמען אַלע טאָג די אַלטע וואַהרהייט צו זאָגען, ווייל דער נאָך עלטערע שקר שעמט זיך גאָר ניט אַלע טאָג אויף׳ס נייע זיינס צו זאָגען״.

אויך דער אַמעריקאַנישער פּאָעט און פילאָזאָף עמערסאָן בעהאַנדעלט די וואַהרהייט מעהר דעמאָקראַטיש.

„Jt is alike your interest, and mine and all mens however long we have dwelt in lies to live in truth“.[1])

(„עס איז גלייך אייער אינטערעס, מיין און אַלער מענטשען אינטערעס, אָביואָהל מיר האָבען זאָ לאַנג געלעבט אין ליגען (אָנפּאַנגען) צו לעבען אין וואַהרהייט״).

ביי די יודען איז אמת דער העכסטע בעגריף. עס איז גאָטעס זיגעל: „ד׳ אלהיכם אמת״; יעדאָך זאָגט דאָס פאָלק תמיד: „ליגען טאָר מען ניט זאָגען און אמת נייט מען ניט צו זאָגען״. דאָס שפּריכוואָרט האָט זיך אים פאָלק אויסגעבילדעט דאַדורך, ווייל דער שקר זוכט תמיד די געגענוואַרט, דעם הוה, ווי קורץ ער זאָל ניט זיין געהערט ער אים. תכליתים וויל ער ניט פערזאָרגען, אָפּגענאַרט, אָפּגעשווינדעלט, אָפּגעליגנערט אַ

[1]) R. W. Emerson's Essays „Selfreliance“ p. 73.

מינוט—זייער גוט, וואס וועט זיין שפעטער געהט אים ניט אן. דאגעגען איז דער אמת תמיד נעוועןּ, און איז אויך יעטצט, צוקונפטס־מוזיק, אים געהערט דער עתיד, דער היה איז ניט זיינער. עס איז טאקע „אמת מארץ תצמח", נאר דאס טוהט זיך ניט אזוי שנעל ווי סע רעדט זיך, מען מוז שוין אביסעל ווארטען ביז דער אמת שפראצט הערויס פאן דער ערד, און זייער פיעל מאל, כמעט אלע מאל, מוז מען ביז דאהין ליידען. און וויל דאס פאלק איז ניט תמיד געוואקסען צו אזוינע הויכע אידעאלען, עס פעהלט איהם די געדולד צו אפפערען דעם געוויססען הוה פאר א צווייפעלהאפטען עתיד, האט עס זיך געראטעוועט מיט א פשרה צווישען שקר און אמת, דאס „ליעגען טאר מען ניט זאגען און אמת נייט מען ניט צו זאגען". און ווען דער כהן גדול האט געפרעגט יעזוסען אויף דעם משפט אויב עס איז אמת דאס ער רופט זיך אן „כריסטוס דער זאהן גאטטעס?" האט איהם יענער געענטפערט: „דו זאגסט עס"[1]. עס וואר א יודישע פשרה צווישען שקר און אמת, וויל ליעגען טאר מען ניט זאגען און אמת נייט מען ניט צו זאגען, האט ער זיך בעדיענט מיט דער יודישען טאקטיק.

איך האב היער ציטיערט אזוי פיעל פערשיעדענע מיינונגען איבער אמת זאגען, וויל איך וויל אין מיינער יעצטיגען שריפט מעהרערען פערזאנען, וועלכע בעטהייליגען זיך אין דער סינאגאגאלען ליטורגיע, וועלכע שטעהען אין דער שפיצע דער רעליגיאן, דער יודישען אעסטהעטיק דער סינאגאגאלען טאן־קונסט, ארדנונג און אנשטאנד, פיעלע אמת'ן זאגען. און איך געשטעהע עס, מיינע געהערטע לעזער, עס האט מיך געקאסט איין אינערליכען קאמפף ביז איך האב בעשלאסען, ווי עמערסאן, „דאס אבוואהל מיר זא לאנגע אין ליעגען געלעבט האבען, ליעגט'ס דאך אין אייער אינטערעס, אין מיינעם אינטערעס, אים אינטערעס פון אלע פערזאנען, וועלכע וועלען זיך פיעללייכט פיהלען בעטראפפען פאן מיינער שריפט, אין נאך מעהר אים אינטערעסע דער רעליגיאן, דער טאן־קונסט, דעם **כבוד העבודה ויראת המקדש**, אים אינטערעסע דער פערפיינערונג פאם יודישען געשמאק—אנצופאנגען צו לעבען אביססעל אין דער וואהרהייט.

[1]) Ev. Matthai Cap. 26—46.

עֶס אִיז אִיבֶּערהױפּט מערקווירדיג, דאָס די אַלֶע מײַנונגען, וואָס אִיךְ האָבּ הִיער צִיטִירט, בּעשעפטִיגען זִיךְ נוּר מִיט דער פראַגע: זאָגען אָדער נִיכט זאָגען די ווארהײַט? אַלעס דרײעט זִיךְ אַרוּם „זאגען", פאָן „הערען" די ווארהײַט שפּרִיכט קײַן מענש! און דאָךְ, וואָס פאַר מִיסבּעגריף, וואָס פאַר אוּנגערעכטִיגקײַט טהוּט מען דער וואַהרהײַט ווען מען שפּרִיכט פאָן אִיר אַזוֹי אײַנזײַטִיג, נוּר פאָן זאָגען, און פאָן הערען אִיז שוֹין גאָר נִיטאָ וואָס צוּ רעדען?! —. ווי מִיר גֶעזאָגט האָבּען, האָט דער לִיגען־זאָגער זײַן דוּה, דער אמת־זאָגער — זײַן עתיד, וואָס האָט אָבער דער אמת־הערער? — נִיט דאָס און נִיט יענעס. און דאַרוּם מוּז דאָךְ יעדער צוּגעבּען, דאָס דער גוֹרל פאָן אײַן אמת־הערער אִיז דער ערגסטע. דער בּעגרִיף פאָן אײַן אִיש־אמת הײַסט בּײַ דער וועלט: אַ מענש, דער וואָס בּעזִיטצט דען מוּט קײנעם נִיט נושא פנים זײַן, אִיטלִיכען זאָגען דאָס, וואָס ער דענקט און מײנט אִיבּער אִיהם. נוּר אִיז דען יענער נִיט אַ גרעסערער אִיש־אמת, דער די גֶעדוּלד האָט צוּ הערען פאָן יעדען אמת'ן אִיבּער זִיךְ וואָס יענער מײנט אִיבּער אִיהם? עס אִיז צוּ בּעמערקען, דאָס די מײכטען מענשען, וועלכע זאָ לײַכט דעם צווײטען אַלע אמת'ן זאָגען, הערען זײער שווער די לײַכטעסטע אמת'ן פאָם צווײטען אִיבּער זִיךְ. און דאַרוּם האָבּ אִיךְ מִיךְ אַזוֹי לאַנג אִיבּערלעגט: זאָגען אָדער נִיט זאָגען די ווארהײַט, ווײַל מײַנע וואַהרהײַט וועט גאַנץ אִיבּערראַשענד זײַן פאַר מִיךְ, דעם זאָגער, און פאַר אײַךְ, די הערער, גֶעגען דער עווִיגען געוואָהנהײַט אײַךְ אַלס וואַהרהײַט־זאָגער און מִיךְ אַלס הערער צוּ זעהען. אַ רעלִיגִיעזער דִיענער, און נאָךְ בּעזאָנדערס אײַן יוּדִישער סִינאַגאָגאַלע בּעאַמטער, מוּז בּעזִיטצען צוויי אײגענשאַפטען: אָפענע אוֹיערען און פערשלאָסענעס מוֹיל. ער מוּז זײַן גאַנץ לעבּען פִיעלע וואַהר־הײַטען, פִיעלע שײן־וואַהרהײַטען — וועלכע אִין גרוּנד גענאָמען גאָר לִיגען זענען — הערען און קײנע אײנצִיגע וואַהרהײַט זאָגען. דאַס אַבער אִיז נאָךְ נִיט אַזוֹי שלִים, דאָס שלִימסטע דאַבײַ אִיז, דאָס ער מוּז נאָךְ, אוּם „מרוצה לעם" צוּ זײַן, נִיט נוּר לִיגענס זאָגען, זאָנדערן אוֹיךְ לִיגענס ז־י־נ־ג־ע־ן! דאָס לִיגען זאָגען אִיז אײַן פערבּרעכען גֶעגען די עטהִיק, דאָס לִיגען זִינגען — אײַן פערפאַל אִין דער עסטהעטִיק. וויפִיעל וואַהרהײַטען מוּז ער הערען און וויפִיעל לִיגענס מוּז ער זאָגען און זִינגען בּיז ער דערגרײכט די ערהאַבּענע — נִיעדרִיגע — שטוּפע פאָן. דעם יוּדִישען „מרוצה לעם!" „ש"ץ

מיתר להחניף את הקהל", און חנפה'נען קהל קען מען ניט מיט זאָגען וואַרהײַט און נאָך ווענִיגער מיט זינגען וואַרהײַט: בײדע זענען ניט נאָך דעם קהל'שען געשמאַק. און דענּאָך האָב איך בעשלאָססען, דאָס אָבוואָהל מיר זאָ לאַנגע אין ליגען געלעבט האָבען, אָנצופאַנגען צו לעבען אין וואַרהײַט, און מיר מוזען איבערבײַטען אונזערע ראָלען: איך וועל זאָגען און איהר וועט הערען. די וואַרהײַט וועט בעריהרען אַלע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אַ געוויסען טײל אין דעם סינאַגאָגאַלען יודענטום אין רוסלאַנד. יעדאָך, מײנט ניט דאָס אויס שנאה צו אײַך אָדער שטאָלץ געגען מײַנע קאָלעגען האָב איך היער די וואַרהײַט געזאָגט. נײַן. איך ליעב אײַך, און ליעב מײַנע קאָלעגען געוויס ניט ווענִיגער, נור די ליעבע צו דער יודישען ליטורגיע שטעהט בײַ מיר העכער פאָן אַלעס. און דאַרום פיהלע איך מיך ערשט רעכט פערפּפליכטעט אײַך אַלע די וואַרהײַט צו זאָגען.
„אוהב אנכי את אריסטו ואת אפלטון ואת האמת יותר משניהם."

נור מעהר פון אַלע האָב איך די וואַרהײַט געזאָגט מײַנען קאָלעגען, דער שנור געזאָגט אין די טאָכטער געמײנט, און פאַר אַלעס האָב איך מיך אַלײן געמײנט. יעדעס קאָלעגיום, וועלכעס בעשעפטיגט זיך מיט דערזועלבען גײַסטיגען, וויססענשאַפטליכען, קינסטלערישען אָדער טעכנישען פּראָפעססיאָן, איז אימער חאַראַקטעריזירט אַלס אײן גאַנצעס, אַזוי, דאָס די חסרונות פאָן יעדען אײנציגען מיטגליעד צו שאַנדע פון דעם גאַנצען קאָלעגיום, ווי אויך זײַנע מעלות צו עהרע און שטאָלץ פאַר דער גאַנצען געזעלשאַפט דיענען מוז; דאַרין ליעגט דער גרונד יעדער פּראָפעססיאָנעלען עטהיק, און דאַרום זענען אַלע מיטגליעדער פעראַנטוואָרטליך אײנער פאַר דעם צווײטען. דיעזע פעראַנטוואָרטליכקײַט בערעכטיגט יעדען מיטגליעד אָפענטליך זײַנען קאָלעגען צו זאָגען די אַלע וואַרהײַטען, וועלכע ער האָט בעמערקט, געזעהען און געהערט. און ווען איך האָב עס יעצט געטאָן, איז ניכט אום דאַמיט צו צײַגען, דאָס מײַנע ווענִיגקײַט דער אויבערמענש אין מײַנער געזעלשאַפט, דער אונפעהלערהאַפט ווי דער פּאַפּסט איזט, די וואַרהײַט די איך אײַך זאַגע, זאַגע איך אויך מיר אַלײן, און הערע זי ניט ווענִיגער אַלס איהר; נור זאַגע איך זי גראַד, ווײַל איהר האָט עס פערזאָמט ביזהער זי צו זאַגען. אײנס בין איך זיכער, דאָס אַלעס וואָס איך האָב היער געזאָגט איז וואַהר, אָבוואָהל ניט אַלעס וואָס איז וואַהר האָב איך נאָך אײַך געזאָגט, און עס

זענען נאָך פִיעלע ווארהייטען געבליִעבען פאַר אײַך. מײַנע קאָלעגען, אוים צו שפּרעכען. אונזער קאָלעגיום איִז קראַנק, און דיִזע קראַנקהײַט האָט אַזוֹי פִיעל בײַגעטראָגען צום שפלות פון אונזער עבודת אלהים. די קראַנקהײַטען קענען ערשט דאַמאָלס בעזײַטיגט ווערדען, ווען דאַס גאַנצע קאָלעגיום, ווי איין מענש, ציִעלבעוואוסט, וועט זיך בעשטרעבען אויפצוהײבען מאָראַליִש, וויִסענשאַפטליִך, עטהיִש, עסטהעטיִש, ווי אויך מאַטעריאַליִש פאָן דעם נידריִגען שטאַנד אויף דעם זיך די מאָדערנע ליִטורגיִע און מאָדערנע קאַנטאָראַט איִן רוסלאַנד זיִך בעפיִנדען. אונזער קאָלעגיום איִז שוין זײער לאַנג קראַנק, די קראַנקהײַטען זענען מעהר אָדער וועניִגער חראָניִש. עס גיִבט אָבער גאַנץ נײַע קראַנקהײַטען, ווי די גראַמאָפאָניאַדען, און דוכאָוונע קאָנצערטיאַדען, איִן וועלכען—גאָטט צו דאַנק—נור אײנציִגע מיִטגליִעדער אַנגעשטעקט זענען, און געגען וועלכע עס מוז גאַנץ בעוואוסט געקעמפפט ווערדען, דאַמיִט זיי זאָלען ניִט פערפּעסטען די גאַנצע געזעלשאַפט.

איִן דעם ערשטען טהײל מײַנער שריִפט בעהאַנדלע איִך די בײדע „סרסורי עבירה", דען שמוציִגען גראַמאָפאָן און דען שענדליִכען דוכאָוונע קאָנצערט, וועלכע האָבען איִן דער לעצטען צײַט חרוב געמאַכט די יודיִשע ליִטורגיִע איִן רוססלאַנד. מיִר זענען היִער אַביִסעל סוביעקטיִוו, ווײַל די קראַנקהײַט איִז נאָך פריִש און די קראַנקע—אלוף גרונס, אלוף קלונס, בוסר וקברתן און נאָך, וועלכע גראַמאָפאָניִרען און קאָנצערטיִרען—זענען אונז אַלע בעקאַנט. איִך געשטעהע עס, דאָס איִז אַביִסעל צו פיִעל כבוד פאַר די אונוויִרדיִגע קראַנקע קאָלעגען איִהנען אַ שריִפט צו וויִדמען און דאַדורך גאָר אײנע רעקלאַמע צו אַלע איִרע שענדליִכע רעקלאַמען—וועלכע זיי זוכען—צו צוזעצען. מיר וואָלטען עס פיִעללײַכט ניִט געטהון פאָן זײערטוועגען, אָבער מיִר זענען דאַצו געצוואונגען ניִט זאָ פיִעל געגען די פערברעכער, וויִפיִעל מעהר געגען זײערע פערטײדיִגער, און בעזאָנדערס געגען אײנעם וואַרשעיִוער דאָקטאָר מעדיציִן, דער, אַלס אַדוואָקאַט, איִן דער אֶבּ-ענטליִכקײט אויפגעטראָטען איִז, אום אײנע טיִנטשוואַרצע זאַכען ווי מיִלך ווײס צו מאַכען. דער אַדוואָקאַט האָט געדאַרפט פערשטעהן, אַז זאָגען ליִגען—אַ-לאַ איִנגערסאָל—וועט היִער ניִט זײַן זײער רעספּעקטאַבעל, און צו שרײַבען איִבער אַזוינע ענינים וואָס מען פערשטעהט אַליין ניִט, וועט גאָר

שעֶנדליִך זיַין. אונז בּערִיהרט וועֶניִג הילק אָדעֶר בּילק, זאָגדעֶרן די יודישעֶ ליטורגיִעֶ, די אונז מעֶדר איִנטעֶרעֶסיִרט אלס דעֶם דאָקטאָר מעֶדיִציִן. מיִר האָבּעֶן אויך געֶשיִלדעֶרט פּיִעלעֶ אַנדעֶרעֶ טיִפּעֶן איִן דעֶר סיִנאַגאָגעֶ, איִן וועֶלכעֶן מיִר זעֶנעֶן גאַנץ אָבּיעֶקטיִב. מיִר געֶבּעֶן נאָר קלייִנעֶ פאָטאָגראַפיִעֶן פאָן פּעֶרזאָנעֶן, וועֶלכעֶ וויִרקעֶן איִן דעֶם מאָדעֶרנעֶם סיִנאַגאָגאַלעֶן יודעֶנטום כמעט איִבּעֶראַלל איִן רוסלאַנד. פּיִעלעֶ וועֶלעֶן אָנמעֶסטעֶן דאָס היִטעֶל איִן עֶס וועֶט איִנעֶן פּיִעללייַכט זייעֶר גוט פּאַססעֶן, אָבּוואָהל דעֶר קיִרזשנעֶר ניִט פאַר זיי עֶס ספּעֶציִעֶל געֶמאַכט האָט. מיִט דעֶר האָפנונג, דאָס מייַנעֶ שריִפט וועֶט איִן דעֶר סיִנאַגאָגע אייִניִגעֶ נוצעֶן בּרייִנגעֶן, איִבּעֶרגעֶבּעֶ איִך זי דעֶם זשאַרגאָן-רעֶדעֶנדעֶם פאָלק מיִט דעֶר גרעֶסטעֶן האָכאַכטונג. המחבר.

הוא היה אומר:

„אִם יְתָעֵב אִישׁ שִׁירָתִי לֹא אֶתְאוֹנֵן עָלָיו:
לֹא תִטְעַם לְאָזְנָיו מַתְּנָתִי וְאָנֹכִי מָה? —
אִם יִתְעַנֵּג אִישׁ עַל גְּרוֹנִי לֹא אֶשְׂמַח עָלָיו:
הוֹנֵן הוּא רַק אֶת הוֹנִי וְאָנֹכִי מָה? —
אוּלָם, אִם יְכַבֵּד אִישׁ עַצְמוּתִי אֶתְרַפֵּק עָלָיו:
מוֹקִיר הוּא גַם יֵשׁוּתִי וְאָנֹכִי מָה.

I.

# דֶער גְרַאמָאפָאן.

צַהֲלִי קוֹלֵךְ בַּת־גַּלִּים

(ישעיהו י׳).

אמר ישעיהו לישראל , עד שאתם אומרים שירים ומזמורים לפני עבודה זרה צהלי קולך בבתי כנסיות.

(פתיחתא איכה רבתי).

צוּרִיק מִיט אַ יאָהר אַכט אָדער נײַן, נאָכדעם ווי עֶמִיל בּערלִינער האָט ענטדעקט דעם גראַמאָפאָן און עדִיסאָן האָט אִיהם אויסגעבעסערט אִיז צוּ מִיר געקוּמען אַנ׳אַגענט פוּן דער אַמערִיקאַנער גראַמאָפאָן־געזעלשאַפט און האָט מִיר פאָרגעלעגט זעהר אַ גוּטען געשעפט: אַרײַנזִינגען אַ סאָלאָ און אײנִיגע שוּהל־קאָמפּאָזִיציאָנען מִיט דעם בּערִיהמטען כאָר פוּן בּראָדער געמײנדע. אִיך האָב אויף אִיהם אַ קוּק געטהוּן מִיט פערוואוּנדערוּנג און געענטפערט:

— מײַן געמײנדע שטאָלצִירט מִיט דעם בּערִיהמטען חזן נִיסן בּלוּמענטאַל, וואָס האָט בּעטראַכטען דִי זעלבּע שטעלע פאַר מִיר אִין אַ משך פוּן 52 יאָהר, און ער האָט קײנמאָל אִין קײַן אַנדער שטאָדט חוּץ אַדעם נִיט געדאַווענט, און אִין קײַן אַנדער הויז חוּץ דער שוּהל־אויסער רִיטוּעלע געזאַנגען בּײַ חתונות און לויות — נִיט געזוּנגען, און אִיהר פערלאַנגט, אִיך זאָל אַרײַנזִינגען אִין אַ שענדלִיכען שרײַ־אִינסטרוּמענט, אִין עפּעס אַ גראַמאָפאָן.

— יעס, סיר,—זאָגט ער מיר,—די צײַטען בײַטען זיך און מיט זײ אויך די בעגריפען.

— נײן, מײַן הער, די אמונה, און בעזונדערס, די נאַציאָנאַלע בעגריפען בײַטען זיך ניט, דאָס איז ניט קײַן וועש, פאַר די, פערשטעהט זיך, וועלכע זענען ווירקליך רעליגיעז און נאַציאָנאַל געשטימט. אַז די פערסיאַנער האָבען אויפגעפאָדערט די יורישע טעמפעלמוזיקער, די לוים צו זינגען און שפּיעלען פון ציון'ס געזאַנגען, האָבען די געפאַנגענע געענטפערט: „ווי קענען מיר גאָטעס געזאַנגען אין אַ פרעמדען לאַנד זינגען!“ די געגענוואַרטיגע טעמפּעלזינגער שטעהען אויך אויף דעם זעלבען פּרינציפּ, ווײַל אונזערע שוהל־געזאַנגען טראָגען אין זיך אַ צווײפאַכע הײליגקײט: קדושת המקום – די הײליגקײט פון דעם אָרט, און קדושת הזמן,—די הײליגקײט פון דער צײַט, וואו און ווען זײ ווערען געזונגען. ווי אַזוי זשע קען איך אונזערע הײליגע געזאַנגען פּראָפאַנירען, אַרײַנגעבען זײ אין אַ מאַשין וועלכע ווײסט פון קײַן פּלאַץ, פון קײַן צײַט, וועלכע דיענט צום שפּאַס און אונטערהאַלטונג פאַר אַ־ערלײ מענשען פון פערשײדענע צײַטען און פערשײדענע ערטער.

— אָבער, מײַן הער רעוועערענד, בעריהמטעסטע אַרטיסטען און אַרטיסטקעס פון די גרעסטע טעאַטערען האָבען אַרײַנגעזונגען אין גראַמאָפאָן און עס האָט זײ גאָר נישט געשאַדט, אדרבא, זײ זענען נאָך בעריהמטער געוואָרען.

— יאָ, מײַן הער, דאָס מײַן איך טאַקע. עס האָבען אַרײַנגעזונגען אַרטיסטען און אַרטיסטקעס פון טעאַטער, אָפּערא, אָפּערעטע, שאַנטאַן, פּאַרס, וואַריעטע, וועלכע זוכען די רעקלאַמע, טאַקע דעריבער דאַרפען עס יורישע חזנים ניט טהון: די שוהל און איהרע זינגער זענען מעהר דורך זײער צניעות געעהרט. „bene qui latuit, bene vixit“ אַראיה האָט איהר, אַז גײַסטליכע זינגער פון אַנדערע אמונות האָבען זיך אויף דעם אופן אויך ניט ערנידערינט, קײַן קאַטוילישער פּאַטער זאָל „De profundis“ אָדער Agnes Dei, קײַן פּראָטעסטאַנטישער בישאָף זאָל Vater unser אָדער im Himmelreich אָדער אַנאַנדער תפלה פון זײַן וועספּער, ווי קײַן איסלאַמישער מועזין זאָל „Bismi-lahir rhamani rahem el hamdu li lahi rubbi“ און קײַן פּראַוואָסלאַווער גלח זאָל „Господи, помилуй“—,קײנער האָט

אין גראַמאָפאָן גאָך נישט אַרײַנגעזונגען. ווי אַזוי זשע קען איך, אַלס יודישער שליח-צבור מקריב זײַן אונזערע הײליגע געזאַנגען און תפלות לעזאזל, אַרײַנזינגען אין אַן אינסטרומענט, וועלכע האָט קײנע אַנדערע צוועקען, אויסער לײַכטזיניגע אונטערהאַלטונג?!

„Thus for invention is but little more than a source of Enterlainment". (1

— איהר זענט זיך טועה, הער רעוויערענד, דער גראַמאָפאָן פער-מאָגט שוין אַ סך קירכליכע געזאַנגען, ווי למשל F. dur. „Ave Maria" פון גונאַנד און דאָס בעריהמטע קירכליכע Cruzifix אין צוויי שטימען, און דאָס גלײַכען אויך פון דער רוסישע קירכע.

— גאַנץ מעגליך. אָבער ווער האָט זיי אַרײַנגעזונגען? אַלענפאַלס ניט דער אַרכיבישאָף קאַ־דינאַל רישאר פון פאַריז, אָדער דער מיטראָפאָליט אַנטאָני פון פעטערבורג.

— מײַן הער. איהר זענט צופיעל דזשענטעלמאַן, איך וויל זאָגען, איהר זענט פּויפּסטליכער אַלס דער פּויפּסט אַליין. איך בין זיכער, אַז עס וועלען זיך געפינען אַנדערע חזנים. וועלכע וועלען יאָ אײַנשטימען, און דערבײַ טאַקי שעהן געלד פערדינען.

— און איך בין אײַך ערב, אַז קײַן איין חזן וועט זיך אַזוי ניט ערני-דעריגען און וועט אין די העסליכע מאַשין בשום אופן ניט אַרײַנזינגען, און ווען עמיצער וועט עס וואַגען צו טהון, וועט ער געוויס זײַן שטעלע פערלירען.

דערמיט האָט זיך אונזער געשפּרעך געענדיגט. דערנאָך זענען בײַ מיר איבערגעוועזען אַ סך אַגענטען פון פערשיידענע גראַמאָפאָן-געזעלשאַפ-טען, און האָבען גאָר נישט גע'פּועל'ט.

איך מוז דאָ מאַכען אַ קאָמפּלימענט אונזער שטאָדט אָדעס, דאָס זי האָט זיך זעהר אַנשטענדיג געהאַלטען אין דער גראַמאָפאָן-עפּידעמיע, וועלכע מיר לעבען איבער פון יענער צײַט אָן. קײַן איין חזן, קײַן אײנציגער דיריגענט מיט זײַן כאָר — אויסער אַ פּאָר כאָריסטען — האָבען זיך אין גראַמאָפאָן-לאָך גוט געלאָזט אַרײַנשלעפּען. צום בעדויערען, זענען די חזנים אין אַנדערע שטעדט פון רוסלאַנד און אויך אין רומעניען דעם נסיון ניט בײַגעשטאַנען, און האָבען פאַר געלד און רעקלאַמע. דער לאָך פון גראַמאָפאָן

Encyclopaedia Britanica. New American Supplement. Vol. XXII. p. 1438, chicago

די עהרע פון אונזער שוהל פערקויפט.

די דעמאָראַליזאַציע, וועלכע איז די לעצטע צײַט ענטשטאַנען אין רוסלאַנד, און בעזונדערס נאָך דער רוסיש-יאפּאָנישער מלחמה און דער רוסישער רעוואָלוציע — האָט אַרויסגערופען צום לעבען צוויי פּאָרנאָגראַפּישע געשעפטען „אילוזיאָן און גראַמאָפאָן". דער ערשטער געשעפט האָט צו טהון מיט דער ראיה און שטעלט פאָר אויסגעלאַסענסטע עראָטישע בילדער, וועלכע קײן מענש וואָלט זיך גאָר קײנמאָל ניט קענען פאָרשטעלען אין אַ געזונדע מאָראלישע צײַט. איצט אָבער ווערען זײ פאָרגעשטעלט גאָר עפענטליך אין פּראַכט און גלאַנץ אין די טעאַטערען, אין דיא גרעסטע שטעדט. אויף יעדער גאַס, און די געזעלשאַפט, וועלכע איז שטאַרק דעמאָראַליזירט, קוקט עס אָרן חרפה און אָהן בושה.

דער אַנדערער געשעפט האָט שוין צו טהון מיט דער שמיעה, מיט'ן אויער. לידעלעך, אַריען, קופּלעטען פון זנות, פון שכרות, פון ציגײַנער, פון שאַנסאָנעטקעס, פון אַלערלײַ לצים צוזאַמען מיט די הײליגסטע יודישע נגונים, שוהל-מעלאָדיען פון תפלות, סליחות תחנות און קנות וואַלגערען זיך אין די געדערים פון די גראַמאַפאָנען ווי אין נח'ס קאַסטען, אָדער נאָך ערגער, ווי אין אַ מיסטקאַסטען, — און עס ווערען פאָר געשטעלט דעם עולם דורך די סקריפּענדיגע, שווישטשענדיגע קולות פון די טאָוועלעך די אויסגעלאַסענסטע לידער צוזאַמען מיט תקיעת שופר און אנקת מסלדיך, און אַזוי ווערען פערפּעסטעט די אויערען, און די בעסערע געפיהלען ווערען פערגיפטעט, אין דער שפּיץ פון די יודישע גראַמאָפאָנזינגער האָט זיך געשטעלט דער אַמאָליגער ווילנער און איצטיגער וואַרשובור ר' גרונם דער שרײַער. ער האָט בערויבט די שוהל ווי פּאָמפּעיאוס דעם בית המקדש אין זײַן צײַט, אָדער ווי דאָס האָבען נאָך פריהער געטהון די יודען איבער די מצרים, און ער האָט איבערגעשמוגעלט פון שוהל אין גראַמאָפאָן אַרײַן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט. וינצל את עדיה מעליה — ער האָט אַרויסגע'גנב'עט און האָט בעשמוצט איהרע צירונג.

מיט דער צײַט האָבען זיך געגרינדעט גאַנצע אַקציען-געזעלשאַפטען מיט אַגענטען און קאָמיסיאָנען אויף צו פערשפּרײַטען גראַמאָפאָנען-מיט רעקלאַמעס אין אַלע צײַטונגען פון דער וועלט. אין די גראַמאָפאָנען אַלס אַ לוסט-מאַשין, אַלס אַ אונטערהאַלטונגס-מאַשין זענען אויפגענומען

געוואָרען אין די פירסטליכע פּאַלאַצען, אין מאַניעזשען, קאַפּעהײַזער, קלובען, ביליאַרד־הײַזער, שענקען, מילכהאָלעס, גאַרקיכען, רעסטאָראַנען, ביערהאַלעס, ווײַנשענקען, וועלאָסיפּעדען־שוהלען, אויף די שפּיעל־פּלעצער, אין די צירולנעס, ווערקשטאַטען פון שנײַדערגעזעלען, שוסטער־יונגען, נײַטעריננס און מאָדיסטקעס, אין די קעלערס און אויף די בוידעמער, אין די שטאַלען און ק״ו בן בני של ק״, אין די בתי־זונות, דאָס אָרט, וואו עס ווערט קולטיווירט, נאָך ליוטערים תורה: ווײַן, ווײַב און געזאַנג — די הײַ־ליגע דרײַאײַניגקײַט. פּונקט ווי עפּעס אַ פּעסט האָט דער גראַמאָפאָן אונטערגעוואָרפען אונטער זײַן הירזשענדען גרילען פּישטשען די גאַס, די באָד, דעם קלאָזעט, דעם שענק, דעם ציקלאָדראָם, און אומעטום, וואו מען טרעט מיט די פיס. מוז מען גרייט זײַן צו בעגעגענען זיך מיט גראַמאָפאָנישע קולות מיט נגונים פון דעם טעאַטער און שענק, וועלכע זענען אַרײַן אין דער שוהל, אָדער נוסחאות פון דער שוהל, וואָס זענען אַרײַן אין שענק.

דאָס, וואָס איך האָב זיך אָבגעגאַרט וועגען די עטישע און עסטעטישע געפיהלען פון אונזערע חזנים, האָט מיר זעהר לײַד געטהון אָבער עס האָט מיך מעהרער געוואונדערט אויף דער יודישער געמײַנדע און די רבנים פון דעם ליטווישען ירושלים וואָס האָבען עס גלײַכגילטיג צו געזעהען און האָבען אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו פּראָטעסטירען!

## II.

דער גרויסער דײַטשער פילאָזאָף פרידריך ניטשע זאָגט:

„און איהר זאָגט מיר, פרײַנד, דאָס עס איז אונמעגליך צו שטרײַטען איבער געשמאַק און שמעקען, אָבער דאָס גאַנצע לעבען איז ווירקליך אַ שטרײַט איבער געשמאַק און שמעקען[1].

אין דער געשיכטע פון אונזער שוהל בעגעגענען מיר אַ אונ־אויפהערליכען שטרײַט איבער געשמאַק און שמעקען, איבער הײַליגע שענהײַט, איבער שוהל־עסטעטיק. אַ שטרײַט, וועלכער איז כמעט גלײַך צום אײַביגען שטרײַט, וואָס קומט פאָר אין קירכען איבער געשמאַק און שמעקען פון יעדער אמונה. איך זאָג „כמעט”, ווײַל דאָך געפינען

1) Friedrich Nietsche's Also spràch Zarathustra. S. **171.**

מיר א אונטערשייד אינ׳ם שטרייט פון אנדערע כלי קדש און אונזערע רבנים. אין דער צייט וואס די אנדערע גייסטליכקייטען האבען גלייכ־צייטיג געשטריטען פאר נעגאטיוו און פאזיטיוו, פינקטליכער געזאגט, זיי האבען געקעמפפט געגען שלעכטער מוזיק און אגב אורחא אליין געטהון, כדי גוטע מוזיק אין די קירכע אריינצובריינגען ביז די מוזיקא־לישע קונסט איז אויסגעוואקסען צו דער הויכער שטופע, אויף וועלכער זי שטעהט אין דער געגענווארט אין דער קירכע,—אין דער זעלבער צייט האבען אונזערע רבנים זיך בענוגענט מיט׳ן קאמפף געגען דער נעגאטיווער זייט און זענען געבליבען גלייכגילטיג פאר דעם פאזיטיווען, און וועגען פערשענערען די מוזיק האבען זיי בתחילת כבודם גאר קיינמאל אפילו קיין הרהור ניט געהאט. די פרעמדע זענען געשטאנען און שטעהען ביז איצט אין דער שפיץ פון דער עבודה, אונזערע אבער האבען זיך פערלאסען אין זייערע ד׳ אמות של הלכה, איך מיין אין דער תורה, און די פערפיינערונג פון דער עבודה האבען זיי איבערגעלאזט אויף צווייפע׳האפטע הענד, ווי מיר וועלען עס שפעטער אויספיהרליכער בעווייזען.

די תלמודיסטען פלעגען בערעדען דעם בעריהמטען „אחר״, וויל ער פלעגט ליעב האבען אבצוגעבען זיך מיט גריכישער מוזיק: „אחר מאי, זמר יוני לא פסק מפומיה״ (חגיגה דף ט״ו).

אין דעם זינען האבען אויך די קאטוילישע פויפסטען געקעמפפט קעגען גריכישע און טעאטראלע אינסטרומענטען אין דער קירכע. דער הייליגער הירונימוס זאגט אזוי:

„א קריסטליכע פרוי טאר גאר ניט וויסען, וואס דאס איז אזוינס א לירא, וואס דאס איז אזוינס א פלייט (צוויי האנד־אינסטרומענטען) 1).

דער הייליגער אמבראזיוס זאגט:

„די טעאטער־מוזיק צורייצט און פערשארפט נאר די ליידענשאפט, אבער אין דער קירכליכער מוזיק פיהלט איהר א לויב צו גאט אין יעדען קלאנג 2).

און פונקט ווי די קריסטליכע גייסטליכקייט האט שטענדיג געקעמפפט קעגען טעאטער־מוזיק, די קאטוילישע גייסטליכקייט קעגען ליוטעראנישער

1) Oskar Fleischer's Neumenstudien. II. Bd. S. 46. Leipzig 1897.
2) Ambros geschiehte der Musik I, Bd. S. 527. Jbid II. Bd. s 7.

מוזיק און ליטורגישע קענען קאַטוילישער מוזיק, אַזוי האָבען אויך די ראַבינער און געלעהרטע בײַ יודען געקעמפפט קעגען טעאַטער-מוזיק, קעגען וועלטליכער מוזיק אין קלאַססישען אַלטערטום. קעגען אַראַבישער מוזיק אין מיטעלאַלטער, ווען אַראַביען איז געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון מאַכאָ-מעדאַנישע כאַליפען. דער גרעסטער ראַבינער, פילאָזאָף און עסטעטיקער, דער רמב״ם, וועלכער האָט אַזוי הויך געשעצט די שענהײַט פון בית-המקדש (מורה נבוכים חלק שלישי, פרק מ״ד ומ״ה) זאָגט:

„לא יפעלו הנפשות רק לקולות ולנגונים הערבים עם כלי השיר כמו שהיה הענין במקדש תמיד״.

די מענשליכע נשמה ווערט אונבעוואוסט גערינגט געשטימט העכער דורך שענע שטימען און זיסע מעלאָדיען אונטער אינסטרומענטאַלע בעגלייטונג אַזוי ווי עס פלעגט פאָרקומען אין בית-המקדש. דער זעלבער רמב״ם שעמט זיך ניט צו זאָגען אויף אַנאַנדער אָרט (אבות, פרק ראשון): „די תורה האָט פערבאָטען צו מאַכען דברי הנבואה פאַר אַמין ביליגען געזאַנג און ווער רעדט פאַר העסליכע זאַכען״.

און דער הייליגער אַווגוסטוס זאָגט: „אַ זינד נעהמט אויף זיך יענער, וואָס טהוט זיך מעהר אַרײַן אין די קלאַנגען פון דער שטימע בײַ די הייליגע געזאַנגען, אײדער אין דעם פרוש המלות. מען דאַרף זינגען ניט מיט דער שטימע, נאָר מיט׳ן גאַנצען האַרצען 3).

דאָס אײגענע זאָגט אויך דער רש״י אין תלמוד חולין, פרק ראשון, סמן מ״ח, וואו ער ברענגט דעם טור איבער ש״ץ הגון, און ענדיגט מיט די ווערטער:

„חלילה להיות מלאכת השם אומנות או עטרה לראש״... אבל תרעומותי, כי חזני דארץ הזאת הם להנאהם לשמוע קולם הערב״.

און וואָס פאַר אַ היציגען קאַמפף עס האָבען ערוועקט די ערשטע כאָר-שולען מיט די כאָר געזאַנגען נאָך מענדעלזאָנ׳ס בעוועגונג; וואָס עס האָט זיך אָבגעטהון, ווען זולצער האָט צום ערשטען מאָל אײַנגעפיהרט זײַנע שירי-ציון; מיר געדענקען עס נאָך אַ״ע. דעריבער בין איך פשוט נתפעל געוואָרען, ווען איך האָב דערזעהען, אַז די גראַמאָפאָנען האָבען זיך צושפרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און האָבען אײַנגעשלונגען אַ״ע אינזערע

3) Oskar Fleischers Neumenstudien II. Bd. s. 46. Leipziz 1897.

הײַליגע שוהל=געזאַנגען מיט די תפלות און דערנאָך זיי אויסגעשפּיגען אין אַלע שמוציגע, וויסטע, אויסגעלאַסענע ערטער... וואָרום האָבען זיך די רבנים געמאַכט כלא ידעו?! וואָרום האָבען זיי עס פערשוויגען?!

מײַן לאַגע איז געוועזען זעהר ניט קיין אַנגענעהמע. שרײַבען עפענטליך געגען גראַמאַפאָן — אָבער דאַן האָב איך שוין געמוזט עפענטליך בעלײַדיגען אויך די גראַמאָפאָן=זינגער, די חזנים, פשוט גערעדט, מײַנע קאָלעגען, כביכול. אָבער שווײַגען איז אויך אונמעגליך געוועזען. און איך האָב אַם ענדע בעשלאָסען צו שרײַבען וועגען חלול השם פון יענע חזנים, וואָס זינגען פאַר'ן גראַמאָפאָן, און בין אַרויסגעטראָטען אין יאָהר תרס"ג מיט אַן אַרטיקעל אין „המליץ" געגען חלול השם פון דער גראַמאָפאָניאַדע. אַדעסער רבנים האָבען מיר געדאַנקט און דער מורה=הוראה סלאָשטש ע"ה האָט מיר נאָך פאָרגעוואָרפען, וואָס איך האָב געשריבען צו דעליקאַט, צו רוהיג. ער האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי: „די עוכרי ישראל, וועלכע זינגען אין גראַמאָפאָן, מוז מען עוקר מן השורש זײַן און אַנידערשטעלען זיי בײַם שאַנדסלופּ, כי כל מקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לא לרבנים ולא לחזנים". אויסער דעם האָב איך בעקומען אײניגע דאַנקבריעף פון ליטווישע און קורלענדער רבנים. איצט, האָב איך געמײנט, וועט שוין קײנער מעהר ניט וואַגען צו פּראַפאַנירען די שוהל דורכ'ן גראַמאַפאָן — און די זאַך איז ערלעדיגט.

איך האָב זיך אָבער נאָך אַ מאָל גענאַרט! די גראַמאָפאָן=שאַכער=מאַכערײַ האָט זיך שטאַרק אײנגעוואָרצעלט צווישען די חזנים און איבערהויפּט דורך דעם אבי כל תופש גראַמאָפאָן בישראל, הלא הוא דער ווילנער און וואַרשעווער ר' גרונם דער שרײַער. עס האָט אָנגעפאַנגען צו שווישטשען און צו פּישטשען, וואו מען געהט און וואו מען שטעהט, שיקסע=טרעלען און חזנ'ישע געלענקלעך פון ניסי בעלזער, מיט קאַצאַפּסקע פרעהליכע ליעדער פון סלאַוויאַנסקען און נאָך דעסגלײַכען אַ מישמאַש. דער אַגענט פון דער פראַנצויזישער גראַמאָפאָן=קאָמפּאַניע פּאַטיע, איז נאָך אַ מאָל געקומען מיך איבערצורעדען, און ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז זײַן אַרבײַט איז אומזיסט, דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ צעטעל מיט לערך אַ זעכצעהן נעמען פון חזנים, וועלכע האָבען איהם אויפגעפאָדערט ער זאָל זיי אײַנלאַדען צו זינגען אין גראַמאָפאָן און דערנאָך האָט ער מיך

געפרעגט, ווער איז ווירדיג צו דער עבודה הגראמאפאן.

ווי אויף להכעיס מוז איך יעדען טאג פארבייגעהן נעבען א הויז, א גרויסען גריכישען שענק-רעסטאראן—דאס הויז שטעהט אויפ'ן ראג גרע- טשעסקע און קאנאטנע, ניט ווייט פון ים, אין איינינע טריט פון דער אדעס- סער בעריהמטר אבזשארקע, דעם מקום מקלט פון די באסיאקעס און באס- יאיוקעס, וואו דער בעריהמטער גא־קי האט גענומען אלע זיינע העלדען פ״ר זיין דראמע „Ha днѣ“. עס איז אויך א האלבער קווארטעל פון גראף קאנאיוניצין, דעם פארזיצענדער פון די „סאיוזניקעס“. און אין דעם גרויסען שענק-רעסטאראן קומען זיך צונויף יעדען זונטאג און יום-טוב א גע- זינדעל מאטראסען, א־בייטער פון פארט, ארטיעלשטשיקעס, שווארצ-מאה׳ני- קעס, שכורים, צלם-מרעגער, אזעלכע וואס האבען ביי די פאגראמען געטרא- גען נאציאנאלע פאהנעס, איקאנעס, שפיזען, מעסערס און טשוּעקעס פאר צובלוטיגטע יודישע מוחות, און גלאט שכורים לעדיגגעהער, פוסט-און-פאס- ניקעס, אנגעטהון אין אנגעראבעוועטע מלבושים פון סטודענטען, קראמאל- ניקעס און זשידעס. די פלעשער ווערען יעדעס מאל לעדיג, די קארקעס פליהען אין דער לופטען, ווי דער האגעל אין מצרים, און די פאדלאגע איז אזש בלוט-רויט פון דעם רויטען טריפוואקס, וואס שיילט זיך אראב פון די קארקעס. די פלעשער ווערען אל״ץ לעדיגער, און די בייכער פולער, רונדער, און דערביי ווערט יעדעס מאל אל״ץ גרעסער די דבקות צווישען די באסיא- קעס און באסיאיוקעס, און עס ווערט געפיהרט זעהר א אינטימעו, אפענהער- ציגער, שכור׳ער שמועס, מען דערצעהלט זיך אוים פון אל״ץ, וואס עס דריקט אויפ'ן הארצען, און מע לאזט אויך גאנץ אפט א שכור׳ע טרעהר. אויף איינעם פון די טישל׳עך, סאמע אין מיטען, שטעהט א בלישטשענדיגער גרויסער גראמאפאן, האלט אפען זיין ברייטען פיסק און שפייט פון זיך ארוס די אלע געזאנגען, וואס ער האט פון אלערלייא זינגער און זינגערינען צונויפגעשלונגען. א גראבער, קורצער פולבלוטיגער, רונדבייכיגער, קרומ- פיסיגער האלב-שבור׳ער, אויסגעשמירטער „טשעלאוועק“ דערלאנגט יעדעס מאל פרישע כוסות, מאנאפאלקעס מיט פערבייסענס, אגב אורחא דרעהט ער יעדעס מאל אריין א נייעם טאוועלע אין גראמאפאן. עס ווערט ארויסגע- זונגען א רוסישער טראפאק, די כנופיא ווערט ענטציקט, ריהרט א האנד א פוס זי בלייבט אבער זיצען אויף די פלעצער. זיי קענען זיך פון שכרות פשוט ניט

אויפהויבען עס פעהלט נאַטירליך ניט אויך פון מין חבוק ונשוק, און דער חוש המשוש איז דאַמאָלסט אַזוי אַרבּייטספעהיג. אַ סך שטימען העלפען דעם גראַמאָפאָן, דער אויבען, דער אונטען, איינער זינגט גראָב, אַ צווייטער דויך; אַלטע שכּורים מיט רויטע נעז פּערצאיינינגען זייערע ווילדע קולות מיט די „איידעלע" קלאַנגען. עס בּרומט, עס פּישטשעט, עס רייסט, עס שווישטשעט, עס רעוועט, עס טראַסקעט, עס קלאַפּט, עס ליאַסקעט—אַ אויסגעלאַסענער, אַ שכּור'ער געפּילדער, און עס הויבען זיך די פּיס--ניט מעהר, פערשטעהט זיך, ווי בּלייַ--אַזוי לאַנג אַזוי בּרייט בּיז דער גראַמאָפאָן הויבּט אָן צו גוס'ען און שפּייט אַרויס דעם לעצטען טאַן. נאָך אַ רגע, און עס ווערט וויעדער אַריינגעשטעלט אין גראַמאָפאָן שוין אַ צווייטע מצה—אַ טאָיוועלע. מען הערט שוין ווייטער אַ זשומען, אַ הירזשען, אַ זשוזשען און בּרויזשען מיט אַ חוצפּא'דיגען טעמבּער--דער הייליגער גראַמאָפאָן האָט מאָגען-פערשטאָפּונג, ער מוז זיך צוערשט מכין זיין, אַהאַ, ער שרייט שוין אויס אַ רעקלאַמע פון אַ מאַגאַזין מיט אויסגעצייכענטע שלייקעס צו די בּיליגסטע פּרייזען, און בּאַלד נאָכדעם אַ גאָרגלען, אַ דרעהען, אַ זיפצען, אַ בּעבּען, אַ פלוירערען און אַ „אהבה רבה-שטייגער" אויף „שלוש עשרה מדות לנעילה" מיט אַלע מזרח'ישע שנערכּעלייען מיט אַלע סעמיטישע חריפות'לעך, מיט אַלע חזנ'ישע דראָנגישע קאָלאָראַטורלעך, מיט אַ בּרומען אויף דעם גראָבען דבור אויף „ולחטאתינו", מיט אַנ'אויפזועצען אויף דער אויבּערשטער געמבּע אויף „ונחלתנו" אויף ר' גרונם דעם וואַרשובור'ס אופן.

דאָס פרעהליכע געזינדעל, וואָס האָט אין „אהבה רבה...שטייגער" איהרע הענד און פיס שוין לאַנג פערלאָרען בּלייבּט זיצען ווי אויף דער פּלייַשיגער בּאַנק און הויבּט אָן אורסצו'בּטל'ען אַלע איהרע חלומות און וזרמות. שבועות און קללות אויף דעם שמוציגען „טשעלאָיועק", אויף דעם „נאַ-בּאַל-טאָני" און אויף אַלע זשידאָיוסקע נאַבּאַלען, וועלכע זויגען ווי פּיאַווקעס דעם הייליגען בּלוט פון היילוגען רוסלאַנד, אויף די קראַמאָלניקעס, וועלכע האָבּען אין אַרעס געגרינדעט אַ רעפּובּליק און האָבּען פּאַר אַ פּרעזידענט דעם זשיד פערגאַמענט אויסגעקליבּען. און האָבּען אויך אין קיעוו געשאַפען אַ מאָנאַרכיע מיט דעם קעניג בּראָדסקי. אין דער שפּיץ; אויף די בּונדיסטען, וועלכע האָבּען אָנגעמאַכט די גאַנצע רעוואָלוציע, די יאַפּאָנישע מלחמה, האָבּען גע'הרגעט דעם פירסט סערגיי אין מאָסקווע, דעם גראַ=

פּעל איִגנאַטיעָיו און דעם פּריסטאַוו פּאַנאַסיוק אין אַרעס- אין וועמען האָ=
בען זיי דען יאָ לעבען געזאָגט פון ישו הנוצרי אָנ?! בקצור, די יודישע
מעלאָדיע פיהרט אַרויף דעם גאַנצען שמועס אויף די זשידעס און עס
הויבען זיך פויסטען אין דער לופט און עס קריִמען זיך פאָגראָם-פינגער
מיט אַ רוסישער יופּע געגען גאַנצען יודענטום בכלל. און באַלד הויבט אָן
צו זשומען שוין אַ נייע רעקלאַמע-פון אַלטע גומי-קאַלאָשען, דערנאָך
קלינגט אַ ציגייַנערישע ליעד, אַרייַנגעזונגען פון דער דעליגער וויאַלצעווא,
מיט די אויסגעלאַסענסטע ציגנישע ווערטער, מיט דעם גאַנצען עראָטישען
נואַנסירינגען שאַנטאַן-חן. תחית המתים! די כּנופיא לעבט אויף, אַ שמחה
בייַ די אָנגעפּרעסענע באָסיאַקעס, אַ ששון בייַ די אָנגעזויפענע באָסיאַקעס,
מאַטראָסען, שוואַרצ-מעאָהניקעס, צלם-טרעגער און סאָיוזניקעס--אַלע זינ=
גען ווי אַ געשטודירטער אַנסאַמבעל, אַלעס זינגט, לעבט, בעוועגט זיך מיט
אַלע פערשכּורטע גלידער. פייַפען מיט די ליפען, שווישטשען מיט די
ציינער, קלינגען צום טאַקט מיט די פלעשער און גלעזער, און עס ענט=
שטעהט אַ ווילדער ליאַרם פון דעם סאַפּראַן-קוויטשען פון די אַלטע גויות
אונ'ס באַס-רעדען פון יונגע שקצים, אַ קאַצעניאַמער, אַן אויסגעלאַסענע
וואַקכאַנאַליע, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר'ן געזינדעל פון דער אַדעסער אָבזשאָרקע.
קוים האָט דער גראַמאָפאָן אויסגעבראָכען דאָס ציגייַנערשע ליעד,
קוים האָבען זיך די שכּורים אַביסעל בערוהיגט, זשומעט שוין ווידער!
דער גראַמאָפאָן הויבט זיך נאָך אַמאָל אָן מכין צו זיין צו דער עבודה. עס
קלינגט שוין אַ נייע רעקלאַמע פון אַלערליי ענגלישע ביליגע וואַטער-קלאָ=
זעטען און מען הערט שוין ווידער דאָס חזנישע געשריי אויף „יתערב
לפניך עתירתנו“, עס פּלייצט שוין נאָך אַמאָל צווישען דער חברה אַ מבול
פון רוסישע שבועות מיט חרמות אויף די פערשאָלטענע זשידעס, וועלכע
שרייַען, גוואַלדעווען, ווען זיי בעגעגענען אַ רונד פאַר אַ מייל, ווען זיי זעהען
אַ סאָיוזניק מיט אַ רעזינקע פאַר אַ ווערסט.

עס איז געווען אַ טאָג פון זונטאָג, ווען איך בין דורכגעגאַנגען
נעבען דעם שענק-רעסטאָראַן, דער בראַנפען האָט פערעפּושט דעם גאַנ=
צען קוואַרטאַל, בייַ די טישלעך איז געזעסען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע מיט בלו=
טיגע פערגאָסענע אויגען, און אַ שכּורער מאַטראָס האָט מיט איין האַנד
אַרומגענומען אַ שכּורע באָסיאַווקע און מיט דער אַנדערער האָט ער אָנגע=

הוֹיבּעֶן צו קלאַפּעֶן אוֹיפ'ן טיש מיִט זײַן נלאָז און האָט געֶשריִעֶן מיִט אַ היִרזשעֶנדעֶן האַלב הײַזעֶריִגעֶן בּאַריִטאָן: „טשעֶ־לאָ־וויעֶק! העֶי, טשעֶלאָויעֶק! דאַי נאַם זשיִראָיוסקעֶ פּיעֶסני: „קוּדאַ שטשאַטאָ"! מיִך האָט פעֶראיִנטעֶרעֶ־סיִרט, וואָס פאַר אַ „פּיעֶסניעֶ" ער מײנט. איִך האָב זיִך אָבּגעֶשטעֶלט אַ ווײַלעֶ און עֶס האָט זיִך אָנגעֶפאַנגעֶן די הכנות, דיִה. זשוּמעֶן מיִט דעֶם הײַזעֶריִגעֶן געֶנזועֶנעֶם טעֶמבּעֶר אַ רעֶקלאַמעֶ פון „אָדאָל", אַ וואַסעֶר פאַר די צײנעֶר און בּאַלד נאָכדעֶם אַ חזנ'יִשעֶר חן מיִט דראַנגיִשעֶ דרעֶרלעֶך אויף „קדוש אתה ונורא שמך". בּאַלד האָבּעֶן געֶקלונגעֶן די גלעֶזעֶר און די כנסת הגדולה, די תלמידי חכמים פון בּית קאָנאָוויִציִן צוזאַמעֶן מיִט די תכשיטים פון פּעֶליִקאַגס ישיבה האָבּעֶן געֶלאַכט, געֶשפּאָט, געֶשיִמפּפט און געֶזיִדעֶלט די טאַטעֶס און די מאַמעֶס פון די פעֶרשמוּצטעֶ זשיִדעֶס. און יעֶנעֶ, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן שוין געֶוועֶן אין די עולמית העליונים פון אַלקאָ־האָל, האָבּעֶן פאַרלאָרעֶן דעֶם פעֶרשטאַנד און האָבּעֶן אויף דעֶר צונג קײן וואָרט ניִט געֶקעֶנט אַרויסבּרעֶנגעֶן, האָבּעֶן אַרויסגעֶוויִזעֶן זײעֶר רציחה דורך מיִמיִק, געֶוואונקעֶן מיִט די אויגעֶן, געֶ'רוגזהעֶ'ט מיִט די פויסטעֶן און געֶפּאָנפּעֶט אויף די זשיִדעֶס אונטעֶר די רויטעֶ פעֶר'שכּור'טעֶ נעֶז.

III.

איִן דעֶם פאָריִגעֶן קאַפּיִטעֶל האָב איִך אײַך, מײַנעֶ געֶעֶרטעֶ לעֶזעֶר, פאָרגעֶשטעֶלט אַ בּיִלד, ווי אַזוי אונזעֶר שוהל־געֶזאַנג און געֶבּעֶט איִז געֶשעֶנדעֶט געֶוואָרעֶן דורך דעֶם גראַמאָפאָן, אַ בּיִלד, וואָס איִהר האָט אויך, וואַהרשײַנליִך, בּעֶגעֶגעֶנט. דאָס איִז אָבּעֶר בשום אופן נאָך ניִט דאָס עֶרגסטעֶ איִן דעֶם מין. עֶס גיִבּעֶן נאָך אַזעֶלכעֶ גראַמאָפאָן־פּאָרנאָגראַ־פיִשעֶ בּיִלדעֶר און סצעֶנעֶס, פון וועֶלכעֶ פּ יע'עֶ האָבּעֶן אפילו קײן בּעֶגריִף ניִט,--בּיִלדעֶר, וואָס בּלויז פון דעֶרצעֶהלעֶן אַלײן מוז יעֶדעֶר אָרעֶנטליִכעֶר מעֶנש בכלל און אַ יוד בּפרט רויט וועֶרעֶן פון חרפּה. עֶס איִז שווער דאָס אַלץ געֶנוי צו בּעֶשרײַבּעֶן. נאָר כדי דאָס העֶסליִכעֶ בּיִז'ן גרונד צו פעֶראַכטעֶן מוז מעֶן עֶס אויך גאַנץ נאַקעֶט פאָרשטעֶלעֶן. איִן דעֶם גופא ליִעֶנט אײַגעֶנטליִך די גרויסקײַט פון דעֶר יודיִשעֶר בּיִבּעֶל—ווי הײַנעֶ האָט עֶס ריִכטיִג אויפגעֶפאַסט—זי שטעֶלט פאַר דאָס שײנעֶ און דאָס העֶסליִכעֶ גאַנץ נאַקעֶט, ניִט פעֶרבּלוּמט, ניִט פעֶרשטעֶקט. צײַט איִך לעֶב האָב איִך

מיך בעמיהט צו רייִרען און על אחת כמה וכמה צו שרײַבען (און אויך צו זינגען) בלשון נקיה. איך מוז אבער איצט ויעם פּרינציפּ פון ריינעם סטיל אויף דעם מאָל אויפגעבען. ווען דער כהן פלעגט שטעלען דעם דיאַגנאָז אויף אַ נגע, פלעגט ער זי אָנרופען מיט דעם ריכטיגען, מעג זײַן העסליכסטען נאָמען; אָדער ווען אַ דאָקטאָר בעטראַכט אַ קראַנקהײַט, אַ וואונד, מוז ער זיך די הענד אויסשמירען, רופען די קראַנקהײַט, די וואונד מיט איהר זאמת׳ן נאָמען כדי דער קראַנקער זאָל פּינקטליכער פאָלגען די פעראָרדנונגען פונ׳ם דאָקטאָר. אַזוי איז איצט אויך מײַן לאַגע — דער ציעל פון מײַן שריפט איז אויסצוהײלען אונזער שוהל פון איהרע מעהרערע קראַנקהײַטען, דעריבער בין איך געצוואונגען צו בעריהרען אַביסעל שמוץ מיט מײַנע פינגער און רופען די וואונדען מיט זײערע ריכטיגע נעמען, אָהן פערבלומערײַ. דער בעריהמטער דײַטשער פּאָעט און פילאָזאָף שילער זאָגט אין דער הקדמה צו זײַנע „רויבער": „יועֶר עס שטעלט זיך דעם ציעל צו בעקעמפּפען דאָס שלעכטע און נעהמען די נקמה פון אמונה, מאָראַל און בירגערליכען געזעץ פון זײערע שונאים, דער מוז דאָס שלעכטע אין זײַן נאַקעטער אַבשײליכקײַט אויפדעקען און אַוועקשטעלען איהם אין זײַן גאַנצען וואוקס פאַר די אויגען פון דער מענשהײַט".

אײַנמאָל אַ פרײַטאָג אַוועֶנד פון אַ שבת מברכין החדש, נאָך מעריב, וואָס איך האָב געדאַוועֶנט פאַר אַ פולע שוהל יודען, קומט אַרײַן צו מיר אין צימער אַ יונגער מאַן — גראַדע ניט פון די אבלי ציון וירושלים - און דאַנקט מיר פאַר דעם שענעם דאַוונען און בעזונדערס פאַר דער סאָלאָ „צדיק כתמ־ יפרח" C. dur פון לעוואַנדאָוסקי׳ס „טוב להודות". וועֶלכע איז מיר ווירקליך דעם אָוועֶנד זעהר געלונגען. ער גרײַפט מײַן האַנד, דריקט און שאָקעלט איהר אָהן אַ סוף, אָבער אויף זײַן פּנים איז געוועֶן עפּעס אַ פערדעכטיגער געמישטער אויסדרוק. האָב זעהר ערענסט, אָבער די אַנדערע העלפט זעהר קאָמיש, און פון זײַנע ליפּען האָט זיך ניט ווילענדיג אַראָבגעריסען אַ ־לאַבענדיגעס „הע !", ווי אײנער וואָס עס ליגט איהם עפּעס אויף דער צונג און צווײפעלט, זאָגען אָדער ניט זאָגען. זײַנע ברכות און הודאות האָבען מיך ווענִיג אינטערעסירט, ווײַל איך האָב שוין לאַנג פערלאָרען דעם טעם פון אַזעלכע זאַבען און די, וואָס האָבען געהאַט די געלעגענהײַט מיט מיר זיך נעהענטער צו בעקאָנען דאַנקען מיר ניט קײנמאָלפאַר מײַן זינגען.

אָבער זײַן פערדעכטיג פּנים און זײַן לאַנגער „העָ!" האָט מיך זעהר פעראינטערעסירט און איך האָב מיך געװענדעט צו איהם מיט דער פראַגע: זאָגט מיר, איך בעט אײַך, הער N, װאָס לאַכט איהר עפּעס?– הע, הע, הע!–האָט אויסגעבראָכען אַ אונגעװעהנליכער געלעכטער פון זײַן מויל און ער האָט צוגעגעבען: „װען איך זאָל אײַך, הער מינקאָװסקי, דערצעהלען, אין װאָס עס האַנדעלט זיך, װאָלט איהר אויך געלאַכט. מעשה שהיה כך היה. שטעלט אײַך פאָר, מיט 5 טאָג צוריק בין איך אין װאַרשאַ מיט בעקאַנטע יונגע לײַט אין אַ געװיסען מקום קדושה... דאָרט האָבען מיר געהערט פערשײַדענע געזאַנגען פון אַ גרויסען גראַמאָפאָן, צװישען די אַ״ע געזאַנגען זענען אויך געװען, פערשטעהט זיך, פער־שײַדענע ציגײַנישע לידער, און שוהל־געזאַנגען אויך. און שטעלט אײַך פאָר דעם קאָמיזם: גראַדע װען איך האָב אָנגעפאַנגען מײַן עבודה פון ת״ה... הויבט אָן דער גראַמאָפאָן צו זינגען די סאָלאָ „צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה", און האָט בעשײַנט מײַן עבודה; ביז איך האָב געמאַכט אַ סיום, האָט אויך דער גראַמאָפאָן געשלאָסען אַ שטאַרקען קאַדענץ פון דעם װאַרשובור ר׳ גרונם אויף „ולא עולתה בו". אַז איך האָב דאָס אויסגעהאַלטען בין איך שטאַרקער פון אײַזען. איך בין בעת מעשה שיער צװעצט געװאָרען פון דער קאָמעדיע. מײַן בחורה פרעגט מעך מיט אַביסעל כעס: „װאָס לאַכסטו אַזוי משוגעדיג װי אַ שד?" נו, גאָה, ערקלער אַזאַ גוישען קאָפּ אַזאַ איראָניע, אַזאַ שפּיצעל, װאָס אַ גראַמאָפאָן קען אײַך אָבשפּילען! די ברוגז געװאָרענע אָבער פרעגט שאלות און איך פּלאַץ פון יעדען װאָרט, פון יעדען טאָן. אַזאַ פּאָסען שפּיעל האָב איך מיר צײַט איך לעב ניט פאָרגעשטעלט, איך בין קוים אַ לעבעריגער איװעק פון דעם דאָזיגען טעאַטער; דעם גאַנצען װעג, פון װאַרשאַ ביז אַהער האָבען מיך די פּאַסאַזשירען אָנגעקוקט װי אַ משוגענ׳עם פּאַר מײַן היסטערישען לאַכען און קרימען זיך. און איצט װען איך האָב שוין אַביסעל פערגעסען װאַרשעװער סצענע און קום אַרײַן אין דער בראָדער שוהל, האָסטו דיר װידער די צװײַטע טעג יום טוב! אַז איהר האָט אָנגע־פאַנגען זינגען די סאָלאָ „צדיק כתמר יפרח" האָב איך דאָס לעצטע ביסעל געדולד פערלאָרען. איך האָב שיער די אַפּאָפּלעקסיע ניט בעקומען פון מײַן היסטערישען לאַכען. איך האָב גאַנץ אײַנפאַך פערגעסען, װאו איך בין

און וואָס פאַר אַנ׳אַרבײַט איך טהו, בין איך וואַכענדיג אָדער איך דער דאָס אַלעס אין חלום, בין איך אין בית המקדש אין אַדעם אָדער אין בית הזונות אין וואַרשאַ״...

אויף אַזאַ שענעם ספור המעשה האָב איך מיך כלל וכלל נישט געריכט, איך האָב מיך זעהר פערשעמט און געענטפערט: „איך דאַנק אײַך בעסטענס פאַר דער געשיכטע, אָבער איך פערזיכער אײַך, אַז איהר האָט דאָ די סאָ״אָ אַ לעצטען מאָל געהערט, נאָכדעם ווי זי איז טמא געוואָרען אין דעם שמוציגען בית הזונות וועט זי דאָ מעהר ניט געזונגען ווערען. און ווען איהר ווילט הערען די סאָ״אָ, מוזט איהר אויסדרעהען דעם דישעל נאָך וואַרשאַ אום צו הערען דאָרט ענטוועדער פון דעם גראַמאָפאָנטשיקס הייליגען מויל אין דער שוהל אָדער פון זײַן בת-קול, דעם גראַמאָפאָן, אין אַ עפענטליכען הויז.

איינער פון ד׳ אינטע׳יגענטעסטע חזנים אין רוסלאַנד האָט געפּרעגט דעם וואַרשובור גראַמאָפאָנטשיק: וואָרום זינגט ער אין גראַמאָפאָן? האָט יענער געענטפערט: „איך וויים?! מען גיט מיר געלד, בלאָז איך אין רעהרעל!״ זעהר אַנ׳איידעלער און קלוגער ענטפער און כאַראַקטעריזירט פאָלקאָמען דעם רעהרעל-בלאָזער!... געלד איז די וועלט, דאָס איז נאָך חאַנציס קבלה. פאַר געלד האָט עפרון פערקויפט די מערת המכפלה אין חברון; פאַר גע״ד האָבען די ברידער פערקויפט יוסף׳ן; פאַר געלד פערקויפט אַ מלך טפ״ש דאָס יודישע פאָלק עפעס אַ המנ׳ען; פאַר געלר האָט יורא אישאַריאָט - נאָך דער קריסטליכער טראַדיציע - פאַר קויפט זײַן רבי׳ן; פאַר גע״ד האָבען גענעראַלין פערקויפט זייער פאַטערלאַנד; און פאַר געלד האָט דער וואַרשיבור רערעל-בלאָזער פאַרקויפט די שוהל, די תפלות און די הערליכע שוהל-מעלאָדיען, וועלכע אונזערע עלטערען האָבען געזונגען אין די מדבריות, אין די וועלדער, אין די קאַטאַקאָמבען, אויף די שייטערהויפענס, אין די קעלערס און אויף די בוידעמער אין דער צייט פון די פאָגראָמען, בײַ יציאת הנפש, אויף דער תליה און בײַ אַלע ארבע מיתות בית דין פאַר בלבולים וועלכע אונזערע שונאים האָבען בכל דור ודור אויף אונז אויסגעטראַכט; פאַר געלד האָט ער דאָס אַלעס אין אַ מיסטקאַסטען אַרײַנגעוואָרפען, און די יודישע תפ״ות, סליחות, קינות, יוצרות, גאולות, פזמונים, פיוטים, תחנות און אַ״ע איהרע הייליגע מעלאָדיען

אויף גלגול מחלות פערשיקט אום נאָכהער פון זיי אַ גולם, אַ גלגול פון אַ נייַעם „מה יפית״ צו מאַכען צו בעדינען און אונטערהאַלטען די חלאת האדם. „מען גיט געלד, בלאָז איך אין רעהרעל״—דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון וואַרשעווער מאָראַ־! אָבער ווי אַנדערש שטערט עס מיט דער ביבלישער מאָראַל, וועלכע לערנט: אתנן זונה ומחיר כלב לא יבא בית ה׳! די שירי בית ד׳, וועלכע ווערען פערקויפט פאַר אתנן זונה ומחיר כלב קעהרען טאַקע נאָכהער צוריק אין בית ה׳!

אין איינינע קלובען אין אַדעס (און וואַהרשיינליך איבעראַל אין רוס־לאַנד), וואו עס ווערט טיכטיג אין קאָרטען געשפילט און וואו עס פעהלט ניט, זעלבסט פערשטענדליך, אויך דער גראַמאָפאָן, אלס סרסורי דעברה, איז שוין לאַנג אַ מנהג, ווען איינער פערשפילט אַ סך געלד, זינגט איהם דער גראַמאָפאָן „אל מלא רחמים להרוגי קישינעוו״ פון דעם וואַרשעווער גרונם, און די קאַרטאָזשניקעס ווערען צוזעצט און צו שפרונגען פון דעם פערגעניגען, מען קאַטשעט זיך אויף די זייטען פון שמחה! האָבען זיי, מיינע געעהרטע לעזער, געהערט אַזאַ חלול השם?!

עס געהען איצט אַרום אין אַדעס איבער די הויפען קריסטליכע בעטלער מיט גראַמאָפאָנען, וועלכע זינגען אוים פון פויגעלמילך, פון יודישע הקיעות, הושענות, און מה יפית׳לעך פון דעם בוקאַרעשטער קלונם און פון דעם וואַרשעווער גרונם, מען קען פערברענט ווערען פון בושה, ווען מען זאָל לאָזען די גראַמאָפאָנישע חזנים, זיי זאָל׳ען אַליין זינגען אין די שענדליכע ערטער, וואָלטען זיי זיך ברצון אָדער באונס ענטזאַגען אהין צו געהן, ווייל עס פאַסט ניט פאַר זייער שטעלע, וואָס זיי פערנעה־מען, ווייל אַ כלי, וואָס ווערט בענוצט פאַר טומאה, קען ניט געברויכט ווערען צו קדושה. איז דאָך די קשיה: ווען אַליין צו זינגען איינינע מינו־טען אין די שענדליכע מקומות איז אַ פערברעכען, איז דען נישט נאָך אַ גרעסערעס פערברעכען, ווען מען שיקט אַהין ז עם גראַמאָפאָן מיט די הייליגע תפלות און הייליגע נגונים, אַזוי אַז ווען דער זינגער וועט ליגען מיט די ציינער אַרויף און זיין חבוט הקבר שוין אָבקומען, וועט זיך נאָך זיין נשמה, זיין שטימע אַרומדרעהן אין עולם התהו, אין אַלע מיסטקאַסטענס פון די קלובען, אין די שענקען, אין די עפענטליכע הייזער—אין וואו ניט?!...

## IV.

איך וויל דאָ ברענגען אייניגע תלמודישע שטעלען, כדי צו בעווייזען די מיינונג פון תלמוד, פון רעליגיעזען שטאַנדפונקט, איבער דעם חלול השם פון דעם גראַמאָפאָן-געזאַנג.

בתלמוד גטין דף ח׳: „שלחו ליה למר עיקבא זמרא מנא לן דאסור? שרטט וכתב להון: „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים" (הושע ט׳). ולשלח להו מהכא (ישעיהו כ״ג): „בשיר לא ישתו יין ימר שכר לשותיו"? אי מהכא הוי אמינא, הני טילי זמרא דמנא, אבל דפומא שרי קא משמע לן". ובתוספת שמה: „זמרא מנא לן דאסור? פירש בקונטרס לשורר בבית המשתאות... ובפרק בתרא סוטה דף מ״ח": תנן משבטלה סנהדרין בטל שיר מבית המשתאות... וראוי להחמיר בביוצא. (ועאכו״כ בבתי משתאות של עכו״ם. המחבר).

ובטור אורח חיים הלכות תשעה באב תק״ס, סעיף ג׳ יאמר: „וכן גזרו שלא לנגן בכלי שיר וכל מיני זמר וכל משמיע קול של שיר לשמח בהם". ובל זה נאמר במשתאות ושמחות להיהודים. ואף בשמחה של מצוה כתב המגן אברהם סעיף י׳, סמן תק״ס: „כתב בלקוטי מהרי״ל שלא בדין הוא, וכה״ג כמה פיוטים לשמחת הרעות שאז התורה חוגרת שק ואומרת עשוני בגיך כמין זמר, שמנגנים בו לצים".

וברמ״א במגן אברהם הלכות ברכות דף י״ג יאמר. „ויש״ץ המנבל פיו או שמרנן בשירי עגבים ממחין בירו שלא לעשות כן, ואם אינו שומע מעבירים אותו" (כלבו, דף קנ״ה ע״ב). ובבאר היטב שמה יאמר: „בנגון שמנגנים בו לעגבים". ובדבר הזכרת שם שמים לבטלה (כאשר עושים כן הגראמאפאן-זינגער בעת זמרם בהשפופרת של הגראמאפאן תפלות ישראל עם הזכרת שם שמים לבטלה) נאמר בתלמוד (נדרים, דף ז׳): „השומע הזכרת השם מפי חברו צריך לנדותו".

ובתמירה דף ג׳, ד׳ נאמר: „מוציא שם שמים לבטלה תיסגי ליה במלקות... ככתוב את ה׳ אלהיך תירא ואותו תעביד (דברים ו׳). ההיא הזהרת עשה היא.

ובדרכי משה להרמ״א ז״ל ביורה דעה, הלכות ספר תירה, סמן רפ״ג סעיף קטן ב׳ יאמר: „כתב מהרי״ל הלכות ר״ה בשם ההשב״ץ ומהר״א

דלא לכתוב תיבת שלום (שלם) באגרות משום דהוי אחד משמות הקדושים".
"וביורה דעה הלכות נדוי וחרם סמן של"ד, דף רכ"ז יאמר: "השומע הזכרת השם מחברו צריך לנדותו... ואם לא נדוהו הוא עצמו חייב נדוי" (עיין הגהות מיימון סעיף ה', שביעית).

איך גלויב, אַז אין דעם מאמר זעהט מען בולט אַרוים דעם וואונק געגען די גראַמאָפאָנישע קולטור, וואו מען זינגט היילִיגע ווערטער מיט גאָטס נאָמען בקלות ראש, אָהן אַ הוט, וואו די געזאַנגען ווערען צוטראָגען אין אַ'ע בתי משתאות ובתי זונות, וואו עס ווערט געזינדיגט אונטער די מוזיק פון "יסלחת לעוונותינו ולחטאתינו ונחלהנו", וואו די געזאַנגען דיענען צום נוטצען פון קאָרטען-שפיעל, פון לצנות, — און דאָס אַלעס איז אונז געקומען ווייל: "מען גיט געלד, בלאָז איך אין רעהרעל"! הישמע כזאת ביי אַנדערע פעלקער?!

די צייטונגען דערצעהלען, וואָס פאַר אַ ראָלע די גראַמאָפאָנען שפיעלען איצט אין אַמעריקאַ ביי די וואַהלען פון פּרעזידענט. אויף יעדער גאַס שטעהען ריזען-גרויסע גראַמאָפאָנען און אויף זיי זיצען וואַקסענע פיגורען פון די ביידע קאַנדידאַטען: טאַפט און ברייען, און די גראַמאָפאָנען שרייען אוים זייערע רעדען. עס איז ווירקליך גרויסאַרטיג צו זעהען די קאַנדידאַטען און הערען זייערע רעדען, ווען זיי אַליין שלאָפען ערגעץ וואו אָדער שפיעלען ערגעץ אין ביליאַרד. איצט שרייבט מען אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג, דאָס אין טעקסאַס סיטי גרינדעט זיך אַ גרויסע אַקציען-געזעלשאַפט, וואָס שטעלט זיך דעם ציעל אויפצובויען אַ גראַמאָפאָנישעס טעאַטער מיט דעם נאָמען ‚Das Amphibolische—gramophonische—synagogalische—illusorische Teater" און פאַר די טיר וועט שטעהן אַ בילד פון דעם צוויי-פנים'דיגען גאָט Janus, וועלכעס וועט האַלטען איין פנים אַבגעקעהרט צו גאָט און דעם צווייטען — לעזאזל. און ווי דאָס בילד אַזוי וועט אויך דער אינהאַלט פון דעם סינאַגאָגען-טעאַטער פאָרשטעלען אַ צוויי-פאַכע אילוזיאָן פאַר די אויגען און פאַר די אויערען. אינווענדיג וועט איין העלפט אויסזעהן, ווי די וואַרשעווער שוהל און די אַנדערע העלפט, ווי אַן אַדעסער פאַרס-טעאַטער. דאָס פּראָגראַם וועט פאָרשטעלען אַ געמישׁ פון טומאה און טהרה, פון קדושה און זנות דורך גראַמאָפאָנען און די וואַקס-פיגורען פון די אַלע ווירקענדע אַקטיאָרען, זינגער, דרשנים, חזנים

קלויעָנעס, רבנים, לצים, ליליפּוטען, גיגאַנטען, קולאַטשניקעס, טענצער־קעס און אַלע חדושים פון דער וועלט. וועלכע וועלען זיצען אַלס וואַקס־פיגורען אויף די גראַמאָפאָנען. דאָס פּובליקום, ווי מען רעכענט, וועט אויך זיין אַ געמישטעס, פון די קלובען, שענקען, פון גאונ׳ס ק״ויז אין ווילנאַ, פון די שוואַרצ׳מאָה׳ניקעס אין טולאַ, פון דעם מגיד׳ס קלויז אין זשיטאָ־מיר און די הייליגע כנופיא פון דעם פעראיין מיכאל אין סאַראַטאָוו, פון דער שאַלאַשנע שוהל אין אַדעס און פון אַלע צעכען,—אַלע וועלען זיך אהין צונויפקומען לשמוע אל הרנה ואל הקאָמעדיע, אל התפלה ואל השאַנטאַן, אל הסליחות ואל פּאָסען־שפּיעל, אל הקינות ואל הוואַריעטע, אל דרשת הקאַזיאָנע רב מטעם געגען די יודישע קראַמאָ׳ניקעס אין דובראָווינ׳ס נוסח און די טענץ פון די ענגלישע ליליפּוטאַנער, אל דרשת הדובאָוונע רב מריח וועגען חמץ נוקשה שעבר עליו הפסח און די שענע מאָדערנע דובאָוונע קאָנצערטען פון די חזנים, וואָס האָבען קיין טעם און קיין ריח, אל הדרשה פון דעם גרויסען מקלטר אחד העם וועגען ירושלים של מעלה און די דרשה פון דעם גרויסען מקטרג פּורישקעוויטש וועגען שבעה מדורי גיהנום של מטה און נאָך און נאָך, אַ רייכעס פּראָגראַם איז שוין כמעט ווי אויסגעאַרבייט;

1) מה טובו, F. dur, פון זולצער פון דעם וואַרשובור, גראַמאָפאָן מיט דער פיגור פון גרונם.

2) גראַמאָפאָנישעס כרוקען פון די דרעסירטע חזירניקעס מיט דער וואַקס־פיגור פון דוראָיו דעם קלאָון.

3) „Эхъ, дубинушка ухнемъ" פון שאַליאַפּין מיט זיין וואַקס־פיגור.

4) קעק־וואָק פון טאַמאַרא מיט נאָך איינינגע ציגאַנערישע זמירות מיט איהר וואַקס־פיגור.

5) תפלת מעריב לליל פורים פון דעם בוקאַרעסטער קלונם מיט זיין וואַקס־פיגור.

6) אַ וואַזשנע דרשה אויף הדרן עלך מסכת מכות פון דעם גאון קרושעוואַן, וועלכע עס ברעכט מוחות...

7) גרונם דער וואַרשובור זינגט „אַ דיישם, אַ דיישם" מיט אַ קאַדענץ הויך ווי די בערדיטשעווער קאַלאַנטשאַ.

8) טראַפּאַק פון אַלע שאַנסאָנעטקעס און באַלערינעס פון קיעווער

שאַטאַ־דע־פלער מיט זייערע װאַקספיגורען.

9) „וטהר לבנו לעבדך באמת" מיט דעם קאַדענץ פון גרונם דעם װאַרשובור װי מען רופט צו אַ פּאָזשאַר.

10) „Внизъ по матушкѣ, по Волгѣ" פון כזבי־בת־צור־סלאַװיאַנסקאַיאַ מיט אַ פיגור.

11) „קדוש אתה ונורא שמך", דועט פון דעם װאַרשובור גרונם און בוקאַרעסטער קלונם מיט פיגורען.

12) דער טאַנץ „מאַטשיש", פון דער אשה צנועה װיאַלציװאַ.

13) „חוה" דאַס בעריהמטע יודישע ליעד מיט פיגור פון גומר בת דבלים.

14) מאָנסטע־שלוסקאָנצערט פון גרונם, קלונם, דוראָיו, טאַמאַראַ, װיאַלציװאַ, גומר בת דבלים, שאַליאַפּין אויף פאָלגענדע קינה־געזאַנג אין G. moll. מיט בעגלייטונג, פון דער גריכישע טענצערין טעמערענע.

אלי ציון וחובביה, כמו יק"א ומוקיריה וכהיהדות חגורת שק עלי מספר מפלגותיה.

עלי דת אשר נוטשה באשמת צאן מתקניה ומחריביה, עלי הגיון אשר נהרס בידי לומדיה וחריפיה,

עלי קרירות מתנגדיה והתלהבות חסידיה, עלי שפלות המוניה ורבני מטעמיה.

עלי עבדות בתוך חרות, כמו חרות בתוך עבדות, וכנפשה חגורת שק על משובת מתפרציה.

עלי פרנסות ושרציה, כמו רבנות וסרסוריה, עלי רהב גבאיה, כמו קלות מומריה בתוך כרם גראמאפאניה, וכהשכלה חגורת שק עלי טפשות צורריה.

עלי זמרת מקדשיה, כהגיה־רצעניה, עלי שפופרת ונביהותיה, משורריה ובוריה.

אלי תפלה ושומעיה, כמו רנה ודראנגיה וכעבודה חגורת שק על חוני מחלליה".

װי די צייטונגען בעריכטען זענען שוין גלייך נאָך דעם ערשטען אַנאָנס פאַר צעהן פאָרשטעלונגען אַפריהער די בילעטען אויספערקויפט געװאָרען און די אַקציען פון דער געזעלשאַפט האָבען זעהר הויך געשטיגען.

## V. דער דוכאָוווּנער קאָנצערט.

### א דוכאווונער קאנצערט אין ספירה צייט בשנת תרס"ח למנין שאנו מונים פה בק"ק אדעס.

דער גראַמאָפאָן האָט אַ סך אונבעוואוסטע און אונוויסענדע זינגער און רעדנער בעריהמט געמאַכט, צוויי פון יודישע גראַמאָפאָנטשיקעס האָבען זיך דורך די גראַמאָפאָנען אַ ברייטען נאָמען געמאַכט און איצט פאָהרען זיי אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט קאָנצערטירען, דאָס הייסט, אייגענטליך, פריהער האָבען די גראַמאָפאָנעס זיי נאָכגעמאַכט און איצט מאַכען זיי נאָך די גראַמאָפאָנעס, בעזונדערס האָבען צוויי מענשען דעם ביליגען ערפאָלג אויסגענוצט: דער בוקאַרעשטער קלוֹנם און דער וואַר־שיבור גרוֹנם.

אום עס זאָל חלילה ניט פערגעסען ווערען דער כבוֹד, וואָס די מאָדערנע דוכאָוונע קאָנצערטען האָבען אַריינגעבראַכט דעם יודענטום, געפין איך פאַר נויטיג, אייך, מיינע געעהרטע לעזער און לעזערינען, צו דערצעהלען פון אַ גרוֹנמ'ס דוכאָוונע קאָנצערט אין אַדעס. עס איז ווירקליך דערויף אָנצוואווענדען דעם פסוק: אשרי אזן שמעה זאת, אשרי עין ראתה כל אלה... איך בעט אייך צו בעהאַלטען די דאָזיגע מגילה לדוֹר דוֹרוֹת, למען ידעו בניכם כי יש דוכאָוונע קאָנצערטען בישראל.

די מעשה איז פערלאָפען בשנת תרס"ח לבריאת עולם, אין ספירה צייט, אין אונזער שטאָדט, אין אַ צייט ווען נאָך דעם שלחן ערוך דאַרף מען ניט שפילען, זינגען, חתונה מאַכען, שרוכים טוהן און דאָס יודישע האַרץ איז עטוואָס צעבראָכען, און געהט אין שוהל צעהלען ספירה און נאָכהער בעטען: „הרחמן הוא יחזיר לנו עבודת בית המקדש למקומה". און ווי אויף צו־להכעיס איז אַדעס דאַמאָלסט געוועזען זעהר אויפגע־לעבט, ווייל עס איז געוועזען אַ צייט פון חדושים, אין אַלע ווינקלען פון שטאָדט זענען געוועזען אַנטיקען, ראַריטעטען.

אין אַ אילוזיאָן האָט זיך פּראָדוצירט איינע אַ דיקע פעטע אינדי־אַנישע פרוי קאַלאַקאַלאַקוטשי, וועלכע האָט פערנומען מיט איהר ישיבה של מטה דריי זעסלען — אַ וועלט־חדוש, ניט אמת? אין אַ צווייטען אילו־זיאָן האָט זיך פּראָדוצירט דער האָלענדישער קולאַטשניק וואַן־דער־

קלאָפּפּען, וואָס האָט געגאָלטען אין זיין פאַך אַלס טשעמפּיאָן צווישען די וועלט־קולאַטשניקעס. אין בילינגען מארק־מוזעאום האָט זיך פּראָדוצירט דער אירלענדישער לאַנגפּיסיגער גיגאַנט פּאַטריק היל, וואָס זיינע לאַנגע שפּאַנען האָט איהם קיין מענש ניט געקאָנט נאָכמאַכען. אין צירק ראַפּפּאַלאָוויטש האָט זיך פּראָדוציט דער בעריהמטער רוסישער קלאָון דוראָוו מיט זיינע נאָך מעהר בעריהמטע דרעסירטע חזיר׳ניקעס, מיט וועלכע ער האָט קאָמאַנדעוועט ווי אַ גענעראַל איבער סאָלדאַטען. אין שטאָדט־טעאַטער האָט די וועלט משוגע געמאַכט איינע אַמעריקאַנער טענצערין דונקאַן, וועלכע טאַנצט אויס אַלע בעריהמטע קאָמפּאָזיציאָנען און בעזונדערס שאָפּען׳ס נאַקטיורען. אין טינגעל־טאַנגעל טעאַטער סיביריאַקאָוו, אין וועלכען עס ווערען געגעבען קאָמעדיען, פאַרס־שפּיעל, וואַריעטע, האָט זיך דאַמאָלסט פּראָדוצירט דער וואַרשובור גרונם מיט דעם אַדעסער שאַלאַשנע דיריזשער קרקפּתא מיט זיינע אונדרעסירטע משוררים.

און, ווי די מאָדע איז, גיט מען אַנאָנסען אין די צייטונגען בזה הלשון:

„דער בעריהמטער לץ אָדער קלאָון, וואָס קען אין מושב לצים פון דער גאַנצער וועלט זיינס גלייכען ניט געפינען, וואָס האָט אין וואַרשאַ פּעטערבורג, קיעוו מיט זיינע דרעסירטע חזיר׳ניקעס אָבגענומען די וועלט, וועט קומען אין איינינע צייט נאָך אַדעס בלויז אויף איינינע פאָרשטע־לונגען.- די בעריהמטע גאַנץ באָרוויסע און האַלב נאַקיטע אַמעריקאַנער טענצערין מיס דונקאַן, וואָס ־ אָט מיט איהר באָרוויסען טאַנצען פּעררינקט גע־מאַכט טשיקאַגאָ, בערלין, פּעטערבורג, וואַרשאַ, קיעוו—קומט אין קורצען נאָך אַדעס בלויז אויף צוויי פאָרשטעלונגען. דער בעריהמטער האָלענדי־שער קולאַטשניק וואַן־דער־קלאָפּפּען, וואָס האָט אין אַמעריקאַ פּערדינט 20,000 דאָלאַר פאַר די נצחונות ביי זיינע וועטען און האָט איבעראַל בעקומען די גרעסטע פּרייזען פאַר זיינע קונסט־קולאַקעס—קומט אין קור־צער צייט נאָך אַדעס בלויז אויף צוויי סעאַנסען. דער בעריהמטער לאַנגפּיסיגער אירלאַנדישער גיגאַנט מיסטער פּאַטריק היל, וואָס האָט מיט דריי שפּאַן דורכגעמאַכט אין פּעטערבורג דעם נעווסקי פּראָספּעקט, מיט צוויי אַ האַלבען שפּאַן דורגעמאַכט אין קיעוו דעם קרעשטשאַטיק און וועט אין אַדעס דורכמאַכען מיט צוויי שפּאַן די דעריבאַסאָווסקע-קומט

אין קורצען נאָך אַדעם בלויז אויף צוויי לאַנגפּיסיגע פאַרשטעלונגען. דער בעריהמטער ווילנער און וואַרשובור גרונם, דער דראַמאַטישער טענאָר, צייט די וועלט איז איבערהויפט דראַמאַטיש געוואָרען, צייט עוג מלך הבשן האָט געשריען דראַמאַטיש אויף דער אויבערשטער „דאָ“ אונטער דעם לאָך פון דעם באַרג, וואָס איז איהם אַרויף אויף די פּלייצעס, צייט נבוכדנאַצר, נאָכדעם ווי ער איז מגולגל געוואָרען אין אַ בער, האָט אויף דעם אויבער־שטען „בע“ גערעוועט און נאָך העט־העט פריהער, צייט בראַמאַ, נאָכ־דעם ווי ער איז אַרויס פון דעם איי, אין וועלכען ער איז געלעגען אַ פערטראַכטער אַ פּאָר הונדערט מיליאַרדען יאָהרען און האָט דראַמאַטיש אויסגעשריען דאָס ערשטע וואָרט, דאָס פון איין האַלב איי זאָל ווערען הימעל און פון דער אַנדערער האַלב--ערד--וועט קומען בלויז אויף צוויי קאָנצערטען נאָך אַדעם.

די אַלע קינסטלער און חדושים־מאַכער שיקען אַרויס צוערשט זייערע אימפּרעסאַריעס, די אַנטרעפּרעניאָרען, וועלכע דערצעהלען אין די צייטונגען, פאַ־ אַ שענעם באַקשיש, פערשטעהט זיך, די שבחים פון זייערע קינסטלער און זייערע גרויסע חדושים און פערעפענטליכען זייערע פאָטאָגראַפיעס, כדי צו ווייזען דעם פובליקום און איהם יצר הרע צו פער־שאַפען. אין אַמעריקאַ איז אַ פּרינציפּ צווישען די סוח־ים: ווען דו ווילסט מאַכען אַ גוט געשעפט, זיי מנדב 90 פּראָצענט אויף רעקלאַמעס, 10 פּראָצענט פאַר סחורה—און דאָס געשעפט איז געזיכערט. מיט איניגע טעג נאָך דער פערעפענטליכונג אין די צייטונגען בעוויזען זיך אין די גרויסע פענס־טער אין די מאַגאַזינעם אין די הויפּט־גאַסען פאָטאָגראַפיעס פון די קינס־טלער, און אין אַלע גרויסע געשעפטען האָט זיך געוואַלגערט אַ בינטעל פאָטאָגראַפיעס איינס נעבען דעם אַנדערען. די פאָטאָגראַפיע פון דעם ברייטביינענדיגען, מוסקולעזען האָלענדישען קולאַטשניק וואַן־דער־ק׳אָפּפען מיט זיינע ביידע נאַקיטע הענד, ווי די דעמבעס; פון דער אַמעריקאַנער בוגרת מיס דונקאַן מיט די ביידע באָ־וויסע פיס; פון דער גראָבער אינדישער קאַלאַקאַלאַקוטשי מיט איהרע ברכות שדים, אָפען מלפניה טפח ומאחוריה טפחים... פאָן דעם לאַנגפּיסיגען אירלאַנדישען גיגאַנט פאַטריק היל, דער מאחוריו ולמעלה העכער איז אַלם אַלע פאָטאָגראַפיען; פאָן דעם וואַר־שוביר גרונם מיט זיינע בגדי כהונה: מצנפת און ארבע כנפות; פאָן דעם

קלאָון דוראָיו אין זײַן קאָמישען געלבען קאָסטיום צווישען זײַנע קינס־טלער־חזירניקעס. און דעם אמת זאָגענדיג האָט די לעצטע פאָטאָגראַפיע אין די פענסטער פיעל מענשען צוגעצויגען און אונטערהאַלטען.

דאָס איז אָבער נאָר אַן׳הקדמה, אַ פאָרשפּיעל צום עסק; די הויפּט אַרבײַט הויבט זיך ערשט אָן ווען די קונצען מאַכערס קומען: עס קאָכט אין אַלע האָטעלען, מעבלירטע צימערען, פון די אַלע לצים, קאָמעדיאַנטען; פון די גראָבע ווײַבער, וועלכע זיצען בהרחבה, פון די דאַרע טראָקענע אַמעריקאַנישע בתולות וועלכע טאַנצען באָרוועס בהרחבה, פון די לאַנגפּיסינע גיגאַנטען וואָס קענען מאַכען דעם גרויסען „לך־לך" בהרחבה; פון דוראָיו מיט זײַנע חזיר׳ניקעס וועלכע שפּרינגען צום טאַקט, חריוקען אויף דער אונטערשטער „דאָ" ווי דער בעסטער פּראָפונדע באַס בהרחבה; פון דעם וואַרשובור גרונם עט קאָמפּאַניע וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זײַן אייבערשטען „דאָ" בהרחבה, און בעזונדערס אין דער קאָמפּאָזיציאָן „ציגעלע מיגעלע קאָטעניוי" וואָס דער דיריזשאָר קרקפתא האָט ספּעציעל פון זײַנטוועגען פערפאַסט. מיט איין וואָרט עס איז פרעהליך אין שטעדטעל פון גבאים, מעקלערס, אַנטרעפּרעניאָ־ען, קאָרעספּאָנדענטען, אונטערפיהרערס, בעגלייטערס, קלאַקערס, טונעיאַדצעס, אָפּגעשאָסענע משוררים, קרובים... און לעקערס.

די וואָך פאַר דער פאָרשטעלונג ווערען אַרויסגעשיקט שווייצאַרעס פון אַלע טעאַטערס, מוזעאומס, אילוזיאָנען מיט זייער גרויסע רעקלאַמעס. יעדער שווייצאַר איז שוין פאַר זיך אַליין מלא חדושים פון קאָפּ ביז די פיס. אַ הויכער הוט אַנ׳אַרשין די לענג פון 4 פאַרבען, אַ פראַק פון 6 פאַרבען און שטאָפען, איין אַרבעל אַ שוואַרצער, דער צווייטער אַ ווייסער, די פלייצע אַ גרינע, די 2 פליגעל, איינער אַ רויטער און דער אַנדערער אַ געלבער, די קנעפּ איינער מיט בלויע פּאַסען אין דער לענג און דער צווייטער מיט רויטע פּאַסען און אַמעריקאַנישע שטערען אין דער ברייט. מיט איין וואָרט דער שווייצאַר מיט זײַנע בגדי כהונה שלעפּט מיט זיך מיט אַ קאָמאַנדע פון גאַסען־פויקער, טונעיאַדצעס, באַסיאַווקעס און דאָרף־פויערים, וואָס דרעהען זיך צופּעליג אַרום איבער דער שטאָדט.

דער שווייצאַר מאַרשירט אין אַלע גאַסען מיט גרויס פּאַראַד און

שטאָלץ. נאָך איהם געהט נאָך אַ איזוואָשטשיק מיט אַ קליינער בינדיוגע. אויף דער בינדיוגע שטעהט אַ קליינע געבּיירע פון פיער ווענד, אויף יעדער וואַנד איז אַ געמעלאַכטס פון דעם טעאַטער, אילוזיאָן, מוזעאום און פון אַלע הייזער אין וועלכע מען שפּיעלט, און דערבּיי די בּילדער פון די אַקטיאָרען מיט זייערע טעאַטראַלע קליידער. אויסער דעם, טראָגט דער שווייצאַר אַ לאַנגען שטעקען צוגעבּונדען צום רוקען, וועלכער האָט אויפ׳ן שפּיץ אַ הילצערנע טאַבּעלע מיט די נומערען וואָס וועלען אויפגעפיהרט ווערען אין יעדען טעאַטער. אַזוי ווערען די הויפּטגאַסען פול מיט גאַנצע קאָמפּאַניעס פון שווייצאַרעס מיט זייערע פאָנען, מיט זייערע בּינדיוגעס מיט די געפּאַרבּטע קאַסטענס. זיי ציהען זיך אין דער לענג אויף דער גאַס איינער נאָך דעם אַנדערען, דאָס פּובּליקום לעזט, דגל מחנה רגלים! — פון דעם לאַנגפּיסיגען גיגאַנט מיט זיינע בגדי כהונה; „דגל מחנה שוקים“! — פון די נאַקעטע פּאָלקעס פון דער טענצערין מיס דונקאַן; דגל מחנה אחורים! — פון דער ברייט־זיצענדער, בּאַלף מחילות, מאַדאַם קאַללאַקאַללאַקוטשי; דגל מחנה ירים! — פון דעם קולאַטשניק פּאַטריק היללל; דגל מחנה דוראָוו וחזיריו המסודרים! — פון דעם בּעריהמטען קלאָון דוראָוו מיט זיינע דרעסירטע חזיר׳ניקעס; דגל מחנה גרונס, קרקפּתא ומשורריו הפּרועים! — פון דעם דראַמאַטישען בעל תפלה, קאָנצערטיסט, גראַמאָפאָ־ניסט, מיט דעם דיריגענטען קרקפּתא דעם נגזל, מיט דער אונדרעסיר־טען בּאַנדע משוררים. דאָס פּראָגראַם בּעשטעהט פון שוהל, זולצער, פון טעאַטער, ווערדי, פון קאָמעדיע, פון דער קאָנפעדראַציע יקאָמפּאָזיציאָן) מיט אַנ׳אויבערשטען „דאַ״, וואָס (איך בּעט איבּער איער כבוד) קרקפּתא האָט ספּעציעל פאַר איהם אָנגעמאַכט... אויסער דעם זענען אַלע סלופּעס, הילצערנע הויפען און וועגד בּעקלעפּט מיט די פּראָגראַמען און דאָס פּובּליקום לעזט.

נו, מיינע געעהרטע לעזער, איז דען אַ וואונדער וואָס עס האָט אָנגעפאַנגען צו קאָכען אויף דעם חזיר־מאַ־ק, אויף דעם טאָלטשאָק, אויף די אויבערשטע בּיינק אין די שוויצבּעדער, און אין די אונטערשטע טישען אין די שענקען נעבּען די גענזענע פּופּקעס און לעבערלעך און שנאַפּס מיט אַלערליי פּערבּייסעניסען?!

עס האָט געזאָטען ווי אין אַ קעסעל־טאָפּ, זיי זענען שיער־שיער

ניט אַ־אָפּ פון די געדאַנקען. מען האָט ניט געוואוסט וואוהין צו לויפען, אַזוי פיעל חדושים! אַקליינינקייט, אַזוי פיעל קונסט שטיקלעך אין אַלע עקען פון דער שטאָדט! זאָל מען לויפען הערען די אונטערשטע „דאָ" פון די טיעפע פ־אָפונדע בעסע פון דוראָיו׳ס אַגסאַמבעל אָדער לויפען צו בעוואונדערען די אויבערשטע „דאָ" פון דעם וואַרשיבור גרונס, קרקפתא און קאָמפּאַניע. מען האָט זיך צוטיילט אויף פּאַרטייען, ווי זאָגט מען: „כל עורב למינהו". די משרתים פון די אַיינפאַהר־הייזער, אָדער ווי זיי רופען זיך איצט אָן מיט דעם נאָמען „קאָמיסיאָנערען", וועלכע האָבען, מעהר אָדער ווייניגער, דעם גאַנצען לעבען צו טהון מיט אחורים און שוקים, זענען געלאָפען ווי די פּע־יקטע פון דעם טעאַטער, וואו די אַמעריקאַנער בוגרת, מיס דונקאַן, זאָל לעבען, וועט באָרוועס טאַנצען. צום מוזעאום, וואו די אינדישע בעלת־בשר מיט דעם באלף מחילות אויף 3 זעסלען זיצט. זיי האָבען נעבעך חשק געהאַט צום טעאַטער, וואוהין די גאַנצע גאָלדענע יוגענד האָט זיך געשאָטען, אָבער זיי האָבען דאָס ניט געקאָנט אויספיהרען: ערשטענס, מוז מען פּערלירען אַ גאַנצען אָוענד און אַזוי פיעל צייט האָבען זיי ניט; צווייטענס איז דאָס אַ צו טייערער ביסען—און אַזוי פיעל געלד האָבען זיי אויך ניט. זיי האָבען זיך געמוזט נעבעך בענוגענען מיט דער אינדישע בעלת-בשר, וועלכע זיצט אין מוזעאום דעם גאַנצען טאָג און עס קאָסט גאָר אַ שבוש, בזול זול, נור 10 קאָפּעקען פאַר׳ן אַריינגאַנג, אויסער 20 קאָפּעקען פאַר אַ בכבוד׳יג בילד לזכרון.

בינדיוזשניקעס, קיילער, העקער־יונגען און קצבים מיט אַלע משרתים פון די יאַטקעס, אין וועלכע די קוליאַטשענע קולטור איז ענט־וויקעלט, זענען געלאָפען אין אַלעקסאַנדר־אָווסקי פּאַרק־מוזעאום צוזעהען דעם האָלענדישען קולאַטשניק וואַן־דער־קלאָפּפען און האָבען גענאָסען ווירקליכען תענוג.

נייטערקעס, מאָדיסטקעס, הוטענמאַכערקעס און אַזוי אַלטע מיידען, עקספּ־אָפּריאַטאָרס, קעשענע־גנבים, אַנאַרכיסטען און אַזוי גאַסען־יונגען זענען געלאָפען צו פּאַטריק היל מיט די לאַנגע פּיס.

קאָלבאַסניקעס, חזרים־הענדלער, קאָרטענשפּילער, דאָמינע־שפּילער פון די שענקען און שולליער פון די קאַבאַקען, קעבינס, גאָרניטשנעס און

אַ־לעֶרהאַנד געֶזינדעֶל, וועֶלכע לופען אויף די קאַטשעֶליעֶס, אין היפּאָדראָם, אויף די פאָרשטעֶלונגען אויף „קוליקאָווע פאָליע“ ביי, וואַנקע רוטיוטיו, זעֶנען גע־אָפען אין צירק אום צו זעֶהעֶן די וואונדער פון דוראָווס חזירניקעֶס. זיי האָבען שוין מעֶהרעֶרע מאָל געֶהעֶרט די איבערשטע „דאָ“ פון אַ חזירניק ווען מען שטעֶכט איהם, ער שרייעט דאַמאָלסט אומגעֶלומפּעֶרט ווי אַ דראַמאַטישער העֶלדען־טעֶנאָר, נאָר אָהן טאַקט, אָהן געֶזונד און אָהן לעֶבען, אָהן ניאַנסען, אָהן פּיאַנע, נאָר אַ געֶפּילדער ווי איין וואַרשאויער קאַדענץ. אויף „ונחלתנו“ אָבער הערען ווי חזירניקעֶס אַרונטער כריוקען אין פאָלקאָמענער מאַיעֶסטאַטישער רוהע, און אין טאַקט גאָר אונטערשטע „דאָ“ מיט גרוסער מוזיקאַלישער שעֶנהייט—דאָס האָט זיי זיך גאָר ניט געֶח־לומ׳ט, דאָס איז ווירקליך אַ חדוש, אַנ׳אַנטיק, אַ טעֶריאַטער. און דערביי די מימיק, פול עסטעֶטיק און קונסט! ווען דוראָוו בעֶפעֶהלט הויבען אַלע חזירניקעֶס אָן צו חריוקען אין אוניסאָן ווי דער שעֶנסטער אַנסמבל אין פּאַרס־טעֶאַטער. ווען ער גיט אַנ׳אַנדער צייכען, הויבען זיי אַלע די פעֶדערשטע פּיס אַרויף. אַזוי דראַמאַטיש, אַזוי ריהרענד פּויל מיט אַנדאַכט ווי די איצטיגע כאָר־חזנים זייערע הענד ביי זייער זינגען „השכיבנו“ וואָלטען ניט בעסער געמאַכט. קורץ, זיי האָבען שוין געהאַט איינמאָל אַ פערגעניגען.

דאַגעגען זעֶנען די קאַבאַטשניקעֶס, טראַקטירשטשיקעֶס, מאָלאָטשניקעֶס, און בעזונדערס צירולניקעֶס און בורדיעֶלניקעֶס געֶלאָפען ווי פער׳סמטע, ווי אָבגעֶבריהטע, ווי פּרעה איז געלאָפען צו משה׳ן נאָך מכת בכורות—אין טעֶאַטער סיביריאַקאָוו (מיט זיין שותף־נאַוראָצקי׳ן, דעם רעֶדאַקטאָר פון דעם „ליסטאָק“, וואָס האָט דעריבער טאַקע געשריבען אַ גרויסען שבח אין זיין בלאַט), וואו דער וואַרשאויער גרונם וועט זיינע גראַמאָפאָנישע סינאַגאַגאַלישע קאָמפּאָזיציאָנען אויף דער אויבע־שטער „דאָ“ אויסשרייען. וואָס פּאַר אַ מערקווירדיגעס פאָלק זענען אָט אָ די צירולניקעס! זייער געשעפט איז זעהר אַ רוהיגעס און זיכערעס, זיי ברויכען ניט ערגעץ צו געהן אָננעמען אָדער אָבטראָגען אַרבייט, זיי דאַרפען נאָר זיצען אין דערהיים און זייערס וואַקסט; בערד, האָר וואַקסען ווי קראָפּעווע אָהן רעגען אָהן שנע און זייער געֶרעֶטעֶניש איז תמיד זיכער. זיצט זיך אַ צירולניק ביי זיך אין שטוב מיט זיינע בגדי לבנים און וואַרט אויף די קליענטען.

עס ווערט איהם אַ ביסעל סמוטנע, לאַנגווייליג, אַרונטער געגומען פון דער וואַנד די קיטאַרע, די לירא, די מאַנדאָלינע, דעם צימבעל אָדער, פשוט, די קאַטערינקע אין שפּילט זיך אַ ציגיינערישע לידעל פון וויאַלצעווע, פאָן טאַמאַרא, אָדער דאָס בעריהמטע ליעד „חוה״ און זיין נשמה לעבט אויף. דאָס אַלץ איז אָבער אַ מאָדע געוועזען ביז דער גראַמאָפאָן איז אונטער געקומען, כמעט יעדער צירולניק־ווען ער האָט געוואָלט נישט אויסגעהן פון לאַנגווייליגקייט—האָט אַביסעל מוזיצירט אין געשפּילט אויף אַ כלי־זמר. אין די שענקען שפּילען דאָך נאָך איצטער די גרויסע לייערקאַסטענס מיט אַלע כלי־זמר מיט פּויקען און טאַצען, אין די פּרעהליכע קלייזלעך פון דער לעבענדיגער סחורה האָט מען אויך שטענדיג מוזיצירט, דאָס עסק פּאָדערט ווייַן און מוזיק. און די בעלי־בתים זענען נעבּיך שטענדיג געצוואונגען געווען אַנגאַזשירען טאַפּיאָרען מיט אַ פּיאַנע אום צו משמח זיין די לפי־שעה׳דיגע חתנים און כלות. דער גראַמאָפאָן אָבער האָט אַ גאַנץ נייע עפּאָכע געשאַפען. אין די שענקען, אין קאַבאַקען שפּילט ער זעהער אַ בעדייטענדע ראָלע, אָבער ביי די צירול־ניקעס און בורדיעלניקעס שפּילט ער די הויפּט־ראָלע. שטעהט זיך אַ צירולניק מיט זיין קלאַפּערגעציייג און האַלט אַ טשאָפּרינע אין דער האַנד און שערט און שנייַדט, אָדער זייפט אָן אַ באָרד פאָל מיט מילינקעס און שאָבט אַ מאָרדע, ראַזירט אַ קאַרק מיט׳ן גאָלמעסער, אָדער בינדט די 2 אויסגעדרעהטע וואָנצעס ווי די הערנער פון אַ יונגען אָקס, אַ לאַ וויל־העלם II, מיט אַ סיעטקע פון אויער צו אויער און דער גראַמאָפאָן סקריפּעט אַ זמר׳ל פון אַ אויסגעלאַסענע שאַנסאָנעטקע, פון אַלץ שבלצים קופּלעטיסטען, און צום שפּאַס אויך פון אַ ווילנער אָדער וואַרשובור גרונס; עפּעס איז בעסער צו אַ־בייטען מיט מוזיק־בעגלייטונג. אויך די קלינעטען וועל־כע ליגען צולעגט אויף די ראַזירשטולען אונבעהאָלפען, דום ווי די גולמים און זענען כחומר ביד היוצר ביים צירולניק אין די הענד, ברצותו מאריך וברצותו מקצר, ברצותו מקצץ וברצותו מזנב, פיהלען זיך אויך בעסער, זיי לאַנגווייַלען זיך ניט אַזוי אונטער די רוישענדע קלאַנגען פון די גראַמאָפאָן־לידלעך. אָדער די בורדיעלניקעס, וועלכעס זענען געצוואונגען געווען אויס־צוהאַלטען טאַפּיאָרען מיט שווערעס געלד, ווייל ניט יעדער מוזיקער וויל דאָך זיין עהרע פּערקויפען אין אַזעלכע שענדליכע הייזער צו שפּילען „וויַל

מען גיט געלד״, זענען פשוט נצול געוואָרען דורך דעם אויטאָמאַטישען גראַמאָפאָן: איינמאָל בעצאָהלט פאַר נח׳ס קעסטעל מיט די גלענצענדע טרובּעס, מיט די אייזערנע מצות–אונד דאָס הויז וועט פול פון אינטערנאַציאָנאַלע זמירות, און עס ווערט געזויפט, געזונגען, געטאַנצט, געשנאַפּ׳ט און אַלער אַרט געזינדיגט אונטער די קלאַנגען פון אָפּערען, אָפּערעטען, קופּלעטען, ציגאַנערישע לידלעך, חזנישע ימים נוראים׳דיגע תפלות, סליחות, קינות, גוטע־יודישע נגונים.

און אָט אָ די כנופיא האָבּען דער לעבּט, דאָס גרונם, אבי כל תופש גראַמאָפאָן בישראל, קומט גאָר אַליין בכבודו ובעצמו מיט זיין טשאָטרע נאָך אַרעס! זיי האָבּען פון פרייד און דאַנקבּאַרקייט כמעט ניט אויסגעהאַלטען און געלאָפּען, אַהין, אַהין, וואו גרונם, קרקפּתא דער מוזיקאַלישער נגזל מיט דעם אונדרעסירטען כּאָר וועלען קאָנצערטירען אַ דאַווענען. זיין זינגען איז גאָר אייגענטליך אַ איבּעריגע זאַך געוועזען, וואָרום די מייסטען פון זיי זענען געלאָפּען איהם פשוט צו זעהען, דעם וואונדערמאַן, דעם ערעטטער, דעם פערגעניגען־מאַכער, דעם פערגרינגערער, דעם ניצליכסטען מענשען אין זייער עסק. זיי זענען געלאָפּען אַזוי ווי די משוגענע נאַרישע דייטשען לויפען נאָך דעם גראַפען צעפּפעלין, יענער האָט געשאַפען צעפּעלינקעס און דער האָט געשאַפען פלאַסטינקעס.

## VI.

# די קאָנצערט־דיאַלאָגען.

אין איין קאָרידאָר האָבּען געוואָהנט צוויי שכנים, ליבּהאַבּער פון זינגען, איינער אַ געוועזענער חזן־שוחט און איצט אונאַבּהענגיג, זעהר ציוויליזירט און בּעלעזען, מיט דעם נאָמען: ר׳ חייקעל; דער אַנדערער שכן אַ פּראָסטער בּרודער, אַנ׳אייגענטהימער פון אַ פאַבּריקמאַכערסקע מיט פיעלע געהילפען מיט דעם נאָמען: בּערגעל צירולניק. דער ערשטער האָט געגאָלטען אין דער שטאָדט פאַר אַ גרויסען יודע נגן, דאָס הייסט אַ גרויסער מבין און ליבּהאַבּער פון סינאַגאָגאַלען־געזאַנג, אַליין אַ פריינד פון די גרעסטע לעבּענדע חזנים און אויסער דעם איז ער אויך בּעקאַנט מיט׳ן גאַנצען לעבּען פון די אַלטע חזנים און זייערע ביאָגראַפיעס, פון דעם ווילנער בעל־הביתיל, קאַשטאַן, שקודער, פּאָסטערנאַק, דער גאָלדענער

פלאָקען, דער לאָמזער, ירוחם הקטן, ניסי בעלזער, ברוך שיר, ער האָט אַ'ע ווייערע רייזען, אַנעקדאָטען, קאָמפּאָזיציאָנען און שטיינגערזאָגאַכטסען געקענט, און נאַטירליך, ווען עס פלעגט קומען אַבעריהמטער חזן האָט מען זיך מיט ר' חייקעל'ס מבינות זעהר גערעכנעט, ווייל ער איז געווען אויסער דעם אַ יוד אַ תלמיד־חכם און האָט געוואוסט וואָס הייסט תפלה אויסער רנה; און ווי ר' חייקעל האָט גיקאָנט די סינאַגאָגען און איהרע מוזיקאַלישע העלדען, אַזוי איז בערגעל דער צירולניק געווען אַ בקי, אַ חריף אין טעאַטער און אַלע בעריהמטע קינסטלער, אַקטיאָרען און שפּילער, וועלכער ראַאול עס איז געווען דער בעסטער אין דער אָפּערע הוגענאָטען, וואָסער פאַאוסט איז געווען דער בעריהמטער אין דער אָפּערע פאַאוסט, וואָסער העלדען־טענאָר איז געווען דער בעסטער אין דער אָפּערע אָטעלאָ, אָדער ליענסקי אין דער אָפּערע Евгенiй Онѣгинъ אין די לעצטע 15 יאָהר אין דער גרויסער אָפּערע אין אַדעס. אַזוי ווי דער ערשטער האָט אייך געקענט דערצעהלען מיט אַלע פּרטים אַלע סכסוכים וואָס ר' צלאל אַדעס'ער האָט געהאַט אין זיין לעבען מיט די גבאים אין די שוהלען, מיט די משוררים ווען די קרעטשמאַרעס האָבען זיי ניט געוואָלט געבען עסען און געלד און זיי האָבען אַזוי לאַנג געזונגען „עננו ביום צום תעניתנו", ביז די קרעטשמאַרקע איז צוגאָסען געוואָרען פון געוויין און האָט זיי אָבגעגעבען דאָם לעצטע וואָס זי האָט געהאַט צום עסען, אַזוי האָט אייך בערגעל דערצעהלט אַלע זאַקוליסנע אינטריגעס צווישען די אַנטרעפּרעניאָרען און די אַרטיסטען, צווישען די אַרטיסטען און אַרטיסטקעס און קודם כל האָט בערגעל ווירקליך געהאַט אַ מוזיקאַלישע נשמה, בעזאָנדערס פאַר אַ דראַמאַטישען טענאָר, ווי מערשווינסקי־קאַרדינאַלי, פּעראָזי און דערגלייכען איז ער געווען פערטיג דאָס העמד אַ וועק צו געבען; און צווייטענס האָט ער אַלע אַרטיסטען און אַקטיאָרען פון דער אָפּערע, אָפּערעטע, דראַמאַ, וואַריעטע, פאַרס, קאָמעדיע און קאָנצערטען ראַזירט, גוימירט און פרוזירט, און איז שוין אין די טעאַטערען געווען אַ בן־בית און געוואוסט יעדען זינגער מיט זיין קאַניאָק.

די צוויי שכנים האָבען צווישען זיך אַבסאָלוט קיין געמיינשאַפטליכעס ניט געהאַט, אַ גוט מאָרגען—אַ גוט יאָהר און געה געזונד; אָבער אין דער

חדושים־וואָך אין אַדעס, ווען גרונס׳ס נאָמען איז אויף געקומען אין די גאַזעטען, אויף די בינדריוגעס מיט די שוויַיצאַר׳ס, אויף די צייַטונג־שפּאַל־טען אין די גאַסען און פאָטאָגראַפּיען אין די צייַטונגען און די מאַגאַזינעס, דאָ האַט בערגעל זיך ניט מעהר געקענט איַינהאַלטען אום ניט אַרומצע־רעדען אַביסעל ברייטער מיט ר׳ חייַקעלען:

—בערגעל: אַ גוט מאָרגען, ר׳ חייַקעל!

—ר׳ חייַקעל: אַ גוט מאָרגען, אַ גוט יאָהר!

—בערגעל: האָט איהר שוין געהערט, ר׳ חייַקעל, דאָס לעצטע נייַעס?

—ר׳ חייַקעל: וועלכע נייַעס?

—בערגעל: עס הייסט גרונס, דער וואַרשובור לעבעדיגער גראַמאָפאָן, וועט אַהער קומען אויף צוויי פּאָ־שטלונגען, אָבער נאָר אויף צוויי און ניט מעהר.

—ר׳ חייַקעל: וואו וועט ער דאַוונען?

—בערגעל: הערט זשע, ר׳ חייַקעל, וואָס מען רעדט מיט אייַך: ער קומט ניט דאַוונען נאָר קאָנצערטירען.

—ר׳ חייַקעל: נו, לאָז זייַן קאָנצערטירען אויף דייַן לשון, אָבער אין וואָס פאַר אַ שוהל וועט ער דאַוונען?

—בערגעל: אין קיין שוהל, און קיין דאַוונען. ער וועט קאָנצערטירען אין אַ טעאַטער, און נאָך דאַצו אין סיביריאַקאָוו׳ס טעאַטער, וואו עס ווערען אויפגעפיהרט אַזוינע שטיק ווי „די ערשטע ליעבע נאַכט״, „די לוסטיגע אלמנה מיט דער קאַטשעליע״, „דער האַרעם״, „סאַנשוזענע״, וואוהין אַלטע מיליטער לייַט געהען, אום דורך די טריקאָ קאָסטיומען און נאָך... זייער פערוויאַלעטען יצר־הרע אַביסעל אויפצופרישען.

—ר׳ חייקעל: אַ גדולה אויף דער באָבע דייַנער, און דעריבער ביזטו אַזוי ענטציקט?!

—בערגעל: פערשטעהט איהר מיך, ר׳ חייַקעל! אייַך איז דאָך לאַנג בעקאַנט ווי אַזוי איך האָב ליעב אַ דראַמאַטישען טענאָר, און ווי אייַך איז בעוואוסט, האָב איך דאָך גרונס׳ס שטימע מיט אַלע זייַנע פּאָסטעמקעס אין גראַמאָפאָן

בײַ מיר אין מײַן ראַזיר־סאַלאָן אין דער צירולנע; איצט, ווען גרונס קומט גאָר אַלײַן נאָך אַרעס, פרעג איך אײַך: קען איך רוהיג בלײַבען זיצען אין שטוב? ער־שטענס, מוז מען דאָך האָבען אין זיך אַביסעל יושר, און טאַקי דאַנקבאַר זײַן; צווייטענס, ווײַל איך מיך טאַקע איבערצײַגען אויב ער האָט ווירקליך אַזאַ שטאַרקע דראַמאַטישע שטימע ווי אין גראַמאָפאָן; אויסער דעם האָט זײַן אַנטרעפּרעניאָר פערטײַלט אין אַלע פאַבריקמאַכער־סקים אַמענגע בילעטען צו פערקויפען צווישען די קליענ־טען, און מיר ווערען דערפון האָבען אַ פּראָצענט אויך. נו, ר׳ חײַקעל, ווערט איהר געהן?--

–ר׳ חײַקעל: ביזט פערריקט, בערגעל! אַ יוד אַ געוועזענער שוחט און חזן וועט זיך צוזאָגען אין אײַן אויסגעלאַסענעם טע־אַטער?!–עס איז שוין גענוג בושה, אַז אַ חזן געהט זײַן פּאַר געלד אַ קאָמעדיאַנט אין אַזאַ שמוציגען פלאַץ, זאָל איך נאָך אויך געהען און נאָך געלד געבען?! וואו איז דער חזנישער שטאַט? וואו איז אַם ענדע אויך אונזער רעליגיאָן?–

–בערגעל: חע, חע, חע, רעגיליאָן!

–ר׳ חײַקעל: דו לאַבסט נאָך, בערגעל, אַז אָך און וועה איז דיר מיט דײַן געלעכטער, עם הארץ! קאָנסטו ניט זאָגען: ר–ע–ל–י–ג–י–אָ–ן?

--בערגעל: מילא! איך בין אײַך מוחל, ר׳ חײַקעל, רעליגיאָן, רע־גיליאָן, איז עס דען סײַ ווי ניט קײַן אויסגעבלאָזענע ווער־טער?! וואָס איז מיר די רעגיליאָן, דאָס הייסט, איך מײַן רעליגיאָן, פון די אַלע לאַפּצעררעקעס?--איך האָב אײַך, שײַנט מיר, אַ מאָל שוין דערצעהלט, ר׳ חײַקעל, דאָס איך בין זעהר שטומפּיג אין דער אירבע, די קלײַנע אויסעלעך (אותיות) קען איך ניט; מײַן טאַטע דער צירולניק, איז שטענדיג פערטראָגען געוועזען מיט דעם פלעשעל און מיט דער ליאַטפע און האָט גאָר קײַן צײַט ניט געהאַט מיך

אין חדר צו געבען. ווער דען זאל געווען זארגען פאר
מיר - די שטיף-מאמע, די שלאנג?! א סוף, איך ווייס גאר
ניט וואס מען דאמעמט.

ר' חייקעל. איי, בערגעל! זאג: „וואס מע דאווינט".

בערגעל. נו, לאז זיין וואס מע דאווינט, איך גיה זאגאר
יום-ם-רעים אויך ניט אין שוהל.

ר' חייקעל. ניט יום-ם רעים, זאנדערן „ימים נוראים".

בערגעל. מערסי, נור קיין ראב וועל איך שוין סיי ווי סיי ניט
זיין. אבער צו דער זאך: וועט איהר געהן, ר' חייקעל
אויף דעם קאנצערט? קאן איך אייך פערקויפען
א בילעט?

ר' חייקעל. ניין! - איך האב אין מיין לעבען געהערט די בעסטע
חזנים פון דער וועלט, מיר ליעגט נאך אין טעם דאס
„שכולה אכולה" פון דעם ווילנער בעל הבית'ל, צלאל'ס
„אתה נותן", וויינטרויב'ס „ומפני חטאינו", פיצי'ס „נלוים",
בלומענטאל'ס „ונתנה הוקף", באכמאן'ס „אתה יצרת", פייסי
חאטינער'ס „אב הרחמים", וואס ראזומנע פלעגט מיט
אים אבנעמען די וועלט. און איך האב ליעב צו ערשט
הערען „נוסח התפלה" ווערטער, איידער איך הער א
חזן אויסשרייען, וועיל אונזער סינאגאגאלע געזאנג ווערט
אנגערופען „שיח שפתים", די רעד פון אונזערע ליפען.
און וועיל דער ווארשיבור קומט נור שרייען די קאמפאזי-
ציאנען, וואס ער האט שוין לאנג אויסגעגרייגערט דורכ'ן
גראמאפאן אין אלע יאטקעס נעבען דער בוינע אז די
גאל געהט שוין איבער ווען מען געהט דארטען דורך, איז
ביי מיר פשוט א סמן, דאס ער מוז זיין א יוד א דראנג, דאס
הייסט א שרייער, ניט קיין דאוונער.

בערגעל. הערט-זשע, ר' חייקעל, איב האב אייך גאר ניט געקענט פאר
אזא פאנאטיקער! דער העלדען טענאר מירשזווינסקי האט
געמאגט מאכען צוויי טוזענד רובעל פאר אנ'ארויסטריט אין
דער היעזיגע אפערא, די וויאלציווא האט געמעגט מאכען

3000 רובעל אין דער נײַער בירזשע פאַר איהרע
ציגאַנערישע ליעדער, און גרונם טאָר ניט מאַכען אַ פּאָר
הונדערט רובעל פאַר אַ קאָנצערט אין סיביריאַקאָװער
פאַרס=טעאַטער אָדער אין יוניאָן=זאַלע?!

ר׳ חײַקעל. יאָ, נאָר װאו איז דער חלול השם, אויסשרײַען יודישע תפלות
פון דער סינאַגאָגע אין פאַרס=טעאַטער פאַר שקצים און שיק=
סעס און צירולניקעס און בורדעלניקעס פון אַלע נאַציאָ=
נען און נאָך דערצו פאַר דעם נר תמיד פון דער הײליַ=
גער איקאָנע?!

בערגעל. נײן, ר׳ חײַקעל! דאָס פּערדריעסט מיר שוין אַ ביסעל, װײַל
איר האָט שוין אַ ביסעל אריבער געפּיטשעװעט. איך בין
טאַקע אַ פּראָסטאַק, נאָר שװינדלער קאָן איך ניט אָנ=
קוקען. מײנט איהר באמת, דאָס די אַלע, װעלכע לויפען
יום=ם=רעים אין די שוהלען לויפען אויס פרומקײט, אויס
רעגיליאָן?! דער קאָפּ זאָל בערגלען אַזוי ניט קרענקען
װי עס איז ניט אמת. זײ געהען פּשוט הערען זינגען. די
שוהל װעלכע האָט אַבעסערן חזן האָט אויך מעהר דאַ=
װנער. זענען דען די גבּנים (גבאים) ניט קײן אַנטרעפּרע=
ניאָרען?! זענען דען די חזנים ניט קײן קאָמעדיאַנטען?!
איז דען די שוהל ניט קײן טעאַטער, װאו די פּלעץ זענען
אײַנגעטהײלט אין פּאַרטער, אַמפּיטעאַטער און גאַלערעע?
און װערען דען די פּלעצער ניט פערקויפט צו פערשײדע=
נע פּרײַזען װי אין אַ טעאַטער?—ניט װי אין קלויסטער,
װאו יעדער שטעהט װאו ער װיל, און װען אײנער פון
דער גאַלערעע װאַגט זיך צו זעצען אין שוהל העכער פון
זײַן פּלאַץ װערט ער דען ניט אראָבגעפיהרט װי אין
טעאַטער?! אַלזאָ, װאָס פאַר אַ פרומע קאָמעדיע שפּיעלט
איהר, ר׳ חײַקעל, מיט בערגלען?! און װאו איז דען דאָ
פאַרהאַן רעגיליאָן, ר׳ חײַקעל?! און װאָס שטאָלצירט איהר
איבערהויפּט געגען אַ אונזעריגען?, איז דען קוילען אַ אינ=
דיק שענער, עהרליכער װי שאָבען אַ מאָרדע?! איז דען

בלאָזען אַ לונג רײַנער ווי דרעהען די וואָנציִם?!...

**ר׳ חײַקעל.** רעדסט, בערגעל, פונקט ווי אַלע אַנדערע דײַנעם גלײַכען וועלכע פערשטעהען נאָר שאלות צו פרעגען: וואָרום דאָס? וואָרום יענס? און ווײַסען ניט, דאָס יעדער וואָרום האָט זײַן דאַרום. ווי ריכטיג דאָס איז: „סתם מקשן עם הארץ!"

**בערגעל.** איך בעט אײַך, ר׳ חײַקעל, וואַרפט מיר ניט אַרײַן קײַן וואָלאַכישע ווערטער, איך פערשטעה ניט אַניאות.

**ר׳ חײַקעל.** ווען דו זאָלסט קענען אַרײַנקוקען אַביסעל טיפער און נאַכהער אַנאַליזירען, וואָלטען אַלע דײַנע שאלות אַוועק געפלויגען ווי רויך אין דער לופט. ווען דו זאָלסט אַביסעל מעהר וויסען פון רעליגיאָן און קונסט, און בעזונדערס פון אונזער שוהל־און ליטורגיע געשיכטע, וואָלסטו אַזעלכע שאלות: וואָרום אין קלויסטער? וואָרום אין דער קירכע? ניט געפרעגט. דו האָסט אפשר געהערט דעם שפריכוואָרט: „די קונסט געהט נאָך ברויט", דאָס הייסט אײַן קינסטלער האָט דאָס רעכט מיט זײַן קונסט זיך ברויט צו פערדינען ווי אַלע אַנדערע פאַכמענשען ווײַניגסטענס. אין יעדער לאַנד ווערט די קונסט קולטיווירט אויף 2 אופנים: ערשטענס אויף׳ן רעכנונג פון דער רעגירונג, ווײַל יעדער רעגירונג מוז זאָרגען פאַר קונסט ווי בילדונג, וויסענשאַפט און ליטעראַטור. זי האַלט אויס פאָליציי, מיליטער, גימנאַזיען, בעאַמטע, אוניווערזיטעטען, קלויסטערס מיט גײַסטליכער, סעמינאַריען און לעהרער און אויך קאָנסיסטאָריען, און מוז אויך אויסהאַלטען סקול־פטור און מאַלערײַ־שוהלען, קאָנסערוואַטאָריען מיט פראָפעסאָרען, טעאַטער און אַרטיסטען און נאָך און נאָך. און יעדע אמת׳דיגע רעליגיאָן, וועלכע מוז בעשטעהן פון צוויי עלעמענטען: אוים עטיק און עסטעטיק, וועלכע מוז מיט דעם שענעם פעראײַניגען אין זיך דאָס גוטע, ווערט אונטערשטיצט פון דער מלוכה פון אײביג אָן. אויף אַזאַ אופן פעראײַדעלט די רעליגיאָן די מוזיק און די מוזיק פערשענערט די רעליגיאָן אין די קירכען, דער צוועק דערפון–אויסער דעם

פּאָליטישען--איז. צו בּעלעהרען דעם פּאָלק אויך דאָס גוטע דורך דעם שענעס, ווי אויך צו פערעדלען דורך דאָס גוטע דעם געשמאַק פונ׳ם פּאָלק, און ווי מעגליך מעהר דאָס פּאָלק אין די קירכע אַנצוציהען. בקצור הדבר, די מלוכה האָט קיין מערקאַנטילנען צוועק, זי קומט ניט קיין געלד צו פערדינען, די סובּסידיען צו ערציהען אין רעליגיאָן און קונסט קאָסטען דער רעגירונג און דאָס פּאָלק אַ סך מעהרער. דער אופן פון קולטיווירען קונסט איז דער אידעאַלסטער.

עס גיט אָבּער נאָך איין אופן פון קונסט-קולטור: פּרי-וואַט קונסט-שולען פאַר סקולפּטור, מאַלעריי און געזאַנג, פּריוואַט-טעאַטער פאַר פאָרשטעלונגען, איין אַנטרעפּרענעאָר מאַכט זיך פון קונסט געשעפט, בּיי איהם איז די קונסט אַ מאַגאַזין פון בּאַקאַליי, אַ קלייטעל פון גאַלאַנ-טעריי אָדער שניט-סחורה. אוים אידעאַל--דער אַנטרע-פּרענעאָר איז אַ סוחר, איין שאַכער-מאַכער פערזאָן, ניט מעהר. יעדאָך, די קינסטלער, אויבּ זיי זענען נאָר ווירק-ליך קינסטלער, מוזען דאָ אויך, ווי דאָרט, אידעאַליש זיין איבּערגעגעבּען דער קונסט; זיי מוזען, פערשטעהט זיך, שטענדיג דערבּיי אויך זייער אינטערעס פאַר בּעסערער עקזיסטענץ ניט פערגעסען. אין דעם ליעגט טאַקע דער קאָנטראַסט צווישען קירכע און טעאַטער. די מייסטען טע-אַטאָרען ווערען אונטערגעהאַלטען פון פּריוואַטע אַנטרע-פּרעניאָרען אָבּער קיין איינציגע קירכע ווערט פון קיין אַנטרע-פּרעניאָר ניט געהאַלטען אַלס געשעפט. איצט ווערסטו שוין פערשטעהן וואָרום די קירכען זענען אָפען פאַר יעדען בּעזונדער, וואָרום איז די מוזיק בּיי די קאַטוילען אַזוי הויך אויפגעוואַקסען,--אַלעס ווערט, פּשוט, געשטיצט פון דער מלוכה.

אויך אין ירושלים אין בּית המקדש איז די מוזיק גע-ווען אין דער שפּיץ, מען האָט געזונגען, געשפּיעלט און אפילו געטאַנצט. דאָס אַלעס האָט אָבּער געדינט צו דער ערציהונג פונ׳ם פּאָלק, בּשום אופן ניט פון קאָנצערט וועגען,

אויך האָט מען דערבײַ פערפאָלגט אויך אַ נאַציאָנאַלע אידעע: כּדי די גאַנצע גײַסטיגע קראַפט פונ'ם פאָלק זאָל זיך קאָנ-צענטרירען אין דעם טעמפּעל. און והא ראיה, ווען מען האָט געוואָלט אײַנפיהרען דעם זעלבען גאָטעסדינסט אין אַנדערע מקומות, אויסער ירושלים, האָט מען עס פערבאָטען. פון טעאַטער איז גאָר קײַן רעד ניט אַז עס איז געוועזען פערבאָטען צו בעזוכען און מען האָט עס אָנגעקוקט ווי פער-ברענגען די צײַט אין אַ מושב לצים.

די זינגער און שפּילער האָבען זייער גאַנצע פעהיג-קײַט געווידמעט דעם טעמפּעל אַזוי, אַז אַלע מוזיק-היסטאָריקער ערקלערען די יודישע מוזיק אַלס גאָטעס-דינסט, אָבער ניט נאָר אַלס קונסט 1). אין פּריוואַט-קאָנ-צערטען האָבען זיי זיך קײנמאָל ניט בעטײַליגט. דאָס זעלבע דאַרף זײַן אויך בײַ הײַנטיגען טאָג אין דער שוהל, און די חזנים—וועלכע זענען ניט נאָר טעמפּעל-זינגער, ווי עס פיהרט זיך בײַ די קריסטען, קירכען זינגער, ווײַל זיי טראָגען אויף זיך אַ דאָפּעלטען אמט: פון זינגערס און גײַסטליכען—מוזען זיי די גאַנצע קראַפט זייערע ווידמען נאָר דער שוהל, אָבער ניט אַרויספּעקלען דורך די גראַמאָפאָנ'ס אַלע הײַליגע געזאַנגען וואוהין די וועלט האָט אײַן עק, און ניט אַרומשלעפּען זיך מיט דער הײַליגער סחורה ווי אַ יאַראָ-סלאַווער פאַקענטרעגער, אָדער ווי אײַן אַמעריקאַנישער פּעד-לער, אום גאָר זיך-ניט דער שוהל – מאַכען אַ נאָמען אָדער געלט צו פערשאַפען. אַנדערש נעזאָגט, דער חזן דאַרף דינען דער שוהל און ניט פערקעהרט. זעלבסטפער-שטענדליך, מוזען די חזנים פון דער געמײַנדע גוט בעצאָהלט ווערען, כּדי זיי זאָלען האָבען די מעגליכקײַט אַנשטענדיג צו לעבען. עס איז דעריבער אויך זעלבסטפערשטענדליך וואָס מען נעהמט געלד אין דער שוהל פאַר שטעדט

1) Die Entwickelung der synagogalen Liturgie von P. Minkowsky. Odessa 1902.

און מען עפּענט ניט אויף מהיר און טויער פאַר יעדען, ווייל די שוהל שטעהט, פּונקט ווי די יודען, אַנ׳אויסגעבויטע אויף לופט, קיין רעגירונג און קיין מענש שטיצט זי ניט, ווי עס איז טאַקע אַ מאָהל אויך פאָרגעקומען אין דעם גרויסען טעמפּעל אין ירושלים, וואו די רעגירונג האָט איהם געשטיצט און דאָס פּובליקום איז געווען „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים“. קען מען דען די פאָרשטעהער, וועלכע פערקויפען די שטערט, רופען מיט׳ן נאָמען אַנטרעפּרענעָרען נאָר דערי־בער, ווייל זיי זאָרגען פיר דעם עקאָנאָמישען עקזיסטענץ פון דער שוהל?! אָדער זענען דען די חזנים גאָר קאָמעדיאַנטען נאָר דערפאַר, ווייל זייער קונסט זוכט נאָך ברויט?! דאַגעגען איז איין אַנטרעפּרענעָר דער גבאי, וואָס דינגט אָפּ אַ שוהל כדי צו מאַכען פון איהר אַ געשעפט און אַ קאָמעדיאַנט איז יענער חזן, וואָס ציגיינערט אַרום פון שטאָדט צו שטאָדט קאָנצערטירען; אַזעלכער ענטווייהעט זיין אַמט. די טעאַטער־קאָמפּאָזיציאָנען, וואָס די חזנים זינגען אין די שוהלען, איז געגליכען צו דעם פרעמדען פייער (אש זרה) וואָס נדב ואביהוא האָבען געאָפּפערט אין משכן און זענען דערפאַר פערברענט געוואָרען, און דאָס געלט וואָס זיי מאַכען דורך די גראַמאָפאָנ׳ס און זייערע קאָנצערט־רייזען איז שמוציג ווי די שטיקער פליש וואָס עלי הכהנ׳ס זיהן האָבען געכאַפּט פון די טעפּ פון די קרבנות. מיט איין וואָרט, עס איז אַ גרויסע זינד מאַכען פון דער שוהל אַ טעאַטער, און נאָך אַגרעסערע זינד איז צו מאַכען פון אַ טעאַטער אַ שוהל. די יודישע תפלות און הייליגע געזאַנגען דאַרפען ניט מגולגל ווערען ביי די צירולניקעס אין די הייזער, אויף אַזאַ אופן אַז יזיען בערגעל, אָדער איוואַן, אָדער שאַרמיאַנץ שאָבט מיט׳ן גאָל־מעסער אַ אָנגעזייפטע מאָרדע פון אַ קאַצאַפּ, אָדער אַרמעניִן אָדער אַ יודען זאָל זיך דערוויַיל אונטערזינגען אַ „בבקרת׳ל׳ אָדער „אל דר במרומ׳ל׳. זיי טאָרען זיך

ניט וואַלגערען אין די שענקען בײַם זױפען און פרעסען, אין
די קלובען נעבען די קאָרטען-שפּיעלער, אין די בורדיעלען
נעבען די נואפים און זונות. און אַ יודישער חזן, וועלכער
שטעהט אַלס שליח-צבור פאַר אײַן עדה יודען אין די הײליגסטע
טעג, אין דעם הײליגסטען אָרט, כדי צו ערוואַרמען דאָס
ערקאַלטעטע רעליגיעזע געפיהל פון דער געמײנדע דורך
זײַנע געזאַנגען טאָר ניט פערקויפען די עהרע פון גאָט,
די עהרע פון דעם יודישען פאָלק, די עהרע פון דער שוהל
און אויך זײַן אײגענע עהרע—אויב ער פערמאָגט נאָר אַ
טראָפּען עהרע—און ערשײַנען מיט די הײליגע קלײדער, וועלכע
ער טראָגט אויף דעם יודישען מזבח, ערשײַנען אויף אַ ביהנען-
עסטראַדע פון אויסגעלאַסענעם טעאַטער פאַר שיקסעס
און שקצים, פאַר טראַקטירשטשיקעס, קאַבאַטשניקעס, מאַ-
לאָטשניקעס, ציִרולניקעס, בורדיעלניקעס און אַ ערב-רב
פון כל-מאמינים-שהוא, וועלכע קומען אַהין ניט גאָט צו
בעטען, זאָנדערן זיך צו בעלוסטיגען און צו אונטערהאַלטען
און צו הערען די קאַ־ענצען פון גרונם דעם גראַמאָ-
פאָנטשיק.

בערגעל. נו, און די עהרע איז שוין גאָר ניט ווערט?!

ר' חײַקעל. אַך, בערגעל! ווי שווער איז מיר מיט דיר צו רײדען איבער
דען בעגריף פון עהרע. פיעלע פערזאָנען זענען בעריהמט
געבליבען אין דער געשיכטע, אָבער ווי פערשידען איז
זײער בעריהמטהײַט! צום בײַשפּיעל, כזבי בת צור איז
געשיכטליך און ביבליש בעריהמט פונקט ווי דבורה הנביאה,
אָדער עכן בן כרמי איז ניט וועניגער בעריהמט ווי פינחס
בן אלעזר בן אהרן הכהן, דער חלוק איז נאָר, דאָס אײנער
איז פערבליבען אין דער היסטאָריע פאַר זײַן פערדאָרבענ-
הײַט און דער צווײטער פאַר זײַן זיטליכקײַט. מײנסטו ווירקליך,
דאָס ווען אַ עולם קומט זיך צוזאַמען אויף אַ פאָרשטעלונג
איז עס אַ גרויסער כבוד?! אויב אַזוי האָט דאָס קעלבעל
מיט די צוויי שווענצע, וועלכע מען האָט אויסגעשטעלט אין

באַ־אַגאַן וואַניקאָ רו=טיו=טיו אויף קוליקאָיואָ פּאָליע דעֶן
גרעֶסטעֶן כּבוד אין דער וועֶלט, ווייַל דאָרטעֶן זעֶנעֶן געֶוועֶזעֶן
אפשר 10000 דינסטעֶן , דוואָרניקעֶס , פּוהרמאַנעֶס קעֶכינס
בינדריוזשניקעֶס און נאָך אַזעֶלכעֶ לייַט. אַלעֶנפאַלס איז דאָרט
קייַן חלול השם ניט געֶוועֶן.

בעֶרגעֶל. ווייסט איהר וואָס איך וויל אייַך זאָגעֶן? ווי מניעֶ איזוויניטיעֶ,
ר׳ חייַקעֶל, איהר זעֶנט אַפּשוטעֶר שוטה! טרין=טראַוואַ אויף
אייַעֶר גאַנצעֶן שווינדעֶל מיט גאָט אין ציצית! איך געֶה מיט
אייַך אין געֶוועֶט, דאָס ווען די אַמעֶריקאַנישעֶ באַרישניאַ
דונקאַן די טעֶנצעֶרין, זאָל אום יומם=רעים אָבטאַנצעֶן אין
אייַעֶר שוהל אַפאָר שטיקלעֶך פון די בעֶריהמטעֶ חזנים, אַזוי
ווי זי טאַנצט שאָפּעֶן אין טעֶאַטעֶר, וואָלטעֶן אַלעֶ אייַעֶרעֶ
יודישעֶ גאָטס=גנבים אַהין געֶלאָפעֶן צו דאַוונעֶן און טאַקי צו
זעֶהעֶן... ווי זי טאַנצט. נאָך מייַן מייַנונג, איז די זאַך אַזוי:
דו האָסט, ברודעֶר, אַ שטימעֶ, געֶה זינג אין קלויסטעֶר, אין
שוהל, אין צירק, אין באָד, אין שעֶנק, אין צירולניעֶ, אין
בורדיעֶל, אין קלאָזעֶט, אַבי נעֶהם געֶלד. פאָנימאַיעֶטיעֶ?!

ר׳ חייַקעֶל. זאָלסט עֶס גאָר ניט דערלעֶבעֶן—עברין!

בעֶרגעֶל: נו, און וואָס הערט זיך עֶפּיס מכּה אַ בילעֶט, ר׳ חייַקעֶל?
איהר ווייסט דאָך, איך האָב געֶנומען אַ סך בילעֶטעֶן, עֶס
הייסט מען האָט מיר זיי אָן געֶוואָרפעֶן צו פעֶרקויפעֶן.

ר׳ חייַקעֶל. אַמאַי זאָל איך זאָגעֶן אַ ליגעֶן, איך וואָלט איהם זעֶהר געֶוואָלט
הערעֶן, נור ניט דעֶרלעֶבעֶן זאָלעֶן אַיעֶ מייַנעֶ שונאים מיט
בעֶרגלעֶן צו זאַמעֶן איך זאָל הערעֶן אַ יודישעֶן חזן דאַוונעֶן
קאָנצעֶרטעֶן אין אַ אויסגעֶלאַסעֶנעֶם טעֶאַטעֶר! איז דעֶן שוין
גאָר קייַן שוהל נישטאָ אין אַדעֶס, דאָס עֶר מוז דאַוונעֶן אין
מיטעֶן דער וואָך און אין אַ טעֶאַטעֶר?! פעֶ, צו וואָס מיר
זעֶנעֶן געֶקומען! (וויל פאָרט געֶהן שנעֶל.

בעֶרגעֶל. אין אייַעֶר ירגצין האָט איהר ר׳ חייַקעֶל. זיך פעֶרגעֶסעֶן זאָגאַר צו
געֶזעֶגעֶנעֶן זיך. (שרייַעֶט איהם נאָך) געֶהט געֶזונד, ר׳ חייַקעֶל,
און זייַט רוהיג: עֶס וועֶט זייַן אַ מנין אָהן אייַך.

אין צווייַ טאָג אַרום נאָך דעם קאָנצע־ט בעגעגענט בערגעל ר׳ חייַקלען, נור דער אימפעט איז שוין אביסעל אראָב. ר׳ חייַקעל קוקט איהם גלייַך אין געזיכט און בעמערקט, דאָס בערגעל איז עפּיס גאָר ניט אויפגע־עגט און פרעגט איהם: „נו, וואָס הערט זיך עפּיס, בערגעלע?״

בערגעל. האַ?—דאָס הייסט מכח דעם אייגענטליכען קאָנצערט?

ר׳ חייַקעל. יאָ.

בערגעל. איך ווייס? וואָס זאָל איך אייַך זאָגען? ע־ע־עס הייסט, עס איז געווען אַ סך מענשען, אפילו אַ פּאָר גבנים פון שוהלען, אַ מאַסע חזנים, אויסער איינעם, דיריזשאָרען אויסער צוויי. אויך זענען געוועזען אַ פּאָר גלחים וואָס האָבען וואַהרשייַנליך געלעזען אין די צייַטונגען, אויף דיא פּאַנען פון די שוויי־צאַר׳ס, אויף די ווענר פון די אויסגעמאָלענע קאַסטענס אויף די בינדיוגעס,אויף די אַפּישען־סלופּעס, אויף די פאָטאָגראַפיען אין די פענסטער פון דעם ערוואַרטעטען יודישען דוכאָוונע קאָנ־צערט, איז זיי אינטערעסאַנט געווען צו הערען. עס איז אויך געווען אַ פּאָליצייער קסאָנדז, וואָס האָט זיך בעזונדערס צוגעהערט און צו געקוקט... אָבער קיינער פון די גייַסטליכקייַט האָט קיין וואָרט ניט גערעדט, קיין מינע געמאַכט. איך האָב פון זיי די אויגען ניט אַראָב גענומען, און איך ווייס ניט אויב עס האָט זיי געפעלען אָדער ניין. שאַלאַשנע פעלצען איז געווען אַ מאַסע, אונזער צעך כמעט אין גאַנצען, די מאַסטער׳ס און געהילפען, אַלע זענען געוועזען.

ר׳ חייַקעל. איך וויל אָבער וויסען די הויפטזאַך: ווי איז דיר אַ־יין זייַן זינגען געפעלען?

בערגעל. ע— עס הייסט. אום קיין ליגען ניט צו זאָגען, זייַן זינגען געפעלט מיר ניט, ווייַל איך פערשטעה עס ניט; איך פערשטעה ניט די ווערטער און נאָך ווייניגער דאָס קאַטשען זיך, אויסער דעם שייַנט מיר, דאָס ער קאַטשעט זיך און האָט ניט קיין קאָלאָראַטור, ער קעהרט זיך קוים איבער. זעהט איהר אַ פּאָר קאַדענצען האָט ער אויסגעשריען זעהר הויך און זעהר שטאַרק וויא קאַרדינאַלי אין דעם לעצטען אַקט פון

גוגענאָטען. מאַכט מען דען בײַם יודישען דאַװנען אויך קאַדענצען װי אין דער איטאַליענישער אָפּערע?! אויב אַזוי קומט דאָך טאַקע װײַטער אויס אויף מײַנעם, אַז די שוהל איז אַ יודיש טעאַטער און נישט מעהר.

**ר׳ חײַקעל.** פערשטעהסטע מיך, בערגעל, מען מוז װיסען װאו דער חמור שטעהט: אין קעהלער איז ער װײַן, אין שטאַהל איז ער אַ עזעל. אַ געבילדעטער מוזיקאַלישער חזן, װאָס פערשטעהט פרוש המלות, װײסט שוין װאו צו שרײַען און װאו צו שװײַגען, אַ גראָבער יונג אָבער, אויב עס פעהלט איהם נאָך מוזיקאַלישע בילדונג, געהט אויס נור אויף עפעקטען, און עס געהט איהם ניט אָן אויב דער טעקסט פאָדערט עס, אויב עס איז מוזיקאַליש. נור װאָס קען איך װיסען װען איך אַליין האָב איהם ניט געהערט? נו און זײַן שטימע?

**בערגעל.** זײַן שטימע איז זעהר שטאַרק, אָבער ניט געשמאַק; זײַן אונטער=לאַגע איז זעהר שװאַך, זײַן מיטעללאַגע זעהר טרוקען, אָבער די אויבערשטע לאַגע איז װירקליך אַקראַפּט אַ לאַ קאַרדינאַלי, אָבער זינגען װי די אַרטיסטען אין דער איטאַליאַנישער אָפּערע דאָס רופען „בעלקאַנטאָ“—קען ער נעביך גאָר ניט; ער שרײַט, ער פילדערט און ברעכט אָב יעדען טאָן מיט אײַן „הע׳ אָהן פּיאַנאָ, אָהן פאַלצעט, אָהן עלאַסטיק, װי אָרענבוראָ האָט עס גוט פערשטאַנען. ער קעהרט זיך איבער װי אַ װאָלף װאָס האָט נאָר איין ביין. מיט איינעם װאָרט, עס טהוט מיר װילד הנאה װאָס איך האָב איהם געהערט, נאָר אויף דעם 2=טען קאָנצערט לויף איך ניט מעהר, די אויערען טהון מיר װעה איך האָב שוין גענוג. אַך, שאָדע װאָס דער מענש איז ניט, מוזיקאַליש ער האָט דאָך געקענט זײַן אַ צװייטער מירזשװינסקי.

**ר׳ חײַקעל.** און מיר האָבען יודישע מנגנים אויך געזאָגט: שאַדע װאָס ער איז ניט מוזיקאַליש, ער װאָלט אין דער שוהל געקענט װערען אַ צװייטער באַכמאַן, נאָר אָן קאָלאָראַטור. שאַדע װען מען װיל אָבענהמען די װעלט נאָר מיט דער נאַטור

ווי דער גאָלדענער פ'אָקען, וויא ישראֶ'יקעל פאַריזער, ווי לייבקע שאגת אריה, שלאָסבערג. יעצט פערשטעה איך אַביסעל פאַר וואָס ער האָט ניט געראַיוענט אין די אַדעסער שוהלען, ווייל דאָ קוקט מען ניט צווישען די פינגער, און ווען מע איז אַ דראָנג, אַ שרייער קען מען לאַנג ניט עקזיסטירען. שאַדע!

VII.

## אַ דיספוט אין די צייטונגען צווישען אַנ'אַדעסער רב און אַ וואַרשעווער דאָקטאָר איבער'ן קאָנצערט.

נאָך דעם דיאַלאָג צווישען ר' חייקלען און בערגלען איז אַוועק גע= גאַנגען אַ פּאָר וואָכען, אַ גוט מאָרגען—אַ גוט יאָהר און ווייטער גאָר ניט. פלוצ'לונג בעגעגענט בערגעל ר' חייקלען מיט אַ גרויס אימפּעט און ווענדעט זיך צו איהם מיט פאָלגענדע ווערטער:

בערגעל. ר' חייקעל! גוט וואָס איך האָב אייך בעגעגענט, איך זוך אייך שוין פון נעכטען אָן, עס האָט זיך נעכטען געקעהרט די וועלט באַ מיר אין סאַלאָן איבער־ גרונם דעם וואַרשיבור.

ר' חייקעל. וואָט? ער קומט שוין ווידער?--און וואָס פאַר אַ טראַקטיר וועט ער איצט דאַוונען?—

בערגעל. לאָזט אייך דינען, ר' הייקעל, שרעקט זיך ניט, ער קומט ניט. דער גאַנצער סיר=באָר איז אויסגעבראָכען איבער צוויי צייטונ= גען וועלכע האַמפּערען זיך איבער זיינע קאָנצערטען. ווי איהר ווייסט, בין איך דאָך זעהר אַ קליינער מינחען (מומחה) אין די יודישע קליינע פינטעלעך. איצט שטעלט אייך פאָר, אַ קליענט מיינער זיצט אין סאַלאָן, ער וואַרט דעם אָטשערעד און קוקט אַריין אין אַ יודישע צייטונג פערטיפט און זאָגט: „פּאָניאַטנע, האָט דער רב רעכט: עס איז אַ חלול השם פאַר אַ יודישען חזן אָנקליידען זיך ווי דער כהן גדול און געהן דאַוונען קאָנצערטען אין די שענקען פאַר אַנ'ערב=רב. וואָס אַפּלאָדירט איהם נאָך יעדען אויסגעשריי, און דער כהן

גדול לאָזט זיך זעהן אויף דער סצענע און מאַכט „בירעים" צו
דער היילינער ברענענדער איקאָנע און „ומשתחוים" צום
פובליקום פון שקצים און שיקסעס, וואָס האָבען איהם אַפּלאָ=
דירט, אַזוי וויא דער קלאָאון דוראָיו מיט זיינע חזירניקעס אויף
דער סצענע אין צירק. און דער רב פרעגט דיא גבאים
פון וואַרשעווער שוהל אין איין אָפענעם בריעף, וואָרום זאָרגען
זיי ניט אז גרונם זאָל דאָרט האָבען חיונה, ער זאָל זיך
ניט דאַרפען אַרומשלעפּען וויא אַ ציגיינער.

ר' חייקעל: אַך, עס טוהט מיר הנאה, וואָס אַ רב האָט אַם ענדע אויפ=
געהויבען זיין שטימע געגען דער קוקאָלנע קאָמעדיע. אַ יוד
פון אַ גאַנץ יאָהר וואָס גאָט האָט דיר געגעבען אַ שטימע
און אַ פרנסה, וואָס ווילסטו, איבערהויפּט פערזשערען די
וועלט? נאָר וואו איז די צייטונג?

בערגעל. כאַפּט זשע ניט, פרעהט אייך נאָך ניט אַזוי שטאַרק, ר' חייקעל,
לאָזט מיך צוערשט ענדיגען. בעפאָר דער ערשטער קליענט
האָט איבערגעלעזען און איבערגעזעצט אונז דעם אינהאַלט
פון זיין אַרטיקעל פון דער העבראַאישער צייטונג, צינדט
זיך אַ צווייטער קליענט אָן מיט רציחה אויף דעם ערשטען
לעזער און בעזונדערס אויף דעם אַדעסער רב, וואָס ער
מישט זיך אַריין אין פרעמדע געשעפטען וואָס געהען
איהם גאָר ניט אָן, און כאַפּט אַרויס פון דער טאַשע אַ שואַר=
גאָנישע צייטונג מיט דעם נאָמען „היינט" און לעזט דאָרטען
איין אַרטיקעל, פעליעטאָן פון אַ וואַרשעווער דאָקטאָר לעווין,
וואו ער שיינעצט גוט אוים דעם אַדעסער רב, און צווישען
די ביידע קליענטען איז געוואָרען אַ געשריי, אַ געפּילדער, עס
האָט שוין געהאַלטען דערביי זיי זאָלען זיך אַריין פאַלען
איינער דעם אַנדערען אין די פּיסקעס, מען האָט זיי קוים צוריסען.
איך האָב ביי זיי ביידען די צייטונגען אַרויסגעריסען
און געבעטען אויסצובאָרגען מיר זיי אויף 2 טאָג מיט דער
אַבזיכט אייך, ר' חייקעל, צו וויזען און בעטען איהר זאָלט זיי טאַקע
איבערלעזען און זאָגען מיר, ווער פון זיי ביידען האָט רעכט.

**ר׳ חײַקעל.** אַ שענעם דאַנק, בערגעל. צײַג מיר גלײַך די צײַטונגען (נעמט לעזען די צײַטונגען).

**בערגעל.** אָבער אַ בעדינג–איהר זאָלט מיר לעזען די צווײטע צײַטונג מיט דעם פעלעטאָן פון ד״ר לעווין פון אָנהויב ביז ענדע, זײ האָבען אַזוי געשריגען און געזידעלט זיך דאָס איך האָב פון פעלעטאָן קײַן אײנציגעס וואָרט ניט געהערט.

**ר׳ חײַקעל.** מיט דעם גרעסטען פערגעניגען (נעמט די צײַטונג „הײַנט“ און הויבט אָן צו לעזען דעם פעלעטאָן): „אַ אָפענע תשובה דעם אַדרעסער מורה הוראה ר׳ חיים טשערנאָוויטש. די גבאים פון דער וואַרשעווער שוהל, צו וועלכע איהר האָט אײַך געווענדעט מיט אײַערען אָפענען בריעף וועגען דעם וואַרשובור גרונם וועלען אײַך אוודאי ניט ענטפערען, גאָר פשוט דער פאַר ווײַל זײ לײענען ניט קײַן העבראַישע און ניט קײַן יודישע צײַטונגען“.

**בערגעל.** בראַוואָ בראַוויסימוס!—יעצט שעם איך זיך ניט מעהר וואָס איך בין אַזאַ גראָבער יונג, ווי באַלד אַז די גבנים פון דער וואַרשעווער שוהל קענען אויך ניט לײענען קײנע העבראַישע און קײַן יודישע צײַטונג הער איך אײַך שוין ווי דעם קאָטער.
ר׳ חײַקעל וועט נאָך דערלעבען דאָס בערגעל צירולניק וועט נאָך אײנשטימיג אויסגעקליבען ווערען פאַר אַ גבאי אין דער וואַרשעווער שוהל.

**ר׳ חײַקעל.** (לעזט ווײַטער): „דערפאַר מוזט איהר יוצא זײַן מיט מײַן תשובה, אַ תשובה פון ניט קײַן פער־אינטערעסירטען מענשען. ערשטענס האָט איהר, ווײַזט אויס, גרויס פעראיבעל, וואָס הער גרונם האָט פערקויפט זײַן שטאַרקע שטימע פערשײדענע גראַמאָפאָנען, וועלכע שפּיעלען יודישע הפלות פאַר אַלע שכורים, א. ז. וו. איך מײַן אַז אַוועק צו געבען די שטימע אַפאָנאָגראַף איז גאָר קײַן בזיון ניט“ (די נקבות, וועלכע שפאצירען גאַנצע נעכט אויף דער דעריבאַסאָווסקע אין אַדעס און אויף מאַרשאַלקאָווסקע אין וואַרשע מײנען אויך דאָס אַוועק געבען די עהרע איז גאָר קײן בזיון ניט: на вкусъ и на цвѣтъ товарища нѣтъ. (אנ. פ.מ.).

„נאָר להפך (דער יודישער „איפכא מסתברא״), דער פּאָנאָגראַף זוכט דעם בערִיהמטען זינגער אָדער שפּילער (ווי דער תלמוד זאָגט: דרכו של איש לחזור אחרי אשה ואין דרכה של אשה לחזור אחרי איש)״... האָסטו דיר אַ משל!

בערגעל. שוין ווייטער וואָלכיש! וואָס מורקעט איהר עפּיס צו צווישען די ציין וואָס איך פערשטעה ניט?—

ר׳ חייקעל. (לעזט ווייטער): „און דער פּאַר הערען מיר אין פּאָנאָגראַף נאָר אַזעלכע ווי נרונס, קאַרוזע, בעללינטשיאָני, וויאָלינטשע־ליסט גרינפעלד און אַנדערע בעריהמטע קינסטלער״ (ווי דער שיסטער באם מיט זיין געגזעגע שטימע און נאָך אַ סך משוררים אין אַדעס).

נאָר ווי געפעלט אייך דער משל? טעני לו בחטים והודה לו בשעורים! מען זאָל בעשולדיגען דעם פּאָנאָגראַף וואָרום ער האָט אַריין געשלעפּט גרונמ׳ן צו זיך אין בויך, וואָלט ער באַדאַרפט זיך פערענטפערען און ענטפערען: „איך זוך בלויז גרויסע קינסטלער״. דער אַדעסער רב פרעגט גאָר ווי אַזוי עס קומט, דאָס אַ שליח צבור, דער פאָרבעטער פון אַ גאַנצע געמיינדע אין אַזאַ אַנשטענדיגער שוהל שעמט זיך ניט איבער צו פּעקלען דורך דעם שמוציגען פּאָנאָגראַף הייליגע תפלות אין די שענקען, מאַלאָטשנעס צירולנעס און בורדיעלען, קומט זיך אַ וואַרשעווער דאָקטאָר און דערצעהלט מעשות פון קינסטלער, פון אַרטיסטען, וועלכע זענען אפילו ניט קיין דוואָרניקעס אין דעם קלענסטען קלויסטער אין אַ דאָרף. דער פּאָנאָגראַף איז איין אמת׳ר צדיק, פאַלקאָמען גערעכט, אָבער דער פּאָנאָגראַפּטשיק איז דערמיט נאָך ניט פערענט־פערט (לעזט ווייטער):

„ווערדי איז אויך ניט קלענער געוואָרען דער פּאַר וואָס״ אַ סך פון זיינע אַריעס ווערען געשפּיעלט פון קאַטעריני־קעס״—. רבונו של עולם! דער דאָקטאָר ווייסט, כביכול, גאָר ניט וואָס ער רעדט!—ווערדי האָט ניט אַריין געזונגען אין די

קאַטערינקעס, ווערדי האָט פערפאַסט מוזיק, די פאַבריקאַנטען האָבען געמאַכט קאַטערינקעס, און די קאַטערינקעס שפּיעלען וואָס זיי ווילען, ווערדי האָט מיט דער גאַנצער מאַכינאַציאָן ניכטס צו טהון; אויך שפּיעלען די קאַטערינקעס אַזעלכע אַלטע איינפאַכע אָפּערען, וואָס זייער אינהאַלט איז ליעבע, אָבער זיין רעקוויעס, וואָס איז שוין האַלב קירכליך, שפּיעלען זיי שוין ניט. ווען אפילו זיי זאָלען עס יאָ שפּיעלען, און אפילו ווערדי אליין זאָל געוועזען אַריין זינגען, דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז ווערדי איז ניט געוועזען קיין פויפּסט, זאָ-גאַר קיין קליינער גלח אין אַ קליין קלויסטעריל אין אַ קליי-נעם דערפעל, ער האָט איבערהויפּט צו טהון מיט דער קונסט, אָבער ניט מיט דער רעליגיאָן (לעזט ווייטער):

„הכלל, עס איז ניט קיין בזיון אַיועק צו געבען די שטי-מע דעם פּאַראַגראַף (וואָרום איז דאָס אַזאַ כלל?—), איי וואָס יודישע תפלות ווערען געהערט ניט דוקא ביי מלוה מלכה (?)—וועמען אַרט עס"...—. דאָס איז אַביסעל גערעדט אין אַ לאָבאָס שפּראַך, געהערטער הער דאָקטאָר! ערשטענס מוז דער דאָק-טאָר וויסען דאָס ביי מלוה מלכה ווערען געזונגען זמירות, אָבער בשום אופן ניט קיין תפלות; צווייטענס האָט גראַדע דער גראַמאָפאָן צופיהרט די יודישע תפלות אין די שענקען, אין בורדיעלען, וואו עס געפינען זיך אַ סך מלכות און אַ סך מלוה מלכות׳דיגע תכשיטים. און די פראַגע: „וועמען אַרט עס?—איזט אויך אַ געלעכטער.

איין רב מורה הוראה און ראש הישיבה ר׳ חיים טשערנאָוויטש פרעגט אין די צייטונגען: ווי לאָזט מען צו אַזאַ חלול השם? ענטפערט איהר איהם צוריק: „וועמען אַרט עס?״! עס זאָל איהם ניט געווען אַרען וואָלט ער ניט געווען געשריבען. און אויסער איהם אַרט עס אַ סך רבנים און אַזוי פראָם-רעליגיעזע יודען און אַלע אַנשטענדיגע חזנים, וואָס האָבען אין איין נאָגעל זייערען מעהר מוזיקאַלישע און אַלגע-מיינע בילדונג איידער אייער קליענט אין קאָפּ, וואָס האָבען

זײַער גאַנצען לעבען אװעקגעגעבען פאַר דער שוהל מיט איהר געשיכטע, איהר מוזיק, איהר ליטורגיע, איהר רעליגיעזע עסטהעטיק, װעלכע האָבען אין געזיכט געשפּינען די אַגענטען פון די גראַמאָפאָנען פאַר זײערע בקשות אַרײַן צו זינגען. זײ שעמען זיך מיט דעם שאַכער־יודען אין אַ כהן־גדול־אָרנאַט, װעלכער אַנשטאַט עפּיס צו לערנען, צו װיסען װאָס הײסט אַ געװעהנליכער מוזיקאַלישער אלף־בית, װאָס הײסט אַ יודישע מוזיקאַלישע סקאַלאַ און נאָך, זוכט ער זיך גאָר בעריהמט צו מאַכען מיט אײַן „הכצעקתה"! דורך אַזעלכע שענדליכע מיטלען, און איהר שטעלט אַזױ נאַאיװ די פראַגע: װעמען אַרט עס? אוי לאיתה בושה!

**בערגעל.** עה! ר׳ חײַקעל! איהר זענט שױן אין גרימצאָרען?! דאַן מעגט איהר גולם בענטשען װאָס איהר זענט געכטען דאָ ניט גע־װעזען. װען איהר זאָלט דאָ נעכטען זײַן װאָלט איהר געװיס געװען געקריגען אַ שען בינטעל פּעטש.

**ר׳ חײַקעל.** דאָס מײנסטו אַזױ, לײמענער גולם! און אַלע אַזױנע גראָבע יונגען װי דו, װאָס װײסען גאָר ניט װאָס זײ לעזען.

**בערגעל.** װײסט איהר װאָס מיר איז אײַנגעפאַלען, דאָס דער דאָקטאָר לעװין מוז זײַן אַ דאָקטאָר אָהן פּראַקטיק און זיך אָנגענומען תלים קריװודע, כדי צו מאַכען זיך דורכדעם אַ רעקלאַמע.

**ר׳ חײַקעל.** עס געהט מיר ניט אָן אויב ער האָט פּראַקטיק אָדער נײן, נאָר אײנס איז געװיס: קײן רעליגיעזען געשמאַק האָט ער אונבעדינגט ניט. און דערבײ מאַכט ער זיך זעהר לעכער־ליך װען ער װיל נאָך װײַזען, דאָס ער איז אַ געשטאָפּטער למדן, װי ער שרײַבט װײַטער: „מיר האָבען דאָך אַ מאמר: מעלין בקודש ולא מורידין"—עקעלהאַפט איז צו הערען אין שוהל אַ שענק־ליעד אָבער ניט פערקעהרט" (דאָס הײסט אַ שוהל־ליעד אין שענק). װאו האָט איהר זיך, הער דאָקטאָר, רעליגיעזע עסטהעטיק געלערנט? (לעזט װײַטער):

„אדרבה, די תפלות פון ראש השנה און יום כפור, װעלכע שבורים הערען אוים, װערען דערמיט חלילה ניט

ערניִעדריִגט (?) און קענען גאָר אויפהויבען די שכּורים".

פּפוי, וואָס פאַר אַ שקרן—די קאָמפּאָזיִציאָנען וואָס מען זיִנגט פאַר די שכּורים ווערען דערמיִט ניִט ערניִעדריִגט! זאָגט מיִר, איך בעט אייַך, העך דאָקטאָר, וואָס אַזוינס איז בייַ אייַך שוין יאָ ניִעדריִג, אויב דאָס איז נאָך ניִט גענוג ניִעדריִג? שכּורים, וועלכע קענען ניִט ריהרען מיִט זייערע הענד און פּיִס, מיִט זייערע פערגאָסענע אויגען, וועלען זיך דאַגעגען גייַס־טיִג אויפהייבען פון גרונס׳ס געמבּע אויף „אַ דייַשם אַ דייַ־שם"?!—מע לאַבּט איבּערהאַל פון דעם יודיִשען סאָפּיִזמוס, פון דער איִדעשער איבּערגעקעהרטער לאָגיִק, פון די רבּנים, וואָס זענען אומשטאַנד מטהר זיין אַ שרץ מיִט „קין טעמים", און אַט קומט זיך אַ וואַרשעווער דאָקטאָר מיִט אַקאַדעמיִשער בּילדונג מיִט איין איבּערגעדרעהטן שכל פון אַ פּיִלוויִשקער מלמד און וויִל אויסווייַזען, דאָס ווען דער גראַמאָפּאָן שרייַט אויס דעם „ונתנה תקף" אָדער „אשמנו, בּגדנו" פון דער שוהל איִן אַ רוסיִשען שענק, טראַקטיִר, בּורדעל פאַר שכּורים, זוללים וסובאים, נואפים און זונות, ווערען די תפלות חלילה ניִט ערניִעדריִגט, נאָר די שכּורים, נואפים, בּאָסיאַקעס און בּאָסיאוקעס ווערען גאָר דורך דעם בּעסער, לויפען גלייַך אַיועק פון זייער טמא אַרבּייַט, צערבּרעכען די פלעשליך, גיִעסען אויס דיִא מאָנאָפּאָל־קעס אויף דער ערד, שפּייַען זיך אייַנער דעם אַנדערען איִן פּנים אַריין, פּאַלען אויף דיִא קניִעס, רופען דעם שוהל־שמש ער זאָל זיי שלאָגען מ־קות און קלאַפּען זיך איִן האַרצען": „אשמנו", „על חטא", „והוא רחום „יכפר עון"?! און דערום איז אַ בּעווייַז, דאָס מעלין בקודש ולא מורידין!!! צו בּעהויפּטען עטוואָס אַזוינס מוז מען ענטוועדער אַליין זיין אַ איִגנאָראַנט, עם הייַסט אני׳עם הארץ, אָדער איין אונפערשעמטער ליִגנער, וואָס רעכענט די גאַנצע וועלט לעזער פאַר עמי הארצים, וועלכע וועלען גלויבּען אַלעס וואָס די צייַטונג דרוקט, ווייַל עס איז

אונטערגעשריבען אַ וויאַרשעווער דאָקטאָר. איין עהרליכער געבילדעטער און געזונדער מענשען־פערשטאַנד קען אַזעלכע פּאַראַדאָקסען ניט בעגרייפען.

אין מיטעלאַלטער, ווען די יודישע שוהל איז נאָך זעהר אָרעם געוועזען אין געזאַנגען און פּי־אָזאָפּיע, דיכטונג, געזאַנג זענען נאָכגעמאַכט געוואָרען נאָך אַראַבישען מאָדער׳ען און אַראַבישע מעלאָדיען, וואָס זייערע מאַקאַמען פאָרמען זענען אין פיעלען זעהר עהנליך צו דעם בױ פון די יודישע סקאַלען 1).

דאָט אויסגעבראָכען אַ גרויסער קאַמפף צווישען די רבנים גאונים און משוררים, וועלכע דיכטען „שירי־ערב" און די חזנים וועלכע זינגען „לחני־ערב" אין זייער גאָטעסדיענסט. רב אַלפס, דער רמב״ם און נאָך גרויסע רבנים האָבען פּראָטעסטירט געגען די פיוטים, וועלכע האָבען זיך אַריינגעדרענגט מיט זייערע אַראַבישע פאָרמען אין דער תפלה, און די לחנים, די מעלאָדיען פון טרינק־ליעדער, וועלכע זענען אויך אַריין צוזאַממען מיט די פּיוטים אין די יודישע ליטורגיען. עס זענען אָבער געוועזען אַ סך מענשען אויך פאַר זיי, און איינער פון די פּראָטעקטאָרס, ר׳ מנחם די לונזונאָ, איז מתיר אין זיין ווערק „שתי ידות" די אַראַבישע לחנים אין דער שוהל מיט דעם גרונד: „מעלין בקידש ולא מירידין", דאָס הייסט פון אַ טימאה קען מען מאַכען אַ קדושה, אָבער ניט פון אַ קרושה אַ טומאה. דער דאָזיגער יודישער פּרינציפּ עקזיסטירט שוין יאַהרהונדערטען אין יורענטום. און פּלוצלונג קומט אַ וואַרשעווער גאון־הגאונים, המאור הגדול ר׳ ג׳ לעווין און קעהרט איבער דעם פּעלץ און פּסק׳עט, דאָס יודישע תפלות און מעלאָדיען פון דער שוהל קען מען זינגען אין שענק, כאָטש מע דאַרף ניט זינגען קאַבאַצקע געזאַנגען אין דער שוהל. וואָרום?—וויַיל מעלין בקדש ולא מורידין!—.איך בין ערב דאָס קיין ראַבינער אין דער וועלט וועט ניט מסכים זיין מיט דעם פּסק־דין פון דעם גאון ר׳ ג׳ לעווין שליט״א, און איך בין נאָך

1) Emil Neumann's illustrirte Musikgeschichte I Bd. Die Jslamiten S. 83.

אַ מאָל ערב, דאָס אויך קײַן אײַן גלח װעט ניט אײַנפערשטאַנ־
דען זײַן מיט דעם מיטעל פון דעם װאַרשעװער פסיכיאַטר
דאָקטאָר לעװין. אַ סימן האָבען מיר, װען די גראַמאָפאָנען
האָבען אָנגעפאַנגען צו זינגען תפלות און מעלאָדיען פון דער
רוסישער קירכע, האָט דער רוסישער סינאָד מיט פּאָבעדאָ־
נאָסצאָװ אין דער שפּיץ דאָס אַלעס שטרענג פערבאָטען. װען
דער רוסישער סינאָד זאָל דענקען װי דאָקטאָר לעװין, װאָלט
ער געװיס אַנגעװענדעט אַלע מיטלען און אַרום געשיקט
גראַמאָפאָנען מיט צערקאָװנע געזאַנגען אין אַ'ע שענקען
און גײַסטיג אוים צו הײַלען אַלע פּיאַניצעס, טונעיאַרצעס און
באָסיאַקעס. (לעזט װײַטער):

„צװײַטענס זענט איהר זעהר אין כעס װאָס הער גרונם
זינגט אויף דער סצענע אין רעליגיעזע קלײַדער, איך מײַן
אָבער (?)אַז דאָס איז אויך ניט אַזוי ש־עקליך װיא איהר מײַנט".

עס איז ניט אַזוי שרעקליך װי העסליך עס איז צו נוטצען די
קלײַדער, מיט װעלכע מען דיענט גאָט, מען פּאַלט כורעים, מען
טראָגט אתרוג און לולב, מען עפענט דעם אָרון הקודש, מען
שלאָגט זיך „על חטא", מען מאַכט הקפות, מע קלאָגט „איכה", מען
זאָגט צדוק הדין בײַ דיא טויטע און מען איז מסדר קדושין
כדת משה וישראל און נאָך און נאָך, — געהן זינגען אין אוים־
געלאַסענעם טעאַטער אויף אַ סצענע װאו עס הענגט אַ הײַליגע
איקאָנע, װאו עס ליעגט תשעה קבים זנות ופריצות, אום
פּאַר אײַן אויסגעשרײַ צו קריגען אַ בראַװאָ װי אַ פּאַיאַץ.
װײַניגסטענס גיט עס קײַן גלײַכען ניט אין אַלע רעליגיאָנען
פון דער װעלט אַזוי גרינג צו שענדען דעם אָרנאַט. אין דער
װעלט שטעלען אַקטיאָרען פיעל מאָל גײַסטליכע ראָלען אויף
דער סצענע, נאָר פאַרשטעלען אַקטיאָרסקע ראָלען אין
גײַסטליכע קלײַדער דאָס טוהן נאָר יודישע חזנים, דאָס הײַסט
אײַן יודישער חזן, און דאָס איז נאָך דער מײַנונג פון דעם דאָקטאָר
לעװין נאָך „ניט אַזוי שרעק־יך װי איהר מײַנט". און װי מײַנט
איהר, רבנו גרשון?־

בײַ יודען האָבען די בגדי כהונה געשפּיעלט זעהר אַ גרויסע ראָלע; דאָס געפינען מיר נאָך אין ביבעל אין דער ערשטער משכן־פּעראָרדערונג ביז דעם לעצטען גאָטעס־דיענסט אין בית שני („מניין לשנוי בגדים מן התורה? שנאמר (ויקרא, ו׳): ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים, ותנא דבי ישמעאל לימדה תורה דרך ארץ: בגדים שבישל בהם קדירה לרבו אל ימזוג בהם כוס לרבו״ (שבת דף קי״ד). עס וואַר בעשטימט פאַר דעם כהן גדול 8 קלײדער, פאַר דעם כהן הדיוט נור 4 קלײדער און די לויים האָבען געהאַט זײערע קלײדער. די רוימישע סאַטראַפּען האָבען אויסגענוצט די וויכטיגקייט פון די פּריעסטער־קלײדער פאַר פּאָליטישע צוועקען. זײ האָבען אָבגעשלאָסען די גאַרדעראָבען־צימערען (בית הנצוץ, בית המוקד) און ווען זײ זענען געוועזען אונצופרידען פון די יודען האָבען זײ נישט אַרויס געגעבען די פּריעסטער־קלײדער [1]). אין תלמוד ווערד זעהר פיעל גערעדט וועגען דעם, אין מסכת תמיד פרק ראשון: ת״ש בגדי כהונה היוצא בהן למדינה אסור״. און יעצט, ווען אונזער אײנציגע עבודה איז בלויז „שיח שפתים״, דאָס הייסט דאַוונען און זינגען, און די פאַרבעטער בענוטצען די קלײדער בײַ אַלע רעליגיעזע פונקציאָנען: אויף דעם מזבח, און בײַ אַלע הײליגע צופאַלען אויסער דעם מזבח, ווי דער כהן גדול, אָדער אַם וועניגסטענס, ווי דער כהן הדיוט מיט זײַנע בגדי השרד, איז דאָך זעהר העסליך צו זעהען די זעלבע קלײדער אויף אַ ביהנע עסטראַדע אין אַנ׳אויסגעלאַסענעם טעאַטער פאַר אײן קאָנצערט־לוסטיגעם פּובליקום. און נאָך העסליכער איז צו זעהען נאַכהער דעם זעלבען קאָנצערטאַנט מיט זײַנע בגדים הצואים פון דער סצענע אויף דעם מזבח אין דער שוהל ווי אײן כהן גדול. און דער וואַרשעווער מופלג רבנו גרשון מאור הגולה געפינט עס גאָר פאַר ניט אַזוי שרעקליך!! (לעזט ווײַטער):

1) Emil Schürer's Geschichte des jüdischen Volkes, II und III Band.

„פאַרוואָס זאָלט איהר בכלל זיין מעהר קלעריקאַל ווי די עכטע קלעריקאַלען־קאַטוילישע גייסטליכקייט? — אָט פאָהרט אַרום גאַנץ אוֹיראָפּאַ דער גייסטליכער פּעראָזי, אַ מקורב פון פּויפּסט, דיריזשירט אין פילהאַרמאָניע, טעאַטרען און איז אָנגעטהון ווי אַ גייסטליכער".

איך מוז איבער׳חזר׳ען דאָס, וואָס איך האָב שוין אויבען בעמערקט: צו שרייבען עטוואָס אַזוינס מוז מען זיין ענטוועדער איין איגנאָראַנט אָדער איין אונפערשעמטער ליגנער! דער דאָקטאָר האָט ווירקליך רעכט, מען טאָר ניט זיין קיין קלעריקאַל — כאָטש ווער איז דאָ דען קלעריקאַל? — מען טאָר אָבער אויך ניט זיין באַנאַל. יעצט זעה איך עס בעשיינפערליך אַרויס ווי אמת דאָס איז, דאָס „איין סאַפּאָזשניק דאַרף ניט זיין קיין פּיראָזשניק, ווי אויך קיין פּיראָזשניק דאַרף ניט זיין קיין סאַפּאָזשניק".

דער דאָקטאָר לעווין האָט געוויס שטודירט פיזיאָלאָגיע, פּאַטאָלאָגיע, גענעקאָלאָגיע, באַקטעריאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ פאַכען ער האָט שטודירט, וועלכע געהערען צום לעבען פון מענשען און פאַר וועלכע ער איז בעעהרט געוואָרען מיט דעם טיטול: „דאָקטאָר". דערפאַר אָבער האָט ער לח׳וטין דעם מינדסטען בעגריף ניט פון טעאָלאָגיע, ליטורגיע און איבערהויפּט, פון גייסטיגע מוזיק און רעליגיעזע עסטהעטיק: דאָס האָט ער אין זיין גאַנצען פעלעטאָן מעהרערע מאָהל זעהר דייטליך בעוויזען. נאָר דעריבער קען ער פערגלייכען די שענדליכע, גאַסיגע פערפּעבעלטע סינאַגאָגאַלע איבערגעקעהרטע קאָנצערטען פון אַ אונוויסענדען יודען מכל השנה, וואָס קען אַביסעל שרייען, מיט די ערהאַבענע, סאָלענע, גייסטרייכע, מוזיקאַלישע שעפּפונגען און ווירקליך גייסטליכע קאָנצערטען פון אַ הויכגעבילדעטען טיעפרעליגיעזען, גייסטרייכען, דענקענדען און בעגאַבטען קאָמפּאָזיטאָר פּעראָזי. אין דער צייט וואָס פּעראָזי ברענגט מיט זיך איבעראַל, וואו ער טרעט נאָר

אַרוֹיס, אַ קדוש השם פאַר דעם קריִסטענטוּם , און אַלע טעאַטאָרען, וואו ער איִנסצעניִרט זיַינע גייַסטיִגע שעפּפונגען, וואַנדעלט ער אום איִן הייַליִגע קיִרכען, וויִ אפרים לעססיִנג האָט איִן זיַין צייַט אומגעוואַנדעלט דורך זיַין „נַתָּן דער וויַיזע״ אַלע טעאַטער איִן קיִרכען אונד אַלע סצענען—איִן אַלטאַרען, און פון דאָרט געפּרעדיִגט רעליִגיִאָן און הומאַניִטעט, און פלעגט אַריַינבּרענגען אַלע זיַינע צוהערער איִן רעליִגיִעזען עקסטאַז, וויַיל אַלע זיַינע ליִבּרעטען ווירקען פונ׳ם לעבען און שטעלען פאָר וואונדער פון עַואַנגליום אַזוֹי, אַז די קאַטוֹליִשע קיִרכע איִז דורך דעם מעהר בּעפעסטיִגט געוואָרען, זי בּעוויַיזט אַז זי איִז נאָך פריִש פון רעליִגיִעזען זאַפט, פעהיִג פאַר פרוכטבּאַרקייַט פון דער קונסט און רעליִגיִאָן,—שלעפּט זיִך בּייַ אונז אַרום אַ יוּד מיִט זיַין בּיִסעל סחורה, איַין קרעמעל פון אַ פאָר שיִליִנג ווערט, און דורך זיַינע כביכול׳ריִגע קאָנצערטען לאַכט ער אוֹיס דעם יוּדיִשען גאָטעסדיִענסט, ער מאַכט דערפון אַ פּאַראָדיִע, וויִ אָפפענבּאַך האָט דורך זיַינע אָפּערעטען אוֹיסגעלאַכט די אַלטגריִכיִשע מיִטאָלאָגיִע. דורך זיַין אונוויִסענדען בּעגריִף פון רעליִגיִאָן, שוּהל־ווערדע און קונסט שטעלט ער פאָר, וויִ חם דעם טאַטענס ערוה, די שאַנדע פון אונזער שוּהל, די אַרמוּט פון דער יוּדיִשער קונסט און די אונוויִסענהייַט פון די יוּדיִשע שוּהל־קיִנסטלער.

**בּערגעל.** איִך זאָל אַזוֹי לעבּען וויִא איִך ווייס ניִט אייַן וואָרט וואָס איִהר רעדט צו מיִר. עפּיִס דרייעט איִהר אַ מוח און איִך בּיִן וויִ צעדוּלט. נוּר איִך מוז אייַך זאָגען דעם אמת: איִך האָבּ גאָר ניִט געוואוסט דאָס איִהר זענט אַזאַ כוואַט, אַזאַ וואָהלקעננענדיִגער. נו, נו!—

**ר׳ חייַקעל.** גערוּלד , בּערגעל!—איִך בּיִן אַליין גאָר ניִט אַזוֹי וואָהלקעננענדיִג וויִ דו מיינסט, נוּר איִן אַדעם האָבּען געלעבּט, און לעבּען נאָך איִצט, חזנים און דיִריִזשאָרען, וועלכע זיִצען איִן דער היים, זיִנגען ניִט איִן די גראַמאַפאָנען, ציִגאַנערען ניִט אוֹיף דער וועלט מיִט זייערע מוזיִקאַליִשע לאַוויִטשקעס, און

פונדעסטוועגען איז זייער נאמען בעוואוסט אויף דער גאנ=
צער וועלט, ווייל זיי האבען עטוואס געלערנט, און ל'ערנען
נאך אימער, עטוואס געשריבען, עטוואס קאמפאנירט,
און האבען געגרינדעט מוסטערהאפטע גאטטעסדיענסטען. פון
אזעלכע האב איך פערנומען, געהערט און געלערנט, און
ערקלער עס דיר, בערגעל, און אלע בערגעל'ס פון אדעס און
ווארשא, דאס עס גיבען צוויי סארטען הייליגע געזאנגען: 1 סארט
איז דער ליטורגישע געזאנג, און דער 2=טער סארט איז דער
גייסטיגע געזאנג; דער ערשטער איז מעהר ספעציפיש,
ריטועל, דער צווייטער איז טעהר אלגעמיין; דער ערשטער
איז בעגרענצט פון צייט און ארט, דער אנדערער דאגעגען
ווייסט ניט פון קיין צייט און ניט פון קיין ארט.

בערגעל. זאל איך אזוי ניט וויסען קיין בייזע וועטשערע ווי איך ווייס
ניט וואס איהר רעדט צו מיר.

ר' חייקעל. ווארט, איך ערקלער עס דיר באלד, בערגעל.
דער ערשטער סארט איז ליטורגיע, דאס הייסט דער עבודה=
געזאנג און די תפלות, וועלכע דיענען אלס פערמיטלער צווי=
שען מענש און גאטט. די תפלה ווערט בא יעדען פאלק
זעהר שווער אויסגעארבייט, פערפאסט, רעווידירט, אקצעפ=
טירט און קאנאניזירט. נאכהער געהט זי איבער בירושה פון
איין דור צום אנדערען דור און בעקומט דעם נאממען
„נוסח“ אדער „ריטוס“, דאס הייסט די ווערטער מיט זייערע
מעלאדיען ווערען מיט דער צייט טראדיציאנעל פעסט געש=
טעלט און פערהייליגט. אזא בעשטימטע ליטורגיע, ווי זי הייסט
אין העברעאישען: „תפלת=קבע“, איז ביי אלע פעלקער און
רעליגיאנען פון דער וועלט הייליג ווי דאס אויג אין קאפ.
ווי עס איז בעוואוסט איז דאס בעריהמטע ליעדערבוך (-Anti
phonar) פון דעם הייליגען גרעגאר געשלאסען געוועזען צום אל=
טאר מיט אייזערנע קייטען ביז דעם 9=טען יאהרהונדערט אין
פעטערס קירכע. אונד פיפין דער פראנצעזישער קעניג האט
אויסגעשריבען גרעגאריאנישע זינגער פון רוים זיי זאלען איינ=

פיהרען אין די פראַנצעזיש-קאַטוילישע קירכען דעם Cantus Romanus מיט אַלע איינצעלהייטען, אָדער ווי מיר זעהען אין ספר חסידים, דאָס מען זאָל ניט משנה זיין פון די אַלטע נגונים אין דער שוהל, ווייל אַלע אונזערע שוהל-מעלאָדיען זענען נאָך הלכה למשה מסיני, שנאמר: משה ידבר והאלהים יעננו בקול". קיין אָרדענטליכער קריסט, יודע און מוסולמאַנער וועט זיך ניט ערלויבען אַרויסטראָגען פון גאָטעס הויז זיינע הייליגע נגונים אין קאָנצערט-הויז, ווען אַ כהן האָט זיך ערלויבט-אין דער צייט פון בית המקדש אין ירושלים-טהון זיין עבודה אויף איין אַנדער פּלאַץ, אפילו אין מקדש חוניו אין מצרים, איז ער פּסול געוואָרען צו דער עבודה פון דעם הויפּט-טעמפּעל אין ירושלים. אַזוי דערצעהלט אונז די משנה (מנחות, פרק שלשה עשר, דף קיט): „הכהנים ששמשו בבית חוניו לא ישתמשו במקדש שבירושלים, ואין צריך לאמר לדבר אחר (רש"י: עבודה זרה), שנאמר: אך לא יעלו כהני הבמות אל מזבח ה' בירושלים" (מלכים ב', כ"ג). אין בית-המקדש זענען געוועזען, ווי היינט אין די בעריהמטע קירכען, גרויסע זינגער מיט אַלערליי אינסטרומענטען, כדי צו פערשענערען מיט זייערע שטימען און קלאַנגען פון זייערע אינסטרומענטען די הייליגע תפלות און מעלאָדיען ביים גאָטעסדיענסט. די יודען האָבען זיך אין דעם סאָרט געזאַנג זעהר אויסגעצייכענט, צייט דער ערשטער מינוט פון יציאת מצרים. ניט נור פּסאַלמען אַלערליי זינגער און שפּיעלער מיט פּראַכטפאָלע קליידער און צערע-מאָניעס האָבען אַנטייל גענומען אין דער ליטורגיע--אפילו דער כהן-גדול אַליין האָט אויך געמוזט האָבען אַ שטאַרקע דראַמאַטישע שטימע, ווי דער תלמוד דערצעהלט אונז, אַז ווען דער כהן גדול האָט אום יום-כפור אין לפני-ולפנים געבעטען און אויסגערופען גאָטס נאָמען, האָט מען זיין שטימע אַזש געהערט אין דער שטאָט יריחו. אַזוי האָבען זיי דאַמאָלס אָנגעווענדעט אַלעס אום צו מאַכען דעם טעמפּעל פּאַר

אַנ'אַלגעמײַנע צענטראַלע בעט-הויז פאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטען. עס איז געוועזען אַ פּרינציפּ: „כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים“. ווען אַ געצענדינער איז געקומען אין טעמפּעל גאָט בעטען איז זײַן געבעט אָנגענומען געוואָרען. דאַרום האָבען פירסטען און קעניגען געשיקט פאַר'ן טעמפּעל פּרעזענטען פון גאָלד און זילבער, קעניגען און קעניגינען פלעגען זיך צונויפ-קומען בײַצוואוואָהנען דעם פּראַכטפאָלען גאָטעסדיענסט אין ירושלים. דאַגעגען האָט מען גאָר נישט בעדאַרפט אַרויס-טראָגען פון דעם בית המקדש און פון דער ליטורגיע, ווײַל זיי האָבען גוט פערשטאַנען, אַז עס גיבען צוויי פאַקטאָרען, וועלכע דיענען לכבוד ולתפארת פונ'ם טעמפּעל: דער ערשטער פאַקטאָר איז דער זמן—די צײַט און דער צווייטער איז דער מקום—דאָס אָרט. נור ווען די בײדע פאַקטאָרען זענען אינאײנעם האָט די ליטורגיע איהר הײליגען גלאַנץ, פערליערט זי אָבער אײנעם פון די בײדע—געהט אויך דער גלאַנץ צו גרונדע.

דאָס איז געוועזען דער גײַסט פון דער יודישער עבודה, וועלכער איז נאָכהער געוואָרען פאַר אַ מאָדעל אין אַלע נײַע רעליגיאָנען און צוגעצויגען דאָס פאָלק דורך צײַט, אָרט און פּראַכט, און ערוועקט אין איהם די הערליכקײַט פון גאָט. עס איז אויך נויטהיג געוועזען צו ערהאַלטען די יראת המקדש אום צו בעשרענקען אַביסעל דאָס פאָלק (רמב"ם, מורה נבוכים, חלק שלישי פרק מ"ה), מען זאָל ניט קריכען צו אַלע צײַטען אין אַלע אָבטהײַלונגען פונ'ם טעמפּעל, ער זאָל זיך ניט בעטהײליגען אין דער עבודה, ער זאָל ניט אָנציהען אַזוינע קלײדער ווי די כהנים, ווי אויך די כהנים זאָלען קײנע קערפּערליכע און קײנע גײַסטליכע פעהלער בעזיצען, זיי זאָלען ניט טהון די עבודה ווען עס טרעפט זיך זיי זענען שכור.

אַזאַ גײַסט מוז אויך הײַנט הערשען אין דער שוהל אויב מיר ווילען איהר ערהאַלטען. די חזנים דאַרפען שטרע-בען צו מאַכען דען טעמפּעל אַלס אַ צענטער פון דעם יודישען

פאָלק, דורך אַנשטאַנד. מוזיק, וויסען דעם גייסט פון די תפלות און די געשיכטע פון דער מוזיק. אין שוהל קען אויך קומען דער בן הנכר, דאָרט זאָל ער זי רעספּעקטירען, אָבער ניט אַרויס שלעפען דעם גאָטעסדיענסט אויף דעם יאַריד, מאַכען דערפון איין מענשען־דיענסט, איין באַזאַרטשיק, איין טאָלטשאָק; אַזוינס טהוען קיינע אַנדערע קירכען־דיענער פון אַנדערע רעליגיאָנען, וועלכע מאַכען אונז נאָך. זאָלען מיר עס גאָר אַליין טהון?! יענע חזנים, וואָס האָבען ניט קיין בעסערען געפיהל פאַר די גאַנצע זאַך וועלכע זיי פערטרעטען, און ווילען דורך אוים, די וועלט זאָל וויסען דאָס זיי האָבען שטאַרקע אָדער שענע שטימען, קענען זינגען ווי זיי ווילען און וואו זיי ווילען, נאָר ניט אוים דער שוהל. די שטימען זענען זייער אייגענטום, די יודישע פּסאַלמען אָבער און די מעלאָדיען פון די תפלות געהערען דער שוהל, געהערען אונזערע עלטערען. דאָס איז פיעללייכט די איינציגע ירושה די איינציגע מטלטלים, וואָס מיר האָבען אין די צוויי טויזענד יאָהר פון אונזערעם נאַציאָנאַלען פערמאָגען מיטגעבראַכט. און קיינער האָט ניט דאָס רעכט צו שאַבערען מיט זיי אין פּובליטשנע הייזער, מיט דער געמיינער אַבזיכט גאָר אַלס אַטלעט אין זיין אַרט שטימע צו פערשאַפען זיך שענ־דליכען כבוד און שמוציגעס געלד דורך רעקלאַמעס, מעקלערס, אונטערפיהרערס, קלאַקערס, דורך גראַמאַפאָן, פאָטאָגראַפיען אין די צייטונגען, פאָטאָגראַפיען אויף די לוחות השנה און דורך אַלע איבעריגע טעאַטראַלע מיטעל. אין אַדעסער שוהלען האָבען מיר גרוים כבוד געהאַט דורך די חזנים. בעריהמ־טעסטע מענער פון דער רעגירונג, פון דער קונסט, די בעסטע לייט אוים דעם בן הנכר האָבען בעזוכט די שוהל און זענען ענציקט געווען פון דעם גאָטעסדיענסט. אויסער דעם קייזער אַלעקסאַנדר II, וואָס האָט דאָ בעזוכט די רישיליע־שוהל, האָט דער קעניג דאָן פעדראָ פון בראַזיליען, דורכרייזענדיג אַדעס, ספּעציעל בעזוכט אַ פרייטאָגדיגען אָבענד די בראָדער שוהל

אום צו הערען דעם שענעם גאָטעס־דיענסט פון דעם בעריה־מטען ר׳ ניסן בלומענטאַל, די גענעראַל־גובערנאַטאָרען, ווי גראַף סטראָגאָנאָוו, דרענטעלן, טאָטלעבען, האָבען זעהר אָפט בעזוכט די גרויסע רישעליע־שוהל, אום זיך צו פערגעניגען מיט דעם זיסען געזאַנג פון אַבראַם און נאַכהער פון באַכמאַן. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַרסעניעוו, און בעזאָנדערס דער פרינץ אָלדענבורגסקי מיט זיין פרוי, דעם קייזער אַלכסנדר III שוועסטער, האָבען זיך אַליין איינגעלאַדען ביי׳צואיואָרנען אַ פריוואַטאָגדיגען אָבענד דעם גאָטעס־דיענסט אין דער בראָדער שוהל אום נאַכהער די תפלות און געזאַנג צו בעוואונדערען. און וואָס פאַר אַ אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט געפינט איהר כמעט ביי יעדען גאָטעסדיענסט אין די אַדעסער טעמפלען, און וואָס פאַר אַ רעספּעקט עס טראָגט אַרוים די געזעלשאַפט. די מוזיקער, די אַרטיסטען פון דער אָפּעראַ מיט זייערע סאַיעסטראָ׳ס, ווען זיי קומען הערען די יודישע ליטורגיע אין דער בראָדער שוהל. דאָס אַלץ איז אַ קדוש השם, צוערציהען דאָס יודענטום אין אַנשטאַנד, צו געווינען דעם רעספּעקט פאַר אנזער ליטורגיע ביי די יודען און אויך צו צייגען דעם קריסטען אַז דאָס יודענטום האָט פערדיענט איין בעסערען ראַזיין איידער עס האָט, צו ווייזען, דאָס דער יודישער גייסט איז נאָך ניט איועק געלעגט געוואָרען אין „סטאַריאַ וועשטשי״, דאָס די יודישע רעליגיאָן פערבינדעט דאָס עטהישע מיט דעם עסטהעטישען. די אַלע חזנים אָבער האָבען ניט פערקויפט זייערע שטימען און די עהרע פון זייערע שוהלען דעם טייוועל, דעם גראַמאָפאָן. זיי זענען ניט אַרומגעלאָפען פון שטאָדט צו שטאָדט אין די טעאַטאָרען, אין די צירקען. אויך דער גרינג־סטער כאַראַקטער צווישען די אַדעסער חזנים, וועלכער וואַר אָבער אַ זינגער פון גאָטעס גנאַדען, ראַזומנע, האָט אויך גע־ראַט אַזוי פיעל ווערדע ניט צו פערקויפען זיין שטימע דעם פאָנאָגראַף.

## VIII.

ביז אהער האָבען מיר געהערט בלויז פון דער רייִנער ליטורגיע, פון דעם ערשטען סאָרט מוזיק, מיט וועלכען דאָס יורענטום קען שטאָלצירען, פון וועלכען עס האָבען געשעפּפט אַלע קירכען, און אויף וועלכע אונזערע מאָדערנע געזאַנגען זענען מעהר אָדער וועניגער געגרינדעט. עס איז פאַרהאַן אָבער דער צווייטער סאָרט, דוכאָיונע מוזיק, די וואָס טראָגט שוין אויף זיך דעם נאָמען קאָנצערט, וועלכע האָט דערזעהען דאָס ליכט פון דער וועלט אין דער קריסטליכער קירכע, און אין וועלכער דאָס יודענטום איז זעהר אָבגעשטאַנען. די דוכאָיונע קאָנצערטען זענען ניט קיין תפלות, זענען ניט קאָנאָניזירט פון סינאָד און שטעהען מחוץ פון דער געזעצטער ליטורגיע, און איבערהויפּט אויסער אויפּזיכט. יעדער קאָמפּאָניסט קען זיך פריי צוזאַמען שטעלען אַ טעקסט פון דעם אַלטען אָדער פון דעם נייַעם טעסטאַמענט, אָדער גאָר אַ הייליגע לעגענדע, אַ פערקניפּטע מיט רעליגיאָן, און דערויף שאַפען מוזיק. אַזעלכע געזאַנגען שטעהען ניט אינ'ם צירקול פון דער ליטורגיע, אָבער בייַ גרויסען פייערליכקייט וועלען זיי צוגעלאָזען בײַם גאָטעס־דיענסט אויך אין דער קירכע, זיי טראָגען דעם נאָמען „דוכאָיונע קאָנצערטען", אַלס אונטערשייד, פון איין זייט, פון פראָפאַנע קאָנצערטען און פון דער צווייטער זייט — פון ליטור־גישע געזאַנגען. אַזעלכע קאָנצערטען קענען אויפגעפיהרט ווערען איבעראַל, אין טעאַטער פונקט אַזוי גוט ווי אין דער קירכע. אָנגעפאַנגען האָבען זיך אַזעלכע דוכאָיונע קאָנצער־טען פון פּסאַלמען [1], נאָכדעם ווי דאָס קירכען־ליעד, קיר־כען־הימנען און נאָך אַנדערע געזאַנג פאָרמען פון דעם קירכען זינגביכערן (Enchiridien) האָבען דערגרייכט זייער העכערע שטופע און זענען געשטיגען ביז צום אָראַטאָריום,

1) Carl v. Winterfelds zur Geschichte heiliger Tonкmist II Bd. s. 25—40. Leipzig 1852.

וואו עס זענען געריכטעט, געאָרדנעט און אין מוזיק געזעצט געוואָרען גאַנצע רעליגיעזע האַנדלונגען. אַזוי האָט היידען געוויעה־ט פאַר זיינע קירכען־מוזיק שעפּפונגען „די שעפּפונג“ פון דער וועלט, וואו ער האָט פאָרגעשטעלט דורך מוזיק צוערשט דען תהו־ובהו און נאָכהער די אָרדנונג, דאָס ליכט, די זון, די שעפּפונג פון גאַנצען וועלט־אַל. אין דעם זעלבען קירכען־סטיל האָט ער קאָמפּאָנירט זיינע „פיער יאָהרעס צייטען“. אַזוי האָט הענדעל געוויעה־ט פאַר זיינע אָראַטאָריען „מעססיאַס“, וואו ער אין מוזיק געזעצט די גאַנצע מעססיאַנישע פּראָפּעצייאונג, וואָס גאָט האָט אַריינגעלעגט אין מויל דעם נביא ישעיה. ער האָט אויך געזעצט אין אָראַטאָריום די האַנדלונגען פון די מאַקאַבייער און זייערע וואונדערבאַרע נצחונות איבער אַנטיאָכוס עפּיפאַנאָס. ווי אויך די ביבלישע לעגענדע איבער „שמשון און דלילה“. אַזוי האָט מענדעלסאָן־באַרטאָלדי געזעצט אין מוזיק אין זיין אָ־אַטאָריום, „עליאַס“, די ביבלישע האַנדלונגען פון דעם דיספּוט צווישען אליהו הנביא מיט די נביאי הבעל. שפּעטער האָט ער אין מוזיק געזעצט די וואונדער פון דעם אַפּאָסטאָל פּאַאול אין זיין אָראַטאָריום „פּאַאולוס“. אַזוי האָט רובינשטיין מוזיצירט אַסך ביבלישע האַנדלונגען פון דעם אַלטען און נייעם טעסטאַמענטען. אַזוי האָט סאַנסאַנס פערוואַנדעלט זיין „שמשון און דלילה“ אין אַן אָראַטאָריום. אַזוי האָט פּעראָזי קאָמפּאָנירט אויסער זיינע פיעלע קירכען־מעסען אויך אייניגע אָראַטאָריען, ווי „Strage deglimnocenti“ אָדער „Ressureziono di Lazar“, און נאָך אַנדערע הייליגע טעקסטען אין מוזיק געזעצט האָט. די אַלע קאָנצערטען אָראַטאָריען זענען בשום אופן ניט קיין תפלות קבע, קיין אָבליגאַטאָרישע טיילען פון דער ליטורגיע, אָבער זיי פּערפאָלגען פאַר דער קירכע דעם זעלבען צוועק, אָבער דורך גענענזעצטע מיטלען. וועהרענד די ליטורגיע ציעלט שטענדיג שטאַרק נאָך קאָנצענטראַציאָן, דאָס הייסט זי וויל דורכאויס דאָס פאָלק זאָל געהן אין קירכע און

דאָרט רעליגיעז ערבויעט ווערען, אַזוי פערפאָלגען די בעשייַדענע דוכאָוונע קאָנצערטען דעצענטראַציאָן, דאָס הייסט מען זאָל דורך רעליגיעזע מוזיק איבעראַל איינפלאַנצען רעליגיעזע געפיהלען וואו נאָר דאָס פאָלק זיך בעפינדעט. די ליטורגיע לאָדעט דאָס פאָלק צו זיך, די דוכאָוונע קאָנצערטען לויפען נאָך דעם פאָלק. דער צוועק איז איינער און דער זעלבער: דורך עסטהעטיק צו הילפע צו קומען דער עטהיק.

און עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, דאָס די מיטלען האָבען זעהר געווירקט. דורך אַזעלכע קאָנצערטען איז די רעליגיאָן מעהר צעמענטירט געוואָרען. דאָס טעאַטער, וואו אַזאַ קאָנצערט ווערט אויפגעפיהרט, איז אַ פאָרשטופע צו דער קירכע, אַ פּרוזדור צו דער ליטורגיע און אַנדאַכט. יעדער דוכאָוונער קאָנצערט איז אַ נייַער נצחון פון דעם קריסטענטום. אַ קאָמענטאַר צום עוואַנגעליום. ניט אומזיסט שטאָלצירט דער קאַטאָליציזמוס, דאָס ער האָט געגעבען דער וועלט ניט נאָר רעליגיאָן, מאָראַליטעט און עטהיק, זאָנדערען אויך פּאָעזיע, פּלאַסטיק, אַרכיטעקטור, מאַלערייַ און מוזיק.

אָבוואָהל נאָך אונזערע מיינונגען האָבען די אַלע קינסטע גרויס געמאַכט דעם קאַטאָליציזמוס.

נאָר ווי די זאַך איז, איז יעדע שאַפפונג פון דער רעליגיעזען קונסט איין נייַער טריאומף פאַר דער קירכע. וואָס די אַפּאָסטאָלים האָבען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק געפּרעדיגט אין וואָרט, דאָס פעראייביגען און סאַנקציאָנירען די קירכען־קאָמפּאָניסטען אין טאָן, אין קלאַנג. אין זייערע ראַ־מאָניען פון די גייַסטיגע קאָמפּאָזיציאָנען סימבאָליזירען זיי די האַרמאָניע פון דער גאַנצער וועלט נאָך דער קריסטליכער אַנשאַאונג, די פעראייניגונג צווישען מענשען און גאָט, אָדער, ווי די קאַטאָליקען דריקען דאָס אויס דאָגמאַטיש: די אינקאַרנאַציאָן פון הייליגען גייסט אינ'ם מענשען.

מע מוז בייַוואָהנען אין לאָנדאָן אָדער ניו־יאָרק

מעֶססִיאַס=פאָרשטעֶלונג אִין דִי גרויסעֶ טעֶאַטאָרעֶן, נִיט כדי בּעָ=
גייַסטעָרט צוּ ווערעֶן פוּן דִי גְרהאַבּעֶנעֶ מעָלאָדִיעָן אוּן
רייַכעֶ האַרמאָנִיעֶן וואָס ווערטִ פוּן 1500 זִינגעָראוּן שפִּיעלעֶר
אויפגעָפִיהרט, נאָר כדי צוּ זעֶהעֶן מִיט וואָס פאַר אַ הייַלִיגעֶן
אַנשטאַנד עֶס קוּמט אַ קרִיסטלִיכעֶס פּוּבּלִיקוּם אִין אַ טעֶאַטעֶר
צוּ העֶרעֶן גייַסטִיגעֶ מוּזִיק. אִין בית המקדש, אום יום=כפור,
ווען דעָר כהן גדול אִיז אַרייַן געֶגאַנגעֶן אִין זייַן לפני=ולפנים
אויסצוּשפּרעֶכעֶן אִין זייַן געֶבּעֶט דעֶן שם=המפורש, האָט מעֶהר
אַנדאַכט נִיט געֶהעֶרשט, מעֶהר רעֶלִיגִיעֶזעֶ שפּאַננוּנג,
פרוּמִיגקייַט מִיט דִיסצִיפּלִינִירטעֶן אַנדאַכט צווִישעֶן פּוּבּ=
לִיקוּם, אַ״ס אִין דִי אִיצטִיגעֶ טעֶאַטאָרעֶן אִין דעֶר צייַט ווען
עֶס ווערעֶן אויפגעָפִיהרט אַ ־זעָלכעֶ אָ־אַטאָרִיעֶן—אַ פייַערלִי=
כעֶר עֶפּעֶנטלִיכעֶר קִירכעֶן=טרִיאוּמף אִיבּעֶר אִיהרעֶ פּראָדוּק=
טִיוועֶ פעָהִיגקייַט פאַר דאָס גוּטעֶ אוּן שעֶנעֶ. אוּן נִיט אוּמ=
זִיסט האָט דִיא קאַטוילִישעֶ קִירכעֶ צוּם הייַלִיגעֶן געֶמאַכט
נאָכ׳ן טויט דעֶם עֶרשטעֶן קִירכעֶן=מוּזִיקעֶר פוּן 16=טעֶן יאָהר=
הוּנדעֶרט, Palestrina, דעֶם מאַסטעֶר פוּן אַ סך קִירכעֶן=קאָמ=
פּאָזִיציאָנעֶן אוּן בּעֶזוּנדעֶרס פִיר זייַנעֶ „messa papae marcelli״
אִים פּאָלִיפאָנִיעֶן סטִיל. נִיט ווענִיגעֶר הייַלִיג אִיז אויך יאָהאַן=
סעֶבּאַסטִיאַן באַך בּייַ דעֶן פּראָטעֶסטאַנט פאַר זייַנעֶ קִירכעֶן=
קאָנצעֶרטעֶן אוּן בּעֶזאָנדעֶרס פאַר זייַנעֶ Passionen, אוּן
העֶנדעֶל אִין דעֶר אַנגלִיקאַנִישעֶר קִירכעֶ, ווִי אִין אוּנזעֶרעֶ
צייַטעֶן פּעֶראָזִי בּייַ דִי קאַטוילעֶן. אִיצט פּעֶרשטעֶהסטוּ שוין,
בּעֶרגעֶל, ווען דִי קִירכעֶ פּעֶרהייַלִיגט פּראָפּאַנעֶ מוּזִיקעֶר וואָס
האָבּעֶן געֶשרִיבּעֶן מוּזִיק פאַר דעֶר קִירכעֶ, מִיט וואָס פאַר
אַ שטאָלץ פּויפּסט לעֶאָ XIII אוּן אויך אַלעֶ קאַרדִינאַלעֶן
בּעֶטראַכטעֶן דִי קִירכעֶן=שעֶפּפוּנגעֶן אויף דעֶם טעֶקסט „דאָס
אויפעֶרשטעֶהן אלִיעֶזרים״, „דִי געֶבּורט יעֶזוּס״ אוּן נאָך אַזעֶלכעֶ
טעֶקסטעֶן, וועֶלכעֶ אייַנעֶר אַ זייעֶרִיגעֶר, אַ קאַטוילִישעֶר מאָנאַך
פּעֶראָזִי האָט אַזוי רעֶלִיגִיעֶז אוּן מוּזִיקאַלִיש פּעֶרדאָלמעֶטשט!
וואָס פאַ־ אַ שטאָלץ עֶס האָט צוּגעֶגעֶבּעֶן דעֶר גאַנצעֶר

פאָרשטעלונג דאָס קירכליכע קלייד פון דעם קירכליכען מוזיקאַלישען אַפּאָסטאָל פּעראָזי! און ווי קירכליך אַזאַ גייסט־ליכער קאָמפּאָניסט האָט זיך בענומען ביי זיינע קאָנצערטען! אַז אייניגע דאַמען זענען געקומען צו איהם אוף אַ קאָנצערט דעקאָלטירט האָט פּעראָזי פּראָטעסטירט און האָט ניט געוואָלט ערלויבען צו פּראָפאַנירען זיינע הייליגע קאָנצערט־אויפפיהרונג דורך אַ זעלכע פריייע ערשיינונגען. אויסער דער רעליגיעזע זייט האָט פּעראָזי געבראַכט אַ אָפּפער אויך דער רייגער און וויסענשאַפטליכער קונסט- דער מוזיקאַלישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַן און פיר זיך אויך געטליך. דורך די נייע האַרמאָניע אין קירכען־סטיל, דורך די פרומע צערקנירשטען מעלאָדיען האָט ער שטענדיג פערעדעלט און קולטיווידט זיינע צוהערער.

איצט וועלען מיר איבערגעהן, להבדיל, צו אונזער כביכול׳דיגען דוכאָווני, וואָס שרייט מיט דער שטאַרקער געמבע „אדיישם אדיישם" און נאָך אַזעלכע קאָנפעדראַציעס פון קרקפתא דעם דיריזשאָר מיט אַ מנין אָבגעשאָסענע משוררים. פון קונסט איז דאָ קיין רעדע ניטאָ, פון רעליגיאָן קען דאָ נאָך ווייניגער זיין די רעדע. וואָס דען איז דאָ פאַרהאַן? אַ אונקולטיווירטעס, אַ אונמוזיקאַלישעס נאַטור־שרייען. איז דאָס ווירקליך אַ פּראָדוקט פון דער שוהל, מיט וועלכען מיר דאַרפען שטאָלציערען, אָדער אפשר גאָר אַ גראָבע פּאַראָדיע אויף דעם ביסעל קונסט וואָס מיר בענוצען, וואָס מאַכט נאָר צו שאַנד, אַ רעליגיעזער געלעכטער און, נאָך מעהר, אַ קינסטלערישע חרפּה?--

קאָנפוציאוס האָט שוין מיט אַ צייט צוריק געזאָגט: „ווילט איהר וויסען ווי איין פאָלק איז מאָראַליש, דאַן הערט בעפאָר זיין מוזיק 1). אויב גרונם איז דער יודישער

1) W. Ambros, Geschichte der Musik 1' Bd. Die Musik bei den Chinesen.

פערָאָזי–ווייל ער טראָגט אויך די הײליגע קלײדער בײַ זײַנע באַלאַגאַן־קאָנצערטען – דאַן איז וועה צו אונזער מאָראַל, צו אונזער קונסט און אויך צו אונזערע דאָקטאָרען, וועלכע זענען ענטוועדער אונוויסענד אָדער ליגנער !–

בערגעל. ר׳ חײַקעל! ווײסט איהר וואָס איך וועל אײַך זאָגען? איהר אַלײן גיט איצט אויך אָב קאָנצערט, איהר זענט אויך אײנער פון די אַדעסער חדושים. ווען איהר זאָלט האַלטען אַזאַ רעדע אין אַנאַניעווי׳ס אילוזיאָן אָדער אין טימאָפעיעווי׳ס צירק וואָלט מען אײַך ענטוועדער אַפּלאָדירט אָדער אַרויסגעשמיסען.

## XI.

ר׳ חײַקעל. שלאָג מיר ניט איבער, בערגעלע, מיט דײַנע חכמות, איך האָב נאָך גאָר ניט אויסגעפיהרט וואָס איך וויל זאָגען. איך וויל אַביסעל רעדען איבער דעם מאַנגעל פון דוכאָוונע קאָנצערטען בײַ יודען.

די מאָדערנע שוהל־מוזיק–ווען מיר ווילען זי אָנרופען ריכטיג מיט דעם נאָמען מוזיק–איז ערשט 50 אָדער 60 יאָהר אַלט. ביז שלמה זולצער איז אין דער שוהל געווען–אויסער די סקאַרבאָווע נוסחאות, אין וועלכע עס איז ווירקליך פאַרהאַן אַ סך טראַדיציאָנעללע מוזיקאַלישע פערלען–אַ ווילדעס ברומען, דרעהען, שנאַרקלען, פאַנטאַזירען, ווי אײנער וואָס רעדט פון שלאָף, „כאיש אשר יעור משנתו״ (זכריה, ד׳, א׳), וואָס ער ווײסט ניט פריהער וואָס ער וועט זינגען און נאַכהער--וואָס ער האָט געזונגען. עס איז געווען אַ פּלוידערען, אַ ווירוואַר פון אינטערנאַציאָנאַלען געמיש, און בעזונדערס, אײַן אָריענטאַלישער זינגזאַנג, אַ נעזעלען אָהן מאָס, אָהן טאַקט און אָהן זאַץ. פון מוזיקאַלישע אַרכיטעקטור און סימעטרישע און אימעטרישע צוזאַמענזעצונג אין אַ גאַנצע געבײַדע, וועלכע הײסט: קאָמפּאָזיציאָן, האָט גאָר קײן רײד ניט געקענט זײַן.

אַ צוזאַמען זינגען איז געוועזען אַ קאַקאָפאָניע, קיין מעלאָדיע מיט פאָרמען, קיין האַרמאָניע מיט רעגעלען. די דאַמאָלסדיגע בעריהמטע יודישע זינגער זענען געוועזען ווילדע שרייער מיט שטאַרקע קולות, מיט לאָפענדיגע העלזער, מיט חריפות׳ן און פלפולים, ווי די דרשה פון אַליטווישען בעל־דרשן, מיט התלהבות׳ן, ווי דאָס דאַוונען פון בערשאַדער חסיד. און די יודען האָבּ זיי בּעטיטעלט מיט די נעמען: שאגת־אריה", „חרב־חדה" אָדער גאָר „פידעלע", „פלייטעלע". אַזאַ טיטולאַטור איז זעהר נאָהענט געוועזען צו דער תלמודישער טיטולאַטור: „עוקר הרים", „סיני" און נאָך אַזעלכע איבּערטריבּענע טיטעלס, וואָס קלינגען שען, אָבּער זאָגען גאָרנישט און האָבּען מיט דער מוזיק ניכטס צו טהון. דאָס איז געוועזען אַ ירושה פון דעם לאַנגען גלות, געטאָ־מוזיק, געטאָ־געמיינדען, געטאָ־טיטולען, און וואָס די יודען שרייען: „יודישער טעם" מיינט מען אויך געטאָ־געשמאַק, דער געשמאַק, אָדער, ריכטיגער געזאָגט: „אָבּגעשמאַק", געגען וואָס מען מוז, נאָך ניטשע׳ס לעהרע, ערקלערען אַ קאַמפף. זעהר טראַגיש איז דאָ געוועזען פאָלגענדעס: מיר, וואָס מיר האָבּען זיך אין דער מוזיק ענטוויקעלט כמעט פריהער פון אַלע אַנדערע פעלקער (אויסער עגיפטען) און האָבּען געדיענט אַלס מאָדעל בּיי אַלע נייע פעלקער אין זייערע ליטורגיען, — מיר זענען לײדער געבּליבּען די לעצטע אין דער ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער מוזיק, און האָבּען זיך געצוואונגען אויף דעם בּוכסיר נאָך אַנדערע פעלקער זיך נאָך צו שלעפּען.

עס האָט זיך אויסגעבּילדעט אין דער שוהל אַ וואָרט „זאָגען". דער אָנפאַנג דיעזעס זינגענדעס „זאָגען" איז זעהר אַלט אין דער געשיכטע פון דער מוזיק. אַזוי פלעגען געלעזען ווערען בּיי אַלע אַלטע פעלקער די דיכטונגען פון האָמער, עליאַדע, ווירגיל האָראַץ, די בּיבּעל מיט דעם טראָפּ, נאַכהער שיר השירים און נאָך און נאָך. דאַמאָלס איז דאָס זינגענדע זאָגען, אָדער לעזען, גערופען געוועזען בּיי די גריעכען „טראָפּוס", בּיי די רוימערען Cantilene

און בײַ די יודען „דבר בשיר": „ודברו הלוים בשיר", דאָס הײסט אונגעפֿעהר דאָסזעלבע ווי רעדען געזאַנגליך אײן אַרט מאָדערנע דעקלאַמאַציאָן, פּאָרטראַג. נאָר וועהרענד אַנדערע פֿעלקער האָבען ענטוויקעלט אַ רײַכע פֿערצווײַגטע מוזיק פֿון אַזאַ קאַנטילענע און פֿערשידענע בראַנשען און פֿאָרמען, אין פֿ־אָפּאַנער, הײליגער און ליטורגישער מוזיק אַנגעטהײלט, זענען די אונגליקליכע יודען גאַנץ צוריק געבליבען אין זײער עלענדער לאַגע און האָבען דאָס ביסעל טראַדיציאָן פֿערוויל־דערט, און „איבער־הסברה'ס" און „איפכא־מסתברא'ס" אין האַרשפּאַלטערײַען, אין דער גאַנצער טיעפֿער, שאַרפֿער לאָגיק פֿון תלמוד־שטודיאום, און אוים דעם אײַנפֿאַכען זינגענדען זאָגען האָבען זיך ענטוויקעלט צאַצקעלאַך, „יש לישב'לאַך", „כלומר'לאַך". עס האָט געהײסען „זאָגען שטײגער", וועהרענד די אַלטע קאַנטילענע, דאָס „דבור בשיר" איז געוועזען פֿריהער צוגעגרײט, וואו אויף צו הויבען די שטימע און וואו זי אַרונ־טער לאָזען, וואו אַ דגש (Forto) און וואו אַ רפה (Piano), וואו צו אַטמען (אײן אתנחתא) און וואו צו שליעסען (סיף פסוק), און דאָס אַלעס איז בעצײכענט געוועזען מיט הערגליפֿישע צײכען דורך נקודות, טראָפּען אין Neumen אָדער אויף גריע־כיש "Nomii, מיט אײן וואָרט עס זענען מעהר אָדער וועני־גער געוועזען גרענעצען, האָט זיך דער יודישער שטײגער־זאָגען אויסגעאַרבײט אין אַ פֿרײַען פֿלוידערען „מיניה וביה", וואָס עס איז אַרײַן געפֿאַלען אין ווילדען קאָפּ פֿון דעם זינגער בזה הרגע. צו אַזאַ מין זינגען האָט מען ניט געקענט זײַן אויפֿגעלעגט ווען מען האָט געוואָלט, ווי צום אַלטען „דבור בשיר", ווײַל דער זינגער האָט אימער בעדאַרפֿט זײַן „עד דלא ידע' און כדי אַרויס צורופֿען די שטימונג האָבען די זינגער צו געמאַכט די אויגען כדי אינערליך זיך צו קאָנצענטרירען ווי די גוטע יודען בײַ זײער תירה זאָגען. עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי מען גיט אײנעם אײַן שלאָף־געטראַנק ער זאָל אַנשלאָפֿען ווערען. דער זאָגער האָט צוערשט געמוזט

אויסער זיך ווערען, פערציקט, אריינפאלען אין א לעטאר־גישען האלבשלאף אום צו רעדען זא ווי פון שלאף. זא לאנג ער איז געוועזען ניכטער און וואך האט ער ניט געקענט רעננ־קען דאראן אונטערנעהמען א זינגאכטס אויף א סטעפ מיט הונדערטער ווערטער. אזוי האבען די חזנים תמיד מיט זיך געהאט משוררים, „פלעדערניקעס", וועלכע האבען צוערשט פאר־געזונגען א „שטעל" כדי צו הוידען א ביסעל דעם חזן, צו פערוווירען, צו פערציקען. און ווי די מוטער, וועלכע זינגט א ליעדעלע דעם וויינענדעם קינד אין וויעג כדי עס איינצושלעפערען, זינגט אזוי לאנג ביז זי הויבט אליין אויך זעהר אפט אן צוש־אפען: דורכ'ן ליער ווערט ניט נאר דאס קינד, זאנדערן אויך זי פאטא־לאגיש בעריוישט און בעטויבט ביז צום שלאפען (מיר געפינען דאס זעלבע ביי די יודישע פראפעטען, דאס זיי האבען אויך געברויכט מוזיק כדי אריינצופאלען אין עקסטאז און זענען דאן ערשט אום שטאנד געוועזן צו פראפעצייען, און געצענ־דינערישע נביאים האבען זיך אויך מיט עטוואס געמוזט לאזען בערוישען און זיי פלעגען פאלען—„נופל וגלוי עינים"—כדי צו פראפעצייען אין זייער בערוישונג),—אזוי האבען זיך די חזנים געלאזט בערוישען פון דער „שטעל", ווי די מאדערנע זינגער דורכ'ן ארגעל פרעלודיאום. און זיי זענען געוועזן האלב בעטויבט ווען זיי פלעגען אנפאנגען צו זאגען זייער „אב הרחמים" אדער „אתה זוכר" און האבען דאס פובליקום אויך היפנאטיזירט אין דער בערוישונג אזוי, אז פילע זענען ביים הערען האלב אדער גאנץ איינגעשלאפען ביז דער חזן ניט געענדיגט האט זיין זינגענדעס זאגען. אזוי איז אלעס געווארען אין ארדנונג ווען זיי זענען ווירקליך געוועז אום שטאנד פון לעטארגיע. ווען אבער עס איז זיי ניט געלונ־גען זיך זעלבסט צו בעטויבען און דעם ניכטערען שכל צו פערליערען, מיט אנדערע ווערטער: ווען זיי זענען געוועזן ביי די געדאנקען, האבען זיי אנגעפאנגען זיך צו

פערגוואַלטיגען דורך פ־וידערען צעה־ן מאָל איין וואָרט, זיך צו פלאַגען דורך דרעהען פסוקים, צו מוטשען זיך ווי אויף דעם טויט, כדי אַרוים צו ברענגען כאָטש אַביסעל בעגייסטערונג. דאָס איז געוועזען אַ ספּעקולאַציאָנס־געשעפט, אַ ריזיקאָ, און זעהר אַסך מאָל האָבען זיי געפּלוידערט, געבעבעט און קיין זאַך ניט אַרויס געבראַכט. אַזאַ סטיל פון זינגזאָגען רופט זיך ביי די מוזיקערן „סאָמנאַמבוליזמוס", דאָס הייסט ווי איינער רעדט פון שלאָף. די שטעל, דער טאָן, מיט דעם צוהאַלט, אָדער ברומען, פון די משוררים זענען אַלץ געווען מיטלען כדי אַרויס צורופען מאָמענטאַלע בעגייסטערונג. די היימישע חזנים האָבען נאָך אַזעלכע זינגזאָגען וועניגער קולטיווירט אַלס די הערומרייזענדע, וואָס האָבען געטראָגען דעם נאָמען „לאַנדס־חזן" גענען יענעם וואָס האָט זיך געמוזט בעגניגען מיט דעם נאָמען שטאָדט חזן, „ש"ץ, דמתא". דער לעצטער איז געווען אַ איינפאַכער „יורד לפני התיבה", אַריין אין גריבעל פאַר דעם עמוד און אַביסעל געדאַווינט, געזונגען, געזאָגט און געפּלוידערט . דער ערשטער אָבער האָט שוין געטראָגען דעם טיטול „עובר לפני דתיבה". ער איז אַרום געפאָהרען אויף דער מדינה, פון שטאָדט צו שטאָדט, פון איין תיבה צו דער צווייטער תיבה; יענער האָט ווילד געמאַכט נור זיין שטאָדט, דער אָבער האָט ווילד געמאַכט די וועלט; דער ערשטער האָט צייט געהאַט צו געפעלען אין זיין שטאָדט און מעהרערע מאָל דאַווענען ביז דער המון־עם האָט זיך געוואָהנט צו איהם; דער וועלט חזן האָט יעדען שבת געדאַווינט אין איין אַנדערער שטאָדט און האָט אַלע פסלנות'ן געמוזט טהון כדי צו געפעלען גלייך דעם המון עם. און עס זענען זאָגאַר געוועזען ספּעציעלע־קאָמפּאָדראַציעס (קאָמפּאָזיציאָנען) ביי די אַרומרייזענדע חזנים פאַר די רייזע, וועלכע זיי האָבען זיך געשעמט זינגען אין זייער שטאָדט. דיזע קאָמפּאָזיציאָנען האָבען זיי גערופען: „פרנסה זאַכען", „רייזע סחורה", עס האָט זיך ווירקליך בעוואָהרט דאָס תלמוד'ישע

וואָרט: „אשרי יושבי ביתך בחר אפי ואשרי המימי דרך בתמגיא אפי״, בײַ זיך אין זײַנער שטאָדט האָט זײַן דאַװנען געהאַט אײן פּנים, און װעג אָבער־אַכט פּנימ'ער: אַביסעל װאָלכיש, בולגאַריש, דײַטשעס, פּוילניש, אַראַביש, קאָזאַקיש, פאָלאָנעזיש און יודישען שטײַגער. עס האָט אויסגעזעהען װי די קאָלדרעס אין די דערפער, װעלכע װערען צוזאַמען גענעהט פון פערשידענע שטיקלעך און פאַרבען. עס דערמאָהנט מיך אַ סצענע װאָס איך האָב בײַגעװאָהנט אין מײַן יוגענד בײַ אַ גוטען־יודישען טיש אין טרעשפּאָלי. אַ גוטער יוד, דער בענדערער רב, איז געקומען אויף שבת פּרשה „כי תבוא״ נאָך טרעשפּאָלי. די הויפּט־חסידים פון דער שטאָדט װענען געװיזען ענטװײַדער סאַדיגורער אָדער טאַלנער, נור אַ קלײנע צאָהל פון די בעלי־מלאכות האָבען געהאַלטען פון דעם בענדערער רב. אײנער פון די טאַלנער חסידים, פאַר װעמען אַלע גוטע יודען האָבען געציטערט צו קומען נאָך טרעשפּאָלי, מיט דעם נאָמען הירשעל שײַנגעץ, איז פּלוצלונג געקומען צום טיש, דאָס הײסט צום װײַן, צום קוגעל און צו דער תורה.

דער רבי האָט איהם דערזעהען איז איהם נעביך קאַלט געװאָרען, נור עס איז גאָר ניט געװיזען צו מאַכען, דער רבי האָט פערמאַכט די אויגען, און נאָך דעם גרויסען פּאַטש אין טיש „שאַ!״ פון דעם גבאי, האָט זיך דער רבי צולאָזט, אָנגעפאַנגען פון בחינה, פון פּנימה, פון נסתר, פון נגלה, פון אבא ואמא, פון סטרא דימינא וסטרא דשמאלא און פון פּוינעל־מילך, ביז ער האָט נעביך מיט ביטערען שװײס צוגעפיהרט צום שלום: „ונזכה לביאת משיח צדקנו במהרה בימינו ונאמר אמן״. גלײַך דאַרויף האָט אַ קלונג געטוהן דער „כי אשמרה שבת״ פון אַלע חסידים און דער רבי האָט זיך בעפרוהיגט. תכף אָבער נאָך דער זמירה שטעהט אויף ר׳ הירשעל שײַנגעץ און פרעגט: „רבי! װאָס איז דער ענין װאָס אַ צדיק זאָגט תורה װען ער פאָהרט אין װעג? — פּשיט, װײַל ער פאָהרט אין װעג רעדט ער פונ'ם װעג. במה דברים

אמורים, ווען ער פאָהרט האָטש אַ גרויסען וועג, איהר, רבי, זענט געפאָהרען פון בענדער נאָך טרעשפאָלי, אין גאַנצען אַ וועג פון 8 מינוטען מיט דעם באַהן—און רעדט אַזוי גיזונט פון דעם וועג!!"—דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אויך ביי די אָרום־רייזענדע חזנים. ווען זיי זענען אָבגערייזט נאָר אויף איינינגע מינוטען פון זייער שטאָדט האָבען זיי שוין שרעקליך „געזאָגט" פון דעם וועג. ביים זאָגען האָט מען דעם טעקסט צובראָכען, צומאָלען, געמישט ווי מען מישט אַ קאַשע, אַ שטעל, אַ פּלוידער, און אַ טאָן האַלטען, אַ באָם מאַכען, אַ פּאָמקען, פּאָם! פּאָם! פּאָם! פּאָם! און ווען די אַלע מיטעל האָבען נאָך ניט געהאָלפען איז דער חזן געוואָרען אין כעס און האָט זיך נוקם געוועזען אין דעם טעקסט און צוגעזעצט איינענע ווערטער, ווי צום ביישפּיעל: דענאָם! דענאָם! דענאָם! אָדער: מאַב! מאַב! מאַב! אָדער גאָר אַכאַפּ געטהון אין איין אָטהעם: „טעראַ־ראַם־ראַם־ראַם־ראַם!" ביז ער איז גאַנץ איינפאַך מטורף געוואָרען, כדי נאַכהער מטורף צומאַכען זיינע צוהערער. פון די בעריהמטהייטען פון אַזאַ מין שזאַנער צום סוף פון 18 יאָהרהונדערט און דער ערשטען העלפט פון דעם 19 יאָהרהונדערט, וועלכע האָבען משוגע געמאַכט די יודישע וועלט, זענען געוועזען שקודער, קאַשטאַן, משה פּאָסטערנאַק, דודי'ל בראָדי, דער ווילנער בעל הבית'ל, משה בראָדיער, דער גאָלדענער פלאָקען, די חצופה, פּי־דעלע, קאַנאַריק, און די גאַנץ לעצטע: ניסי בעלזער, ברוך שור, ז'מן קאָנסטאַנטינער און נאָך. די אַלע זענען געוועזען שוהל־באַרדען אָדער טרובאַדורען, און די האָבען געפלאַנצט דעם יודישען טעם צווישען המון־עם אין רוסלאַנד, פּוילען, גאַ־ליציען, בוקאָווינאַ און רומעניען. פון דער דעמאָראַליזאַציאָן, וואָס עס האָבען אַריינגעבראַכט די רייזענדע לאַנדס־חזנים מיט זייערע משוררים אויף דער רייזע וויל איך דאָ ניט רעדען, זיי האָבען זיך דעמאָראַליזירט און נאָך מעהר די שטעדט, וואו זיי זענען דורכגעפאָהרען און האָבען געגעבען זייערע ווילדע שוהל־קאָנצערט. דער גאָטעסדיענסט האָט גאָר ניט געהאַט

קײַן אַנדער כאַראַקטער אַלס אַ פאָרשטעלונג, אַלס אַ פערגעניגען־ספּעקטאַקל. וואָס פאַר אַ אוראָד עס איז אויסגעוואַכסען דער יודישער טעם אים פערגלײַך מיט דעם ענטוויקעלטען געשמאַק פון די שבנ׳ישע פעלקער קענען מיר זעהען אויף די לעהרער. אין דער צײַט, וואָס אין די קירכען האָבען געבילדעט דעם געשמאַק אַמבּראָזיוס, גרעגאָריוס, גווידאָן, לאַסוס פּאַלעסטרינאַ, באַך, הענדעל, מענדעלסאָן און אין דער לעצטער צײַט פּעראָזי, האָבען אין דער שוהל געבילדעט דעם אָבגעשמאַקטען יודישען טעם דער נאָלדענער פּלאָקען, שקודער, קאַשטאַן, דער לאָמזשער, דער מירער, די חצופה, דאָס פּידעלע, דער בעלזער, דער ראָוונער, ישראליקע פּאַריזער, לײַבקע אַ־וקסטער, און אין דער לעצטער צײַט,—דער בוקאַרעסטער קלונס און דער וואַרשובור גרונס, ווי ט־ויעריג!—

דאַרפען מיר ניט זינגען דאָס ליעד, וואָס ר׳ המנונא סבא האָט אַמאָל געזונגען: „ווײ לן דמיהנן, ווײ לן דמיתנן״?! וועה איז צו אונז דאָס אונזער געשמאַק איז אַ געשטאָרבענער! און אַזוי זעגען די יודען אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט ערצויגען געוואָרען אויף אַ בערוישענדער, קרײַנקהאַפטער, חאָלערישער, אַנאָרמאַלער און נערוועזער מוזיק. איז עס דען אַ וואונדער, דאָס די וועלט־מוזיקער האָבען נאָר אָבגעלאַכט פון אונזער שוהל־מוזיק? גאַנץ אײַנפאַך!

אײַנער פון די בעריהמטע געלעהרטע און מוזיק־היסטאָריקער פון 18־טען יאָהרהונדערט יואַן ניקאָלאַעס פאָרקעל, דאָקטאָר פילאָזאָפיע און מוזיק־דירעקטאָר אין געטינגען, זאָגט אין זײַן אַלגעמײַנער געשיכטע פון מוזיק (לײַפּציג 1788), אין דער אָבטײַלונג „די מוזיק בײַ די העברעערן״: „אין די שוהלען זעלבסט איז די הײַנטיגע יודישע מוזיק ניט מעהר אַלס ענטוועדער אַ מוזיקאַלישעס בעטען, וועלכעס זוערט גלײַכזאַם געברומט אָדער געמורמעלט אין אײַנערלײַטאָן, אָדער, ווען עס פאַלט אײַן דער כאָר, אַ פירכטערליכער געשרײַ. ווען אַזאַ אַרט פון געזאַנגען איז אַ איבערבלײַבזעל

פון די אַלטע ראַיוידישע צײַטען, און עס האָט זיך, אַלערוואַר־שײַנליכקײַט נאָך, פון געשלעכט צו געשלעכט פאָרטגעפלאַנצט ביז צו אונזערע צײַטען, האָט מיט דער מוזיק פון אַלטע העברעער געמוזט פאָרקומען אײַנע ערבּאַרמליכע זאַכע[1], דען דער גאַנצער זינגזאַנג איז געװעזען מעהר לעטאַרגיע אײדער ליטורגיע.

ערשט די בעװעגונג צװישען די דײַטשע יורען, נאָך משה מענדעלסאָהן׳ס פעריאָר, נאָך אָרדנונג, נאָך בילדונג, נאָך אַלגעמײַנער עסטהעטיק און בעזונדערס נאָך שוהל רים־ציפּלין און ליטורגיש שענהײַט, האָט געשאַפען אַ בעריהמטען חזן אין װיען מיט דעם נאָמען שלמה זולצער, װעלכער האָט זיך אונטערגענו־מען צו קעמפּפען מיט דעם יודישען פאָלק „פאַר געשמאַק און שמעקען“. און מיט אַזאַ פערראָהטען, פערװילדערטען המון־עם האָט שלמה זולצער אונטערגענומען דען ריזען־קאַמפּף, װי ער האָט מיר זעלבסט געזאָגט אין יאָהר 1882: „איך האָב גע־קאַמפּפט און געזיעגט!“—.אין זולצערס פערזענליכקײַט האָבען זיך פעראײניגט דער קאָמפּאָניסט, דער פאָרבעטער, דער רעפאַרמאַטאָר און דער אַדמיניסטראַטאָר. ער האָט ניט נאָר געשאַפען מעלאָדיען און גערעגעלטע האַרמאָניען פאַר געזאַנג, ער האָט אױך געצײַגט אַ נײַען סדר העבודה אים רעטשיטאַטיב פאַר די חזנים. ער האָט זיך אומגעקעהרט צום „דבור בשיר“, ער האָט אָבער געװאָלט עס זאָל אױפהערען דאָס רעדען פון דעם װעג, דאָס אַ־אָפּגעהן פון די געראַנקען, דאָס װילדע זאָגען מיניה וביה פון דער העלער הויט; ער האָט געװאָלט מאַכען דעם קאַנטאָר צום געבילדיטען זינגער און אָרענטליכען פאָרבעטער; ער האָט געװאָלט, דאָס צו־ערשט זאָלען װערטער זײַן װערטער, ניט װאַרפען זײ װי די האָלעשקעס; ער האָט געװאָלט, דאָס דער חזן זאָל מעהר קײַן

1) J. N· Forkel's Allgemeine Gaschichte der Musik I Bd. S. 162 Le p-zig 1788.

דיזיקאנט ניט זיין, אויף הערען זינגען פון פייגעל-מילך, וואס עס פעלט אידם אריין אין מויל און דער צייט פון דאווענען, ואנדערן ער ואל זינגען געשריבענע רעטשיטאטיווע, וועלכע ער ואל פריהער אויסשטודירען מיט אלע מוזיקאלישע און ליטורגישע ניאנסען; ער האט געוואלט ריין מאכען די פערפעסטעטע שוהל-אטמאספערא, געוונר מאכען דעם ליטורגישען געזאנג, אויפוועקען די זינגער און דורך זיי פערפיינערען דעם געשמאק פון פובליקום; ער האט אויך געוואלט, דער חזן ואל אויפהערען צו זיין ענטוועדער א יורד לפני התיבה, אדער א עובר לפני התיבה, ואנדערען א „עולה על רובני", ווי דער כהן גדול אין בית המקדש, און אלע זיינע פערלאנגען האט ער פערקערפערט אין זיין פארטראג און אין זיינע „שירי ציון", וועלכע ער האט געשענקט דער שוהל, און האט דערמיט געלעגט א שטיין צו א נייער געביידע פאר דער שוהל-מוזיק. פון דאמאלסט זענען ווירקליך אויפגעשטאנען א סך מחברים און מסדרים, וואס האבען קאמפאנירט פאר דער שוהל. די ליטורגיע אין שוהל האט ווירקליך אויפגעבליהעט, דער גאטעסדיענסט האט זיך בענייעט אויף מעלאדיען, הארמאניען, רעטשיטאטיווען סאלען און רעספאנזען, וועלכע זענען אמת מוזיקאליש און ליטורגיש. סטיל האט נאך אונזער ליטורגיע ניט (צוליב אורזאכען וועלכע וועלען ווייטער ארומגערעדט ווערען), ושאנער אבער האט זי אין א געוויסען גראד יא. דאס אלעס אבער איז נור אינוועניג, אין דער שוהל, אין די געזאנגען, וועלכע ווערען בענוצט נור אין טעמפעל, אויף דעם אלטאר, אין זייער צייט, צווישען יודען, לעבודת אלהים. אויסער דער שוהל, אויף דער בינהנע, דאס הייסט פאר דובאיינע קאנצערטען האבען מיר נאך קיינע מאטעריע, קיינע אנדערע מוזיק אויסער דער ליטורגיע, דאס מיר ואלען זי עפענטליך אפישירען אלס „יודישע דובאיונע מוזיק". די שוהל-מוזיק קען גענוג שטאלצירען מיט איהר ערפאלג אין פערלויף פון 50 אדער

60 יאָהר אין דער פסאַלמאַדיע, אין דער מוזיק דער פסאַל־מען, וועלכע האָט גענומען אין דער קירכע מעהר אַלס 1000 יאָהר, אָבער פאַר'ן גייסטיגען קאָנצערט, און נאָך דאַצו פאַר אָראַטאָריען, פעהלט אונז אין אַלעס. מע קען אונז אויך ניט איבעל נעהמען, דאָס מיר אין דער קליינער צייט, און דאַצו אין דער בעשריינקטער לאַגע, אין וועלכער מיר בעפינדען זיך איבעראַל אויך אין די פרייע לענדער, אָהן מאָראַלישע און פינאַנסיעלע שטיצע, אין דער מאָדערנע מוזיק אין דער שוהל ניט אַזוי וויים פראָגרעסירט ווי די רייכע זעלב־שטענדיגע פעלקער האָבען דאָס ערדייכט אין דער צייט פון צוויי טויזענד יאָהר. אין טעאַטער קענען מיר שוין אונזער גרויסען טייל אין דער וועלט מוזיק אויסווייזען, אין דער שוהל אָבער ניט. און ניט גאַנץ אומזיסט בעשולדיגען אונז די אַנטיסעמיטען מיט דער טענה, אַז מיר זע־נען מוזיקאַלישע פאַראַזיטען, אַז אונזערע בעריהמטע אָפּערען און אויך אָראַטאָריען־קאָמפּאָניסטען ווי מייערבעער, מענדעלסאָן, הלוי און נאָך, זענען בלויז מוזיקאַלישע מעקלער, אָדער ווי וואַגנער זיי הערונטער שענדעט מיט דעם נאָמען „פערמיטלער", ווייל זיי האָבען אין זייער מוזיק קיין נאַציאָנאַלען באַזים און זענען מעהר אינטערנאַציאָנאַל, קאָסמאָפּאָליטיש, ווי וואַגנער שרייט אויס: „פון בעטהאָווען'ס סימפאָניע צו מייערבעער'ס אָפּער, וואָס פאַר אַ פורכטבאַרער שריט!" 1) וואַגנער און אַלע אוזערע מוזיק־געגנער פערגעסען נאָר צו צעהלען די צייט ווי לאַנג עס האָט געדויערט אין קריסטענ־טום ביז די קירכע איז אים שטאַנדע געוועזען צו פראָדו־צירען אַ בעטהאָווען און ווי שנעל דאָס יודענטום האָט פראָ־דוצירט אַ מייערבעער, צייט דער פראַנצעזישער עמאַנצי־פּאַציאָן. עס וואָלט מיך צו וויים געפיהרט, ווען איך זאָל

1) „The work and mission of my life" by Richard Wagner p. 23 Leipzig 1884.

זיך פערזעדען פון דער אַלגעמיינער יודישער מוזיק; אונזער אינטערעס איז איצט די שוהל און דאָס דוכאָווּנע קאָנצערט, וועלכען איך קען אין קיין אופן ניט אַנערקענען. מיר האָבען אַ ליטורגיע, וועלכע איז נאָך אויך ניט פאָלקאָמען געאָרדנעט און בּרויכט נאָך זעהר אַ סך אַרבּייט בּיז זי וועט אָרגאַניזירט ווערען. און מיט דעם בּיסעל ליטורגיע טרייבען מיר קאָנצער־טען, וואָס דינען מעהר צו ענטפּלעקען די פעהלער פון אונזער שוהל־מוזיק, איידער צו צייגען איהר גרויסקייט אָדער גאָר די מעלות טובות פון אונזערע דוכאָווּנע קאָנצערטען. מיר וועלען ניט רעדען פון פּרטים, פון די חסרונות אין אונזער שוהל־רעפּער־טואַר, ניט דאָ איז דער פּלאַץ דערפון, נאָר אין כּלל קענען מיר ערקלערען, אַז אונזער שוהל־מוזיק מוז מען אַנאַליזירען מיט צוויי אויגען: איינס מוזיקאַליש און דאָס צווייטע ליטורגיש. עס ניט זעהר אַ סך קאָמפּאָזיציאָנען אין דער שוהל, וועלכע זענען מוזיקאַליש זעהר שוואַך און אַ מוזיק־קריטיקער וועט זיי קיין מוזיקאַלישען ווערט גאָר ניט געבּען, דאָך זענען זיי אין זייער ריכטיגער צייט און אויף זייער ריכטיגען אָרט זעהר ליטורגיש ערהאַבּען. דאָס בּעסטע און אָריגינעלסטע אין אונזער סינאַגאָגאַלען רעפּערטואַר, אין וועלכען עס קומען אַלע סקאַ־בּאָווע נוסחאות און אויך אַ גרויסער טייל פון די רעפּאָ־מירטע מעלאָדיען זענען זעהר שוואַך מוזיקאַליש און זעהר שטאַרק ליטורגיש. אַלס בּיישפּיעל נעהמען מיר כאָטש אונזערע היילינע מעלאָדיע אויף „כּל נדרי", וואָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם אין דער וועלט, וואָס ברוך האָט גע־מאַכט דערפון אַ בּעריהמטען טשעלאָ קאָנצערט, און אויך דער גרויסער בּעטהאָווען האָט זיך בּעדיענט מיט איהר (Cismoll-quartet, Opis 131, Aвsatz 6, Adagio quassi poco An-dantino Takt 1.) און אַנאַליזירען זי מוזיקאַליש וועלען מיר זי געפינען זעהר אָרעם: דריי קורצע טהעמאַטען, וואָס בּעוועגען זיך אין אַ בּעשריינקטען צאָהל פון טענער (Aмвitus), קרייז־לען זיך אַבּיסעל הין, אַבּיסעל הער און פאַנגען אָן אין מאָל

און שלִיעסען אִין דור. מִיט אײן וואָרט, מוזִיקאַלִיש זענען זײ זעהר אָרעם, אָבער ווִי רײַך, ערהאַבען זײ זענען לִיטורגִיש אִין דער שוהל ערב יום כפור, וואו דִי צוויי הויפּט־פאַקטאָרען, דִי צײַט און דאָס אָרט, שטעהען בײַ דער זײַט, וואו דִי אַטמאָספערע מעהר אָדער וועניגער רעלִיגִיעז אִיז, ווען דאָס יודִישע האַרץ אִיז ערשִיטערט און דִי פּסִיכִיקע אִיז בעגײַסטערט דורך דער בעדײַטונג פון מאָמענט אִין רעלִיגִיעזען יודִישען לעבען. און דאַן, ווען אַנ׳אַנשטענדִיגער חזן מִיט אַנ׳אַנשטענדִיגען כאָר מִיט שענע רִיכטִיגע שטִימען זִינגען דִי מעלאָדִיע מִיט אַ בִּיסעל ערנסט, נִיט בלויז מִיט „אמרי פי״, נאָר אויך מִיט „הגיון לבי״, דערהויבען זײ זִיך בִּיז דער העכסטער שטופע פון אַנדאַכט, בִּיז דִי ערהאַבענסטע רעלִיגִיעזע אײנִיגקײַט צווִישען חזן און פּובלִיקום. אַזאַ עפעקט אִיז נִיט מוזִיקאַלִיש, זאָנדערן לִיטורגִיש. אִיצט נעמען מִיר צום בײַשפּיעל דעם זעלבען כל נדרי און פִיהרען אִיהם אויף אִין אַ געוועהנלִיכען אָווענד גאָר אִין אײן טעאַטער פאַר אַ געמִישטעס פּובלִיקום,— וואָס וועט פון אִיהם בלײַבען און וואָס פאַר אַ מוזִיקאַלִישע ווִירקונג קען ער אַרויסרופען?—גאָר קײנע! דִי גאַנצע מעלאָדִיע אִיז טאַקע יודִיש, אָבער נִיט מוזִיקאַלִיש. ווײַטער ווען מִיר נעהמען דעם זעלבען „טוב להודות״ פון לעוואַנדאָווסקי, „אדון עולם״ פון זולצער, וועלכע זענען געוואָרען אִין דער שוהל ווִי פּראָזעלִיטען, ווִי גרים, רופען אַרויס דאָרט אַנאַנדער עפעקט, שוין מעהר דורך אִיהר מוזִיקאַלִישען זײַט אַלס דורך לִיטורגִישער אִינערלִיכקײַט, אִין טעאַטער, אִין אַ געוועהנלִיכען וואָכען־טאָג, אָהן דִי צוויי הִילפסמִיטעל פון זמן און מקום און פאַר אַ געמִישטען פּובלִיקום, וועט עס מוזִיקאַלִיש צִימלִיך געפעלען, אָבער וואָס האָט עס דען צו טהון מִיט דוכאָוונער יודִישער מוזִיק?— עס אִיז אַבִּיסעל מוזִיקאַלִיש, אָבער גאָר נִיט יודִיש, און עס קען אַזוי גוט אויפגעפִיהרט ווערען אִין לוטעראַנִישער קִירכע פּונקט ווִי אִין אַ יודִישען טעמפּעל; טעאַטראַלִיש אִיז עס אַלעגפאַלס נִיט. דִי אונוויסענדע מאַסע וועט פִיעלײַכט אַפּלאָדִירען,

לײַדער איִז די מאַסע אַזוֹי ווענִיג קאָמפּעטענט פאַר אַזעלכע ערנסטע זאַכען, דאָס איִהר אָפּלױז איִז מעהר בלאָמאַשז אײַדער עהרע 1). איִצט ווערסטו אויך פערשטעהן, בערגעל, אַז ווען אײַנער רעקלאַמירט זיִך גאָר עפּענטליִך אַז ער וועט זינגען אַ יודישען דוכאָוונעם קאָנצערט איִן טעאַטער פון אַלערלײַ מענשען און מוזיִקער, פאַר גריִכיִשע, פּראַוואָסלאַוונע, אנגליקאַניִשע און קאַטוֹילישע גײַסטליִכער, וואָס ווײַסען גוט וואָס הײַסט גײַסטיִגע קאָנצערטען און וואָס הײַסט ליטורגיִע, און איִבערהויפּט פאַר איִנטעליִגענטע צוהערער, אפילו פון יודען, וואָס פערשטעהען אויך דעם אונטערשיִעד צוויִשען שוהל און טעאַטער, צוויִשען דאַיונען און קאָנצערט, און שלעפּט אַרוֹים אַ שטיִקעל תפלה פון דער שוהל אויף די ביִהנע פון טעאַטער, גיִט ער דערמיִט אַ צײַכען, דאָס ער איִז אַן עם הארץ מדאורייתא איִן דער רעליִגיִאָן און אַ בוּר מדרבנן איִן דער קונסט. ער צײַגט דערמיִט ווי אונוויסענד ער איִז איִן דער אַלגעמײַנער מוזיִק־געשיִכטע, איִן קיִרכע, עסטהעטיִק, איִן דער געשיִכטע פון זײַן אײַגענער שוהל, זײַן ליִטורגיִע, און מאַכט דעם יודענטום שאַנדע, ווײַל די פאָר קאָמפּאָזיִציאָנען, וועלכע וואָלטען בײַ אַנדערע פערהעלטניסען איִן דער שוהל געפעלען געוואָרען אויך דעם בן הנכר, פערליִרען אַלעם איִן טעאַטער, איִם געמיִשטען קריִסטליִכען און בלויז־קעפּפיִגען יודיִשען פּובליִקום, וועלכע ברײַנגט איִן טעאַטער אַ גאַנץ אַנדערע פּסיִכיִקע אַלס איִן שוהל אַרײַן. דאָס מוזיִקאַליִשע דענקענדע פּובליִקום מוז אונבעדניִגט קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז די יודען האָבען ניִט קײַן מוזיִק, זאָנדערן שרײַער. וואָס דען, ער רעכענט פּשוט אויף דעם אונוויסענדען המון־עם וואָס ווײַסט ניִט מאי דקאמרי רבנן, ער לעזט נאָר איִן די צײַטונגען פון חדושים איִן איִלוזיאָן פון דער גראָבער חאַלאַקאַלאַקוטשי, פון דעם וואַניִקאַ ריוטיוטיו־מזעאַטער אויף קוליִקאָווע פּאָליע מיִט׳ן קעלבעל מיִט די צוויי שווענץ, פון דעם גראַמאָפּאָנטשיִק, וואָס וועט

1) The Corruption cf musik . Spencer.

בלאָזען קאָנצערט אין סיביריאַקאָיום וואַריעטע־טעאַטער, און רופט, און פּאַטשט בראַוואָ, און גיט צו לעזען גרונס'ן פאַר „אַדריישעם אַדריישעם" און באַלד נאָך די תפלות—אין דעם בופעט פאַר אַ שטיקעל פון דער פיערפיסיגער חיה, וועלכע מען וועט מעגען עסען ווען משיח וועט קומען... דער פועל יוצא פון אַזעלכע קאָנצערטען איז, אַז דער המון־עם פערליערט פון איין זייט זיין גאַנצע רעליגיעזע פסיכיק, ווען ער קומט נאַכהער אין דער שוהל, פונקט ווי דער יונגער מאַן וואָס האָט געהערט דעם „צדיק כתמר יפרח" אין אַ וואַרשעווער בית הזונות און האָט איהם נאַכהער געהערט אין דער בראָדער שוהל. ער געוואָהנט זיך צום פרייען אונגעבונדענען טעאַטראַלישען בענעהמען, און דאָס נעמט ער נאַכהער מיט אין שוהל אַריין, אָדער ער האָט שוין מעהר ניט נויטיג צו בעזוכען אַ שוהל מיט איהרע שווערע גזרות מיט דעם ערנסטען בענעהמען זיך און טאַקע מיט דעם ראַיונען, נאָכדעם ווי ער האָט אַלעם וואָס ער זוכט אין דער שוהל און נאָך אַסך בעקוועמער געהערט אין טעאַטער. זיין געשמאַק יוערט נאָך מעהר באַרבאַריש אייד־ער ער איז פריהער געוועזען. ער געוואָהנט זיך צו צו ווילדען שרייען, ער געוואָהנט זיך צו הערען אַלע שוהל־תפלות ביי זיך אין דער היים, אין האַלב שמוציגע און גאַנץ שמוציגע הייזער צוערשט דורך דעם גראַמאָפאָן און נאַכהער דורך דעם גראַמאָפאָנשטשיק. וואָס פאַר איין איינדרוק קאָן אויף איהם נאַכהער מאַכען די שוהל, דער דראַמאַטישע־טענאָר, וועלכער פאַרשטעלט זיך כלומרשט פאַר אַ גאָט־בעטער, וועלכען ער האָט אָבער פאַרגעסטערען מיט דער זעלבער תפלה, טאַלאַר און הויכען ספּאָדאַק געזעהען אויף דער סצענע, וואו עס העגגט שטאָדט איין ארון הקודש, איין קלייגער ארון מיט אַ איקאָנע, וואו ער האָט געדאַנקט די שיקסעם און שקצים וואָס האָבען איהם אַפּלאָדירט? און נאָר אין מיטען דרינען אַראָב געוואָרפען פון זיך די שוהל־קליידער מיט דעם מצנפת און

אויס געטהון די היטעל, אָנגעטהון דעם ראָק אָדער דעם פראַק און גאָר געשריגען אַ יעבּעס=ליעדעל צו דער נקבה „אַידאַ"! עס ווערט בּיי איהם אין קאָפּ עטוואָס אַ צומישעניס, אַ חיזוק, אַ לצנות, אַ טעאַטער אין שוהל, אַ שוהל אין טעאַטער, און ער בּעקומט אַפּעטיט, ווען ער הערט אין שוהל צו נעילה דעם זעלבּען „אַדיישעס אַדיישעס", צו בּעטען דעם דראַמאַ=טישען=טענאָר צו זינגען די אַריע „ראַדאָמעס" ווי אין טעאַטער און, זעלבּסט פערשטענדליך, אָהן דער שוואַרצער לאַנגער קאַפּע, אָהן טלית, אָהן הוט, זאָנדערן מיט פראַק ווייסע האַנדשוה, פרעזירטעס האָאָר, שיק און עלעגאַנט, מיט מאַנ=דעל אייל, מיט שמעקענדען אָ=דע=קאָ־אָן. נאָך אַלעם דעם קען די שוהל ניט מעהר צו פריעדען שטעלען, וויל טעאַטער און קאָנצערט ווערט דעם המון שטענדיג בּעסער שמעקען איידער די שוהל אין דאָס דאַווענען. ער פיהלט זיך פיעל בּעקוועמער צו זיצען אין אַ שעהן טעאַטער, צווישען דער שענער... געזעלשאַפט, אָהן הוט, אָהן טליה, אָהן עליות, נדרים, אָהן בּייגען זיך און אויפשטעהען, מיט אַ גלעזעל ווײַן און בּוטערבּראָד, מיט שינקען, מיט בּיער, מיט ציגאַר און לוסטיגער געזעלשאַפט—און אָפּטמאָל אויך מיט ראָנדע=וואָ'ס מיט דאַמען און פריילײנס, מיט דעם דוכאָוונע מיט זײַן בּינטעל משוררים שרייען קאָדענצען. דעריבּער האָבּען די חזנים אויף געהערט צו בּעטען, אָדער שרייען צו גאָט, זאָנ=דערן זיי שרייען אויף גאָט, זיי רעדען מיט איהם טאָלקאָווע, דאָס הייסט, ניט „בתפלה ובתחנונים" נאָר בּקאָנצערטען. אין אַלע שטעדטליך אין רוסלאַנד זענען די דוכאָוונע קאָנ=צערטען אַריין אין שוסטער=גאַס, מיט אַנדערע ווערטער, אין שניפּישאָק אָדער אין איישישאָק מאַכען די יודען דעם שבּת אין דער וואָכען אין בּיערהאַלע אָדער טראַקטיר און דער שטאָדט=גרונם אָדער קלונם געהט דאַווענען אויף דער סצענע פאַר אַניערב=רב. דעריבּער איז אונזער עבודה איצט אַזוי געפאַלען, אַזוי בּורלעסק, אַזוי פערפּעבּעלט. פערשניער=

קעלט, קאַבאַקירט, טעאַטראַליזירט, גראַמאָפאָנירט, אילוזיאָנירט, און אין דער שוהל איז שוין ניט מעהר צוגעפינען אַ שפור פון רע־ליגיעזער אַנדאַכט, אויסער דער ווילדער קונסט פון שרייען און דרעהען. און דאָקטאָר לעווין פערגלייכט גרונס׳ס באַזאַר־טשיק מיט להבדיל באלף הבדלות פעראָזי׳ס הייליגע קאָנ־צערטען! יאַ, אלכסנדר מוקדון וואָלט קיינמאָל ניט געוועזען אַזוי גרויס ווען פישקע דער באַראַבאַנשטשיק זאָל איהם ניט געוועזען בעגלייטען!...

**בערגעל.** נו, נו, ר׳ חייקעל, איך האָב מיך אָנגעפרעגט לעהענע מאָפ־טער מיט אייך. איך האָב אייך געבעטען מיר איבערלעזען וואָס שטעהט אין דער צייטונג און איהר לייענט מיר אַ גאַנ־צע מוגילע, פון בערג און פון טאָלען וואָס איז נישט גע־שטוינגען און ניט געפלויגען, איך בין שוין גאַנץ פערדולט פון אייך.

**ר׳ חייקעל.** לאָז זיך דינען, בערגעל, און הער וואָס מע רעדט צו דיר, ווייל איך האָב נאָך ניט אויסגעפיהרט. אויסער דעם געזאַנג זענען אַלע אונזערע תפלות גאָר ניט פאַסענד פאַר דוכאָווינע קאָנצערטען, און יענער, וואָס זינגט זיי אויף קאָנצערטען זינגט ניט נור פון דעם וועג, ער זינגט פשוט אַ ליגען. נעהמען מיר צום ביישפיל דעם גאַנצען רעפּערטואַר פון דעם כביכול׳דינגען דוחאָווניק־קאָנצערטאַנט, צום ביישפיעל, דעם „טוב להודות״ מיט דעם גרויסען קאַדענץ אויף „ולא עולתה בו״, איז דער טעקסט ווידערשפרעכענד דעם טעאַטער: „שתולים בבית ה׳״ (אָבער ניט אין קאַבאַק), „בחצרות אלהינו יפריחו״ (אָבער ניט אין בורדעל). נעהמען מיר דעם „וישמרו״ מיט דעם „ויכולו״. יעדער יוד ווייס, דאָס די בײדע תפלות זענען די קרוין פון דעם קבלת שבת. די אַלע פּסאַלמען וואָס מיר זינגען פרייטאָג אָוועגד אין דער שוהל זענען מעהר אָדער ווייניגער כלל זאַכען, צווישען דער אַלגעמיינער מענשהייט און גאָט; די אָבער שטעלען פאַר דעם גאַנצען ספּעציעלען האַנדעל צווישען יודען און זייער גאָט: „ביני ובין בני ישראל אות היא

לעולם״, דאָס הייסט, נאָט האָט געשלאָסען אַ קאָנטראַקט (ברית עולם) מיט די יודען, זיי זאָלען היילינ האַלטען דעם 7־טען טאָג מיט דעם נאָמען „שבת״. ווי פּאָעטיש דאָט דער פּאַלעס־טינינישער משורר און מקובל ר׳ שלמה אלקבץ פאַרגעשטעלט דעם שבת אין זיין „לכה דודי״ ווי אַ שענע כלה (כמשוש חתן על כלה) און דאָס יודענטום ווי אַ פערליבטען חתן, וואָס מאַכט איהר דאָס קאָמפּלימענט: „בואי כלה, שבת מלכתא!״— קום אַהער מיינע כלה, קעניגען שבת. אָט דער שבת־קאָנט־ראַקט האָט אונז אין דער געשיכטע געקאָסט טייכען מיט בלוט, ער קאָסט אונז אַרבע מיתות בית דין און שאָדט אונז אין אַלע לענדער פון דער יועלט אויף טריט און שריט. נאָך דעם תלמוד, ווען מען זינגט „ויכולו השמים״ איז מען אַ שותף למעשה בראשית (שבת דף קיח, ע״ב). קריסטען, וועלכע פערהייליגען דער יום הראשון, און מחמדנער, וועלכע פער־הייליגען דעם יום הששי, זענען אונזערע געשיכטליכע און רעליגיעזע געגנער: זיי אַנערקענען ניט דעם „ויכל אלהים ביום השביעי״, „דעם „וינוחו בו כל ישראל מקדשי שמך״ און אַלע פּאַראַגראַפען פון דעם יודישען קאָנטראַקט.

איצט פרעג איך דיך, בערגעל: ווי נעמט מען אַזאַ הייליגען, בלוטיגען, ערהויבענעם מסירת־נפש׳דיגען טעקסט און מען שלעפּט איהם אַרויס פון דער שוהל אין אַ טעאַטער, פאַר איין ערב־רב און לוסטיגען צירקוס־פובליקום, וואָס פיע־לע האָבען פאַר דעם שבת־קאָנטראַקט אונז צוועקעס אין די בייכער געשלאָגען און האַמערם אין די מוחות געקלאַפּט, און מען מאַכט דערפון אַ ליעדעלע מיט אויסגעלאָסענעם דראָנגגישען קאַדענץ אויף דער אויבערשטען „דא״, און דוקא אויף „וינפש״, כדי אַרויסצורופען אַ שמוציגען בראַוואָ!?—איז דאָס ניט אַ ליגען, אַ כפול־שמונה׳דיגער ליגען, שקר אין וואָרט, אין אינהאַלט, וכזב אין דער דראָנגגישען אויפפאַסונג פון דער מוזיק?!—האָבען דען אונזערע חכמים ניט קיין רעכט ווען זיי זאָגען: „העושה שיר השירים כמין זמר התורה חוגרת

שק ואומרת: עשוני בניך ככניר שמנגנים בו לצים (סנהדרין ק"א)?! איז ניט דער דוכאָוונעק כביכול מיט דעם גײַסטיגען קאָנצערט, כביכול, מיט זײַנע הײַליגע קלײדער און זײַנע קאָמפּלימענטען דער קעניגען שבת, און ווי אַ גוי אין פּאָסטעליס מיט דעם שוואַרצען קורצען ראָק און פראַזירטען האָר דער הימלישער אידאַ, אין געגענוואַרט פון דער הײַליגער־קאָספּעראָווסקאַיאַ אָדער קאַזאַנסקאַיאַ איקאָנע, מעהר ווי אײַן אײַנפּאַכער לץ?!--

אדער ווען ער זינגט דורך זײַן פּאָנאָגראַף אין דער אַדעסער אָבזשאָרקע, אָדער בעצמו ובכבודו אין סיביראַקאָווס פּאַרם־טעאַטער די תפלה, „ותערב לפניך עתירתנו כעולה וכקרבן", וואָרין דאָס יודישע האַרץ צוגעהט און ווערט צערשמאָלצען פון דער בקשה „השב שכינתך לציון עירך וסדר העבודה לירושלים",—זאָגט ער ניט אַ כפול־שמונה־דיגען שקר אויף יעדען וואָרט?! נאָך אײַנמאָל, עס זאָל דיר זיס זײַן אונזערע תפלות"--וואָס פאַר אַ תפלות? און ווער איז דאָ דער „אונזערע תפלות?" אפשר זענען דאָס די פרעהליכע צורילניקעס די אַרמענישע, און די קאַצאַפּסקי טראַקטירשטשיקעס מיט די בורדיעלניקעס, וואָס האָבען דאָ מתפלל געוועזען? און וואו איז דען דאָ דער „כעולה וקרבן"? אפשר דער געפּרעגעלטער אָדער גערויכערטער דראַמאַטישער פּיערפיסיגער קוויטשער, דער וואָס שטעהט אויף דעם אַלטאַר פון דעם בופעט און איז בײַ דעם בופעט־פּובליקום נאָך פּאָפּולאַרער אײדער דער דראַמאַטישער טענאָר, וואָס האָט ערשט געזונגען אויף דער סצענע? שוין דרײַ שקרים, מיט דעם עולה און קרבן וואָס וועט אַמאָל זײַן.

ווײַטער: „השב שכינתך לציון עירך"- קעהר אום דײַן שכינה צו דײַן שטאָדט ציון, ווײַטער אליגען! נאָך אײַנמאָל: דו קאָנסט ניט אײַנזיצען אויף אײַן פּלאַץ אין וואַרשוי און שלעפּסט אַרום די שכינה פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דער שוהל אין קאַבאַק, פון קאַבאַק--וואָהין די וועלט האָט אײַן עק, אַזוי דאָס עס איז אָך און וועה צו דער אונגליקליכער

שכינה! צייט זי האָט דיך דערקענט איז זי נעבּיך נע ונר, און פלוצלונג ווערסטו איהר שוין גאָר געטריי און ווילסט זי שוין בּעשטאַטען אויף אַ מקום מנוחה אין ציון?! און וואָס ווערסטו דאַמאָלס אָהן איהר דאָ טהון? דער בּאָבען ווערסטו דערצעהלען אַזוינע קאַזאַלעס, אַזעלכע בבא מעשיות! עס איז פּשוט אַ ליגען. וויי־טער: „יסוד העבודה לירושלים״—די אָרד־נונג פון דעם גאָטעס־דינסט נאָך ירושלים!—יאַ, יאַ, אַזאַ פזמון טרעפט זיך 8 וואָכען אונטער ווארשוי! אַזוי לאַנגע די עבודה איז איינגעשטאַנען נאָר אין דער שוהל בּיי די יודי־שע חזנים האָט עס געהאַט אַ זין צום סוף פון דער תפלה, ווען די כּהנים געהען אַרויף דוכנען, צו בּעטען, דאָס אונ־זער סדר העבודה זאָל אין גיכען איבּער געטראָגען ווערען אין ירושלים, און די יודען האָבּען זאָגאַר געוויינשעוועט: איהר זאָלט דערלעבּען דאַיונען אין בית המקדש אין ירושלים; אָבּער איצט, אַז אונזער סדר העבודה איז אַרייגעפאַלען אין קלוב, אין שענק, אין מאַלאָטשנע, אין טראַקטיר, אין שטאַהל, אין קאַפע־הויז, אין בּאַרטשעווגע, אויף די קאַטשעליס, אין די היפּאָדראָמען, אין די פאַבּריקען, אין רעסטאָראַן, אין די צירולניס, אין די בּורדיעלען, בּיי די בּינדיוזשניקעס, קוראָ־לאַפּניקעס, מאָרישטקעס, נייטאָרינס, פּראַטשעשנעס, בּיי די שניידער־יונגען. שוסטער־יונגען, רופא־יונגען, בּאָד־יונגען און וואו ניט?—און זי איז אויסגעשמירט מיט סמאָלאַ, מיט דיאָכט, מיט קעראָסין, מיט אָדערן־בּלוט, מיט קאַפע, מיט מילך, מיט ספּירט. מיט קאָטליעטען־זאַפט און פיש־יאָך, מיט בּיער, וויין, מיט נאוף. גזלה ושפיכות־דמים,—זאָל זי זיך אומקעהרען אַזוי פערפּאַטשקעט אין ירושלים?! יאָ, אויב דו מיינסט אין די ירושלים׳ער קאַבּאַקען, צירקען, פּאַרס־טעאַטער, וואו דער קעניג הורדוס דער גרויסער האָט שוין דאַמאָלס אויסגעבּויעט אַ זעלכע הייזער אין ירושלים, און דאָרט האָבּען קאָנצערטירט פערשידענע לצים מיט דעם נאָמען: אצטדינין, כּרקום, בּוקיון, מוקיון, לוליון, מוליון, בלורין, סלגורין (עבודה זרה י״ח.

דראַמאַטישע טענאָרען האָט מען נאָך דאַמאָלס ניט געוואוסט) און דער גראָבער עילם איז אַהין געלאָפען אויף זייער ביי־וואונדער, אַזוי, אַז ר' שמעון בן פזי האָט אויסגערופען „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים״–לטרטיות ולקרקסאות של עכום, „ובדרך חטאים לא עמד״–שלא עמד בקנגיון,–ביזט׳ נעביך זייער גערעכט: דאָרט קאָן אַ יוד אַ בעל־מטופל ווי דו ביסט שענע עטליכע גראָשען מאַכען; אָבער ווען די מיינסט גאָר אין בית המקדש צו ירושלים,–זאָלען עס אונ־זערע שונאים גאָר ניט דערלעבען! ליעבער זאָל די שמוציגע עבודה, מיט דעם דוכאָוזניק, מיט זיין אַנטרעפּרעניאָר דאָ בלייַ־בען און ניט מטמא זיין דעם בית־המקדש.

ווייַטער: „שאותך לבדך ביראה נעבוד״ הע, הע, העע הע!–אַזאַ חוזק פון זיך און פון יענעם!–„שאותך לבדך ביראה נעבודו!״-דער פיערטער ליגען! דער בעריהמטער נאָטקע משון, (ליגנער) אין בעסאַראַביען האָט אין זיין גאַנצען לעבען אַזוי פיעל משונות (ליגען) ניט אויסגערעדט וויפיעל דער וואַר־שובור דוכאָוואניק אין דער איינציגער תפלה! אַז ער אַ־יין פיהלט דאָס ניט–פערשטעה איך גאַנץ גוט; אָבער ווי קאָן איין מענש מיט אַקאַדעמישער בילדונג ווי ד״ר לעווין פון העלערהויט אַזאַ מין אונוויסענדע בריאה פערגלייַכען מיט איינעם פון די גייסטרייַכסטע אינטעליגענטעסטע קאָמפאָזיטאָ־רען פון דער קאַטוילישער קירכע?! אַזוי פיעל כבוד דער קירכע און אַזוי פיעל שאַנדע דער שוהל וואָלט ניט געקאָנט אויסטראַכטען אפילו פאָביעדאָנאָסצאָף, אָהלוואַרט, טרייַט־שקע, ליגער, פורישקעוויטש און מאַרקאָוו דער II.

בערגעל. זענט איהר דען איבערצייַגט, אַז די חזנים וואָס זינגען ניט אין גראַמאָפאָן, קאָנצערטירען ניט אין טעאַטער, נור אין די שוהלען, זינגען אַלע אמת?

ר' חײַקעל: אין דער שוהל וויסען מיר ניט, נור איין גאָט ווייסט ווער עס זינגט ערענסט, און ווער עס איז איין קאָמעדיאַנט. נור מיר מוזען די זאַך בעטראַכטען פונקט אַזוי ווי מיר בעטראַכטען

איבערהויפּט אַלע מענשען אין לעבען אַלס אָרענטליכע, ביז מיר פינדען ניט אויס דאָס דער אָדער יענער איז אונאָרענטליך. עס איז אונזער חוב צו גלויבען, דאָס דער מענש, וואָס האָט זיך פאַרבערײַטעט צו אַ פאַרבעטער-פּאָסטען, האָט זיך אויך מאָראַליש פאַרבערײַטעט צו דעם. אויסער דעם איז די גאַנצע שוהל-לופט רעליגיעזע, די תפלות אַלע ענטשפּרעכען דעם אָרט, ווי די מעלאָדיען ענטשפּרעכען המיד דער צײַט. די געמײַנדע בעשטעהט בלויז פון יורען, וועלכע קומען הערען „רנה ותפלה", געזאַנג און תפלות, און אין אַזאַ אומגעבונג מוז אויך דער לײַכטזיניגסטער חזן זיך פיהלען מעהר אָדער ווײַניגער רעליגיעז בײַ דער עבודה. אין טעאַטער אָבער, וואו עס נעהמען זיך צוזאַמען אײַן געמישטעס פאָלק וואָס קומט בלויז כדי צו הערען אַ אויסגעשרײַ, און דער חזן, אָדער דער דראַמאַטישער טענאָר, זינגט דאָ אויפ'ן אָרט „שבת ונפש" אָדער „שאיהך לבדך ביראה נעבוד", טאַפּט אַ בלינדער אויך אָן דעם שקר.

**בערגעל.** פאָ-וואַשעמו דאַרף ער זיצען אין שטוב אויך ווען מען לאַדעט איהם דאָך אײַן צוקאָמען אין אַ שטאָדט?

**ר' חײַקעל.** מיך וואונדערט אויף דיר, בערגעל, דו ביסט דאָך ניט קײַן בית-מדרש'ניק און פרעגסט זעלכע נאַאיווע פראַגען ווי אַ ישיבה-בחור. ער נעהמט זינגען אין גראַמאָפאָן ווײַל, ווי דער דאָקטאָר לעווין ענטפערט אַזוי שטאָלץ: מען לאַדעט איהם; ער פאָרט אַרום קאָנצערטירען ווײַל מען לאַדעט איהם. לאַדעט מען דען נור איהם?! איך קען דיר אָנרופען די נעמען פון אַ סך אַנדערע חזנים, וועלכע מען לאַדעט גראַמאָפאָנירען קאָנצערטירען און דערנאָך זיצען זײַ אין דער היים. דו מוזט וויסען ווי גרונם פאָרבערײַטעט זיך זײַנע רובאָוונע קאָנצערטליך. זוכט מען אין אַ שטאָדט אַ חזן, מען שרײַבט אײַן קאָנקורס אין די צײַטונגען מיט געוויסע בעדינגונגען, טרעפט זיך אַז ערגעץ אײַן אויפגעקומענער שנײַדער גראַדע פון יענער געמײַנדע קומט נאָך וואַרשוי, און נעהמט נאַטירליך אין שוהל

און בעקאַנט זיך מיט גרונם דעם גראַמאָפּאָנטשיק. אין גע־
שפּרעך לאָזט איהם גריגס אַ גריל מיט האַלבע ווערטער, אַז
ער אַליין וואָלט געוואָלט איבערבייַטען זיין שטעלע, נור...
דאָס, נור... יענץ. דער שנייַדער קומט אין זיין שטאָדט און
מאַכט אַ געוואַלד, געפּילדער: „איך וועל אייַך ברייַנגען גרונם
דעם גראַמאָפּאָנטשיק, מיר מוזען איהם עפּיס מעהר שכירות
געבען". עס הויבט זיך אָן אַ האַנדעל, און גרונם לאָזט
וויסען, דאָס ער פּאַסט איהם ניט פאַר זיין געמייַנדע צו קומען
אויף אַ שבת האַלטען פּראָבע אין דער שוהל, און עס לאָזט
זיך אוים מיט אַ דאַוונען אַ שבת אין אַ מאָנטאָג אין אַ טע־
אַטער. אום שבת און אין דער שוהל איז ניט די צייַט און
ניט דאָס אָרט צו געבען געלט, אָבער מאָנטאָג און אין טע־
אַטער מוז מען פאַר „ושמרו בני ישראל את השבת" צאָהלען
מזומן געלד. ער מאַכט זייַנע פּאָר גראָשען און פאָהרט זיך
אַוועק, און דערווייַל האַט ער אָפּ די געמייַנדע פון אויף
נעהמען אַזאַ חזן וואָס דאַרף זעהר נייַטיג האָבען די שטעלע,
ווייַל ער האָט גאָר קיין שטעלע ניט.

אין אַנ׳אַנדער געמייַנדע איז דער קאַנטאָר אַלט, קראַנק
אָדער אַזוי שוין נמאס געוואָרען בייַ די נייַע גבאים, וועלכע
ווילען איבערקעהרען דעם דאַך פון דער שוהל אַרונטער און
די פּאָדלאָגע אַרויף, ער האָט אָבער נאָך איין גרויסען צד,
וואָס מען האַלט פון איהם, נון וואָס טהוט מען?... עס איז דאָ
איין עצה: בערופען גרונם׳ן, דאָס הייסט ניט צו דאַוונען אין
שוהל און מסיג גבול זיין, חלילה! – פשוט, אין מיטען מאָנטאָג
זינגען איין קבלת־שבת אין אַ טעאַטער, די שבת׳קבע וואַר־
שובור „מה יפית־לעך" אויף דער עסטראַדע. און כדי דעם
אַלטען חזן אַ גוטען אוראָק צו געבען, איהם צו ווייַזען ווער
עלטער איז, דער אַלטער חזן, אָדער דער יונגער גבאי,
פיהרט מען עס אויף מיט גרוים פּאַראַד. מיט אַ טראַסק
מיט אַ געפּילדער. צוערשט אַנאָנסירט מען אין אַלע צייַטונ־
גען, אַז עס הערט זיך אַ קלאַנג, דאָס דער בעריהמטער

,'ראַמאַטישער גרונם וועט קומען קאָנצערטירען, ווי מיר האָבען שוין אויבען געשפּראָכען דאַריבער. גרונם מאַכט די פּאָר זינגדיגע גראָשען און פאָהרט זיך אַוועק, און דער גבאי האָט אויסגעפיהרט: ער האָט געוויזען דעם חזן זיינעם אַ נאָז!–. אין אַ דריטער געמיינדע איז איין דירישזאָר איין אינטריגאַנט, און קען ניט צוזעהען רוהיג ווי זיין חזן איז צופיעל בעליעבט אין זיין געמיינדע. ער וואַרט ניט ביז דער דירישזאָר וואַזט איהם דעם טאַקט, צייגט איהם דעם טאָן, ער איז גאָר מוזיקאַליש ווי דער דירישזאָר, אַזוי אַז זיין געמיינדע דענקט, אַז קיין בעסערער פון איהם איז גאָר ניט צוקריגען. אַנו, דאַוואַי! גרונם לעבט נאָך, און פּאַר געלד וועט ער אייך זינגען זאָגאַר אין בית-הכסא. עס הויבט זיך אָן אַ קאָרעספּאָנדענציע צווישע'ן דירישזאָר און גרונם (ווי עס איז דער פאַל געוועזען אין אַדעס מיט קרקפתא דעם שאַלאַשנע דירישזאָר מיט גרונם), און עס קומען אָן מעקלערס, אַנטרע-פּרעניאָרס, קאָמפּאַניע קלאַקערס און מען פאַנגט אָן צו אַרבייטען מיט צייטונגען מיט פאָטאָגראַפיען אין די פענסטער פון די גרויסע מאַגאַזינען, פון די צייטונגען, מיט אַ או-האַ, או-הו, אין דער יאַטקע, אין שוויץ-באָד, אין קלוב, אין שוהל, אין צירולנע און אַלע בעקאַנטע הייזער וואו דער גראַמאָפאָן רעוועט שוין אייניגע יאָהר גרונמ'ס גוואַלדעס, אַ טאַראַראַם, אַ חרוש, אַ פּליאה, אַ ראַריטעט, וואָס הייסט? דער גראַמאָ-פאָנטשיק אַ-ַיין וועט זינגען אַלע זיינע „מה יפית'לאַך", וואָס די גראַמאָפאָנען האָבען ביז העך אין דער גאַנצער וועלט צופויקט, אין טעאַטער! דער המון-עס ווערט צעקאָכט פון דעם גראַמאָפאָנטשיק נאָך מעהר ווי פון דעם גראַמאָפאָן. אָרימעס פאָלק! דו זוכסט איס לעבען נאָר אונגעוואָהנ-ליכעס, אין דער רעליגיאַן נאָר אונגעוואָהנליכעס, אין דער קונסט אויך נאָר אונגעוואָהנליכעס. די שטעו'סט זיך פאָר, דאָס עס וועט קומען גרונם מיט עטוואָס אַ מין שפופרת, מיט אַ רעהרעל אין האַלדז, אָדער מיט אַ פלאַסטינקע אין בויך

און וועט אויספּאַפּען אַ „וינפּשיל״! 

אין קורצען, אַ קאָנצערט איז פאַרטיג. ווי די לײַט זיצען בײַ אַזאַ מין קאָנצערט איז גענוג צו זאָגען, אַז זײַ טראָגען איבער זייער פּײַנעם שוהל־בענעהמען אין דער גאַלערעע פון דעם טעאַטער. עס טרעפען נאָך אַ סך אַנדערע סבות פון געמיינדע־דראַזגעס, וואוהין גרונם ווערט גערופען בלומרישטען לטובת אַהין, לטובת אַהער. וואָס, בערגעל, דו ווערסט דאָך צונעבען, אַז יעדע געזעלשאַפט האָט איהר עטהיק, דאָס הייסט, יעדער צעך האָט צווישען זיך געזעצע פון יושר, פון מאָראַל, אַז איינער זאָל ניט שאַרען דעם צווייטען, דערויף איז עס אַ מלאכה, אַ פּראָפעסיע, איין צעך, איין חברה, דאָס מען זאָל ניט בעלײדיגען אײנער דעם צווייטען. און דו, גרונם, האָסט ברוך השם פּרנסה אין וואַרשוי אויפ׳ן פולען מויל, ווי אַזוי ביזטו אַזוי אונפערשעמט, נישט צו פרעגען, ניט קוקען אויף די עלטערע ברידער, אויף דײַן שוואַבערען קאָלעגע און פאָהרסט וואוהין מען רופט דיך, אָדער, דאָס הייסט, וואוהין דו רופסט זיך אַליין, פערזשערען די וועלט, און ווי קין האָט געזאָגט: „השומר אחי אנכי?!״, אַזוי אַרט דיר גאָר ניט, אפשר וועסטו שאַדען דײַן שוואַבערען קאָלעגע! וואָרום פאָהרט ניט קײן רב פּסק׳נען שאלות פון שטאָדט צו שטאָדט און ווײַזען זײַנע לומדות? וואָרום פאָהרט קײן שוחט ניט פון שטאָדט צו שטאָדט קוילען גענז און צײַגען זײַנע געשיקליכקײַט? — אַם ענדע, וואָרום איז דער גרויסער שלמה זולצער אוים וויען, נאַמבורג אוים פּאַריז, בלומענטאַל אוים אַדעם, פריעדמאַן אוים בודאַפּעסט, דײַטש אוים ברעסלוי און נאָך אַזעלכע גרויסע חזנים, וואָס זייער איין פינגער איז מעהר ווערט פאַר דער שוהל אַלם דער גאַנצער ר׳ גרונם מיט זײַנע קאַדענצען, קיינמאָל ניט אַרומגעפאָהרען, ערגעץ ניט קאָנצערטירט מיט די שוהל־תפלות און מעלאָדיען, און נאָר ר׳ גרונם האָט קײן זיץ־פלײַש און פערע׳ט מיט שוהל־זאַכען ווי אַ קומי־וואָיאַשזאָר פון שטאָדט צו שטאָדט? —. ווי דער

אַמאָליגער בעהעלפער מיט דעם פּאַריזוען האַלז, וואָס האָט געגעסען פון אַלע טעפּ, וואָס האָט זיך געמאַכט: צוערשט אַביסעל קאַשע מיט מילך, נאַכהער אַ פּאָר געזונע גריוון פון דעם צווייטען טאָפּ און אַביסעל מערען־צימעס פון דעם דריטען טאָפּ, און אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער פון אַ פּאַקעט, און צולעצט אַ שטיקעל טשעחאָן פון דעם צווייטען פּאַקעט, אַזוי מאַכט גרונם זיינע כביכול׳דיגע קאָנצערטען־פּראָגראַמען: אָנגעטהון די בגדי קדש, די לאַנגע שול בעקעשע מיט דער הויכער מצנפת און געזונגען אַ שטיקעל פון שבת, אַ שטיקעל פון תשעה באב, אַ שטיקעל פון שמחת־תורה און—אויסגעטהון די הייליגע בינדע מיט דער שוואַרצער מצנפת, אַריין אין פראַק אָדער אין ראָק, אויסגעקעמט אַ שרינט ווי אַ גוי אין פּאָסטעלעס און געקנאַקט „סעלעסטשי על אַ אידאַ“ מיט דעם קאַדענץ אויף דער אויבערשטער „בע“!—. איך בין גאָר ניט אַזוי פ־וס, פון מיינטוועגען קען זיך גרונם אַרומשלעפּען וואוהין ער וויל מיט זיינע אַנטרעפּרעניאָרען, מיט די צייטונגען, מיט די מעקלערס, מיט די קלאַקערס, מיט די פּאָטאָגראַפיעס פון מיט אַלע זאַקוליסנע שווינדלען און זינגען וואָס ער וויל; נאָר וואָס האָט ער צו אונזערע תפלות, צו אונזערע זמירות, צו אונזערע קליינע הייליגע האַרמאָניען און נוסחאות, וואָס אונזערע אבות אבותינו האָבען מיט זיי אין אַלע צייטען ביי נויט און ביי פרייערען זמער יודיש האַרץ אין דער שוהל פאַר גאָט אויסגעגאָסען? וואָס מאַכט ער פון זיי אַ קרעמעל און שלעפּט זיך אַרום פון איין יאַריד אויף דעם צווייטען?—

אגב אורחא וועל איך דיר, בערגעל, דערצעהלען אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם בעריהמטען וויענער פּראָפעסאָר פון מוזיק און חזן שלמה זולצער, וואָס איך האָב פאָריגע וואָך געלעזען אין אַ דייטשען בוך, וואו עס איז בעשריבען זולצער׳ס ביאָגראַפיע.

דער וויענער אָבער־קאַנטאָר איז זעהר בעריהמט געוועזען צווישען די מוזיקער, ניט נאָר אַלס חזן, נאָר אויך

אַלס שוּבּעֶרט-זיִנגעֶר און איִבּעֶהוֹיפּט אַלס ליִעדעָר-קיִנסטלעָר. עֶר איִז געֶוועֶזעֶן האָף-זיִנגעֶר און פלעֶגט זיִנגעֶן בּיַי געֶלעֶגעֶנהיַיטעֶן ליִעדעָר בּיַי'ן קיִיזעֶר'ס טיִש. אַזוֹי האָט קיַיזעָר פעֶרדיִנאַנד איַינמאָל בּיַיגעֶוואָהנט אַ קבּלת-שבּת'דיִגעָן גאָטעָס-דיִענסט איִן דעָם קליַינעֶם טעֶמפּעֶל איִן זיַיטעֶן שטעֶטעָן גאַס, און נאַכהעָר געֶשיִקט זוּלצעֶרעֶן אַ בּריִללִיאַנטעֶנעֶם ריִנג. איִן הוֹיף בּיַים קיִיזעֶר פלעֶגט עֶר שטעֶנדיִג זיִנגעֶן ליִעדעָר פון שוּמאַן, אַבּט, שוּבּעֶרט, וויִ אויך איַיניִגעֶ אַריִעֶן פון אָראַטאָריִעָן, פון זיַינעֶ שירי-ציון אָבּעֶר אוֹיסעֶר דעֶר שוּהל האָט עֶר עֶרגעֶץ ניִט געֶזונגעֶן.

ווען דיִ קעֶניִגעָן קאַראָליִנאַ אַיוגוּסטאַ האָט איַינגעֶלאַדעֶן זוּלצעֶר'ן אוֹיף אַ עֶפּעֶנטליִכעַן קאָנצעֶרט פאַר'ן ספּיִטאָל פון דיִ קאַטוֹיליִשעָ בּאַרמהעֶרציִגעָ שוועֶסטעֶר, וועֶלכעָס איִז געֶשטאַנעֶן אונטעָר איִהר שוּץ, מיִט צוּ וויִרקעֶן, האָט זוּלצעָר עֶרקלעָרט, אַז דיִ עֶרלוֹיבּניִם העֶנגט אָבּ פון זיַין פאָרשטאַנדעֶ. דאַן האָט זיִ געֶשריִבּעֶן אַ בּריִעף צוּם פאָרשטאַנד מיִט דעָר בּקשה, צוּ געֶבּעָן זוּלצעֶר'ן דיִ עֶרלוֹיבּניִם צוּ בּעֶטיַיליִגעֶן זיִך איִן דעֶם קאָנצעָרט. דעָר עֶרשטעֶר קוּלטוּס-פאָרשטעֶהעָר— אַזוֹי דעֶרצעֶהלט לוּדוויִג אַוגוּסט פראַנקעָל איִן דעֶר „ציַיטוּנג דעֶם יוּדעֶנטוּמס"—האָט געֶהאַט דעֶם מוּט איִן אַ זעֶהר עֶהרפוּרכטספוּלעֶן וויַיזעֶ דעֶן וואוּנש צוּ עֶנטזאַגעֶן מיִט אַזאַ מאָטיִוו, „דאס עס איינעם אים דיענסטע גאטטעס שטעהענדען זינגער ניט פאסט אויף דעם טעאטער צו ערשיינען". דאָך כדי צוּ עֶרזעֶצעֶן איַיניִגעֶר מאַסעֶן דעָם שאָדעֶן וואָס זוּלצעֶרס אַבּוועֶזעֶנהיַיט קעֶן מיִטבּריַינגעֶן, האָט עֶר געֶשיִקט 100 גאָלדעֶנעֶ דוּקאַטעֶן פאַר דעֶם קאַטוֹיליִשעֶן ספּיִטאָל" 1).

וויִ קאָמיִש עֶס מעֶג קליִנגעֶן אַזאַ מעשה פאַר זיִנגעֶר פון ר' גרונם'ס טיִפּוּס און זיַינעֶ פעֶרטהיַידיִגעֶר, וויִ דעָר וואָרשעָוועֶר מאור הגולה ר' גרשון לעָוויִן, דאָך קעֶנעֶן אַ סך אָבּ-

1) A. Friedmann's Der synagogaler Gesang S. 123. Berlin 1908.

לערנען פון דער געשיכטע, ניט נור די חזנים און זייערע אדוואָקאַטען, נור אויך די עהרענהאַפטע פאָרשטעהער פון דער וואַרשעווער געמיינדע, די „לעזען גאָר ניט העברעאיש אָדער יודיש“: דאַטש וועלען זיי זיכער יאָ קענען לעזען.

**בערגעל.** נו, ר' חייקעל, איהר האָט נאָך אַ סך צו לעזען אין דער צייטונג אָדער איהר האָט שוין געענדיגט?

**ר' חייקעל.** איך האָב נאָך ניט געענדיגט. אפשר איז דיר לאַנגוויילינ וועל איך אויפהערען.

**בערגעל.** ניין, ניין ר' חייקעל, פאַר מיר איז אַ'עס ניי. איך האָב מיך קיינמאָל ניט בעשעפטיגט מיט אַזעלכע זאַכען און וואָס איהר לעזט און ערצעהלט איז פאַר מיר זעהר אינטערעסאַנט. לעזט־זשע ווייטער.

**ר' חייקעל** (לעזט ווייטער די צייטונג): „אַצונד געה איך איבער צום צוועק פון איינער אָפענעם בריעף, צום סוף. איהר שרייבט: „צי אַרט עס טאַקע ניט די גבאים פון דער וואַרשעווער יודישער שוהל און זיי עקעלט ניט אַייעק צו שטעלען ביים עמיד אַ חזן, אַ שליח־צבור, וואָס ער איז אַנ'אַקטיאָר, וועלכער שפּילט אין טעאַטרען, אין צירקען?“ — די פראגע איז זעהר אַ קאָמפּראָמעטירענדע און זי איז די גרעסטע שטראָף פאַר אייך אַליין (?). ערשטענס, איז דאָס גלאַט ניט אמת: איז דען גרונם אַנ'אַקטיאָר?!“... — יאָ, מיין געעהרטער תמ'עוואַטער דאָקטאָר! גרונם איז איין אַקטיאָר און נאָך דאַצו אַ שענדליכער אַקטיאָר! — יעדערער וואָס שטעלט עטוואָס פאָר אין דער עפענטליכ־קייט, אויף אַ סצענע אין אַ טעאַטער, מוז דאָך האָבען אַ נאָמען: איין אָראַטאָר, איין קאָמעדיאַנט, איין פיזיאָנאָמיסט, איין טראַגיקער, איין קאָמיקער אָדער איין קלאָון, דער וואָס שלינגט שאַרפע שווערדען און שלעפּט סטיינגעס פון דער נאָז, איין דיפּלאָמאַט, איין באַלעט־טאַנצאָר, איין גימנאַסט, איין טאַשען־שפּילער, איין שזאָנגליאָר, איין אַרטיסט אָדער אַקטיאָר. עטוואָס מוז ער דאָך טראָגען. איצט. הער דאָקטאָר, וואָס פאַר אַ נאָמען וועט איהר געבען ר' גרונמ'ן אויף דער

סצענע אין פאַרס-טעאַטער? איך גלויב, אַז דער שענסטער טיטול פאַר ר׳ גרונמ׳ן איז נאָך דער, וואָס דער אַדעסער רב האָט איהם געגעבען, אין אמת אַריין פערדיענט ער אַ סך אַ שענדליכערען נאָמען. (לעזט וויַיטער):

„צוויַיטענס, אַלם מרא דאתרא בעדאַרפט איהר בכלל יוצא זיין מיט אייער שטאָדט. היט אָב דאָס יודישקייט אין אייער פרומען אַדעס, אסר׳ט אייערע שוחטים, מנקרים, סופרים, חזנים״...—עהע!... Ecce Homo! וויַיט פערקראָכען.: הער דאָק-טאָר!—„ווער האָט אָבער אייך געגעבען דאָס מאָראַלישע רעכט (?) זיך אַריינצומישען אין אַ פרעמדע קהלה״...—פון יודען אָדער פון האָטענטאָטען? שיינט מיר אַ קהלה פון יודען, וועלכע שיקט אַרום איהר גרונם אין פרעמדע קהלות,—„וועלכע האָט אָהן עין הרע איהרע אייגענע מורי הוראות, וואָס ווילען אויך האָבען אַ שטיקעל עולםהבא״...—„דרך ארץ, הער דאָקטאָר, פאַר דעם ראַבינער, וואָס האָט געשריעבען דעם „לתולדות השלחן ערוך והתפחותו״! תרבות, הער לעווין, פאַר דעם ראַבינער, וואָס איז אין דער איצטינגער צייט אַ נר ישראל! רעספעקט, רבנו גרשין, פאַר דעם רב-צעיר, פאַר ר׳ חיים טשערנאָוויץ, וועלכער איז מרביץ תורה מרבים אין אַדעס, און פאַר קעמפ-פער פאַר אַ רעליגיעזעס, נאָר געבילדעטעס יודענטום, וואָס זיין האָ-יצאָנט איז אַ סך וויַיטער אַלס אין דער יאַטקע און אין דער קיך, אַ סך ברייטער אַלס דער זפק וקירקבן, שפיר ושליא, שוין זיין עפענטליכעס אויפטרעטען געגען די חלול-השם קאָנצערטען פון דעם וואַרשובור גרונם צייגט, אַז ער געהערט ניט צו דער כנופיא פון די דורכשניטליכע רבנים, וואָס ליגען ווי די בערען אין זייערע ווינקלען און גריזען די אייגענע פינגער, ביז גאָט שיקט זיי צו כשר׳ן אַ טיהל אויף פסח און אַ אתרוג אויף סוכות. ער איז בעגייס-טערט פאַר די העכערע אידעאַלען פון דעם גאַנצען יודענטום, עס קרענקט איהם די שפלות פון דעם יודישען פאָלק אין אַדעס, וואַרשוי, רוסלאַנד און אַמעריקאַ, און די חלול-השם

קאָנצערטען בעריהרען דעם כבוד פון דער יודישער עבודה, וועלכע ווייסט פון קיינע גרענצען און שטערט.

## X. דוכאָוונע רַבָּנות.

עס איז שוין לאַנג צייט נעוועזען די רבנים זאָלען ארויס־טרעטען געגען דעם חלול־השם פון אַריינזינגען אין די גראַמאָפאָנען יודישע תפלות—ווי דער רוסישער סינאָד האָט פראָטעסטירט—און נאָך מעהר געגען די חלול־השם קאָנ־צערטען אין די טעאַטאָרען. נאָר ווייסט איהר, הער דאָקטאָר, פאַר וואָס די ווילנער מו״צים׳ניקעס, די מינסקער גדול׳ניקעס, די פינסקער אב־בית־דין׳ניקעס, די אָדעסער חוק־קים׳ניקעס און וואַרשעווער עבד־לרבים׳ניקעס שוויינען?—וויל דאָס איצ־טינע רבנות ליידעט נאָך מעהר קראַנקהייטען אפשר פונ׳ם חזנות. מיר מוזען ציטירען די ווערטער פון שיללער: „ניט די קונסט האָט שולד, ווען די קינסטלער פאַלען, זאָנדערן געפאַלענע קינסטלער שלעפען מיט זיך נידער אויך די קונסט״. ווי דאָס חזנות איז נעפאַלען צוליעב די חזנים (ווי מיר ווע־לען דאָס אויספירליך אַרומרעדען), אַזוי איז דאָס רבנות אַרונ־טער געקומען דורך די רבנים.

אין אַ בריעף צו מיר פון אַ מורה הוראה, שרייבט ער מיר צווישען אַנדערע זאַכען: „בעוונותינו הרבים ירדה הרבנות מטה״, האָב איך איהם נעענטפערט: „לא כן, בעוונות הרבנים ירדה הרבנות מטה״. איך האָב איהם ערקלעהרט, אַז דאָס רבנות שטייגט פון טאָג צו טאָג, נאָר די רבנים זענען (אויסנאַהמען זענען נאַטירליך פאַראַן אַ סך) נעבּיך צוריק געבליבען.

די פאָטערס פון דעם רבנישען יודענטום, די סופרים פון דער ערשטער גרויסער פערזאַמלונג, פון די אַנשי כנסת הגדולה, האָבען זיך בעשעפטיגט נאָר מיט דער ביבעל, זיי האָבען אַנאַליזירט, קאָמענטירט, געאָרדנעט, רעדאַגירט, עדירט און קאַנאָניזירט. „למה נקרא שמם סופרים?—שהיו סופרים

ומונים כל אות שבתורה" (חגיגה ט"ו וירושלמי שקלים; קדושין כ"ט; סנהדרין ק"ו). זייערע נאַכפאָלגער, די תנאים, האָבען עס ערוויַיטערט און געאָרדנעט ביז זיי האָבען עס געבראַכט צו ששה סדרי משנה. זייערע נאַכפאָלגער, די אמוראים, האָבען שוין געהאַט אַ ביבעל מיט אַ משנה און זיי האָבען וויַיטער געאַרבייַט און ערוויַיטערט ביז זיי האָבען געאָרדנעט דעם גאַנצען תלמוד מיט אַ סך מדרשים מיט ילקוטים. די רבנן סבוראי, און בעזונדערס זייערע נאַכפאָלגער די גאונים, האָבען שוין וויַיטער געאַרבייַט און האָבען שוין פאַר זיך געהאַט אַ ריזיענהאַפטע ליטעראַטור פון ביבעל, משנה, תלמוד, מדרשים, תשובות, שאלתות און פערשיידענע קאָמענטאַרען מיט פוסקים, מיט אלפס, משנה תורה און נאָך. און ווען די הנהגה איז איבערגעגאַנגען צו די רבנים אין די הענד איז געוועזען אַ רבנות פון דעם רייַכסטען רעליגיעזען און בירגערליכען קאָדעקס וואָס קיין פאָלק אין דער וועלט פערמאָגט עס ניט. אָבער די רבנים האָבען אויך ניט אַרייַן געלעגט איהרע הענדע אין די קעשענעס, געאַרבייַטעט קאָ- לעקטירט, פראָדוציַרט, קאָמפּעליַרט רעליגיעזע און לעבענס- פראַגען, ביז דאָס רבנות איז אויסגעוואַקסען אַ מין אַלפּ, אַ באַרג ביז'ן הימעל. וואָס נור זעהר בעגאַבטע רבנים, וועלכע האָבען געווידמעט זייער גאַנצען לעבען און האָבען זיך בעגנוגט מיט אַ מינימום אין לעבען האָבען עס געקענט ערגרייַכען, און פאַר זייער ריינעם כאַראַקטער זענען זיי אַנער- קענט געוואָרען אַלס פיהרער פון'ם יודענטום. איין ר' מאיר רויטענבערג, איין ר' יהודה החסיד, איין ר' גרשון מאיר הגולה, איין חתם-סופר, איין ר' משה איסערליש, איין ר' עקיבא איגער, איין פני יהושע, איין ר' שלמה קליגער, איין ווילנער גאון און אַ ענדערע איין ר' יצחק אלחנן וכדומה זענען געוועזען מאורות הגדולים און האָבען געפיהרט דאָס יודענטום וואוהין זיי האָבען געוואָלט, און דאָס פאָלק איז זיי נאָך געגאַנגען, ווי בלינד- לינגע אָהן שאלות צו פרעגען. דער רב איז געוועזען די גייַסטיגע

פרוכט פון דער גאַנצער געמיינדע; וואָס נייסטראַכער דער רב איז געווען דאָס מעהר כבוד איז געווען פאַר דער געמיינדע. אסך רבנים זענען געבליבען אין דער געשיכטע מיט דעם נאָמען פון זייער שטאָדט: ר׳ יונתן פרעגער, דער בערדיטשיווער רב, דער סאַווראַניער רב, דער בענדערער רב, דער אַפּטער רב,— מיט איין וואָרט, די שטאָדט, האָט גע׳ירש׳עט דעם כבוד פון דעם רב וואָס איז געזעסען אויף איהר כסא הוראה. דעם גרויסען רב האָט מען ערקענט „בכסא“—אין דעם שטוהל וואָס ער איז אויף איהם געזעסען. איז דער רב געוועזען גרעסער פון זיין שטוהל האָט ער דען גרעסטען איינפלוס געהאַט אין יודענטום, ווי דער תלמוד זאָגט: „מורא רבך כמורא שמים“ (אבות), איז אָבער דער שטוהל גרעסער געוועזען פון דעם רב, האָט ער זיך במחילה נאָך געשלעפּט נאָך דעם יודענטום. ניטאָ וואָס צו רעדען פון די אַלטע צייט, ווען רבנים האָבען גאָר קיין געלד ניט גענומען פאַר זייער שטעלע, ווען אַלעס איז געוועזען מעהר איין עהרענשטעלע. אָבער אויך אין די לעצטע יאָהרהונדערטען, ווען די רבנים האָבען אָנגעפאַנגען נעהמען שכירות, האָט דער רב געהייסען „המאור“—דאָס ליכט, איינפאַך, ווייל וואוהין ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב, איז ער געקומען בדרך המלך, בייטאָג. אין ליכטיקייט. פון די אַלע רבנים איז איצט געבליבען נאָר זייער זשיפּיצע, שטריימעל און דער ברייטער גאַרטעל, און זעהר אָפט פעהלט דאָס אויך (איך בעט די גרויסע רבנים פון אונזער צייט זיך ניט צו בעליידיגען, איך מיין ניט זיי). דאָס רבנות איז גרעסער געוואָרען, די רבנים אָבער זענען קלענער געוואָרען.

יעדערער פון אונז שטאָלצירט נאָך עד היום מיט אַ רב אין דער משפחה. דער רב איז דער כבוד, דער צענטרום פון אַלע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע. ער איז געגליכען צום שענעם קוגעל צווישען די שבת׳דיגע מאכלים. עס איז דאָך איין אַנערקענטער פאַקט, דאָס די קרוין פון דעם

שבת׳דיגען טיש איז דער קוגעל, אמת מה נהדר הוא הקוגעל בצאתו מן התנור הקדוש!—ווי שען איז דער קוגעל, ווען ער געהט אַרוים שבת אין דער פריה פון דעם הייליגען אוי־ווען און מען דערלאַנגט איהם צום טיש! ער ווערט ער־וואַרטעט און בעגריסט ווי דער בעסטער הייליגער גאַסט, ער איז שען, רונד, זאַפטיג, שמאַלציג, ריעכיג, מען טיילט איין יעדערען אַ שטיקעל, און זיין געשמאַק איז טעם גן־עדן, ער איז דער צענטער פון דעם יודישען טראַדיציאָנעלען טשאָלענט, פון דעם עונג־שבת. אַזוי איז ער ווען ער איז פערטיג אויף דעם טיש אום שבת. ווי העסליך אָבער איז ער פריטאָג אין דער קיך, ווען אַלעס אַרום איהם איז שמוציג, מעהליג, קלעפיג, ווען די פרוי קנעט איהם, שמירט, קלעפט, גיסט, פרעגעלט, פאַטשקעט און וואַטשקעט, די גאַל קען איבערגעהן ווען מען זעהט דאָס צו. דאָס גליק איז וואָס מען זעהט עס ניט, אָדער מען וויל עס ניט זעהען, כדי דעם אַפּעטיט זיך ניט צו פערדאַרבען.

אַזוי איז עס איצט מיט די רבנים, אז ווען זיי זיצען שוין על כסא הוראה זענען זיי שוין מעהר אָדער וועניגער געאַכטעט; ווען אָבער מיר זעהען מיט וואָס פאַר אַ מיטלען זיי פאַטשקען און וואַטשקען ביז זיי כאַפּען זיך אַרויף אויף אַ כסא הוראה, קאָן די גאַל איבער געהען, און זייער פרעס־טיש זאַל געהט צו גרונד. איך בעמערק ביי היינטיגען טאָג דריי קאַטעגאָריען רבנים: די ערשטע איז די קאַטעגאָריע, וואָס איך האָב אויבען בעשפּראָכען, דאָס זענען די רבנים וואָס וואַרטען ניט ביז מען זאָל זיי לאַדען אויף אַ פּלאַץ, מען זאָל זיי ערוואַרטען אין מיטען העלען טאָג בדרך המלך. זיי קומען אין דער פינסטער, דורך איין אונטער־טהיר, זיי ווערען ניט בעשטימט דורך די לומדים, דורך די אינטעליגענץ פון דער שטאָדט, נאָר זיי געהען אויך, נאָך מעהר ווי די חזנים, צום המון־עם, בעטלען חתימות. די דוכאָוונע רבנים׳ליך זענען אַביסעל עהנליך צו די דוכאָוונע קאָנצערטען פון די מאָדערנע

חזנים: עס איז טאַקי דוכאָיונע, אָבער דאָך קאָנצערט, ליטורגיע הייסט עס ניט. דורך דעם פערפעכ־לען זיי דעם אַמט און ערניעדריגען דאָס רבנות. אויף אַ רבנות'ן שטוהל, וואָס ער איז לעדיג געוואָרען, פאַלען אַריין דורכ'ן קוימען 3 שטיק רבנים וועלכע רופען זיך מיט דעם טיטול „חינה ק"ק". דער שטוהל האָט נאָך פלאַץ צו האַלטען אויף זיך נאָך אַ פּאָר „חונים ק"ק" אַזעלכע „חונים" זענען אפילו ווען מען וויל זעהר געדעכט מיט זייער טיטול; ערשטענס, האָבען זיי נעבּיך שווער און ביטער געאַרבייט ביז זיי זענען אַרויף אויף דער שטוהל, אַ קליינינקייט, קיינער האָט זיי ניט געלאַדען און זיי האָבען נעבּיך געמוזט אַראָבוואַרפען זיך דורכ'ן קוימען אויף דער שטוהל און אַביסעל רוהען. צווייטענס, ווען זיי ליעגען שוין ווי די „חינים אויף דער שטוהל, קענען זיי דען זיך ריהרען ווען דאָס פּובליקום ערקלערט זיי פאַר מתים, וועלכע זענען אויך חונים אין דער ערד, און גיבט זיי פשוט ניט צום עסען. דריטענס, האָט דאָך מאַרשאַל מאַק-מאַהאָן אויך דאָס זעלבע געזאָגט, ווען ער איז געוואָרען אַ חונה "J'y suis et j'y reste", ווי-זשע קען איין פּובליקום בלינדלינגס נאָכגעהן נאָך אַזעלכע רבנים חונים, אויף וועלכע איין פראַנצויזישער יודישער געלעהרטער האָט שוין לאַנג אָנגעוויענדעט פאָלגענדע ווערטער:

„עולל אשר היה תלמיד
איך מחרתו רב בקהל רב?—
מהנפלאות לי ישיבת עיר
בקר היות תלמיד וערב–רב".

אַזעלכע רבנים רוהען אויף זייער שטיקעל שטוהל און דאָס פאָלק לאָזט זיי זיך אויסרוהען אויף זייער שטוהל, זיי ווילען ניט קעמפפען פאַר רבנישע פּרינציפּען און האָבען אויך קיין פּולווער מיט וואָס צו קעמפפען, ווייל זיי ווייסען פאָראויס, אַז דאָס פאָלק הערט זיי ווי דעם רבו!...

די צווייטע קאַטעגאָריע זענען די רבנים וואָס זיצען שוין לאַנג אויף זייערע רבנ׳ישע שטוהל׳ען. זיי זענען אַביסעל ליבעראַל און פערשטעהען, אַז די גראַמאָפאָנען מיט די חלול־השם קאָנצערטען פּאַסען גאָר ניט דעם יודענ־טום, און דאָך שווייגען זיי, ווייל זיי האָבען מורא פאַר דעם המון־עם. זיי ווייסען, דאָס זיי האָבען אַ סך שולד אין רער שפלות פון אונזער עבודה דורך דעם אינדיפערענטיזמוס פאַר די עבודה, דורך דעם קליין האַלטען די שוהל און אַרונטערזעצען דעם חזן אונטער דעם המון־עם, דורך דעם, וואָס די רבנים האָבען אַליין אָנגעשריבען: „ש״ץ מותר לרחניף את הקהל״. מען האָט דאָס יודישע פּובליקום ערצוי־גען אין חנופה און איצט איז עס זייער שווער צו געהען קעגען המון עם. אויך קאָנען זיי ניט געהען קעגען דעם המון־עם וואָס זיי אַליין חנפ׳נען איהם, און אין ענינים פון געזאַנג ביי דער עבודה זענען זיי קיינמאָל ניט געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם המון־עם (ווי מיר וועלען שפּעטער פון דעם אויספיהרליך רעדען), און דער המון־עם האָט אין אַזעלכע ענינים קיינמאָל ניט געהאַנדעלט אין דעם גייסט פון די רבנים. און אַזעלכע רבנים דענקען זיך: „כשם שמצוה לומר דבר הנשמע כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע״ (יבמות ס״ה).

די דריטע קאַטעגאָריע זענען רבנים פון דעם אַלטען שלאַג, היציגע, ברענענדע, וועלכע מיינען עס אפשר זעהר ערנסט, זענען אָבער אונפּראַקטיש און פערגעסען רעכנען זיך מיט דער צייט. די מייסטען פון אַזעלכע רבנים זענען פאַנאַטיקער, אָדער שטרענגע אָרטאָדאָקסען, און בעטראַכ־טען דעם טעמפּעל אויף טלאָמצקאַ גאַס אין וואַרשוי, ווי דעם טעמפּעל פון דער בראָדער געמיינדע אין אַדעס, מעהר אָדער ווענינער, ווי קלויסטערס, די בעזוכער פון אַזעלכע טעמפּלען—ווי אפּקירסים, ווי „אויך מיר יודען״ אָדער „באוך מיר יודען״ (ווי עס רופט זיי מאַקס נאָרדוי), די גבאים—ווי די ירבעם־בן־נבט׳ניקעס און די חזנים—ווי די גלחים. זיי

האָבען זייער מיינונג שוין לאנג גאנץ קלאָר אויסגעשפּראָכען אין זייערע ספרים. ווען זולצער האָט אויפגעטרעטען צוריק מיט 60 יאָהר מיט זיינע גאָטעסדיענסטליכע רעפאָר־מען האָבען זיי געשימפּפט, געחרמ׳ט, כאָטש מיר וויסען איצט גענוי, אַז מיר האָבען צו פערדאַנקען בלויז זו־צערס רעפאָרמען, וואָס די שוהל האָט די לעצטע 60 יאָהר צו זיך אָנגעצויגען די יוגענד; אַ יוגענד, וואָס האָט שוין לאַנג פערלאָזען דעם יודענטום פון די ווילדע קלויזען און בתי־מדרשים. נור די רבנים האָבען עס דאַמאַלסט ניט געוואָלט אַנערקענען און האָבען געגוואַלדעוועט, טאַראַבאַנעט, גע־שפּוקט און געשריבען (אין לב עברי וכדומה), אַז „ווען עס איז אין גאַס אַ סכנה זאָל מען זיך בעסער רעטען אין אַ קלויסטער איידער אַריין לויפען אין אַ קאָר־שוהל״... ווייסט איהר שוין פאַר וואָס עס שווייגען איצט די לעצטע רבנים ווען אייניגע חזנים האָבען אָנגעפאַנגען צו בעגנב׳ענען די שוהל און אַריבערפּעקלען די הייליגע תפלות מיט זייערע הייליגע מעלאָדיען אין די גראַמאַפאָנס, און דורך זיי אין אַלע סמעטניקעס? ווען אַנדערע חזנים שלעפּען זיך אַרום ווי די קאַטערינשטשיקעס פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דער שוהל אין צירק, און פון פאַרס־טעאַטער צוריק אין דער שוהל, אָנגעטוהן ווי דער כהן גדול און אויסגעטאָהן ווי די שענע הע־לענע?—וויַיל די חזנים זענען ביי זיי אויך ניט מעהר ווי קאַטע־רינשטשיקעס. און זייערע כלי־שרת זענען ביי זיי די „שחורים״, מיט וועלכע מען געהט זינדיגען. דאַריבער ייגט זיי גאָר ניט אין קאָפּ צי די חזנים־קאָמעדיאַנטשיקעס פּרעספּעלען אין שוהל אויף טלאָמאַצקאַ גאַס אין וואַרשוי, אָדער געהען דאַוונען אין סיביריאַקאָוו׳ס פאַרס־טעאַטער אין אַדעסס. אדרבה—דענקען זיי זיך--זאָל די וועלט זעהען, וואָס הייסט קאָר־שוהל, וואָס הייסט קאַנטאָר, וואָס הייסט די טרה׳נע טענדע־ווערענדע פון די חזנ׳ישע גלחים מיט זייערע תפלות. דורכדעם—אַזוי דענקען זיי זיך—וועט שטאַרקער ווערען דעם רבי׳ס קלויז אין בערדיטשעוו.

דעם מגיד׳ס קלויז אין זשיטאָמיר , דעם גאון׳ס קלויז אין ווילנאָ און דעם גערער׳ס קלויז אין וואַרשוי, אין קוטנאָ, אַז זייער חשבון איז גרינדליך פאַלש—ווייסט יעדער,וואָס שטעהט נאָהענט צו דער זאַך. מען דאַרף נאָר בעזוכען די אַלע בתי־מדרשים און קלויזען אין דערוואָכען, וואו מען זוכט שוין דאָרט אויך אַ מנין; וואו עס הערשט אַ וויסטע אונאָרדנונג; וואו עס ווערט געראויכערט ציגאַרען אין מיטען דאַוונען; וואו די ציגאַרען ווערען אָנגעצונדען ביי די עמוד־ליכט. און גראַדע אין מיטען שמונה־עשרה, און דערביי ווערט דעם עלענדען בעל־תפלה איינגעשטורקעט אין אויער אַ פּאָר חסידישע חכמות אָדער גאָר ציניזשע ווערטלעך; וואו דער שטויב, די שפּינוועבס, דאָס מיסט, דער שמוץ ליעגט ווי אין אַ וויסטער חורבה אין אַלע ווינקלען בערגוויים; וואו עס ווערט אין מיטען קריאת־שמע, ברכו, שמונה־עשרה געפּלוידערט, געלאַכט און געוויצעלט; וואו קיין מענש ענטפערט ניט קיין „ברוך הוא וברוך שמו״; וואו אַלעס ווערט פערוואַנדעלט אין יודישע קאָמעדיע פון דעם יודישען טעאַטער. און אום שבת, ווען דאָס פּובליקום קומט זיך צוזאַמען, זעהט מען ערשט רעכט, אַז פון דעם גאַנצען סדר־העבודה איז געוואָרען עפּעס אַ ווילדער משוגה׳דיגער „אוהאַ!״ אין אַלע ניאַנסען; וואו עס איז ניט צוריק געבליבען מעהר קיין סדר העבודה און קיין עבודה. די מזרח־יודען, וועלכע טוהען נאָך גאָט אַ טובה און קומען אין זיין הויז כאָטש איינמאָל אין דער וואָך, אונטערהאַלטען זיך זעהר געמיטעליך איבער שטעדטישע אַנגעלעגענהייטען. מחלוקת׳ן, נצחונות, איבער נייע אונזועצען, איבער דעם נייען בית־המרחץ, איבער פּאָליטישע סערבישע, באָסניע־הערצעגאָווינישע ענינים. און איבער דער מלחמה וואָס מוז זיין, און יעדער לעזט טאַקע אונטער אַביסעל פון דער רוסישער ציַיטונג, אין טאַקע ווען דער חזן זאָגט „כתר יתנו לך״, און עס ווערט דערביי פיין געלאַכט, געוויצעלט פון דעם חזן׳ס געלענק, פון דעם עמוד־נאַר , דער וואָס מאַכט זיך נאַריש, און מען

ווענדעט זיך צו איהם אין מיטען דאַוונען מיט דער חכמה: „ר'..., אַ שאָד וואָס אַזאַ טאַלאַנט ווי איהר זאָלט דאָ פערפאַלען ווערען, מיר האָבען שוין אָפּגערעדט איינך צו שיקען נאָך רומי־ נאָך ווינען, נאָך לאָנדאָן, איהר זאָלט דאָרטען אויפפיהרען איינער קדושה־קאָנצערט, איהר וועט מאַכען אַ גליק און מיר נאָך אַנדערסטערען גליק, איהר וועט דאָרטען נתעשר ווערען און מיר וועלען דאָ פּטור ווערען פון איינך". דער עלענדער בעל־תפלה מוז נאָך שטומערהייד צו לאַכען מיט גרויס תענוג פון דעם מאָנאָלאָג פון אַ קליינער עזות־פּנים.

עס טרעפט אויך אַ מאָל, דאָס אַ פּאָר קונדסים גנב'ע־נען אַוועק דעם חזן אין מיטין שמונה־עשרה פון דעם עמוד און שטעלען איהם, אין מיטען שמונה־עשרה, אין מעריב־ווייט, מיט דעם פּנים צו דער טהיר. מיט איין וואָרט, די בתי־מדרשים און קלויזען האָבען שוין לאַנג פערלאָרען די קראַפט צוציהען צו זיך די איצטיגע יונגענד. און ווען עס איז אַנערקענט, אַז די עבודה איז איינס פון די דריי זאַכען אויף וועלכע דאָס יודענטום שטעהט, מוזען מיר מודה זיין, אַז די קלויזען און בתי מדרשים זאָגען: „לא בי היא'-ניט דאָרט איז די יודישע עבודה. זיי זענען נאָר איניוואַלידען־היימער פאַר אַלטע איניוואַלידען־יודען, וואָס האָבען שוין לאַנג געשלאָסען זייער רעכנונג מיט דער וועלט און לעבען, פאַר די יונגענד, און אויך פאַר די מיטע־לע יונגענד, וועלכע גלויבען ניט. אַז גאָט וויל מען זאָל איהם דינען אין שמוץ, אין הוללות, אין ווילדענײַ און פּ׳ויי־דעריי, מוז מען צוערשט האָבען איין ריינעם, שענעם טעמפעל מיט איינעם ריינעם, שענעם, געאָרדנעטען, מוזיקאַלישען און ליי־טורגישען שוהל, אָבער ניט טעאַטראַלען, גאָטעס־דיענסט; מיר מוזען האָבען חזנים וועלכע דענקען און פיהלען מיט זייער גאַנצען הארצען די איידעלע, ריינע, שענע יודישע זאַכען וועלכע זיי פערטרעטען, און זאָלען איהר זיין איבערגעגעבען; וואָס זאָלען זיין בעקאַנט מיט דעם גאַנצען בנין פון אונזער עבודה און מיט איהר אָרנאַמענטיק, דאָס הייסט די מוזיק

וועלכע זי בעשיינט, ניט שלעפּען אַלע שמוציגע ליעדער פון דעם טעאַטער, פון דער גאַס אין שוהל אַריין און על אחת כמה וכמה בע׳גנב׳ענען די שוהלען און אַרויסטראָגען אַלע אונזערע הייליגע צירדע אין אַלע סמיטניקעס; שטענדיג זיין בעגייס־טערט פון דעם הייליגען אמט, וועלכען זיי טראָגען אויף זיך און ניט מאַכען פון דער שוהל א קרדום לחפור בה, איין קרע־טעל, אַ באַזאַרטשיק, אַ טאָלטשאָק. ערשט דאַמאָ׳ס וועט די עבודה ערדייכען איהר צוועק, ווען זי וועט בלייבען נור עבודת ד׳ אין בית ד׳.

אַזאַ מיינונג איז אַנערקענט פון די אַלע בעסערע דענ־קענדע יודען, און צווישען זיי פערנעהמט א גרויסען פּלאַץ אויך ר׳ חיים טשערנאָוויטץ. ער פערשטעהט, אַז די יוגענד וועט ניט געהען צוריק אין די קלויזען, און די טעמפּעלס טוהען אַ גרויסע טובה דעם מאָדערנעם יודענטום מיט זייער אָרד־נונג, מיט זייער מוזיק, מיט זייערע אַנשטענדיגע חזנים, מיט זייערע פיינע קליידער, וועלכע האָבען אין בית־המקדש גע־שפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָלע און איצט זייער וויכטיג ביי אַלע רעליגיאָנען. דאַרום האָט ער ניט געקענט צוזעהען דעם חלול־השם, דעם בעור, דעם מאַרק־טאַראַראַם, דעם קלות־ראש פון ר׳ גרונם׳ס קאָנצערטען אין אַדעסער טעאַטער און האָט געשריבען אַ עפענטליכען בריעף אויף דעם נאָמען פון די וואַרשעווער גבאים געגען גרונם, ער האָט אָבער געמיינט אַלע גבאים פון דער וועלט און אַלע זייערע גרונם׳ס, וועלכע ערלויבען זיך עהנליכעס צו טהון.

**בערנעל.** ענטשולדיגט מיר וואָס איך פאַל אייך אַריין אין די רייד. איהר האָט גערעדט פון 3 קאַטעגאָריען רבנים און האָט זיי זעהר קלאָר פאָרגעשטעלט; מיך וואונדערט אָבער, וואָרום רעדט איהר ניט פון דעם „קאַזיאָנע רב"?—דעם אמת וויל איך אייך זאָגען, איך בין דאָ ניט געוועזען ביי קיין דוכאיונעם אָדער קאַזיאָנעם רב, אָבער ווי איך געדענק, איז אין מיין שטעד־טיל געוועזען איין קאַזיאָנער רב וואָס האָט זעהר גוט געלעבט

מִיט מײַן פָאטעֶר, און ווען עֶס האָבּעֶן זִיך אָנגעֶהוֹיבּעֶן דִי
וואַהלעֶן אִין שטעֶדטִיל--אָהאָ! מײַן פָאטעֶר אִיז געֶוועֶזעֶן
זעֶהר בּעֶשעֶפטִיגט, פעֶרקנאַקט, פעֶרטעֶבּעֶרט און פלעֶגט
קוּמעֶן אַ הײַם 2 דעֶם זײַגעֶר בּײַנאַכט, און אונזעֶר הוֹיז אִיז
דאַמאָלס געֶוועֶזעֶן אַ קוּטעֶל=הוֹיז, דעֶר אַרײַן, דעֶר אַרוֹיס.
מײַן פָאטעֶר אִיז דעֶרפאַר געֶוועֶן בּײַם קאַזיאָנעֶם אײַן קאָווע=
לאָך,(כל=ולך), וואָס עֶר האָט אִיהם געֶבּעֶטעֶן האָט עֶר בּאַלד אִיס=
פאָלנײַעֶט מִיט אַלעֶ פאַזוואָלטִיס. ווִי מעֶן זאָגט אִיז דאָ דעֶר
קאַזיאָנעֶר רב בּײַ זִיך זעֶהר שטאָלץ, אַ גאַנצעֶר „יאַ טעֶבּעֶ
דאַס!“ נוּ, וואָרוּם רעֶדט אִיהר גאָר נִיט פון אַזאַ קאַטעֶגאָ=
רִיעֶ? וואָרוּם שווײַגט אִיהר?

## XI. קאַזיאָנעֶ רַבָּנוּת.

ר׳ חײַקעֶל. אײַ=אײַ, בּעֶרגעֶל, האָסט מִיך אִיצט בּעֶרִיהרט אִין מײַן שוואַ=
כעֶר זײַט, אִין אַ וואונד, וואָס אִיך האָבּ בּעֶסעֶר געֶוואָלט
אִיבּעֶרגעֶהן און דעֶרפוּן נִיט רעֶדעֶן. דִי מכה אִיז אַ יוּדִישעֶ מכה,
דאָס הײסט אַ ספעֶצִיעֶלעֶ רוּסִיש=יוּדִישעֶ מכה, ווײַל דִי אוֹיס=
לעֶנדעֶרשעֶ יוּדעֶן קעֶנעֶן דִי מכה נִיט. דִיר עֶרקלעֶהרעֶן דִי
גאַנצעֶ געֶשִיכטעֶ פון דִי קאַזיאָנעֶ רבנים וואָלט עֶס אָבּגעֶנוּ=
מעֶן אײניגעֶ טעֶג און עֶס האָט נִיט צוּ אונזעֶר זאַך, נאָר
עֶטוואָס וועֶל אִיך דִיר דאָך עֶרקלעֶהרעֶן.

אַ קאַזיאָנעֶ רב!–וואָס פאַר אַ פּאַראַדאָקס! וואָס פאַר אַ
חוזק, וואָס פאַר אַ געֶלעֶבּטעֶר עֶס לִיעֶגט אִין דעֶם טִיטוּל!
ווִי רײמט זִיך צוּזאַמעֶן אײַן „קאַזיאָנעֶ“ און „רב“?! עֶס
גִיעֶבּט קאַזיאָנעֶ מאָנאָפאָל, קאַזיאָנעֶ פעֶרד, קאַזיאָנעֶ הײ און
האָבּעֶר, קאַזיאָנעֶ קאַזאַרמעֶס, קאַזיאָנעֶ האַרמאַטעֶן וכדומה;
אָבּעֶר וואָס הײסט „קאַזיאָנעֶ רב“?! ממה נפשך: בִּיסטוּ
אַ קאַזיאָנעֶ, ווִי קוּמסטוּ צוּם רב? בִּיסטוּ אַ רב, ווִי קוּמט צוּ
דִיר דעֶר קאַזיאָנעֶ?–דעֶר גאַנצעֶר טִיטוּל „קאַזיאָנעֶ רב“, צוּ וועֶל=
כעֶן דִי רוּסִישעֶ יוּדעֶן האָבּעֶן זִיך שוֹין געֶוואָהנט ווִי מִיט דעֶם
שפּײַ אִין עלינו, קלִינגט, ווען מעֶן ווִיל עֶס אַנאַלִיזִירעֶן, ווִי אײנעֶר

זאָל זאָגען: „ווייסע טינטע", „שוואַ־צע מילך", „טרוקענע וואַסער", אָדער גאָר איין „דוכאָוונע־פּריסטאַוו", דאָס הייסט: „Contradictio in adjecto", ער ווידערשפּריכט זיך אַליין. די רוסישע יורען האָבען אויף זיך גענוג גזרות איבער־געטראָגען צייט חמעלניצקי, גאָנטע, פּויטאַניקעס און די עפּאָכע פון די אַקציזניקעס, און צוזאַמען מיט די גזרות און עפּאָכעס ווען די גזרה און עפּאָכע פון די קאַ־זיאָנע רבנים אויך פערשריבען ווערען מיט אַביסעל בלוט. ניט נור די געמיינדעס אין רוסלאַנד זענען אונגליקליך מיט זייערע קאַזיאָנע רבנים, נור אויך די קאַזיאָנע רבנים זענען אונגליקליך מיט זייערע געמיינדען און מיט זייער שטעלונג איבערהויפּט אַלס קאַזיאָנע רבנים. עס איז איין פּאַר־פאָלק וואָס קענען זיך ניט אָנקוקען זייט זייער ערשטער בעקאַנטשאַפט און קענען ניט פּטור ווערען איינער פון דעם צווייטען. מיין זיידע האָט מיר דערצעהלט, אַז אין די גרויסע גזרות פון קייזער ניקאָלאַי I, ווען מען האָט חתונה געמאַכט קינדער פון 12—13 יאָהר מיט מיידליך אויך פון דעם זעלבען עלטער, איז געקומען דער 14 יאָהריגער ישראַ־ליק מיט אַ געוואַלד: ער קאָן ניט וויאָהנען מיט חיה׳ן, ער קאָן זי ניט אָנקוקען, זי איז אַ בייזע שלאַנג, זי לאָזט איהם ניט לעבען, זי איז אַ חיה רעה וכדומה. האָט איהם דער זיידע באַלד אַנידערגעלעגט, אַראָפּ־געלאָזט די תחתונים און גוט אַריין געפּיטשקעט אין דעם באלף מחילות מיט דעם לעדערנעם קאַנטשיק און געשריען אויף איהם: „נו, וועסטו שוין מעהר ניט פערעבענדיווען? וועסטו שוין מעהר ניט וואָיעווען? אָט האָסטו דיר אַ חיה רעה! מען דאַ־ף ליעב האָבען אַ ווייב, געה, שקוץ, און לעב מיט איהר און ליעב איהר, ווייסטו ניט אַז דאָס איז אַ גזרה?!" און ישראליקעל איז אַוועק מיט פערוויינטע אויגען מיט דעם אָפּגעשמיסענעם באלף מחילות צו זיין פלונית, די חיה רעה, און געלעבט מיט איהר און האָט זי געליעבט ביז 120 יאָהר. אַזוי איז דער זיווג וואָס כנסת ישראל האָט אין רוסלאַנד געמאַכט

מיט דעם קאַזיאָנעם רב. פון אָנפאַנג האָט זי געשריען: זי וויל איהם ניט, זי ליעבט איהם ניט, ער איז אַ חיה רעה! נאָר מען האָט זי אויסגעשמיסען און איהר געזאָגט: חצופה! לעב מיט איהם, ליעב איהם, מען טאָר ניט פיינט האָבען אַ קאַזיאָנע, עס איז אַ גזרה. און ישראליק ל'עבט מיט זיין ראַבינער, זיי קענען זיך איינער דעם צווייטען ניט אָנקוקען און לעבען זיך אַזוי צוזאַמען ביז 120 יאָהר.

נור די ערשטע קאַזיאָנע רבנים זענען געווען מעהר אויף געלעכטער איידער אויף מורא. מיט זיי האָבען זיך מייסטענס בעשעפטיגט די נחות דרגא, אַלע יודישע צעבען. דאָס זענען געוועזען ראַבינער מיט קאָקאַרדעס און קאַנצעליאַריעס און זייער געזעלשאַפט איז געווען די נידעריגסטע: אַ פּאָר עזות־פּנים׳ער פון די שניידער און אַנדערע האַנד־ווערקער, אַ פּאָר קליינע טשינאָווניקעס פון דער פּאָליציי מיט זייערע פרויען; מיט דערווירקליכער יודישער געזעלשאַפט איז ער קיינמאָל ניט צוזאַמען געקומען, ווייל ער איז געשטאַנען מחוץ למחנה. אין שוהל דאָט מען איהם ניט געזערען, אויסער ווען ער פלעגט קומען פּערלעזען איין אוקאַז, איין מאַניפעסט, איין צירקולאַר, איין מאָ־יעבסטוואָ; אָפּגעלעזען—און אַיועק וואוהין דער ווינד וועהעט צוריק אין דער קאַנצעלאַריע, צו די מעטריקעס, צו די קאַרטען, און צו וואָס ניט?.. האָט ער אַמאָל געהאַט יאָהרצייט—פון יוצא וועגען—און איז געקומען שבת אין שוהל, האָבען די גבאים נעביך געהאַט אַ פינסטערען שבת: זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהון מיט איהם מכח דער עליה. מילא איין עליה מוז מען איהם געבען, עס איז אַ גזרה; די צרה איז געוועזען גרעסער, וואָס טרוט מען מיט די אי־בריגע עליות? ווייל קיינער האָט ניט געוואָלט נעהמען די עליה פאַר איהם און נאָך איהם. עס איז געווען אַ פערשטערטער שבת אין שוהל. איך געדענק אַ סצענע פון אַ קאַזיאָנע רב ווען איך בין געווען נאָך אַ קינד. עס איז געווען שבת אום 12 אַ זייגער אין אַ זאָמער טאָג, ווען מיר זענען אַלע

געזעסען ביים טיש און געזונגען זמירות מיטען טאַטען און זיידען, און די פענסטער זענען אָפען געוועזען, אַזוי ווי עס פיהרט זיך אין די יודישע קליינע שטעדטלעך. פלוצלונג הערען מיר עס בילט אַ הונד זעהר שטאַרק און מיר הערען איין געלעכטער פון עטליכע מענשען. מיר טהוען אַ קוק דורכ'ן פענסטער, געהט דער קאַזיאָנע רב מיט דער גרויטער קודלע, מיט זיין פידזשאַק, מיט זיין קאַרטוז מיט דער קאָקאַרדע, מיט אַ כליסטיקעל אין דער האַנד, מיט 2 טשינאָווניקעס און 2 שיקסעס מיט אַ גרויסען הונד, וועלכער בילט, האַוקעט, און די יודישע יונגלעך און מיידלעך, וועלכע שפּיעלען זיך אויף דער גאַס לויפען אַוועק אין שרעקען און בעהאַלטען זיך אין די נאָרעס, און די געזעלשאַפט ווערט צוזעצט פון לאַכען. דער זיידע האָט זיך אומגעקוקט דורכ'ן פענסטער און זיך אַ קנייטש געטאָהן און געזאָגט: „ע!—ימח שמו זאָל ער ווערען“.

דאָס איז געוועזען דאָס בילד פון די ערשטע קאַזיאָנע רבנים מיט די קאָקאַרדעס. מען האָט געליעבט, ווייל עס איז געוועזען אַ גזירה, אָבער נור פון דערווייטענס.

אין די זעכציגער יאָהרען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען עס האָט אָנגעפאַנגען אַריין צו דרינגען נאָך רוסלאַנד אייראָפּעאישע קולטור-שטראַהלען, און די יודישע געמיינדען האָבען געוואָלט נאָכמאַכען דאָס אייראָפּעאישע יודענטום, די אייראָפּעאישע שוהל-ליטורגיע מיט די נייע טעמפּלען, מיט די נייע אַלטאַרען, מיט די נייע קאָר-חזנים, מיט די נייע קליידער, מיט אַ ביסעל רעפאָרם אין דעם דאַוונען, אין דער אָרדנונג און נאָך,—האָבען זיי בעקומען אַפּעטיט די קאַזיאָנע טשינאָווניקעס, די רבנים מיט די קאָקאַרדעס, פערבייטען אויף פּרעדיגער און קולטור-טרעגער. די רעגיערונג פון אַלכסנדר II האָט אַזאַ אידעע געהולדיגט און געגרינדעט ראַבינער-שוהלען, וואוהין עס זענען צוזאַמען געקומען בעיאַהרטע ליטוואַקעס, וואָס זענען ענטלאָפען פון זייערע מאוסע ווייבער און קינדער, פון די

גזרות פון דעם יודישען קהל, און יונגעלײַט פון פוילין, וואָס די חסידים האָבען פערפאָלגט פאַר אפקורסות, פאַר ספרים־חיצונים, פאַר די „מסתרי־פריז" פון ק"למן שולמאַן, און מען האָט זײ דאָרט אָבגעגעבען אַלס מצוה־סאָלדאַטען, אַזוי ווי עס שטעהט: „יבערת הרע מקרבך". און פון אָט דיעס שטאָף איז ענטשטאַנדען אַ גאַנצער קאָנטינגענט פון די תלמידים פון די ראַבינער־שוהלען. מעהרסטענטײלס זענען דאָס געװען שילער בעגאַבטע, נור אונערצויגענע מענשען. די ראַבינער־שוהלען זענען גראַדע געװען אין צוויי יודישע צענטרומס: אין דעם מתנגד'ישען ווילנא, אין דעם גאון'ס ספערע, און אין דעם חסיד'ישען זשיטאָמיר, אין דער ספערע פון דעם בעל־שם'ס קינדער. וואָס די ראַבינער־שוהלען האָבען געטריבען אין די בײדע שטעדט צום טראָץ פון די יורען און יודענטום איז ניט צו בעשרײַבען. די שטרעמונג איז דאַמאָלס איבערהויפט געװען מעהר להכעים ווי לתיאבון. אין קורצען: פון די שוהלען זענען אַרויס אַ סך געבילדעטע אָבער ווענינ ערצויגענע. די ראַבינער־שוהלען האָבען ניט ערציעלט דעם וואונש פון דער רעגיערונג. פאַר רעליגיאָן איז דאָרט קײַן פלאַץ ניט געװען. זײ האָבען געטראָגען אַ גאַנץ אַנדערען כאַראַקטער, און בשום אופן ניט קײַן כאַראַקטער פון אַ טעאָלאָגישען סעמינאַר, וואו רעליגיאָן איז אַ הויפטזאַך. ביז די רעגיערונג האָט זײ צוגעמאַכט. דאָך האָבען די ראַבינער־שוהלען מיט אַלען זײערע חסרונות אַרויסגעגעבען אַ סך געבילדעטע יודען און אַ סך פּריוואַטע־גירטע קאַזיאָנע רבנים, פון וועלכע אָבער עהרע דעם יודענטום האָבען געמאַכט נור זעהר אַ קלײנע צאָהל. צום העכסטען גלאַנץ פון דער ראַבינער־עפּאָכע האָט עס געבראַכט ניט קײַן אַנדערער אויסער דאָקטאָר שוואַבאַכער אין היגער בראָדער געמײנדע, דען ער איז געװען אײן אויסלענדער און זײנע אויסבילדונג האָט ער דאָרט גענאָסען. ער איז געװען אַ פרעדיגער פון גאָטעס גנאַדען. ער איז געװען טעאָ־לאָ־

גיש געבילדעט און אייראָפּעאיש וואָהלערצויגען; ער האָט בעוויזען, ווי אַזוי מען קאָן טראָגען דעם טיטול „קאַזיאָנע", און דאָך זיין אַ רב אין מאָדערנעם זין. אַזוי ווי ר' ניסן בלומענטאַל איז אין יענער צייט געוועזען אַ מאָדעל פאַר מאָדערנע שליחי-צבור, אַזוי האָט דאָקטאָר שוואַבאַכער געדינט אַלס מאָדעל אין אַלע זיינע בעוועגונגען פאַר דעם רוסישען קאַזיאָנע רב. ער האָט געמאַכט סענסאַציאָן אין דעם רוסישען קאַזיאָנע ראַבינערטום, אַזוי אַז די קאַזיאָנע רבנים אין אַלע שטעדט אין רוסלאַנד האָבען ערשט אָנגעהויבען צו פיהלען זייער נידעריגע שטעלונג אין דעם יודישען געזעלשאַפט און האָבען אָנגעפאַנגען אַביסעל אַריינקריכען טיעפער אין אַלע יודישע אַנגעלעגענהייטען. זיי האָבען אַראָבגעוואָרפען זייערע קאַשקעטען מיט די קאָקאַרדעס און אַרויפגעשלעפט אויף זיך אַ שוהל-פּעסע; אויסגעטהון זייער קורצען ראָק און אַריין אין אַ לאַנגע שוואַרצע ריאַסע מיט אַ ווייסער בינדע. אין דער דאָזיגער נייער בעקליידונג זענען זיי גלייך אַרויף פון דער קאַנצעלאַריע אויף דער קאַנצעל און פאָרגעשטעלט זיך דעם פּובליקום אין אַ גאַנץ אַנדערער פּאָזע; אין דער פּאָזע פון אַ אייראָפּעאישען פּרעדיגער.

איינעגע פון זיי האָבען אפילו דערגרייכט אַ געוויסע מייסטערשאַפט אין זייער נייען אונטערנעהמען, אָבער דורכשניטליך האָבען זיי אפילו אין גלאַנץ-פּעריאָד זייערען אויך ניט געקענט דערגרייכען די שטופע פון די אויסלענדישע פּרעדיגער, צוליעב 2 טעמים: ערשטענס, ווייל דער אויסלענדישער פּרעדיגער איז דורך און דורך געוועזען אַ קאַנצעלמאַן. די גאַנצע וואָך האָט ער קיין אַנדערע בעשעפטיגונג ניט געהאַט אויסער דער פאָרבערייטונג צום קאַנצעל. דער רוסישער ראַבינער אָבער, האָט זיך צופיעל גייסטיג און מאָראַליש אָבגעשטומפּפט די גאַנצע וואָך אין זיין קאַנצעלאַריע מיט פרעמדע קאַזיאָנע געשעפטען און האָט קיין צייט ניט געהאַט צוגרייטען זיך ווי געהעריג יעדע וואָך צו דעם

קאַנצעל; צווייטענס, און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע, ווייל אַ רעליגיעזער רעדנער אין אַלע גלויבענס פון דער וועלט מוז פאַר אַלעם רעאַליזירען אין זיין פערזאָן די מאָראַל און רעליגיאָן, וועלכע ער פּרעדיגט: „Jt is a good divine that follows his own ins truction; J can easier teach twenty what were good to be done, than be oneof the twenty to follow mine own teaching“ 1).

די מאָראַל פון אַלע רעליגיאָנען איז געגרינדעט אויף צוויי שלומים: ערשטענס, שלום מיט זיך אַליין, בעהערשען אין זיך אַלע ערדישע ליידענשאַפטען אַזוי, אַז מען זאָל קענען רוהיג שלאָפען ביי נאַכט. „וועניגע וויסען דאָס, אָבער מען מוז אַלע מעלות האָבען, כדי גוט צו שלאָפען“ 2). דער רוסישער קאַזיאָנער רב, וואָס האָט שטענדיג אין דער נשמה געטראָגען די קאַמפף צווישען די צוויי געגענגעזעצטע עלעמענטען פון קאַזיאָנע און רב, האָט בשום אופן ניט געקענט רוהיג שלאָפען ביינאַכט.

צווייטענס, דעם אייביגען שלום צווישען מענשען: פערטרייבען די ליידענשאַפטען פון ערדישער קראַפט, פון חשק נאָך נצחון דורך מענשליכער געוואַלט און הערשזוכט און נאָך. די ביידע שלומים האָט דער רוסישער קאַזיאָנער רב קיינמאָל ניט געקאָנט פערזאָניפיצירען אין זיך, ווייל ער אַליין איז שטענדיג געצוואונגען געוועזען מלחמה צו האַלטען פאַר נצחון, פאַר הערשזוכט, פאַר דיקטאַטור מיט אַלע מיטעל, וועלכע עס זענען איהם נאָר ביי דער זייט געשטאַנען, און דעריבער האָבען זיינע רעדען ניט געהאַט קיין מאָראַלישען איינפלוס. אַנדערס קען עס גאָר ניט זיין. צום ביישפּיעל: ווען אַ גענעראַל, בעוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, וועט זיך שטעלען אויף אַ קאַנצעל אין אַ קירכע און וועט פּרעדיגען דעם אייביגען שלום: „וכתתו חרבותיהם לאתים“, וואָס ישעיהו הנביא האָט געפּרעדיגט, וועט מען איהם געוויס אויסלאַכען

1) W. Shakespear's Merchant of Venice. 1 Act. 2 sceene: Portia to Nerrisa.

2) Friedrich Nietsche's „Also sprach Zarathustra“, S. 38. Leipzig 1906.

אין געזיכט. ווען אַ שכור׳ער לוט וועט פרעדיגען אויף אַ קאַנצעל פון נזירות (Temperance) און אַליין וועט ער זיך יעדער מאָל אין מיטען דער דרשה ערקוויקען מיט אַ ביסעל ספּירט, וועט מען איהם אויסלאַכען אין פנים. עס איז אַ פאַקט, אַז ווען דער קייזער ווילהעלם האָט אין ירושלים אין אַ שענעם זונטאג געלעזען אין דער קירכע די גאָספּעל, האָט ער געמאַכט זייער אַ לעכערליכען און אַבשטויסענדען איינדרוק; דער זעלבער ווילהעלם, וואָס האַלט ברענענדע רעדען אין לאַגער פון זיין אַרמייע, איז אויף דער קאַנצעל אין דער קירכע לעכערליך געוועזען, ווייל אַ מאַן, וועלכער גלויבט נאָר אין מענשליכע קראַפט, אין מיליטער, אין „דער גאָספּעל דער פויסט״, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט פאַר דעם כינעזישען קריעג, דאַרף ניט לעזען עוואַנגעליום, די גאָספּעל דער פערציַיהונג, פון אייביגען שלום.

דאָס איז נאָך ביי די קריסטען, וואו די קירכע און לעבען שטעהען בעזונדער. ביי די יודען, וואו די שוהל איז אַריין געדרונגען אין אַלע שיכטען פון׳ם לעבען, ליעגט דאָס פריעדליכע, פרומע פערלאַנגען פון אַ פרעדיגער נאָך אַ סך שטרענגער אין דעם בלוט. דער יוד קען קיינמאָל ניט נתפעל ווערען פון דעם בעסטען מאָראַלישען רעדנער, ווען דער רעדנער אַליין טראָגט ניט אין זיך די העכסטע מאָראַליטעט. איידער זיי הערען נאָך וואָס ער האָט געזאָגט ווילען זיי שטענדיג וויסען ווער עס האָט געזאָגט. די ווערטער: „non quis, sed quid" (ניט „ווער״, זאָנדערן „וואָס״) האָט ביי די יודען ניט געפונען קיין אָבקלאַנג אין דער שוהל. די יודישע עטהיק האָט שטענדיג געוואָלט דאָס „ווער״ וויסען פאַר דעם „וואָס״. אַזוי זענען זיי ערצויגען. זייערע ערשטע פיהרער זענען געוועזען–– אויסער משה׳ן––די נביאים, די צווייטע פרעדיגער––די סופרים, וועלכע האָבען געלעהרט: „ולא המדרש עיקר, אלא המעשה״, אָדער: „אם דומה לך הרב כמלאך ד׳ צבאות אז יבקשו תורה מפיהו, ואם לאו––אל יבקשו תורה מפיהו״ (חגיגה, ט״ו ע״ב).

אויף דעם אופן האָבען זיי שטענדיג בעטראַכט זייערע רעדנער אין גאַנצען מיטעלאַלטער ביז די טויש-רעדען פון די גוטע יודען ביי די חסידים און פון די ליטווישע מגידים ביי די מתנגדים. אַזוי איז דער יודישער המון-עם געוואָהנט, כדי בעאייַנפלוסט צו ווערען פון דער רעדע מוז ער צוערשט ענטציקט ווערען פון דעם רעדנער, ער מוז איהם האָכאַכטען און ליעבען. און אַזאַ מין האָכאַכטונג אָדער ליעבע איז דען גאָר מעגליך געווען אין רוסלאַנד צווישען דעם המון עם און דעם קאַזיאָנעם רב, וואָס די רעגיערונג האָט איהם געזעצט?—. אין אייראָפּאַ זוכט יעדע געמיינדע אַ פרעדיגער: זי האָט איהם נויטיג. און עס קומען פרעדיגער אויף אַ פּראָבע, און זיי נעהמט מען אויף מיט כבוד און מען בעגלייט זיי מיט מיט כבוד אויב אפילו זיי פערבלייַבען ניט. געוועהלט ווערט יענער, וואָס געפעלט דער געמיינדע דורך וויסען, קענען, מאָראַליטעט, אומגאַנג, ערצויגענהייט און נאָך אַזעלכע זאַכען. און זיין וואַהל איז שוין אויפ'ן גאַנצען לעבען. ווי געהט עס אָבער צו מיט וואַהלען פון אַ קאַזיאָנע רב אין רוסלאַנד?— פאַר אַלעם, אין גרונד גענומען, ברויכט קיין יוד אין רוסלאַנד קיין שום קאַזיאָנעם רב ניט, נאָר עס איז אַ גזרה, די רעגירונג וויל עס. מען שרייבט אַ קאָנקורס און עס קומען צולויפען אונגליקליכע מענשען וואָס האָבען ניט קיין גליק אין אַנדערע זאַכען און האָבען דאָס „רעכט" דאָס הייסט „קאַזיאָנע רעכט" צו ווערען ראַבינער. איין קאַנדידאַט ברענגט אַ בריעף צום שטאָדט גביר, דער אַנדערער—צום גובערנאַטאָר, דער דריטער גאָר צו בערגלען דעם צירולניק מיט זיין קאָמפּאַניע. און דער גליקליכסטער—אָדער דער אונגליקליכסטער—צווישען די קאַנדידאַטען, דער וואָס האָט געמאַכט דעם „זכה בגורי" אויף 3 יאָהר, ערשיינט אין דער שוהל, קריכט אַרויף אויף דער קאַנצעל צו דרשה'נען. דאָס איז נאָך גוט ווייל ער ווערט אויסגעקליבען, דריי פערטעל קאַזיאָנע רבנים אָבער אין רוסלאַנד עקזיסטירען „פּאָ נאַזנאַטשעניו". אַזעלכע פאַלען אַריין אין דער שוהל ניט ווי יענע

רוכאָוונע צערבראָכענע הונגעריגע רבנים, חונים, וואָס פאַלען אַריין דורכ'ן קומען אויף דעם כסא הרבנות, ניין! ער ערשיינט אום יום כפור אין דער פריה, נאָכדעם ווי מען האָט איהם ערב-יום-כפור צו די כפרות נאַזנאַטשיַעט גאָר אָהן דעם וויסען פון דער געמיינדע, אויב זי וויל דעם אָדער יענעם, אויב זי דאַרף ווירקליך דעם קאַזיאָנע אָדער ניין— ניט איהר זאַך. מיט איין וואָרט, דער גזרה-רב קומט מיט דעם פולען בעוואוסטזיין פון זיין קאַזיאָנער קראַפט און קריכט אַרויף אויף דער קאַנצעל צו דרש'ענען מאָראַל, צו רעדען איבער די צוויי שלומ'ס, וואָס מיר האָבען שוין אַרומגערעדט, וועלכע ער אַליין פערמאָגט זיי ניט און קען זיי גאָר ניט פערמאָגען. ביי איהם אין האַרצען וואָהנען שטענדיג צוויי שכנים, שונאים אויף'ן לעבען: דער אַחרימון און דער אהורא-מאצדא. איינער געהערט דעם קאַזיאָנע, דער אַנדערער-דעם רב, און שאַפען איהם אונבעדינגט 2 פנימ'ער ווי ביי יענעם יאַנוס. ער האָט שטענדיג איין אינערליכען קאַמפף, ער ווייסט ניט וועמען ער זאָל יעדער מינוטע צוליעבטוהן; ער ווייסט ניט וואָס ער איז: סאָלדאַט אָדער גייסטליכער, ביידע צוזאַמען און קיינער פון ביידען; ער איז דורך און דורך דואַליסט, ער מוז דינען צוויי געטער און דעריבער קען ער קיינמאָל קיין שלום ניט האָבען מיט זיך אַליין און נאָך ווייניגער-מיט אַנדערע.

בעזאָנדערס קענען אַ זעלכע רעדנער אויף דער יודישער קאַנצעל ניט ווירקען. אויף דעם מזבח האָט ניט בעדאַרפט קומען אייזען: „לא תניף עליהם ברזל" (דברים כז). און דער תלמוד ערקלערט עס זעהר ריכטיג: „שהברזל נברא לקצר ימיו של אדם והמזבח נברא להאריך ימיו של אדם, אינו בדין שיניף המקצר על המאריך (מדות, פרק שלישי, המזבח). דער מזבח פערפאָלגט דעם צוועק צו דערלענגערן די יאָהרען פון דעם מענשען, און אייזען איז מקצר דאָס לעבען פון דעם מענשען, דעריבער דאַרף אייזען אויף דעם מזבח ניט קומען. דאַרין ליעגט דער קאָנטראַסט פון דעם אויסלענדישען יודישען

פרעדיגער און דעם רוסישען קאזיאָנע רב: יענער איז געקוי=
מען אויף דער קאנצעל אָהן אייזען, אָהנע געוועהר, זיין כח
איז זיינע וויסענשאַפטליכע קענטניסען, זיינע אונבעפלעקטע
מאָראַליטעט, זיינע האָבאַכטונג און ליעבע וואָס די געמיינדע
פיהלט צו איהם נאָך איידער ער הויבט אָן צו רעדען. ער
האָט די גאַנצע וואָך אין קאָפּ נאָר זיין קאַנצעל און קומט אין
שוהל אריין שבת אָדער יום טוב אַ גאַנצער מענש,
פּרעזענטירענד, מעהר אָדער ווייניגער, די צווייטע נויטיגע שלומ׳ס;
דער אָבער האָט צו פערדאַנקען זיין געבורט ווי אויך זיין
עקסיסטענץ דער געוואַלט, דעם גובערנאַטאָר וואָס נאַזנאַ=
טשעט איהם, אָדער העכסטענס בערגלען דעם צירולניק מיט
זיינע חברה לייט פון אַלע צעכען, וואָס האָבען איהם פער=
קויפט זייערע שטימען. די גאַנצע וואָך אין זיין קאַנצעליאַריע
איז ער בעשעפטיגט ווי אַ פּריסטאַוו אָדער איין אַנדערער
שווערער טשינאָווניק, און האַנרעלט=וואַנרעלט אין זיין קרע=
מעל מיט זיין קאזיאָנער מאַכט, און פּלוצלונג פערמאַכט ער
די קאַנצעליאַריע און קריכט אַרויף אויף די קאַנצעל, אפילו
ווי, להבדיל, אַ כהן גדול, מיט דער 4=אָרער 6=עקיגער פּעסע
מיט דער לאַנגער קוטע, מיט דער ווייסער בינדע, מיט דעם
נייען אויסגעפּרעסטען ארבע=כנפות, מיט דער גאַנצער פעל
פון איין שטילע שעפּסעלע, מיט דער גאַנצער פרומער ווייסער
רעליגיעזער מינע, און דרשנ׳ט מאָראַל, וועלכע ער אַליין
שטערט די גאַנצע וואָך; דרש׳נט וועגען ענטהאַלטען זיך פון
שנאה פון נצחין, וואָס ער האָט זיך אַליין די גאַנצע וואָך
נור מיט דעם אַליין בעשעפטיגט. מיט איין וואָרט, ער ברענגט
מיט זיך אייזען אויף דעם מזבח, און אונטער זיינע אַלע בגדי
כהונה, וואָס שטעלען איהם פאָר אַלס רב, הענגט איין
קאַזיאָנע קנוט מיט פיער שטאַרקע רימענדליך פון אַ רוסי=
שען קאַזאַק, וועלכער וואַרפט אָן אַ סך מעהר „יראה“, פורכט...
פאַר דעם קאַזיאָנע, אַלס „אהבה“, ליעבע, צו זיין הייליגער
דרשה. דאָס הייסט: „רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות

בידם", און דער תלמוד זאָגט: "כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש". און פון אַזעלכע רעדנער זאָל דאָס פאָלק ענטציקט ווערען?! עס איז ניט קיין וואונדער, אַז די דרשה, דאָס "דבר ד'", דער גריעכישער "Logos", אָדער, ווי די עוואַנגעליסטען האָבען זיך אויסגעדריקט: "דאָס וואָרט איז די גאָטהייט און די גאָטהייט איז דאָס וואָרט",וואָס פערנעהמט ביז איצט אין אויסלאַנד אַ האַלבען טהייל פון דער יודישען ליטורגיע, פערנעהמט אין דער רוסישער שוהל נאָך איין זייער אונבעדייטענדען פלאַץ. מיר האָבען גענוג רעדען, אָבער צו ווייניג רעדנער!...

דאָס אַלעס איז נאָך געזאָגט פון דער גלענצענדער ליבעראַלער עפּאָכע פון די זעכציגער יאָהרען אין רוסלאַנד און פון די בעסטע קאַזיאָנע רבנים פון יענער צייט; פון די איבעריגע קאַזיאָנע ראַבינער, און באַזונדערס, צייט עס האָט זיך אָנגעהויבען די רעאַקציע, פון זייערע וואהלען, מ־חמות און נצחונות כמעט אין אַלע געמיינדען און פון דעם אייזערנעם קנוט, וואָס איז שוין מעהר ניט פערשטעקט אונטער'ן קלייד און ווערט געטראָגען גאַנץ אָפען,–וויל איך גאָר ניט רעדען. די עפּאָכע איז נאָך גאָר ניט געענדיגט, און ווען זי וועט זיך ענדיגען, וועט קומען אַ בעסערער היס־טאָריקער פון מיר און וועט וואַהרשיינליך זיי דערמאָהנען נאָך זייערע פערדיענסטען. פאַר אונז איז גענוג צו זאָגען, אַז זייער הויפּט־מיסיאָן איז נור אַדמיניסטראַטיוו אין דער קאַנצעליאַריע, אויף דער קאַנצעל האָבען זיי גאָר נישט צו טוהן און זייערע רעדען האָבען ביים פאָלק גאָר ניט קיין איינפלוס. אין ליטורגישע זאַכען ויאַגען זיי אַליין ניט צו זאָגען אַ מיינונג, ווייל די גרעסטע טהייל פון זיי, אם ווענינגס־טען, ווייסען דער פון גאָר ניט.

דאַרום וועסטו שוין פערשטעהן, בערגעל, פאַר וואָס איך האָב ניט גערעדט פון דער פערטער קאַטעגאָריע רבנים וואָס זיי שווייגען?–פשוט, זיי האָבען ניט וואָס צו זאָגען.

**בערגעל.** איך דאַנק אײַך זייער, ר׳ חייקעל, פאַר אײַערע אָביאַסניעניִעס. איך וואָלט אוודאי געוואָלט נאָך הערען אײַער רעדע, נור איך מוז שוין לויפען צו מיין אַרבייט, עס זענען שוין דאָרט פאַרהאַן אַ סך קליענטען.

**ר׳ חייקעל.** איך לעז דיר נור פאָר דאָס לעצטע שטיקעל פון דעם דאָקטאָרס אַרטיקעל, עס דויערט שוין ניט: „איהר וועט אוודאי זאָגען, אַז עס איז אַ חלול־השם״?...—וואָס וועט איהר זאָגען, הער דאָקטער — איז דאָס אַ קדוש־השם?—„און איהר האָט גע־גאַרטעלט אײַערע לענדען, און ווילט די וועלט איין רייסען. ניין, רבי, אויב עס איז אייך געגאַנגען אין חלול־השם האָט איהר געהאַט אַ גאַנץ אַנדערען וועג״.

ווי עס זעהט אויס האָט דער דאָקטער ניט געלעזען די קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ״, וואָס איין היגער חזן האָט מיט 8 יאָהר צוריק געשריבען אין זעהר אַ בכבוד׳יגען טאָן איבער דאָס זינגען אין גראַמאָפאָן און דערביי קיין נעמען פון די גראַמאָפאָן־זינגער ניט אָן גערופען. דער שרייבער האָט געגלויבט, אַז עס וועט איהם געלינגען אויף איינער עדלען אַרט אָנצינווינקען, ר׳ גרונם׳ן, דאָס ער זאָל מעהר ניט גראַ־מאָפאָנירען די שוהל־תפלות. גרונם אָבער האָט זיך געמאַכט כלא ידע און האָט פאָרטגעזעצט צו בלאָזען זיינע מה יפית׳־ליך אין רעהריל ווען מען האָט איהם געלד בעצאָהלט, און איז נאָך ווייטער אַרוים פון זיינע האָלאָבליס מיט די חלול־השם קאָנצערטען. (לעזט ווייטער): „איך בין געקומען פערטהיידי־גען דעם אמת״ (?)...—וואָס פאַר אַ משוגה׳דיגע בעגריפען מען האָט 3 וואָכען אונטער וואַרשוי איבער׳ן אמת?!...—„און אויפ־מערקזאַם מאַכען אַלע וואָס ווילען זיין סטראַפּציס און קאַזאַקען פאַר׳ן השי״ת״...—דרך ארץ, דאָקטאָר! די לאָבאָס־שפּראַך פּאַסט ניט פאַר אייער טיטול!—„אַז זיי פערקריכען שוין אַביסעל צו וויים״...—נור ניט צו טיעף אין דער בלאָטע ווי דער דאָקטאָר לעווין איז פערקראָכען. איצט, בערגעל, ווייסטו שוין ווער עס האָט רעכט?

בּערגעל. יאָ, יאָ, אַ פּאָטיעָחאַ!—וואָס טוהט זיך אַבּיסעל אָב בּײַ אונ־זערע יודען וועגען אַ קאָנצערט?! איך הער יעדען אָװענד אַנדערע קאָנצערטען, גוט אָדער שלעכט, גור זײַ געהען אַװעק װי דער רויך אין הימעל, אָדער װי די מילינקעס פון דער בּאָרד, און קײנער רעדט ניט פון זײַ. וואָס עס טהוט זיך אַבּיסעל?! טעאַטער, שוהל, דאַמינען, קאָנצערט, מיט ספּאָדאָק, אָהן רעם ספּאָדאָק, ריאַסע, פּראַק, רבנים, גבּנים, חזנים, אַ גע־וואַלט, אַ טומיל, ער האָט חוטא בּײַגעל געװען! נאַטיר־ליך, אַז איהר רעדט זענט איהר גערעכט, אַז יענער רעדט—איז יענער גערעכט. עס װעט נאָך וואָהרשײַנליך זײַן אויף טעלער און אויף לעפעל. אַלענפאַלס דאַנק איך אײַך, ר׳ חײַקעל, אַדיע!

אין אַ װאָך אַרום נאָך דער לעצטער אונטערערונג צװישען ר׳ חײַקלען מיט בּערגעלען, לויפט בּערגעל נאָך אַ מאָל אַרײַן מיט אַ צײַטונג. אין דער האַנד און בּעגעגענט ר׳ חײַקלען מיט די װערטער: „ר׳ חײַקעל! איך האָב שוין װידער נײַעס איבּער גרונםין אין דער צײַטונג, איך האָב נאָך אײנמאָל אויסגעבּאָרגט די צײַטונג אויף אַ טאָג, װאָרום מען האָט מיר געלעזען, אַז עס איז געװעזען אַ זיצונג בּײַ די גבּנים אין װאַרשוי איבּער דער פראַגע פון גרונםס קאָנצערטען און נאָך אַ סך דעבּאַטען איז בּעשלאָסען געװאָ־רען, אַז גרונם אַלײן קען נאָך װײַטער אויך פאָהרען קאָנצערטירען, נאָר די קלײדער דאַרפען בּלײַבּען אין דער שוהל. איך טראָג אײַך, ר׳ חײַקעל, דאָס בּלאַט מיט דער רעשעניע פון די װאַרשעװער און בּין נײַגעריג צו הערען פון אײַך, װי געפעלט אײַך די רעשעניע.

ר׳ חײַקעל. (לעזט שטילערהײַט און גיט אַ מאַך מיט דער האַנד) ע!— װאָס קען מען ערװאַרטען פון די װאַרשעװער גבּאים, װעלכע לײענען ניט קײן העבּרעאיש און ניט קײן יודיש?!—

בּערגעל. לשין, ר׳ חײַקעל! װאָס עקעט איהר און װאָס געפעלען אײַך ניט די װאַרשעװער גבּנים?—

ר׳ חײַקעל. די גבאים זאָלען לעזען העבּרעאיש און יודיש װאָלטען זײ אַ גאַנץ אַנדערען משפט אַרויסגעטראָגען.

בּערגעל. צום בּײַשפּיעל װעלכען?—

ר׳ חײַקעל. זײ װאָלטען איהם ענטװעדער געלאָזט אין װאַרשױ, נאָר מיט נײַע אַנדערע רײַנע קלײדער, אָדער זײ װאָלטען איהם אַװעקגעשיקט לעזאול צוזאַמען מיט זײַנע פערשמוצטע אַלטע קלײדער. דער תלמוד דערצעהלט, אַז אין בּית־המקדש איז געזעסען דאָס גרויסע סנהדרין און האָט אונטער־האַנדעלט איבּער דער כּהונה, און אײן כּהן אין װעלכען מען האָט געפונען אײן פּסול האָט מען איהם אָנגעטוהן זײַנע שװאַרצע קלײדער און מען האָט איהם מיט די קלײדער אַװעק געשיקט; אָבּער דער כּהן, אין װעלכען מען האָט קײן פּלעק ניט געפונען, האָט מען איהם אָנגעטוהן פרישע רײַנע קלײדער און איהם אַרײַנגעלאָזט צו דער עבודה מיט אַלע זײַנע בּרידער די כּהנים. „סנהדרין גדולה של ישראל יושבת ודנה את הכהונה, וכהן שנמצא בו פסול לובש שהורים ומתעטף שחורים ויוצא והולך לו, ושלא נמצא בו פסול לובש לבנים ומתעטף לבנים, נכנס ומשמש עם אחיו הכהנים“ (מדות פרק חמישי). שאַדע אויף די װאַרשעװער גבּאים!—

# מָאדֶערְנֶע לִיטוּרְגִיֶע

## אִין דֶען רוּסְסִישֶׁען סִינַאגָאגֶען.

פאן


**פִּנְחָס מִינְקָאוְוסְקִי.**

אָבֶּער־קַאנְטָאר דֶער בְּרָאדֶער גֶעמֵיינְדֶע.


צווייטער טהייל.


אדעססא, תרס״ט.

דרוק פון ח. נ. ביאליק און ש. בורישקין.

# XII. ווִינגֶען אוּן הֶערֶען ווִינגֶען.

אִין דִי לֶעצטֶע יָאהרהוּנדֶערטֶען הָאט זִיך עֶנטווִיקֶעלט אַ גאַנצֶע לִיטֶע־ראַטוּר אִיבֶּער הַלְכוֹת יוֹפִי, אוּן בֶּעזוּנדֶערס אִין רֶעלִיגִיעֶזֶע זאַכֶען, וואוּ דָאס שֶענֶע אִיז בְּלוֹיז אַלס מִיטֶעל. אַלֶע נאַצִיאָנֶען זוּכֶען צוּ פֶערשֶענֶערֶען זֵייעֶרֶע רֶעלִיגִיאָנֶען דוּרך צֶערֶעמָאנִיעֶן, דוּרך אַרכִיטֶעקטוּר, פְּלַאַסטִיקֶע, מאַלֶערַיי אוּן בֶּעזוּנדֶערס דוּרך מוּזִיק אוּן מוּזִיק־אִינסטרוּמֶענטֶען; נוּר מֶעהר פוּן אַלֶע מאָדֶערנֶע רֶעלִיגִיאָנֶען הָאט דִי יוּדִישֶע רֶעלִיגִיאָן אִין אִיהר גָאטֶעס־דִינסט זִיך בֶּעמִיהֶעט אוֹיס צוּדרִיקֶען רֶעכט מוּזִיקאַלִיש. נִיטאָ וואָס צוּ רֶעדֶען פוּן דֶער אַלטֶער צַייט, ווֶען דִי יוּדֶען הָאבֶּען עֶנטווִיקֶעלט אַ מוּזִיק אִין זֵייעֶר טֶעמפֶּעל, בַּיי זִיך אִים לַאנדֶע, אַלס זֶעלבּסטשטֶענדִיגֶעס פאָלק, ווֶעלכֶע נאָך דֶעם אוּנטֶערגאַנג פוּן עֶרשטֶען בֵּית־הַמִקְדָשׁ הָאבֶּען זִי דִי פֶּערסֶער נאָך גֶעאַהמט [1] אוּנאָך דֶעם חוּרבַּן בֵּית שֵנִי הָאבֶּען זִי דִי נֵייעֶ יוּדֶען־קרִיסטֶען [2] אִין אִיהר גָאטֶעס־דִיעֶנסט אָנגֶעפִיהרט, זאָנדֶערֶען נאָך דֶער צווייטֶער נאַצִיאָנאַלֶער קאַטאַסטראָפֶע, נאָכדֶעם ווִי מִיר הָאבֶּען פֶערלָארֶען אוּנזֶער נאַצִיאָנאַלֶע זֶעלבּסטשטֶענדִיגקַייט אוּן אָנגֶעפאַנגֶען אָבּצוּהאַלטֶען אוּנזֶערֶע גָאטֶעס־דִינסטֶע אִין דֶער שוּהל, הָאבֶּען מִיר אוּנז תָּמִיד בֶּעשטרֶעבּט צוּ פֶערצִירֶען אוּנזֶער לִיטוּרגִיעֶ נאָך מֶעגלִיכקַייט מִיט שֶענֶער מוּזִיק. דָאס אִיז אוֹיך גֶעווֶען דִי בַּת־יְחִידָה, דִי אֵיינצִיגֶע שֶענהַייט וואָס אִיז אוּנז עֶרלוֹיבּט גֶעווֶען בַּיים גָאטֶעס־דִינסט; אַלֶע אַנדֶערֶע שֶענהַייטֶען, וואָס שטֶעהֶען צוּ דִינסטֶען אַנדֶערֶע רֶעלִיגִיאָנֶען זֶענֶען אוּנז פֶערבּאָטֶען. אוּן גֶעראַדֶע ווַייל אוֹיך דִי מוּזִיק אִיז אִין אַלגֶעמֵיינֶעם לֶעבֶּען אִיבֶּעראַל אוּנעֶרלוֹיבּט גֶעווֶעזֶען אוֹיסֶער דֶער שוּהל, דאַרוּם הָאט זִיך דִי גאַנצֶע מוּזִיקאַלִישֶע קראַפט אוּן בֶּעגאַבּוּנג פוּן יוּדִישֶען פאָלק קאָנצֶענטרִירט אִין דֶער שוּהל, אִין דֶעם

---

1) Daniel cap. 3.

2) Ambros Geschichte der Musik II Bd. S. 12.

גאָטעס־דיענסט, אין וועלכען עס האָבען זיך ערהאַלטען ביז איצט אַזוי פיעל שעהנע מעלאָדיען און גוסחאות פאַר שבתים, ימים טובים, ימים נוראים, תשעה באב, פורים, חנוכה, משום „זה אלי ואנוהו--התנאה לפניו במצוות" (שבת, ק״ג, ע״ב; נזיר דף ב׳), און דעריבער איז פאַר אונז יודען זייער אינטערעסאַנט וואָס די חכמי היופי האָבען געשריעבען איבער דעם. אַ סך האָבען דעריבער געשריעבען: קאַנט, העגעל, שאָפּענהויער, לאַצאַרוס, האַנזליק און נאָך. יעדערער האָט נאַטירליכערווייזע ענטוויקעלט אַ אייגענע מעטאָדע, טעאָריע און פילאָסאָפיע, וועלכע וואָלט אונז דאָ צו ווייט געפיהרט, נאָר דער הצד השוה שבהן איז, אַז דער צוועק פון אַלער האַנד הייליגע מוזיק, דאָס הייסט. אין עבודת אלהים ביי אַלע רעליגיאָנען, איז צו אינטערפרעטירען (פערטייטשען) די הייליגע מליצה, וועלכע עס ווערט בענוצט אין דער קירכע, אין מעטשעט, קאַאַבע, פּאַגאָדע און שוהל, כדי דער המון־עם זאָל דורך די מעלאָדיע בעסער פערשטעהען דעם אינהאַלט פון דעם טעקסט, כדי צו בעגרייפען דורך דעם נעהענטער די ערהאַבענהייט פון דעם גלויבען, ער זאָל זיך אַרויסרייסען פון אַלע ערדישע ליידענשאַפטען און פעהיג ווערען צו עמפּפאַנגען די געטליכע אידעע.

דאַרום מוזען אַלע קאָמפּאָזיטאָרם, אויב זיי ווילען נור עטוואָס קאָמפּאָנירען פאַר דעם גאָטעס־דיענסט, פערטיעפען זיך גאַנץ רעליגיעז און שרייבען אין אַ געוויסער פאָרם, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „קירכען־סטיל" אָדער „שוהלען־סטיל" (כאָטש די שוהל האָט נאָך ניט אויסגעאַרבייט קיין אייגענעם סטיל [1]), כדי אונטערצושיידען איהר דורך דעם פון אַלערליי וועלטליכע סטילען, ווי אָפּערע, אָפּערעטע, סאַלאָן־מוזיק, טאַנץ־מוזיק, מיליטער־מוזיק, טרינק־ליעד און נאָך אַנדערע לייכטע און אויסגעלאַסענע מוזיק. פאָלגענדער עפּיזאָד וועט אייך דייטליך חאַראַקטעריזירען, וואָס מיר מיינען מיט דעם. אַז דער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר הענדעל האָט מיט דעם גרעסטען ערפאָלג אויפגעפיהרט דאָס ערשטע מאָל זיין אונשטערבליכעם אָראַטאָריום „messias" אין לאָנדאָן, און דער ענגלישער קעניג געאָרג II האָט איהם געדאַנקט און פאָלגענדע ווערטער געזאָגט: „Jou amused me very much master!" (זיי האָבען מיך זעהר פיעל אונטערהאַלטען, מאַיעסטראָ!),

---

1) Der Sulzurismus und die moderne Syinagogale Liturgie von P. Minkowsky. Wien 1905.

דאַן האָט איהם העֶנדעל געֶענטפעֶרט: „Jour majesty! my intention was much more to better than to amuse any one!" [1]) (מײַן כונה איז געֶװעֶן פיִעל מעֶהר צו בעֶסעֶרעֶן אײַדעֶר עֶמיִצעֶן צו אונטעֶרהאַ׳לטעֶן).

דאָס מוז געֶלטעֶן אַלס אַלגעֶמײַנעֶר כלל פאַר יעֶדעֶן מוזיקעֶר פון ליִטורגיִעֶ; עֶס ליִעגט נאָר אײַן גרויסעֶר אונטעֶרשיִעד אין דעֶר איִנדיִװיִ־דואַליִטעֶט פון יעֶדעֶן קאָמפאָזיִטאָר. אַזוי װיִ עֶס טרעֶפט, צום בײַשפיִעל, אײַן אונטעֶרשיִעד צװיִשעֶן די מפרשי התורה צװיִשעֶן מקצרים ומרחיבים, קורץ װיִ רש״י, אבן עזרא, אָדעֶר ברײַט, װיִ אלשיך אברבנל, אַזוי טרעֶפט אויך דעֶר אײַגעֶנעֶר קאָנטראַסט צװיִשעֶן די מפרשי העבודה, דאָס הײַסט, צװיִשעֶן די שוהל־מוזיִקעֶרעֶן, קורצעֶ און ברײַטעֶ. מעֶלאָדיִעֶ און האַרמאָניִעֶ, האָמאָפאָניִע און פאָליִפאָניִע. יעֶדעֶר קאָמעֶנטיִרט דעֶם הײליִגעֶן טעֶקסט מוזיִקאַליִש נאָך זײַנעֶ פעֶהיִגקײַטעֶן און אויפפאַסונגעֶן, ביִז עֶס האָט זיִך עֶנטװיִקעֶלט צװיִשעֶן די מפרשי העבודה אײַן מוזיִקאַליִש־עֶסטהעֶטיִשעֶר פרד״ס, למשל: פשט זאָל הײַסעֶן „Realistische Aesthetik" דרש װעֶט זײַן „Formalistische Aesthetik", רמז און סוד װעֶלעֶן הײַסעֶן „Symbolische Aesthetik", נאָר איִן אַלגעֶמײַנעֶם מוז די מוזיִקאַליִשעֶ עֶסטהעֶטיִק אין דעֶר ליִטורגיִעֶ זײַן איִן פרוש, אײַן קאָמעֶנטאַר אויף דעֶר מליצה.

דעֶר בעֶריִהמטעֶר פיִלאָזאָף לאַצאַרוס איז איִן זײַן װעֶרק „דאָס לעֶבעֶן דעֶר זעֶעלעֶ" אַ גרויסעֶר אַנהײַנגעֶר פון דעֶר שיטה פון סיִמבאָ־ליִשעֶר שעֶנהײַט. עֶר עֶרקלעֶרט, דאָס איִן דעֶר סיִמבאָליִשעֶר שעֶנהײַט זעֶנעֶן תמיד פאַרהאַן 3 שותפים: 1) דעֶר פעֶרפאַסעֶר פון דעֶר מוזיִק, פון דעֶר מעֶלאָדיִע אָדעֶר האַרמאָניִע; 2) דעֶר זיִנגעֶר אָדעֶר שפיִעלעֶר פון דעֶר קאָמ־פאָזיִציִאָן; 3) דעֶר צוהעֶרעֶר, װעֶלכעֶר שאַפט עֶרשט מיִט זײַן מבינות, מיִט זײַן טיִעפעֶר אויפפאַסונג, װעֶלכעֶר עֶר שטעֶלט זיִך פאָר איִן דעֶר קאָמפאָ־זיִציאָן (װיִ עֶר רופט עֶס: „Symbolische apperzeption"), די עֶנדעֶ פון דעֶר קאָמפאָזיִציאָן. די שיטה איז אַ זעֶהר איִנטעֶרעֶסאַנטעֶ און אַ גרויסעֶ, זי האָט אָבעֶר אויך גרויסעֶ געֶגנעֶר. איך ציִטיִר אַבזיִכטליִך די שיטה פון לאַצאַרוס, װײַל בײַ אונז יודעֶן עֶקזיִסטיִרט די שיטה איִן דעֶר פראַקטיִק מעֶהר װיִ בײַ אַלעֶ אַנדעֶרעֶ פעֶלקעֶר צו זאָגעֶן מבינות און זיִך אַרײַנמיִשעֶן איִן דעֶר מוזיִק

1) Dr. Schz Zur Aesthetik der Musik. „Die Musik des Geistes" s. 112. 155. Stuttgart 1900.

1) Paul Moos Moderne Musikasthetik s. 136 Leipzig 1902.

און אַם מייסטען בײַ אַזעלכע מענשען, וועלכע זענען גאָר אונפעהיג זיך עטוואָס פאָרצושטעלען און סימבאָליזירען.

„ווי איז עס מעגליך--זאָגען זיי--דאָס אַ דריטער פרעמדער מענש, וואָס האָט קיינע אידעע פון דעם טיעפען אינהאַלט פון דער קאָמפּאָזיציאָן, וואָס האָט ניט קיין פערשטאַנד פון דער אויסוועניגסטער פאָרם, און אינוועניגסטען אינהאַלט וואָס דער פּערפאָסער לעגט דאַרין אַריין זיין גאַנצעס קענען, דענקען און פיהלען אַיינע בעהאַלטענע אידעע פון צאָרן און קריגע, פון ליבע און ווייניגקייט, רעליגיאָן און מאָראַל, און די אַלע פערענדערונגען וועלכע דער קאָמפּאָזיטאָר האָט געליטען אין זיין זעעלע אין דער צייט פון זיינער מוזיקאַלישער שעפּפונג און געשילדערט מעלאָדיש אָדער האַרמאָניש נאָך איינער איינמאָליגער אויפפיהרונג גאָר אַבהענגיג פון דער מיינונג פון אַ דריטער פּע־זאָן?! אַזאַ מיינונג קען מען ניט ערקלערען אַלסשותף, עס איז ניט קיין שיתפית, עס איז אַ עקספּראָפּריאַציאָן, איין אַריינברעכען זיך אין איין פרעמד הויז, אין איין רשות היחיד, ואם כן אין לדבר סוף. יעדע־ פון דעם המון־עם וועט זיך נעהמען דאָס רעכט צו זיין אונאיינגע־ לאַדענער שותף אין אַ פּ־עמדען גייסטיגען פערמעגען, דער דאָך,--ווי האַ־ מלעט זאָגט צו די שוישפּילערען [1])--„ניט מעהר פעהיג איז אַלם זיך צו ערגעצען אויף ביליגע פאָרשטעלונג און קלאַנגען גערויש״ און בעטהאָווען׳ס סימפאָניע וועט פערשטאַנדען ווערען בעי׳ פנים. די עכטע סימבאָלישע שענ־ הייט--זאָגען לאַצאַרוס געגנער--מוז אימער בלייבען דאָס אייגענטום פון דעם פּערפאַסער, און נור בײַ די געלעהרטע קריטיקער, וואָס בעזיצען אַ אויס־ געבילדעטען געשמאַק, אָבער ניט ביים המון־עם, ווי שילער דריקט זיך אויס אין זיין הקדמה צור Braut von Mesina: „עס איז ניט אמת וואָס מען זאָגט געוועהנליך, אַז דאָס פּובליקום ציהט אַראָב די קונסט; דער קינסטלער ציהט אַראָב דאָס פּובליקום, און צו אַלע צייטען ווען די קונסט פאַלט, פאַלט זי דורך די קינסטלער. דאָס פּובליקום ברויכט ניט קיין זאַך אויסער עמפּפאַנגליכקייט, און דאָס בעזיצט עס״.

און דאָך קענען מיר ניט מבטל זיין אין גאַנצען דאָס פּובליקום מיט זיינע מבינות אין געזאַנג, און בעזונדערס אין דעם גאָבּעסדיענסטליכען

---

[1]) Herbert Spencer's. Facts and comments p. 18 The Corruption of Musik 1902.

גֶעזאַנג בשעת העבודה, ווען דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם שוהל-טעקסט אִיז אִיהם מעהר אָדער ווענִיגער בּעקאַנט נאָך אַײדער ער פֿערלאָזט זײַן הויז, אַײדער ער קומט אִין גאָטעס הויז, און בּרענגט שוין מִיט זִיך אַ געווִיסע דאָזע רעלִיגיעזער עמפּפאַנגלִיכקײַט פאַר דִי הײלִיגקײַט און מאָראַלִיטעט נאָך אַײדער ער הערט דִי מוזִיקאַלִישע מעלאָדִיע פון דעם שוהל-זִינגער, ווִי, צום בּײַשפּיעל, דִי שענע יודִישע מעלאָדיע אויף דעם שבת׳דיגען „אדון-עולם" און נאָך מעהר אום ימים נוראים, טל, גשם, חנוכה, פורים, קינות, סליחות, וואו דִי אַלטע סקאַרבּאָווע נגונים זענען אִיהם בּעקאַנט בירושה פון זײַנע אבות אבותיו. דערום אִיז דער יודִישער המון עם-אַזוֹי ווִי דער קרִיסטלִיכער המון-עם בּײַ דִי הִימנען וואָס ער זִינגט אויך מִיט אִין דער קִירכע—אִין אַ געווִיסען גראַד אַײן שותף אִין דער שוהל-מוזיק דורך זײַנע Symbolische Apperzeption ווען נִיט גאַנץ סובּיעקטִיוו, דאָך געניגענד אָבּיעקטיוו (ווײַטער אויספֿיהרלִיכער דאַריבּער).

„ברוב עם הדרת מלך"—עס אִיז שענער פאַר דעם קעניג, ווען ער ווערט עמפּפאַנגען פון פִיעל פּאָלק. עס אִיז אויך שענער פאַר דעם גאָטעס-דִיענסט ווען פִיעל פּאָלק אִיז דאַבּאַי אַנוועזענד. אַנדערס קען עס גאָר נִיט זײַן. יעדע זאַך ווּעלכע קומט צו עפענטלִיכער ערשײַנונג, אִיז שטאַרקער, ווען דִי עפענטלִיכקײַט אִיז גרעסער אִין דער צאָהל. דאָך ווערט דער גאָטעס-דִיענסט בּעאײַנפלוסט נִיט נור דורך דִי גרויסע צאָהל פון דִי צוהערער, דורך דִי קוואַנטיטעט פון דִי בּעזוכער אִין דער שוהל, זאָנדערן אַ סך מעהר דורך דִי קוואַלִיטעט פון זײַן פּסיכאָלאָגיע, וועלכע פִיהרט אִיהם אִין גאָטעס הויז, דורך זײַן אִינערלִיכע שטִימונג צו עמפּפאַנגלִיכקײַט, אָדער, ווִי עס הײַסט: „פּסִיכִיק" וועלכע פערבּינדט דעם צוהערער מִיט דעם שוהל-זִינגער. אויבּ נאָר דִי לעצטע זענען ווירדיגע מענשען, וואָס פּאַסען אויף ריכטיג זײער הײליגע אַרבּײַט, וועלכע אִיז געגרינדעט אויף זמן און מקום, בּעקומט ערשט דער שוהל-געזאַנג דִי אמת׳דיגע צורה און זײַנע ווירקונג אִיז דִי עכטע ווירקונג פון דער עכטער יודִישער לִיטורגיע.

צום בּײַשפּיעל, ווען דער המון-עם געהט אִין קאַפּע-שאַנטאַן, בּרענגט ער מִיט זִיך אִין פּאָראויס לײַכטזִינִיגע פּסִיכִיקע, אַ אִינערלִיכע עמפּפאַנגלִיכקײַט פאַר קלות-ראש.

ווען ער געהט אִין דִי דראַמע בּרענגט ער מִיט זִיך אַײן כלי מוכשר

לקבל צו שרעקליכע טהאַטען, צו האַנדלונגען, צו מעשים אשר לא יעשו, עס הייסט צו אונערוואַרטעטע מעשים, וואָס וואָלטען בעראַפט זיין גאַנץ אַנדערש און האָבען געטראָפען, אויף להכעים, גאַנץ פערקעהרט. און דאַרום הייסט עס „דראַמע“.

ווען ער נעהט בעזונדער אַ פאַרם אָדער וואַריעטע, בריינגט ער מיט זיך אַ פסיכיקע פון ערָאָטיזמוס, פון נאָוף און אויסגעלאַסענהייט.

ווען ער געהט אין די מאָדערנע איללוזיאָן מיט די שטוציגע בילדער, בריינגט ער מיט זיך אַ געניינטהייט צו פאָרנאָגראַפיע.

ווען ער געהט בעזונדער אַ קאָמעדיע אָדער פאָסען־שפּיעל, בריינגט ער מיט זיך אַ פסיכיק פון וויץ, איינע אינערליכע בעגיערדע פאַר דאָס פראָצהאַפטע, פאַר לצנות, פאַר לעכערליכעס.

ווען ער נעהט בעזונדער אַ סימפאָניע, בריינגט ער מיט זיך אַ פסיכיק פאַר ערנסטע בעטראַכטונגען פון דער וועלט, דעם קאָסמאָס מיט אַל׳ע זיינע אומוואַנדלונגען. דורך די פערשיעדענע קלאַנגען פון די רייכע טעמען און טעמאַטען, דורך דער זיסער מעלאָדיע און נאָך זיסערע האַרמאָניע דער רוש־בלאַז־און שטרייך אינסטרומענטען, וועלכע דורך פערבינדונג און ענטבינדונג, דורך דעם וועקסעל פון דער דינאַמישען און אַגאָגישען ניאַנסען, דורך איהרע האַרמאָנישע פאַרבען דער האָמאָפאָניע, אַנטיפאָניע און פאָליפאָניע, וועלכע וועקסלען זיך אָב אונטערען אַנאַנדער, זעהט ער איין עולם קטן, איין קליינעס וועלט־בילד, איין Mikrokosmus , און איין אַבבילד פון די אינטערעסען פון דעם עולם הגדול, פון דעם Makrokosmus, די קלאַנגען פון די אינסטרומענטען זענען ציגעל און קאַלך, און דער שאַלענדער שטאָף, פון וועלכען עס ענטשטעהט אַ מעלאָדיע, הייסט אַ צורה, אַ פאָרמען; און די האַרמאָניע איז שוין די פערציערונג, אָדער, ווי די אַרכיטעקטאָרען עס רופען, „אָרנאַמענטיק“. נאָך שאָפּענהויער. איז איינע מעלאָדיע איין בילד פון דעם רצון יחידי, פון דעם ווילען פון איין איינציגען מענשען, עס הייסט, איין מענש האָט געזאָגט, אַז ער וויל עטוואָס; די געוועהנליכע האָמאָפאָניע שטעלט שוין פאָר אַ רצון הרבים, עס הייסט אַ סך מענשען האָבען זיך ערקלערט, אַז זיי פערלאַנגען עטוואָס, אָבער אַלע צוזאַמען פערלאַנגען איין זאַך; די אַנטיפאָניע שטעלט פאָר, מעלאָדיש אָדער האַרמאָניש, איין דיאַלאָג, אַ צווייגעשפּרעך: איינער פרעגט אָדער עטליכע פרעגען, און איינער ענטפערט

א־ער מעהרערע ענטפערען, די ביידע צוזאמען בילדען ערשט איין גאנצעס, איין אידעע אדער פערלאנג; די פאליפאניע אבער שטעלט פאר הא־מאניש א סימבאל פון פער־שיעדענע מענשען מיט פער־שידענע ווילענס, איין רבים מיט רצונית רבים, און יעדער פון זיי וויל אויסדריקליך בעשטעהען נור אויף זיין רצון. די גאנצע הארמאניע שטעלט ניט פאר דעם שלום, די איינטראכט פון א סך מענשען, זאנדערן דאס געגענגעזעצטע, דעם קאנפליקט, דעם שטרייט, די מלחמה, וועלכע קומט פאר אין דער גרויסער וועלט צווישען פרטים, צווישען איינצעלנע אינדיווידואומס, דעם קאמפף אום דאס דאזיין, דעם „אם אין אני לי מי לי" און אם ענדע דער קאטאסטראפיס, די פשרה, וואס עס מוז קומען נאכדעם ווי יעדער איבערצייגט זיך, אז „וכשאני לעצמי מה אני". אז לתקין העולם מוז יעדער איינען טייל פון זיין „איך" מוותר זיין פאר דעם צווייטען, ווען ער וויל אז די וועלט זאל ניט ווערען חרוב[1].

ווען ער געהט אבער בעזוכען א גאטעס הויז פון וואס פאר א רעליגיאן עס איז, מוז ער אונבעדינגט מיטברענגען א פסיכיק פון ערנסטע בעטראכטונגען געמישט מיט רעליגיעזער פאנטאזיע ניט נור פאר'ן לעבען און וועלט, אין וועלכע ער בעווענט זיך און בילדעט א טייל פון איהר, זאנדערן פאר א העכערע און שפעטערע וועלט און לעבען, פון וועלכער ער האט נור געהערט, אבער ניט געזעהען, געגען וועלכער ער פיהלט זיך גאנץ פערניכטעט, אין וועלכער ער קען זיך אריינדרענגען בלויז גייסטיק, פאנטאסטיש, שיוערמיש, אים נעדאנק, כדי צו געפינען דארט די אלע וועלט־פראבלעמען, דען אנפאנג און נאך מעהר--דעם סוף פון דעם גאנצען לע־בען, פון דעם עולם־הקטן, ווי פון דעם גאנצען שטרעבען פון דעם עולם־הגדול. דער ערנסטער בעזוכער פון גאטעס הויז מוז זיך בעוואפענען מיט 3 זאכען—ניט מיט וויין, ווייב און געזאנג פון לותר, וועלכע מען געפינט אין קאפע־שאנטאן, זאנדערן—מיט די 3 טעזען פון עקביא בן מהללאל, וועלכער לעהרענט: „הסתכל בש־שה דברים ואין אתה בא לידי עבירה"—די דריי זאכען, וועלכע מען פערגעסט אויף טריט און שריט דורך דעם רויש פון לעבען. און נור די קירכע, דער מעטשעט, די קאאבע, די פאגאדע, די שוהל זענען מסוגל (אדער, אומווענינסטענס, דארפען מסוגל זיין) צו

1) Arthur Schoppenhauer's Die Welt als Wille und Vorstellung: Das Object der Kunst S. 342—343. Leipzig.

ברענגען רוהע דעם מענשען, וועלכער בעזוכט זיי פון זיין אייביגען פראפאנען רויש, איהם ניכטער צו מאכען פון זיין אייביגער וועלטליכער בעזויפענדייט.

איין אמעריקאנעשער פאעט, וואשינגטאן אירווינג, בעמערקט זייער ריכטיג וואו ער זאגט: „וועען איך בין די גאנצע וואך אויך ניט שלעכט, פיהל איך מיך דאך זונטאג אין דער קירכע פיהל בעסער" 1). מיט איין ווארט, די בעזוכער פון א שוהל ווארטען ניט ביז מען שטימט זיי עושט צו רעליגיאן דורך געבעט און מוזיק, זיי ברענגען שוין מיט זיך א פארציאן רעליגיעזער שטימונג פון שטוב (אמוועניגסטענס, דארפען זיי עס טדון) אין שוהל אריין, און דארט פאלען די הייליגע טראפען פון דער תפלה און איהר מוזיק און אויך פון דעם געטליכען ווארט פון דער דרשה אויף א פרוכטבארען באדען. זעלבסט פערשטענדליך, מיר קענען ניט שטעלען יעדען איינצעלנען מענשען אונטער איין מאס, וויל יעדער בעזונדער קען אויפפאסען נור דאס, וואס עס דיקטירט איהם זיין אלגעמיינע קולטורעלע פארבילדונג, און נאך זיינער ערציהונג אין רעליגיאן און מאראליטעט; אבער דער גאנצער צבור, ווי א גאנצע סומע, ווי א גאנצעס איינס, קאנצענטרירט זיך בלי שום ספק אין גאטעס הויז ביים גאטעס־דיענסט אין איינעם דבר שבקדושה. און דער קינסטל'ערישער זינגער אדער ארטיסט מוז שטענדיג וויסען די צייט, דעם ארט און אויך די פסיכיק פון זיינע צוהערער, וואס אייגענטליך זיי ערווארטען פון איהם בעפאר ער טרעט אויף אין דער דראמע, אפערא, אפערעטע, פארס, וואריעטע, קאמעדיע, קירכע, שוהל, כדי צוערשט זעלבסט פון דעם בעגייסטערט צו ווערען און נאכהער איהם שטאנד זיין נאך מעהר צו קענען בעגייסטערן זיין פובליקום. דאס מוז ער שטענדיג טהון בעפאר, כדי זיך צו שאפען איינע ערהליכע פסיכיק, ווי די פסיכיק פונ'ם פובליקום. אין דער צייט פון פארשטעלונג, אדער געבעט אבער, מוז ער זיך גאנץ בעפרייען פון דעם פובליקום און זיין איינפלוס, דאס הייסט ער מוז זיך פארשטעלען איין הונדערט־קעפיגעם פובליקום ווי איינען מענשען, דער נאך דערצו אין דרויסען זיצט, אויב ניט וועט ער מעהר געשטערט ווערען איידער בעאיינפלוסט. אין אזעלכע פאלען איז דאס פובליקום זייער א וויכטיגער קאמפאניאן אין דער שוהל־ליטורגיע, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכנען.

1) The Sketch book. by Washington Irving.

אַ בעֶזונדערעָ ראָלעָ איִנ׳ם לעֶבעֶן פון דעֶר ליִטורגיִע שפּיִעלעֶן דעֶר זמן און דעֶר אָרט, ווייל די זעלבע זענען די שעֶפפער פון דעֶם פּובליִקומס פּסיִכיִק; יעֶדעֶר זמן שאַפט איינעֶ גאַנץ אַנדערעֶ פּסיִכיִק איִנ׳ם קאָפּ פון די יודיִשעֶ צוהעֶרעֶר, און פון דעֶם מקום איִז גאָר ניִט וואָס צו רעֶדען, למשל, ווען דעֶר חזן זאָל פערגעֶסען און זיִנגעֶן „ברכו״ אום שלש רגלים מיִט דעֶם נוסח פון שבת, וואָלט באַלד זיין שותף, דאָס הייסט, דאָס פּובליִקום פּראָטעֶסטיִרט, איִהם צוגעֶרופען און דערמאָהנט, אַז עֶר האָט פעֶרגעֶסען דעֶם נוסח. אָדער ווען דעֶר בעל תפלה זאָל אָנפאַנגעֶן דעֶם „אדון עולם״ צו שחרית לראש השנה מיִט דעֶם נגון פון שבת, אָדעֶר פעֶרקעֶהרט, וואָלט באַלד זיין קאָמפּאַניאָן, דאָס פּובליִקום, געֶפּאַטשט איִן די סטעֶנדערס, כדי איִהם אויפמעֶרקזאַם צו מאַכעֶן, אַז עֶר האָט אַ טעות געֶהאַט איִן דעֶר צייט; יאָ, דעֶם „חוץ לזמנו״ פעֶרשטעֶהט אונזעֶר שותף זעֶהר גוט, דאַגעֶגעֶן איִז עֶר איִן דעֶר לעֶצטעֶר צייט אַביִסעֶל שטומפּיִק געֶוואָרעֶן אויף דעֶם „חוץ לטקומו״.

דעֶר זמן איִז איין הויפּט־פאַקטאָר איִן אונזעֶר ליִטורגיִע, און ניִט אומזיִסט האָבעֶן אונזעֶרעֶ חכמים איינגעפיִהרט איינעֶ בעֶזונדערעֶ ברכה „שהחינו... לזמן הזה״, וואָס ווערט דורך פעֶרשיִעדענעֶ מוזיִק—די אַן און פאַר זיִך איִז געֶרופעֶן קונסט דעֶר צייט—אויסגעדריִקט. און ווי עֶס אונטעֶרשיידעֶט זיִך ביים יודיִשעֶן פּובליִקום איִן קאָפּ קדושת שבת פון קדושת יום טוב און די ביידעֶ קדושות פון קדושת ימים נוראים, אַזוי אונטעֶרשיידען זיִך זיינעֶ שוהל־ליִעדעֶר צו יעֶדעֶן זמן, אַזוי אַז מיִר קעֶנעֶן זאָגעֶן מיִט זיִכערהייט: „זיִנג מיִר דיינעֶ שוהל־ליִעדעֶר און איִך ווע‍ל דיִר זאָגעֶן וואָס פאַר אַ זמן דו לעֶבסט איִבעֶר״. ניִט נאָר די בעֶזונדערעֶ תפלות פון יעֶדעֶן זמן זאָגעֶן אונז דורך איִהרעֶ מעֶלאָדיִען וואו מיִר בעֶפיִנדעֶן אונז, זאָנדעֶרן ווען מיִר נעֶהמעֶן צום ביישפּיִעל דעֶם „יתגדל״—דעֶר, וועלכעֶר בעֶגלייטעֶט דאָס גאַנצעֶ יאָהר אַלעֶ תפלות און אַלעֶ זמנים אַזוי ווי אַ יאָהר־עדות—און זיין מעֶלאָדיִע וועֶט אונז אויך זאָגען וואָס פאַר אַ זמן מיִר לעֶבעֶן איִבעֶר. וויפיִעל מאָל איִן יאָהר בייט עֶר זיינעֶ מעֶלאָדיִעֶן! קיין תפלה איִז ניִט אַזוי רייך מעֶלאָדיִש פאַר יעֶדעֶן טאָג, פאַר שבת, ימים טובים און ימים נוראים, און קריאת התורה, ווי דעֶר יתגדל! עֶר בייט זיינעֶ מעֶלאָדיִען עֶשרת מונים ווי לבן מיִט יעקב׳ן און פעֶרדיִענט מעֶהר אַלס אירגעֶנד איין אַנדעֶר תפלה אָנגעֶרופען

צו ווערען דער בּאראמעטער פון דער ליטורגישער צייט.

אויך איצט ווען אונזער המון עם איז געזונקען אין זיין רעליגיעזען און עסטהעטישען געשמאק–אזוי ווי מיר ווילען שפּעטער קומען דערצו–און די שוהל בּעפינדעט זיך אין איהר פערפאל, יעדאך, דער ארט און די צייט, די שוהל פּאעזיע און די גאנצע פּסיכיק פון די צוהערער, ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע פעהלער, שענקען נאך בּיז אצונד דעם גאטעס-דינסט א רעליגיעזען כאראקטער, אם ווענינגסטענס, א רעליגיעזען שיין, א רעליגיעזען רעפלעקט, וואס איז נאך א סך, א סך געזינטער אלס די פערפּעסטעטע לופט פון די אנדערע הייזער, וואס מיר האבּען פריהער אויסגערעכענט, וועלכע זענען פול מיט אלערליי מיאזמען און מאראלישע מיקראבּען.

# XIII. תּוֹרָה און עֲבוֹדָה.

ר' חמא ברבי חנינא ור' אושעיא רבה כד הוו מטיילין באלין כנישתא דלוד אמר ליה רבי חמא לרבי אושעיא: כמה ממון שקעו אבהתהון כאן! אמר ליה: כמה נפשות שקעו אבותי כאן! מי לא הוי בני אינשא דילעון באוריתא?!.. אמר ליה: וישכח ישראל את עושהו ויבן היכלות" (ירושלמי שקלים, פרק ה').

מיר האבּען פריהער געהערט דעם דיאלאג צווישען ר' חייקעל דעם געוועזענעם ש"ץ ושו"ב מיט בּערגלען דעם צירולניק איבּער גרונם דעם ווארשובור'ס גראמאפאניאדען און דוכאוונע קאנצערטיאדען; עס האנדעלט זיך אבּער ניט נעראדע איבּער דעם ווארשובור און אויך ניט איבּער די פערשידענע מיינונגען פון זיי בּיידען, זאנדערן איבּער דעם פערפאל פון אונזערע אלגעמיינער ליטורגיע, איבּער דעם אויסוואוקס, דעם אוראד אין דער פאמיליע חזנים, איבּער דעם בּעגריף אדער מיסבּעגריף פון די צוהערער בּיי דער איצטיגער עבודה, וועלכע מיר געפינען אין דער מאדערנע שוהל כמעט איבּעראל אין רוסלאנד. אונזער שוהל איז קראנק! זי האט זיך איבּע־לעבּט און ערפילט ניט איהר בּעשטימונג; אונזער ליטורגיע איז אוננארמאל, זי האט פערלארען דער כאראקטער פון א אמת'דיגער עבודה; אונזערע שוהל-בּעזוכער האבּען פערלארען די רעליגיעזע פּסיכיקע, פון וועלכע מיר האבּען שוין גערעדט, מיט וועלכער עס בּעזוכען זייערע גאטעס הייזער אלע פעלקער פון דער ערד; אונזערע

חזנים—אוי לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר!—האָבען פערלאָרען דאָס גלײַכגעוויכט צווישען רעליגיאָן און קונסט, צווישען לאַנגער קוטע און קורצען פראַק, צווישען בלויז־קעפּיגעם און פריזירטעם האָהר און פיער אָדער זעקס־שפּיציגען פּעסע. מיר וועלען אָבער ניט הערויפלעגען די גאַנצע שולד פון דיזער קראַנקהײַט אויף די מאָדערנע צײַט, כאָטש די קראַנקהײַט איז אַזוי רעליעף אַרויסגעקומען צום שײַן ערשט אין אונזער צײַט. מיר זענען אימשטאַנד צו בעווײַזען איהרע שפּורען אין דער גאַנץ אַלטער צײַט, גלײַך נאָך דער גרינדונג פון דער שוהל און די תפלה במקום עבודת הקרבנות, ווען די לעצטע האָט געענדיגט איהר מיסיאָן.

אין דער געשיכטע פון די יודען בעמערקען מיר אײַנע אונאויפהערליכע, שטילע קאָנקורענץ צווישען תורה און עבודה—אַ קאָנקורענץ, וועלכע איז זײער אָפט אַרויסגעקומען צו עפענטליכען שײַן. אָנגעפאַנגען האָט זיך דאָס יודענטום—ווײניגסטענס, דאָס אברהמישע יודענטום—ניט מיט תורה נור מיט עבודה; דאָס הײסט, מיט אַ קלײנער תפלה און אַ קרבן. עס איז נאָך געבליבען ביז איצט אַ טבע אויפ׳ן מזרח, ווען מען געהט עטוואָס בעטען בײַ אַ קעניג, מיניסטער, בײַ אַ נביא, פּריעסטער אָדער קאַדאַש (קדוש), בּרענגט מען מיט זיך עפּיס אַ מתנה. די טבע האָבען די פּרימיטיווע פעלקער געטריבען אויך מיט זײערע געצען, פּאַטראָנען, לאַרען, אוגערס און פּריעסטערס. די הויפּטזאַכע איז געווען די תפלה, און זעלבסט פערשטענדליך, האָט מען זיך גאַר ניט געקענט פאָרשטעלען אַ בקשה אָן אַ מתנה, אָהן אַ קרבן. עס איז געווען אײַן אונטערשײד, אַ קאַמפּף איבער די געטער, צו וועמען מען זאָל קומען בעטען און וואָס פאַר קרבנות מען דאַרף פאַר יעדער בקשה שענקען; אָבער וועגען שענקען איז גאָר קײַן ספקות ניט געווען, אַלע זענען אײַנפערשטאַנדען געווען, אַז שענקען מוז מען.

אַזוי האָט זיך בײַ די יודען פאַר אַלעם אויסגעבילדעט דער תורת־כהנים, דאָס הײסט דער סדר העבודה, אַ פערפאַסונג פון דער ליטורגיע, וועלכע האָט געגאָלטען די גאַנצע צײַט ביז דער טעמפּעל האָט זיך דורך די רומישע לעגיאָנען אויף געלעזט אין אַש. צו יענער צײַט האָט זיך שוין אויסגעבילדעט דאָס גאַנצע אַלטע טעסטאַמענט אין פאָלק און עס האָט שוין אָנגעפאַנגען די אויסבילדונג פון דער תורה שבעל פה, דער

משנה, די עבודה אָבער איז שטעהען געבליעבען ווי אייזען אין די איינציגע הענד פון דער פריעסטער־קאַסטע, וועלכע האָט געפּראַוועט אַלע אידרע ליטורגישע פונקציאָנען נאָך אַ געשריעבענען און איבערליעפערטען פּראָגראַם.

אין דער צייט פון די צוויי בית־המקדש׳ן זענען אויף געטראָטען פרייע און שווערמישע גייסטער פון די נביאים, וועלכע האָבען אין זייער גרויסער אויף פאַסונג פונ׳ם יודענטהום אַזוי קליינליך געקוקט אויף דער עבודה מיט די צערעמאָניען מיט די תפלות, האָבען מיט זייערע צינדענדע רעדען, געגען קעניג און פּריעסטער, געבראַכט דאָס פאָלק אין אויף רעגונג און אָפטמאָל אין רעוואָלוציאָן, זיי זענען אָבער ניט אים שטאַנד געווען ניט אויף איין האָאר וועק צו שוואָנקען אָדער פון די פּריעסטערס הענדען אוים צו רייסען די נאָרמירטע ליטורגיע. עס האָבען מעהרערע מאָל אוים געבראָכען רייבונגען, צאַנקערייען צווישען די פערשיידענען פאַמיליען פון דער פּריעסטערקאַסטע פאַר די אָבערלייטונג, פאַר די דינאַסטיע, און די קעניגע האָבען מעהרערע מאָל געשטיצט דיזע פאַמיליע אָדער יענע, דאָך איז די עבודה געבליבען אין אַלגעמיין מאָנאָפּאָל ביי דער פּריעסטער קאַסטע; אַזאַ כאַראַקטער האָט עס דאַמאָלס ביי אַלע מזרח׳ישע פעלקער׳ן און בעזונדערס ביי דען עגיפּטיאַנער.

מיט איין וואָרט, די עבודה איז געוועזען פעסט בעשטימט, דער פּריעסטער איז געווען בעשטימט און האָט פונקציאָנירט נאָך אַ בעשטימטען פּראָגראַם, און ווען ער איז ניט זעהר נעלעהרט געוועזען אין זיין תורת כהנים האָבען איהם די זקני בית דין וזקני כהונה אינטער די קאַליסען געלערענט, עפענטליך אָבער איז ער איינער געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון דער ליטורגיע. אין טעמפּעל איז ער געווען אונאַבהייננגיג ניט פון דעם קעניג, ניט פון דעם נביא, און נאָך וועניגער פון דעם פאָלק. קיינער האָט עס דאַמאָלס ניט געוואַגט צו שטע׳לען אין אַלגעמיין די תורה העכער פון די עבודה. און זאָגאַר אין די לעצטע יאָהרען פון דעם 2 טען טעמפּעל, ווען די סיפרים האָבען שוין געשפּיעלט אַ גרעסערע ראָלע איידער די פּריעסטער, און דאָס פאָלק האָט ביים אַרויסגייהן פון טעמפּעל פערלאַסען דעם כהן און בעגלייטעט די 2 בעריהמטע לעהרער שמעיה ואבטליון, ווייל דאָס פּריעסטערטוהם איז דורך די זינד פון די פּריעס=

טער געפּאַלען, פון דעסט ווענען וואר אויך דאַמאָלס די הערשאַפט פון דער פּריעסטער אין טעמפּעל בעת העבודה אַבסאָלוט.

אויך דער מוזיקאַלישער, און פּאָעטישער טייל פון די זינגענדע און שפּיעלענדע לויט איז צייט דער חנכת הבית פון ערשטען שלמה המלכ׳ס טעמפּעלס ביז דעם אונטערגאַנג פון הורדוסישען טעמפּעל נע־ווזען נאָרמירט אָהן פערענדערונג, אויסער אין די צייטען ווען די קעניגע האָבען איינגעפיהרט אַנ׳אַנדערען קולטוס, א געצען דיענסט מיט געצענדיענסטליכע מוזיק. ווי צום ביישפּיעל, ווען ירבעם בן נבט און אַנדערע מלכי ישראל האָבען איין געפיהרט דעם עגיפּטישען קולטוס פון דעם אַפּיס, פון די קעלבער, האָט מען געוויס אויך געזונגען עגיפּטישע ליעדער. און עגיפּטען איז דאַמאָלס געוועזען זעהר רייך אין ליעדער און כלי זמר ווי דער תלמוד ערצייהלט[1] אונז „בשעה שנשא שלמה בת פרעה הכניסה לו אלף מיני זמר ואמרה לו כך עושים לכו״ם פלוני וכך עושים לכו״ם פלוני״ (שבת ־ף נו ע״ב. סנהדרין כ״א).

אָדער ווען די רשעים פון די מלכי בית דוד האבען איין געפיהרט דען בעל, עשתרות נעצען דיענסט, אָדער ווי די פעניקיער האָבען עם גע־רופען „אדונים״ (המוז) און אַסטאַרטע מיט זיינע יאַמערפאָלע געזאַנגען והנשים מבכות את התמוז (יחזקאל ח׳ י״ד) מיט דעם צערפלייישען זיך פון די פּריעסטער און געשפּיעל פון האַרפּיסטען אָדער כנוריים. (1. Kiniraden)

מיט דעם אונטערגאַנג פונ׳ם טעמפּעל מיט זיין נאָרמירטער ליטורגיע און דאָס אויף בליהען פון דער שוהל–פון די קליינע און בעדייטענדע סינאַגאָגען (Proseichen), וועלכע האָבען שוין עקזיסטירט און ירושלים באַם טעמפּעל מיט אַ נייער ליטורגיע פון טרוקענע תפלות, אָהן קרבנות, מיט שירים ורננים, וועלכע האָבען גאַנץ בעזייטיגט דעם כהן, קיין מאָנאָפּאָל פון קיין קאַסטע, קיינע דינאַסטיע פון אַ אייינציגער פאַמיליע, קיינע אָבגעשלאָסענע נאָרמע פאַר די תפלה, קיינע פראָגראַמען פאַר די פערבעטער, זאָנדערן יעדער יודישער געלעהרטער האָט זיך אַליין געמאַכט תפלות נאָך בעליעבען יעדער יוד איז ראוי געוועזען פאָרצובעטען, האָט אויסגעבראָכען איינע שטילע געררייצטהייט צווישען תורה און עבודה. עס איז אויך גאַנץ נאַטיר־ליך געוועזען ווען מען ווייסט ווי געשפּאַנט דער המון עס איז דאַמאָלס געוועז־

1) עיין כלי הזמר ביהודים בהשלח תר״ס כרך ו. דף 421—422 מאת המחבר.

זען מיט די סופרים, און וואס פאר א שטילע, און צימאל אויך איין אפענע שנאה עס האט דאמאלס אויסגעבראכען צווישען תלמיד חכם און עם הארץ, און ווי פיעל דיזע שנאה האט בייגעטראגען צו דער גרינדונג פון א נייע סעקטע יודען-קריסטען, וועלכע זענען אזוי פריינדליך אויף גענאמען געווארען פון די אפאסטעלען. אין קורצען, וואס מעהר די סופרים האבען אנגעפאנגען צו שטאלצירען מיט זייער תורה דאס מעהר האט זיך דער המון עס אווארף געטהון נור אויף דער עבודה; ער איז דאך שטענדיג געווען די גאנצע שטיצע פון דער אלטער עבודה און די טעמפלען געגען דעם פראטעסט פון די געלעהרטע און נביאים, און די ביבעל ערצייהלט אונז, דאס די עבודה איז דאמא״ס תמיד געווען פאר דער תורה „ובכל מעשה אשר החל, בעבודת בית האלהים ובתורה ובמצוה לדרוש לאלהיו בכל לבבו, עשה והצליח״ (דברי הימים ב׳, ל״א). די סופרישע שולע אבער האט עס געוואגט צו לעהרען, אז די תורה שטעהט אם ערשטען ראנג און ערשט נאכהער קומט די עבודה. „שמעון הצריק היה משירי כנסת הגדולה, הוא היה אומר: על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים״ (אבות פרק ראשון). זיי האבען מיט דיזער קאלטער דאקטרין ערר״כט דאס וואס די נביאים האבען ניט ערר״כט מיט זייערע פלאמענדע רעדען. דאס שענע דערביי איז געוועזען, אז זיי אליין האבען פיעל געטהון פאר די ענטוויקלונג פון דער עבודה און דענאך האבען זיי די תורה דאך העכער געהאלטען, און אין דער שמונה עשרה אריין געשאבען א קליינע תפלה „השיבנו אבינו לתורתך וקרבנו מלכנו לעבודתך״. „רבא חזייה לרב המנונא דקא מאריך בצלותיה אמר: מניחין חיי עולם ועיסקים בהיי שעה... קרי עליה רבי זירא (משלי כ״ח) „מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה״ (שבת פרק ראשון דף י׳). אמר אביי: מריש הוי גריסנא בגו ביתי ומצלינא בבי כנישתא, כיון דשמענא להא דאמר ר׳ חנינא ב״ר אמי משמיה דעולא, מיום שחרב בית המקדש אין לו להקב״ה בעילמו אלא ד׳ אמות של הלכה בלבד—לא הוי מצלינא אלא היכא דגריסנא. רב אמי ורב אסי, אע״ג דהוי להו תליסר בי כנישתא בטבריא, לא הוי מצלי אלא ביני עמודי היכא דהוי גרסיי (ברכות פרק א׳ דף ח׳). מיט איין ווארט, די עבודה וועלכע איז תמיד געשטאנען בײם המון עס אויף דעם ערשטען פלאן איז ביי דען סופרים געוועזען אויפ׳ן צווייטען פלאן, יעדער ווער

עס האָט נעהאַט גאָט אין הערצען האָט פערפאַסט תפלות אָהן קאָנטראָל, אָהן נאָרמע כמעט ביז דעם 9 יאָהרהונדערט ווען רב עמרם גאון האָט דאָס ערשטע מאָל איין סדור געאָרדענט. דער סדור האָט אָבער לאַנג ניט געהאַלטען, אַ נייע עפּאָכע פון פּייטנים און חזנים האָט דעם סדור רב עמרם צערזעצט, צושפּרייט, פערגרעסערט און פערענדערט דורך נייע פּיוטים, פּזמונים, גאולות, יוצרות, סליחות, הושענות, מאורות און נאָך, וועלכע זענען פון אייניגע סעקטען אַקצעפּטירט געוואָרען און פון אַנדערע פערוואָרפען געוואָרען. די געשפּאַנטהייט צווישען די סופרים און המון עם, אָדער צווי-שען תורה און תפלה האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט ביי דער פראַגע: ווער אייגענטליך זאָל זיין דער טרעגער פון דער נייער ליטורגיע, און וואָס פאַר אַ אייגענשאַפטען מוז ער בעזיצען?--די סופרים, וועלכע האָבען אַזוי פיעל געליטען פון דעם מאָנאָפּאָל, פון דער פריעסטער סעקטע און נאָך מעהר פון די אונווירדיגע פריעסטערן, וועלכע האָבען ביי די רוימישע צעזאַרס און סאַטראַפּען געקויפט זייערע דינאַסטיען, זענען איצט געווען זעהר שטרענג אין דער פאָרבעטער פראַגע; זיי האָבען פערלאַנגט, אַז דער פאָרבעטער זאָל זיין איינער פון זייער שולע, אַז דאָס זאָל זיין דער העכסטער מאָראַלישער מענש און געלעהרטער פון דער געמיינדע. דער המון עם וואָס ליעבט אינסטינקטיב בעזאָנדערס געזאַנג, און וועלכען מיר האָבען ווירקליך צו פערדאַנקען, אַלע אונזערע שענסטע נוסחאות און אַנדערע סינאַגאָגאַלען ליעדער, איז ניט זעהר צופריעדען געווען מיט דעם סופר׳ישען פּראָגראַם פאַר די פאָרבעטער; דאָס פאָלק האָט געוואָלט פאַר פאָרבעטער דעם בעסטען זינגער פון דער געמיינדע. יענע האָבען געוואָלט האָבען אין דעם שליח צבור די העכסטע שטופע פון עטהיק, דאָס פאָלק אָבער האָט געזוכט אין דעם פאָרזינגער די העכסטע שטופע פון עסטעטיק. און פון דאַמאָלסט אָן געהט אין דער געשיכטע אַ פאָרטגעזעצטער קאָנפליקט צווישען די יודישען רבנים און דעם המון עם איבער די פערזענליכע אייגענשאַפטען פון דעם שליח צבור.

עס האָבען זיך, דאַרום, געבילדעט ביי יודען צוויי קלאַסען פון מתפללים, פון ציהערערס, מיט צוויי סאָרטען ליטורגיען אין צוויי פערשיי-דענען שוהלען, וועלכע מיר געפינען ניט קיין עהנליכעס ביי אַנדערע רע-ליגיאָנען: די גייסטיגע און פינאַנסיעלע אַריסטאָקראַטיע, ווי צום ביישפּיעל

דער רב, די שוחטים, די לומדים, די שווערע און שענע יורען, די גבירים און מיוחסים מיט זייער בעל תפלה, נאך דעם סופרישען געשמאק, האבען זיך זייער קלויז אדער בית המדרש; דער המון עם, דער פלעבס, די מאַ־סע, מיט דעם חזן, נאך זייער געשמאַק אין דער סינאַגאָגע אָדער שוהל. אים ערשטען הויז איז מעהר אָדער וועניגער געווען איין מקום תורה און די תפלה אַ נעבען זאַך; פון דער רנה איז מעהר שוין קיין רעדע ניט גע־ווען. אין אַנדערען הויז אָבער בלויז איין מקום רנה ותפלה. דאָרט זענען די מיטגליעדער געווען גייסטרייכער און איינע רעליגיעזע פסיכיק האָט זיי שטענדיג בעזעעלט און בעגלייטעט, אַזוי, אַז יעדער רעליגיעזער פאָרבעטער, ווען ער האָט פון געזאַנגע קיין אַהנונג ניט געהאַט, איז דאָך געווען גענוג גוט כדי צו בעוועגען זייער כונת הלב און צו ריהרען; דאַגעגען איז דאָס שוהל פובליקום געווען פסיכיש גאַנץ פערראָהעט, די גאַנצע וואָך ווייט פון עטוואָס גייסטיגעם, פערזונקען אין זייער טעגליכע שווערע אַרבייט, אין אַ עם הארצ׳ישער געזעלשאַפט, האָבען זיי ווירקליך נייטהיג געדאַרפט שטאַ־קערע מיטעל אום צו רייצען זייע־ע געהער־נערווען, כדי אַרויס־צושלעפען זייערע אויפמערקזאַמקייט, פון דעם פערגרעבטען וואָכעדינען, אינטערעס און קאָנצענטרירען אין דעם איננערליכען גייסט פון דער תפלה, וועלכע איז זעהר אָפט גאָר אונפערשטאַנדליך געוועזען פאַר דעם פעבעל. עס איז ווירקליך ניט געווען קיין אַנדערער בעסערער מיטעל מעורר צו זיין דעם המון צו יראת המקדש, צו כונת הלב אַלס דורך דעם געזאַנג. „בית הכנסת מותר לעשותו בית המדרש״ (מגילה דף כ״ז) דאָס הייסט פון אַ קלענערער קדושה קען מען אַ גרעסערע קדושה מאַכען, אָבער ניט פער־קעהרט. אַזוי האָבען עס די סופרים געוואָלט.

## XIV.

## דאָס תַלְמוּדִישֶׁע פּראָגראַם פאַר אַ ש״ץ.

ווי ווייט די רבנים זענען געווען פון דעם המון עם אין זייער אי־בערבליק איבער דעם שליח צבור, קענען מיר זעהען פון דעם ערשטען פראָגראַם וואָס די תלמודיסטען האָבען אויפגעשטעלט פאַר אַ שליח צבור; איין אידעאַל וואָס האָט קיינמאָל ניט געקאָנט ווערען עררייכט אין דער ווירקליכקייט. אַזוי ערציילט אונז דער תלמוד (תענית ט״ז) „עמדו בתפלה

אף על פי שיש שם זקן וחכם אין מורידין לפני התיבה אלא אדם הרגיל. איזהו רגיל? רבי יהודה אומר: מטופל, ואין לו, ויש לו יגיעה בשדה, וביתו ריקם, ופרקו נאה, ושפל ברך, ומרוצה לעם, ויש לו נעימה, וקולו ערב, ובקי לקרות בתורה ובנביאים ובכתובים, ולשנות במדרש בהלכות ואגדות. ובקי בכל הברכות כלן. ויהבו חכמים עינייהו ב״ר יצחק בר אמי״. דער איבערזעץ איז אונגעפעהר אזוי: „ווען מען האט זיך געשטעלט דאווענען, (וואהרשיינליך אין בית המדרש וואו עס זענען געווען די חכמים מיט ר׳ יצחק׳ן) עס מעג זיך דארט געפינען איין אלטער און געלעהרטער מאן, זאל מען פון דעסטוועגען קיינעם ניט צו לאזען צום עמוד אויסער א מענשען, וואס איז איין רגיל צום דאווענען. וועלכער הייסט איין רגיל? זאגט ר׳ יהודה, יענער וואס האט א סך קינדער און האט ניט מיט וואס זיי מפרנס צו זיין, ער ארבייט אים פעלד, און זיין הויז איז לעדיג, זיין פערגאנגענהייט איז ריין, און איז ביי זיך זעהר געפאלען, און איז בעוויליגט פון דעם פאלק, און קען די מעלאדיען 1) דאס הייסט ער קען דעם נוסח התפלה, און בעזיצט איינע סימפאטישע שטימע, און לעזט ריכטיג דעם טראפ פון תורה נביאים וכתובים. און קען לערנען מדרש הלכות און אגדות. (מען דארף ניט פערגעסען, אז דאמאלס האבען נאך קיינע דרוקקערייען עקסיסטירט, אלעס האט מען געמוזט שטודירען אויסווענדיג—תורה שבעל פה—אדער אין אלטע צעריבענע שריפטען) און די חכמים האבען אויסגעקליבען ר׳ יצחק בר אמי״. אז עס קען זיך א מאל טרעפען א מענש מיט אזוי פיעל גוטע מעלות וועלכע זענען דא אויסגערעכענט קאן שוין אפשר מעגליך זיין, נאר ווי קען מען אויף שטעלען איין נאטווענדיגעס פראגראם מיט אזוי פיעל שוויעריגקייטען פאר א שליח צבור!? ווי איז עס מעגליך צו געפינען א מענשען וואס זאל קענען דאווינען אויסווענדיג, וואס זאל האבען א סך הינגעריגע קינדער, וואס האט שווערע ארבייט אין פעלד, און האט אין זיין הויז דען פייפענדען דלות אין אלע ווינקלען, און האט א אונבעפלעקטע פערגאנגענהייט, וואס קען אלע מעלאדיען פון דער תפלה, און האט דערצו א זיסע סימפאטישע שטימע, קענען קריאת התורה הנביאים והכתובים, און לערנען מדרשים הלכות ואגדות, און נאך

1) זעה איבער „נעימה״ Wien Der Sulzerismus uud moderne synagogale Liturgie 1905. won dem Verfasser

דערצו אַ שפל ברך און דאָס פאָלק זאָל איהם אײַנשטימיג וואָהלען?! מרא דעלמא כולא! כולא האי ואולי?! אַזוי פיעל קענען און אַזוי וועניג האָבען?! אַס ענדרע וואָס זאָל שוין דער סופר אַליין קענען?! פון דעם פּראָגראַם וואָלט מען געקאָנט בעטהייליגען 10 כהנים, 10 נביאים, 10 סופרים, 10 רבנים, 10 חזנים, 10 לעהרער, 10 קבצנים, 10 מגידים, אַפילו 10 צדיקים צי ראַטעוועז סדום און עמורה. עס איז אײַנפאַך אונפערשטענדליך ווען מיר זאָלען זיך ניט בערוהיגען מיט דעם איינציגען תלמודישען אויסוועג: „תנא גוזמא קתני!“ מיר מוזען קומען צי דעם ענטשלוס, אַז אַזאַ פּערזאָן מיט אַזוי פיעל מעלות טיבות, איז בלויז אַ גוטער ווינש, איין Pia desideria פון אינזערע תלמודיסטען, אין דער פּראַקטיק אָבער איז אונמעגליך גע־ וועז צי געפינען אַזאַ פּערזאָן ניט נאָר צווישען די שליחי צבור, נאָר אויך ניט צווישען די נביאים וועאכוי״כ צווישען די כהנים. דאָס איז געוועזען אַ רייכע פאַנטאַזיע פון מענער וועלכע האָבען פעסט פּעראַכטעט דעם געזאַנג נאָך דעם חירבן, „ויהבו חכמים עינייהו ברי׳ יצחק בר׳ אמי“ עס זעהט אויס, דאָס אויך דער רב יצחק בר אמי האָט ניט אין גאַנצען צופרי־ דען געשטעלט, אָבער ער איז געוועזען דער בעסטער צווישען אַנדערע. דאָס פאָלק אָבער, ווי מיר קענען זיך פאָרשטעלען, איז ווייט ניט צופריע־ דען געוועזען, אַס וועניגסטען, ניט גאַנץ צופריעדען מיט דעם פרומען ר׳ יצחק, ווייל זיין זינגען האָט זיי ניט בעזונדערס געפעלען. אַז אַזאַ פּראָגראַם איז פערמינדערט געוואָרען אויך ביי די רבנים, זעהען מיר שוין פון דעם שלחן ערוך וועלכער לאָזט אַראָב פיעלעס. ווי עס זעהט אויס זענען ביידע צדדים געגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס, די חכמים האבען תמיד מוחל געוועזען אויף אַ געזאַנג: „עט, לאָז ער אַביסעל וועניגער טערערייקען אַבי אַ ערליכער יוד!“ דאָס פּובליקום האָט אַביסעל מוחל געוועזען פון דער רעליגיאָן: „עט, לאָז ער זיין אַביסעל אַקלענערער למדן און אַ קלענערער צדיק, ער איז דאָך ניט קיין רב און ניט קיין גוטער יוד, אַבי ער זאָל זאָגען אַ גוט שטיקעל!“ אַזוי איז זיך געגאַנגען איין היסטאָרישער צוויסט צווישען די רבנים און דעם המון עם. אין דער צייט וואָס די גייסטליכקייט פון דער קריסטליכער געמיינדע האָט זיך מעהר און מעהר פערטיעפט אין דער עבודה, און האָבען געווידמעט זייער גאַנצעס טוהן און לאָסען דער ליטורגיע, און זיך בעזונדערס אָבגעגעבען מיט דער מוזיקאַ־

לִישֶׁער טֵייל--אַזוֹי הָאט דֶער מַיילַאנדִישֶׁער בִּישָׁאף אַמבּראָזִיוּס פֶערפַאסט שקַאלֶען אוּן לִיעדֶער פַאר דֶער קִירכֶע; פּוֹיפּסט גרעֶגאָר דֶער גרוֹיסֶע, הָאט פֶערפַאסט נאָך שקַאלֶען מִיט דֶעם נאָמֶען אָטהעֶנטִישֶׁע שקַאלֶען צִים אִינטֶערשֵׁייד פוּן דִי אַמבּראָזִיאַנִישֶׁע שקַאלֶען װעֶלכֶע עֶר הָאט אַ נאָמֶען געֶגעֶבֶען „פּלַאגַאלִישֶׁע שקַאלֶען“ אוּן אוֹיסֶער דֶעם, הָאט עֶר אַם עֶנדֶע דֶעם 6־טֶען יאָהרהוּנדֶערט פֶערפַאסט אַ בּוּך פוּן קִירכֶען לִיעדֶער מִיט דֶעם נאָמֶען „Ahtiphonar“ װאָס אִיז אָנגעֶנאָמֶען געֶװאָרֶען אִין אַלֶע קַאטוֹלִישֶׁע קִירכֶען פוּן דֶער װעֶלט, אוּן עֶס אִיז געֶקעֶטעֶט געֶװאָרֶען מִיט גאָלדֶענֶע קֵייטֶען צִים אַלטַאר אִין פּטר׳ס קִירכֶע, דֶער פראַנצוֹיזִישֶׁער קעֶנִיג פִּיפִּין הָאט ספּעֶציֶעל זִיך אוֹיסגעֶשרִיבֶען זִינגעֶר פוּן רוֹים, װעֶלכֶע זעֶנֶען זֵייעֶר טִיכטִיג געֶװעֶזֶען אִין דֶעם גרעֶגאָרִיאַנִישֶׁען קִירכֶען געֶזאַנג, כדי צִי עֶרהַאלטֶען אִין פראַנקרֵייך דֶען גרעֶגאָרִיאַנִישֶׁען געֶזאַנג רֵיין אִין אַ״לֶע קִירכֶען. אַזוֹי הָאט אוֹיך קַארל דֶער גרוֹיסֶער אִים 9־טֶען יאָהרהוּנדֶערט געֶטהוּן, אוֹיס געֶצֵייכעֶנט זִינגעֶר פוּן רוֹים, װעֶלכֶע זעֶנֶען געֶװעֶזֶען געֶנוֹי אַנפֶערטרוֹיעֶט מִיט דֶעם גרעֶגאָרִיאַנִישֶׁען „Cantus planus“ אַזוֹי הָאט אַיין פראַנצוֹיזִישֶׁער מאָנאַך גווִידאָן פוּן אַרעֶצעֶ אִים 11 יאָהרהוּנדֶערט דִי נאָטעֶנלִינִיעֶן פֶערפאָלקאָמֶענט, דִי סאָלמִיזאַצִיאָן עֶרפוּנדֶען, אוֹיס דִי אִינִיצִיאַ׳לֶען בּוּכשטאַבֶּען פוּן דֶעם קַאטוֹלִישֶׁען געֶבֶּעֶט Ut queant laxis resonare אַיין נאָטעֶן סִיסטעֶם פוּן נעֶמֶען געֶמַאכט, אוּן דִי גווִידאָנִישֶׁע הַאנד מִיט דִי פִינגעֶר אוּן גלִידעֶר פוּן דִי פִינגעֶר, אַ״לס בּעֶשטִימטֶע צֵייכֶען פַאר דִי מוּזִיק לעֶהרעֶר, אִין דִי קִירכלִיכֶע מוּזִיק שוּלֶען אָנגעֶפִיהרט אוּם דִי 20 טעֶנֶע פוּן דֶער דַאמאָלִיגֶען גאַמאַ סִיסטֶעם לַייכטֶער פֶערשטַאנדלִיך צוּ מַאכֶען דִי קִינדֶער, װִי גוּמִי דֶע כאָלִיס אִים 12 יאָהרהוּנדֶערט הָאט געֶשרִיבֶען אַיין טראַקטַאט אִיבֶּער דֶעם קַאטוֹלִישֶׁען קַאנטוּס פּלַאנוּס „De Cantu ecclesiastico“ אוּן אַיינֶע אָנװַייזוּנג פַאר׳ן דִיסקַאנטוּס, מִיט דֶעם נאָמֶען: „Discantus ascendit duas voces“ װִי אַלֶעסַאנדראָ לַאסוּס, פּאַלעֶסטרִינאָ אוּן נאָך אַנדֶערֶע הָאבֶּען געֶװִירקט פַאר דִי קַאטוֹלִישֶׁע קִירכֶע אִים 16 יאָהרהוּנדֶערטֶע, װִי לוּטהעֶר אִין דֶער פּראָטעֶסטאַנטִישֶׁען קִירכֶע מִיט אַ גַאנצעֶר פּלעֶיאַדֶע פוּן מוּזִיקעֶר, יוִי קאָנראַד רוּפף, יאָהַאן װאָלטהעֶר אוּן נאָך הָאבֶּען געֶשרִיבֶּען אַזוֹי פִיעֶל קוּנסטשטִיק פַאר׳ן פּעֶראַיידֶעלֶען דִי פּראָטעֶסטאַנטִישֶׁע לִיטוּרגִיעֶ, פוּן דֶעם גֵייסטלִיכֶען פּעֶראָזִי װאָס פֶערנעֶהמט אִין דֶער מאָרעֶרנעֶר צַייט אַזאַ גרוֹיסֶע שטעֶלוּנג אִין דֶער

קאַטוֹלִישֶׁער קִירכֶע, האָבּען מִיר שׁוֹין אוֹיבּען גערעדט,—האָבּען זִיךְ דִי יודִישֶׁע רבנים אָבּגעשלאָסען אִין זֵייעֶרֶע ד׳ אמות של הלכה, אוּן האָבּען כמעט בּוֹיקאָטִירט דִי מוּזִיק וואו זֵיי האָבּען עֶס נוּר געקענט „זמרא מנא לן דאסור?—שרטט וכתב ליה: אל תשמח ישראל אל גיל כעמים״ (גטין ח.), „משבטלה הסנהדרין בטל השיר מבית המשתאות, שנאמר, בשיר לא ישתו יין״ (סוטה מ״ח,) זֵיי האָבּען זִיךְ נִיט געקענט בּעשרענקען געגען פּוּבּלִיקוּם וואָס לִיעבּט אַזוֹי געזאַנג אוּן זִינגענדע חזנים, אוּן האָבּען גערדרשט:״ טוב לשמע גערת חכם, אלו הדרשנים, מאיש שומע שיר כסילים, אלו המתורגמנים שמגביהים קולם בשיר להשמיע את העם (מדרש קהלת). מִיט אֵיין וואָרט, זֵיי האָבּען אַלֶע אִיהרֶע גֵייסטִיגֶע קרעפטען אַוועק געגעבּען פאַר דִי ענטווִיקְ־לוּנג פוּן דער תורה, דִי עבודה האָבּען זֵיי גאַנץ אוּן גאָר אִיבּערגעלאָסט דעם פּעבּעל אוּן זֵיינֶע פּעבּעלהאַפטֶע חזנים: נעגאַטִיוו, דאָס הֵייסט, וואָס מען זאָל נִיט זִינגען האָבּען זֵיי מעהרערע מאָל געלעהרט, פּאָזִיטִיוו אָבּער, דאָס הֵייסט, וואָס מען זאָל יאָ זִינגען, האָבּען זֵיי קֵיינמאָל נִיט געלעהרט; ווייל זֵיי האָבּען עס זעלבּסט גִיט געוואוסט. אוֹיךְ נאָך רב עמרם׳ס סדור, ווען זֵיי האָבּען בּעמערקט אַז דִי לִיטוּרגִיע וואַקסט אוֹיפ׳סנַייע דוּרךְ דִי פיוטים פזמונים שירים ורננים האָבּען זֵיי יעדעס מאָל פּראָטעסטִירט, דאָס פאָלק אָבּער האָט זֵיי נִיט געהערט.

דאָס פאָלק אִיז געגאַנגען נאָךְ זַיינֶע לִיעבּלִינגֶע, נאָךְ זַיינֶע טעמ־פּעל זִינגער, נאָךְ זַיינֶע חזנים, אוּן דער פּערפאַסער פוּן „היה עם פיפיות״ האָט קֵיין אִיבּערטרַייבּוּנג נִיט געמאַכט ווען ער זאָגט: עיני עמך בם תלויות ועיניהם לך מיחלות״. דִיזע שפּאַלטוּנג צווִישען רבנים אוּן פאָלק אִיבּער דִי אֵיינענשאַפטען פוּן דִי חזנים דויערט נאָךְ בִּיז הַיינט. דִי ערשטֶע וואָלען אִין דעם חזן אוֹיסדרִיקלִיךְ זעהען דעם רעלִיגִיעזען שליח צבור, ווִי דער רש״ל האָט זִיךְ אַזוֹי דַייטלִיךְ אוֹיסגעדרִיקט אִין חולין (חולין פרק ראשון סמן מ״ט) אִין נאָמען פוּן דעם טור: „חלילה להיות מלאכת השם אומנות או מטרה לראש״ אוּן דער רש״ל אִיז מוסיף אוּן זאָגט: „אבל תרעומותי כי חזני הארץ הזאת הם להנאתם לשמע קולם הערב״. אִין דעם זעלבּען זִינען דרִיקען זִיךְ אוֹיס פאַסט אַלֶע לעצטֶע פוסקים אוּן רבנים. אוּן דאָס פאָלק ווִיל מען זאָל אִיהם זאָגען אַ שטִיקעל, מען זאָל אִיהם מאַכען ווֵיינענדִיג אָדער לאַכענדִיג, אוּן פאַר אֵיין קִיצעל אִין אוֹיער

פערגעסט ער זעהר אפט אין די אַ״ע רבנישע פזמונים... דאָ איז ווירקליך מקוים געוואָרען דאָס שפריך וואָרט: איין פריץ מיט דעם צווייטען שלאָ־גען זיך און דעם בעדינטען טוהן וועה די ביינער. „צווישען די ביידע צדדים איז אוים געוואַקסען אין דער יודישער שוהל אַ משונה׳דיגע בריה, וואָס קען זיך קיין פּלאַץ ניט געפינען, וואָס קען ניט איהר פּראָגראַם, וואָס ווערט הין געריסען פון צוויי פערשיידענען זייטען. קומט איין איינ־פאַכער, עהרליכער יוד מיט אַלערליי רעליגיעזע מעלות נור עס פעהלט איהם אַ ביסעל סימפּאַטיע אין דער שטימע, אַ ביסעל קענטניש אין די שוהל מעלאָדיען וועט איהם דאָס סינאַגאָגאַלע פּובליקום קיינמאָל ניט אויף נעהמען אַלס חזן; קומט איין גוטער זינגער מיט אַ סימפּאַטישער שטימע און קען די סינאַגאָגאַלע מעלאָדיען, נור אָהן רעליגיאָזען וויסען און דענקען וועט איהם דאָס בית מדרש געמיינדע אַלס שליח צבור קיינמאָל ניט אויף נעהמען. עטוואָס עהנליכעס געפינט מען ניט אין קיין קירכע אויף דער וועלט! אין אַזעלכע פאַלען פרעגט זיך יעדער בעסער דענקענדער פאָרבעטער און פאָרזינגער: מה ומי אנכי?—וואָס, און ווער בין איך אין דער שוהל?—איין כהן, איין גייסטליכער, אָדער איין איינפאַכער קלאַפּער געצייג?—בין איך אַ כלי קדש וואָס מען פערלאַנגט פון מיר פון איין זייט אַזוי פיעל רעליגיאָן, אָרער פשוט אַ כלי זמר, וואָס מען פער־לאַנגט פון מיר פון דער אַנדערער זייט אַזוי פיעל מוזיקאַלישע קענטניסען?— די פראַגע איז פאָלקאָמען אַ האַמלעטישע, אַזאַ מין ספק חיה ספק בהמה גיט עס ניט אין קיין קירכע אויף דער וועלט, ווי אויך אַזעלכע 2 פער־שיערענע גאָטעס הייזער גיט עס ניט ביי קיין רעליגיאָן אויף דער וועלט. דאָרט זענען די הייזער פון תורה און וויסענשאַפט גאַנץ סעפּאַרירט פון די הייזער פון גאָטעס דינסט, אין יענע דאָווענט מען ניט און אין דיזע לעהרענט מען ניט; דאָרט שטעהען אין דער שפּיץ מענער פון וויסענשאַפט. דאָ—מענער פון רעליגיאָן, עס ווערט געגעבען זעהר פיעל מוזיק אין די קירכען, די זינגער אָבער זענען ביוז כלי זמר, די שלוחי צבור אָבער זענען נאָר די גייסטליכע. אַ״זאָ יעדער פון די ביידע האָט זיין פּראָגראַמען, זיין פונקציאָן, די קונסט מעג זיין ווי שעהן שטעהט זי דאָך אינטעראָרדנעט דער רעליגיאָן. דאָ אָבער שטעהט שוין צוויי טויזענד יאָהר אַ שליח צבור און ווייסט נאָך ניט וואָס ער איז, קדש אָדער חול.

וכמלאכת המשכן לאַ התנדבו תחלה? אלא, כך אמרו הנשיאים: יתנדבו צבור מה שיתנדבו ומה שמחסרין אנו משלימים" איך דערמאָהן מיך און אַ עהנליכער געשיכטע אין קישינעוו צוריק מיט 25 יאָהר ווען די געמיינדע האָט זיך צוזאַמען געקליבען אויף אַ אסיפה כדי צו זוכען מיטעל מען זאָל אויף בויען אַ טעמפעל. האָט איינער, הער פ׳ באַ"ד מנדב געווען אַ אייזער־נעם דאַך. זיי זענען אַלע ענטציקט געווען פון אַזאַ גרויסער נדבה! איינער אָבער האָט איהם אַ פרעג געטהון: „דענקט איהר ווירקליך מנדב צו זיין אַזוי פיעל געלד פאַרן טעמפעל?"—געוויס—האָט ער געענטפערט—ווען איהר וועט זיין פאַרטיג מיט די שטיינערנע ווענד ביז דעם דאַך וועל איך דאַמאָלס דעם דאַך מנדב זיין!" און די שטיינערנע ווענד זענען נאָך ביז היינט ניט פאַרטיג. נור די נשיאים זענען נאָך פראַקטישער געוועזען, זיי האָבען גע־וואַרט ביז דער דאַך איז אויך פאַרטיג געוואָרען און נאָך הער האָבען זיי מנדב געווען זייערע זילבערנע שיסלען...

ווי די זאַך איז, די נשיאים זענען געווען, זעהט אויס, פראַקטישע מענשען פון תמיד, אַ ניט וואָלטען זיי קיין נשיאים ניט געוועזען...

די צווייטע שיסעל ערשיינט אויך און זעהר אַ פייערליכען מומענט און פורים אווענד פאַר דער מגילה, אויף וועלכע עס ליעגען די האַלבע שקלים און דאס מגילה געלד; די שיסעל איז שוין פון אַ שפּעטערען דאַטעם, אבער אויך דיעזע שיסעל שפּיעלט בשום אופן ניט קיין אונבעדייַ־טענדע ראָלע אינים לעבען פון דער שוהל און דעם פאַרשטעהער וואָס בלייבט נאָך שטענדיג דער ממונה על השקלים אין דער שוהל.

פון ראש חדש נסן אָן ביז ערב פסח ערשיינען נאָך אַ מאָל די נשיאים מיט זייערע זילבערנע שיסלען, און יעדער יוד דערצעלט אַלע טאָגי מיט אַ געוויסען גראַד פון שטאָלץ פון די זילבערנע שיסעל, וואָס דער נשיא פון היינטיגען דאַטעם האָט געבראַכט. וועה איז דעם יודישען יונגעל, וואָס ווייסט ניט דעם נשיא פון דעם טאָג.

די פיערטע שיסעל, וועלכע שפּיעלט אַ בעזונדערע ראָלע אין היסטאָרישען יודענטום, איז די קערה פון די מצות; אַ קליינינגקייט צו זאָגען, די סדר קערה מיט די מצות, מיט דעם כרפס, מיט דער זרוע, מיט דער דער ביצה און מיט דעם מרור! די קערה צום סדר מיט אַלע איהרע פערציערונגען שטעלען אונז פער דעם גאַנצען סימבאָל פון דעם היי־יגען

יום טוב פסח, זי דערמאָנט אונז, וואָס מיר האָבען געליטען צוריק מיט 4 טויזענד יאָהר און ווי דאָס פאָלק איז, ווי איין מענש, נאָכגעגאַנגען דעם גרויסען בעפרייער משה'ן אין דעם מדבר כדי צו געווינען די פרייהייט. אין אָט דער סדר-קערה ליגט בעגראָבען די גאַנצע עגיפּטישע שקלאַפעריי, ווי אויך דער דראַנג נאָך פרייהייט. אין דער גאַנצער וועלט איז די סדר קערה וי׳ העכסטע און די לעצטע אין יאָהר, אין רוסלאַנד אָבער איז פאַרהאַן אַ שיסעל וועלכע פערשעהמט די אַלע אויסגערעכענטע שיסלען מיט דער פסח׳דיגער צו זאַמען, דאָס איז די ערב יום כפורדיגע קערה אין דער שוהל. שטעלט די פסח׳דיגע קערה פאָר איין עמבלעם פון דער עגיפּטישער שקלאַפעריי מיט דעם דראַנג נאָך פרייהייט, דעם גאַנצען „זמן חרותנו", אַזוי שטעלט די ערב יום כפורדיגע קערה פאָר, דעם סימבאָל פון דער איצטיגע שקלאַפעריי, דאָס עמבלעם פון דער מאָדערנע ערניעדערונג, דעם „זמן עבודתנו" אין אָט דער שיסעל ליגט בעגראָבען די פרייהייט פון דער מאָדערנער געמיינדע, דער מאָדערנער שוהל, דער מאָדערנער ליטורגיע, דורך אָט דער שיסעל טרייבען אַן מעהרסטען טייל די מאָדערנע נשיאים, אָדער גבאים, זייער העגעמאָניע אויף דעם רב, שוחט, חזן, בעדער, מלמד, שמש, אויף די לעבענדיגע ווי אויף די טויטע און אויף אַלעם.

די רוימער האָבען געמאַכט דאָס געזעץ פון „עבד לוה לאיש מלוה" ווען איינער איז שולדיג געוועזען דעם אַנדערען געלד האָט ער איהם פערקויפט זיינע פרייהייט ביז ער האָט איהם בעצאָהלט [1]. און דאָס געזעץ האָט זיך ענטוויקעלט נאָך און נאָך צו אַ גרויסער דיפּלאָמאַטישער און סאָציאַלער מאַכט ביי דער רעגיערונג און איבערהויפּט רייכע לייט. יעדעס מאָל ווען די פּלעביער האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו בונטעווען אָדער גאָר צו רעוואָלטירען געגען די פּאַטריציער האָבען די לעצטע שטענדיג פערשטאַנען צו בערוהיגען זיי דורך געלד אַנלייהען, צו בעפרידיגען זיי, און טאַקע נאָך אַמאָל מעהר צו אונטערדריקען, זיי האָבען געמוזט געהן אַרבייטען, מלחמה האַלטען און טהון אַלע עבודות פרך פאַר זייערע קרעדיטאָרען, די פּאַטריציער.

און ווי אַ סך געמיינדען אין רוסלאַנד האָבען פערלאָרען זייער

[1]) History of Rome by Sewel.

פרײַהײַט דורך די פּראַקטישע נשיאים, װעלכע פערשטעהען אַזױ צו פיהרען די שוהל פינאַנסען, אַז די געמײַנדע איז שטענדיג איהר שולדנערין. די מיטגלידער פון דער געמײַנדע צאָהלען נעבּיך איהרע שטײַער אין דער שוהל אפשר מעהר פערהאַלטניס מעסיג אַלס די נשיאים, אָבער זענען שטענ־דיג שולדיג די נשיאים, און די נשיאים לײגען אױס זײער געלד ביז דער בעריהמטער גלות־שיסעל פון דער ערב יום כפורדיגער קערה. זײ יאָגען זיך גאַר ניט מען זאָל די שולדען אײַנקאַסירען און פיהרען צו אויסגאַבען אין דער שוהל, אַזױ װי עס געפעהלט זײ און פרעגען בײַ קײנעם קײן עצות ניט. און װען עמיצער װאַגט זײ צו פרעגען: פאַר װאָס געבען זײ אױס געלד פון דער שוהל פאַר אוננעטהיגע זאַכען? ענטפערען זײ, אויב זײ װילען מיט גוטענס: „זאָרגען זײ זיך ניט, בײַ אײַך װעלען מיר ניט נעהמען“. אויב עס געפעלט יענעם דער ענטפער, איז אַ גרויסע פראַגע, אָבער ער מוז זיך דאָך מיט אַזאַ ענטפער בענוגענען און אַװעק געהן. איז אָבער דער פאָרשטע־הער אַ ביסעל האַרטלײַביג, ענטפערט ער יענעם אויף יונית „עטאָ ניע װאַשע דיעלאָ פּאָניעמאַיעטע?! אַז עס װעט אײַך ניט טויגען װעט איהר מיך װײַטער פאַר א גבאי ניט קלויבען!“ עס איז אָבער ניט אמת, ער װעט געװיס ניט טויגען, ער טויגט שוין ניט, ער האָט גאַר קײנמאָל איבערהויפט ניט געטויגט. און פון דעסטװעגען יוועט מען איהם נאָך אַ סך בעטען ביז ער װעט זיך לאָזען אויס־קלויבען! װאו ליעגט די סבה פון דעם פּאַראַדאָקס? פון דער שקלאַפערײַ?— אין דער ערב יום כפורדיגער שיסעל! װי עס איז שוין אויבען געזאָגט, זענען די יודישע נשיאים געװעזען, און זענען נאָך איצט, זעהר פּראַקטישע מענשען, זײ פיהרען די שוהל פינאַנסען אַזױ אַז די שוהל איז שטענדיג זײער שולדנערין און די שיסעל בעצאָהלט תמיד די חובות פון פערגאַנ־גענעם יאָהר און צו „ויהי ערב ויהי בקר יום ראשון“ איז דער נשיא מלא, די שוהל דאַגעגען איז חסר. דאָס הײַסט, ער האָט זיך אָפּגענומען אַלע זײַנע חובות, פאַר אַלע הוצאות, אויך אַ זעלכע װעלכע זענען געװעזען געגען דעם װאונש פון דער געמײַנדע, דערפאַר אָבער איז געבליבען די קאַסע פון דער שוהל פוסטאָ, לעער, װי די קאַסע פון סולטאַן סאַלאַדין (אין נתן דער חכם) אָדער װי דער ארון הקדש אום הושענא רבה װען מען האָט אַרויס גענומען אַלע תורות פאַר די הקפות. דער נשיא איז בײַ זיך גאַנץ רוהיג, זײַן געלד האָט ער אין קעשענע, די ערב יום כפור־

דיגעָ קערה האָט איהם אַלעָס בעָצאָהלט. איצט פאַנגט עָר אָן זאַך צי פּעָסטעָן, און אַרויסלאָזען ווערטעָר: כאָטש עָר ליעָבּט די שוהל ווי זיין לעָבעָן ליעגט זי איהם שוין דאָך אין האַרצעָן און פאַר קיין געָלד וועָט עָר זיך ניט לאָזען אויסקלויבּעָן. דעָר ווינד פאַנגט אָן צוּבּלאָזעָן, אין דעָר שוהל איז קיין שטיקעָל האָלץ אָדעָר קוילעָן ניט פאַרהאַן, די רובּעָס זעָנעָן גאָר צעָרבּראָכעַן, די משרתי הקדש האָבּעָן ניט קיין פּפעָניגג שכירות און לויפעָן אַרום ווי פּעָרסמ׳טעָ מייז צום עולם, וועָלכעָר האָט עָרשט בּעָצאָהלט זיינעָ שולדען אין דעָר שוהל, צי אַגיטירעָן, למעה״ש מעָן זאָל בּעָטעָן דעָם גבאי עָר זאָל רעָטעָן די געָמיינדעָ, די שוהל און דאָס יודעָנטום. דעָר נשיא מאַכט זיך כלא ידע, מעָן בּעָט איהם עָר זאָל רעָטעָן די שוהל, ווייל עָס איז אַ גרויסעָ מצוה און עָס איז אויף איהם חל, עָר שטעָהט האַרט און פעָסט ווי יוליוס צעָזאַר ווען מען האָט איהם פאָרגעָלעָגט דעָם רומישעָן טראָן, איין מאָל ניין „וואָס ווילט איהר פון מיר האָבּעָן? איך וועָל איין ליעבּעָר שעָנקעָן אַ פּאָר הונדערט רובּעָל ווען עָס וועָט איין פעָהלעָן— אַזוי ווי די אַלטעָ נשיאים האָבּעָן געָשעָנקט זייעָרעָ קערות כסף ווען אַלעָס איז שוין פעָרטיג געָוועָזען און עָס האָט נור עָטוואָס געָפעָהלט—נור מאַכט איין אַנ׳אָנדערעָן״, זעָהט עָר דעָם שטן פון אַנ׳אַנדעָרעָן וואָס פעָרשטעָהט די מיטעָל און די קונסט ווי עָר, און וויל געָקליבּעָן ווערען, לאָזט עָר זיך בּאַלד צי צו די וואַהלען. זעָהט עָר אָבּעָר קיינעָם ניט, הויבּט עָר אויף דעָם „המלך״ נאָך העָכער, עָר הונגערט צווישעָן יאָ ניין אוים די משרתי המקדש און די שרייעָן, פּילדערעָן, מעָן פאַלט כורעים, בּיז מעָן בּעָט איהם קוים איין, אַרום חנוכה צייט, און עָר גיט זיין געָנעָדיגעָם וואָרט נאָך איינמאָל צי נעָהמעָן אויף זיך די „אָבּוזעָ״ אום דאָס יודעָנטום צו רעָטעָן. די געָמיינדעָ אָטהעָמט אויף פריי, אַ קליינינקייט, פּעָרקויפט די פריהייט אויף אַ יאָהר, אָדעָר גאָר אויף גאַנצעָ דריי יאָהר! וואו ליעגט דעָר הונד בּעָגראָבּעָן? אין דעָר ערב יום כפורדיגעָר שיסעָל!—

אין דעָר ציוויליזירטעָר וועָלט אין אייראָפּאַ קעָן מעָן ניט אָט די ערב יום כפור׳דיגע שיסעָל, קיין נשיא לעָגט ניט אוים קיין פּפעָניג, און קיין אָרעָנטליכעָר מעָנש וואָלט ניט אָנגעָנעָהמעָן אַ נשיאות דעָרפאַר וואָס עָר וועָט אויסלעָגעָן געָלד. אין רוסלאַנד אָבּעָר, וואו די גאַנצעָ שוהל שטעָהט איבּעָר געָקעָהרט, זוכען די געָמיינדען נשיאים מיט בּייטלעָן געָלד

און די נשיאים זוכען כח אין שיסעל!... אין ניט אומזיסט„ האט שוין איין יודישער ריכטער בעקלאגט די לאגע: „עמי הארץ הן המה פרנסי הקהלה ועל הרוב נוהגים שררה על הצבור לסבת עשרם ולא לסבת ידיעתם, כי הנה עינינו הרואית מה שאמר המליץ:

דינר קוצר, דינר בוצר,

דינר מתיר, דינר אוסר" (מספר „לקח הקמח").

טרעפען נאטירליך א סך געמיינדען, וועלכע זענען גוט געשטעלט און קענען זיך פערגינען דעם לוקסוס פון פיינע נשיאים, וועלכע זענען אויך אהן געלד די ווירדיגסטע מענשען פון דער געמיינדע, די מעהרסטע טייל געמיינדען אבער אין רוסלאנד זייענדיג געצוואונגען דורך זייער עקאָנאמישע שלעכטע פיהרונג, וואהלען א פארשטאנד וואס איז בעמיטעלט, ניט מיט תורה, אדער זאגאר תפלה וטעשים טובים, נאר מיט דעם בייטעל געלד. און ווי דאס געזעץ איז אין רוסלאנד, וועהלט מען 3: דער גאלדענבערג אלס סטאראסטא; דער זילבערשטיין אלס אטשאנע; און דער קופערשמיט אלס קאזנאטשיי; איין מעטאלענער חוט המשולש! אט דער יודישע געלד-חוט המשולש, וואס מוז ליידער איהם לעבען דורך פערשיידענע בעשרענקונגען אויף יעדען טריט און שריט איינבויגען דעם קאפ, ברענגט מיט זיך אין דער שוהל א חוט המשולש'דיגען מעטאלענעם יצר הרע צו בעפעהלען, צו הערשען, צו קאמאנדירען אויף רעליגיאן, אויף ליטורגיע, אויף קונסט, מוזיק און אויף וואס ניט? – אין בית המדרש אדער קלויז האט אזא פארשטאנד כמעט ניט וואס צו טהון, דארט איז איצט אלעם פערגליווערט, א שטעהענדיגעם וואסער מיט אביסעל בלאטע און שיסעל. דארט איז איצט איינענטליך ניטא ניט קיין תורה, ניט קיין עבודה אין דעם אמת'דיגען זין, עם זענען ניט מעהר פאראן די יונגליך יונגעלייט, לומדים, חריפים ומתמידים, וועלכע שלאגען זיך איבער א שטיקעל „מהרשא", איבער א „כלומר" אין ר"ן, איבער א שטיקעל „אבן עזרא", „רמב"ן" אין דער ביבעל, איבער די טעמים און הלכות מליחה, איבער סמך אין מאכלות אסורות, איבער א בועה אין הלכות טריפות הריאה, איבער חכמת ההנדסה אין דער ערוגה, אדער נאר איבער דעם פשט פון דעם מחקר מתבודד אין ליצאטעס ספרים, איבער א פרוש אין תנך פון דעם רד"ק, און איבער די „מסתרי פריז" פון קלמן שולמאן אונטער דער

גרויסער זשיטאָמירער גמרא בבא בתרא מיט אַלע איהרע קאָמענטאַרען, איבער די אַלע אינטערעסען, וועלכע האָבען בעלעבט, אימפּולסירט, די טעג מיט די נעכט, אין בית המדרש אין דער אַלטער צייט. אין בית המדרש איז איצט איבערהויפּט גאָר קיין יונגענד ניטאָ, זי האָט דאָרט אַבסאָליוט ניט מעהר וואָס צו טהון, עס איז איין זאַמעל פּלאַץ פאַר די אַלטע יונגע, אָדער פאַר די יונגע אַלטע, וועלכע זוכען נאָך צו קאָנסערווירען דעם אַלטען יודישען שטאַאַט, דורך אונאָרדנונג, דורך 10 מנינים פאַר ברכו און קדיש, דורך יאָהר צייט תקון, דורך איניגע בטלנים, וועלכע נעכטיגען דאָרטען נעבען דער רובע, עסען דאָרט, טרינקען דאָרט, דאַוונען דאָרט און וואָס טהוען זיי דאָרט ניט? די אַלטע יודישע נבירים, וועלכע האָבען ערהאַלטען דאָס יודענטום מעהר דורך זייערע יודישעהייזער און יודישע קינדער איידער דורך דעם גאָטעס הויז איז שוין ניט מעהר צו געפינען, זייערע הייזער זענען קאַליע געוואָרען, זייערע קינדער זענען אַוועק געשווימען אין דעם שטראָם פון די רוסישע שוהלען, אָדער נאָך שלימער, אין דעם שטראָם פון די אַלע אָפּאָזיציאָנעלע בעוועגונגען, וועלכע שטרעבט נאָר צו צערשטערען דאָס אַלטע רעליגיעזע, סאָציאַלע, פּאָליטישע און אַלע קאָנווענציאָנעלע רעגעלען פון דער געזעלשאַפט מיט איהר הייליגער טראַדיציאָן. מיט איין וואָרט, די קלויז און בית המדרש האָבען איהרע ראָלען אָבגעשפּיעלט אין יודענטום, אין רוסלאַנד, און יענער וואָס אַנערקענט דאָס ניט, איז איינפאַך בלינד אָדער פערבלענדעט. אין דעם צושטאַנד האָט דער פאָרשטאַנד זעהר וועניג צו טהון. מיר רעדען אָבער יעצט פון דער שוהל, אָדער ספּעציעל פון דער קאָרשוהל אָדער קאָרטעמפּעל.

## XVI.

# דער קאָנקורס, פּראָבען און אויף נאַהמע פון חזנים.

דאָס פּובליקום, וואָס האָט דאָס גליק צו וועהלען זיינעם מעטאַלענעם חוט המשולש פאָרשטאַנד קומט צו איהם און שרייט גוואַלד מיט תחנונים „עשה לנו אלהים“! זוך אונז אויף אַ חזן וועלכער זאָל מיט זיינער שטימע און געזאַנג בעלעבען דעם טעמפּעל, אויב ניט קומט קיינער ניט אין דער

שוהל! אלזאָ אַ עָפּעָנטליכעָ דעָקלאַראַציאָן אים פּאָראוֹס, אַז די געָמיינדעָ איז אין רעָליגיאָן באַנקראָט!–אָהן אַ שטימעָ און אָהן געָזאַנג קומט קיין מעָנש ניט אין טעָמפּעל, וויל קיין אַנדעָר, אינטעָרעָס איז ניטאָ וואָס צו זוכעָן אין טעָמפּעָל און נאָך וויינינגעָר איז פּארהאַן צו געָפינעָן!–דעָר מעָטאַלעָנעָר חוט המשולש איז זעָהר גנאַדיג, עָר פּעָראַיינינגט זיך גלייך מיט דעָם פּובליקום, וויל עָר פעָרשטעָהט גאַנץ גוט אַז אָהן אַ שטימעָ און אָהן געָזאַנג איז זיין טראָן אויך גאָר ניט ווערט.

דאַן שרייבט מען אַ קאָנקורס אין איינינגעָ צייטונגעָן בזה הלשון: „אין דער טעָמפּעָל כאָראַלניאַ שוהל אין דער שטאָדט... ווערט געָזוכט אַ חזן וואָס מוז האָבעָן אַ דראַמאַטישעָ, אָדער ליריששעָ טעָנאָר שטימעָ, וואָס איז מוזיקאַליש צו זינגעָן מיט אַ כאָר לפי רוח העת החדשה און זאָל קעָנעָן זינגעָן יודיש לפי רוח העת הישנה, עָר זאָל אויך קעָנעָן דאַווינעָן אַליין אָהן כאָר, עָר זאָל ניט זיין עָלטעָר ווי 35 יאָהר, עָר זאָל ניט האָבעָן קיין סך קינדעָר, עָר זאָל געָהן בדרך הישר, עָר זאָל אויך זיין א בר אוריין, און–נאָך אַלעָם דעָם–ווערעָן די הוצאות הדרך בעָצאָהלט נאָר יענעָם וואָס וועט אויף געָנומעָן ווערעָן", ווי וויים איז דאָס פּראָגראַם פון דעָם יעָצטיגעָן פאָרשטאַנד פון דעָם תלמודישעָן פּראָגראַם! ממש כרחוק מזרח ממערב! אוים מיט דעָם זקן וחכם, מיט דעָם מטופל, מיט דעָם בקיאות במקרא, משנה, גמרא, מיט דעָם פרקו נאה ושפל ברך, אוים מיט די אַלעָ שעָלעָמיינזעָן און באָמבעָן, עָס געָנוגט, פון יוצא וועָגעָן, אַביסעָל „דרך הישר", סתם דרך הישר! דאָס הייסט ווען עָר כאַפּט קיין בייגעָל ניט פון מאַרק, אַביסעָל אַ „בר אוריין", דאָס הייסט ווען עָר ווייסט פּרוש המלות, ווען עָר ווייסט, דאָס „פּוקח עורים" איז ניט די טייטש „עָר עָרקוויקט די יודען" (מיר האָט אַ חזן אַזוי געָטייטשט). דאָס איינציגעָ און אַנגעָנעָהמעָ פון דעָם גאַנצעָן קאָנקורס: אַז די הוצאות הדרך בעָקומט נאָר יעָנעָר וואָס וועט אויף געָנומעָן ווערעָן, איז זעָהר לאָגיש און אויך פּראַקטיש נאָך דעָם פּראַקטי־שעָן בעָגריף פון די יודישעָ נשיאים! „נאָך איינמאָל, טראַכטעָן זיי זיך–מיר האָבעָן דיר אַראָב געָלאָזט פון דעָם תלמודישעָן פּראָגראַם מעָגסטו אים וועָניגסטעָנס זיך מטריח זיין קומעָן אויף דיינעָ איינעָנעָ הוצאות, והכל שריר וקים.

דעָר אַקצעָפּטירטעָר חזן איז ווירקליך זעָהר אַ גליקליכעָר מעָנש,

מען וועט איהם ניט נאר בעצאָהלען פאַר זיינע הוצאות, מען וועט איהם נאָך דען יתר הפליטה פון דעם פראָגראַם מוחל זיין, די הויפט זאַך איז נאָר די שטימע און זיין געזאַנג, זאָל ער נאָר געפעלען דעם עולם ווער וועט איהם דאַמאָלס גאָר פרעגען אויף בר־אוריין שאַפט, און אויף דרך הישר אָדער דרך העקום ?! עס איז דאָך איין עפענטליכעס געהיימניס. אַז דאָס ביסעל רעליגיאָן אין דעם קאָנקורס איז נאָר לפנים. פון יוצא וועגען, אַלס מאַסקע, ווי מען זאָגט: מען דאַרף מעהר יוצא זיין פאַר לייטען איידער פאַר גאָט. דער עקר זוכט מען אַ שטימע, אַ זינגער ווי אין אַ אָרדינערען אָפּערעטען הויז ווי אינזער בערגעל דער ציררולניק האָט עס אויף געפאַסט זעהר ריכטיג.

נאָך דעם קאָנקורס ווערט איין קאָך צווישען די חזנים, און עס עפענט זיך אויף אַ נייער חזנים באַזאַר. עס לאָזען זיך אַהין אַ גאַנצע כנופיא ספק חיה און ספק בהמה׳ניקעס, דאָס הייסט, מענשען וואָס געהען אַרום אין חלום און ווייסען ניט וואָס זיי זענען, טרעגער פון רעליגיאָן, פון עבודה במקום קרבן אין מקדש מעט, אָדער טרעגער פון קונסט, פון פאָרשטעלונג במקום אַרטיסטען אים יודישען טעאַטער, און עס קומען אַ הין יודען מיט געפוצטע, און געפאַרבטע בערד, מיט געוועקסטע שטיוועל, מיט מאַנטלען מיט אָפענע פליגעל, מיט געפרעסטע צילינדער, מיט ווייסע קראַוואַטען, מיט לאַנגע האָר; עפעס אַ אונבעשטימטע בעקליידונג, האַלב סינאַגאָגאַל און האַלב טעאַטראַל! צווישען די געסט חזנים טרעפען פרע־ליכע קבצנים, האָך שטאַפלער, מיט חכמות מיט וויצען מיט שטאָלצען אויף טרעטען, מיט רבה בר בר חנא׳ס גוזמאות איבער זייער קונסט, איבער זייערע שטימען, איבער די דריי קאָנסערוואַטאריען וואָס זיי האָבען אָבסאָל־ווירט, איבער די קאָנצערטען וואָס זיי האָבען צוזאַמען געזונגען מיט דער פּאַטי, פאַר די דאַרדאַנעלען, איבער די ברילליאַנטענע רינגען וואָס זיי האָבען בעקומען צום געשיינק פון דעם קעניג פון סיאַם און פון די האָ־טענטאָטען, שרייבען באַלד פון זיך אין די צייטונגען „הער... אָבער קאַנ־קאָר פון... דער בעריהמטער דראַמאַטישער טענאָר אַ לאַ קאַרוזע, אָדער נאָך מעהר בעריהמטער ליירישער טענאָר אַלאַ אַנסעלמי, וואָס האָט אין מילאַנאָ, פּאַלערמאָ און בערלין אָבסאַלווירט די קאָנסערוואַטאַריען וועט נעכסטען שבת בעגליקען די יודישע געמיינדע מיט זיין זעלטענעם פאָרטראָג אין

דער באַראַלני סינאַגאָגע. אַלע די וואָס ווילען האָבען דאָס פערגניגען הערען דעם „קעניג“ פון די חזנים זאָל זיך בייַ צייַטענס פערזאָרגען מיט בילעטען“. אַ גאַנדער קלאַס חזנים, וואָס זענען עטוואָס מעהר בעשייַדען אַלס די ערשטע, קומען גאָר בהכנעה צים פאָרשטאַנד, מיט בריעף אין רעקאָמאַנדאַציאָנען, מאַכען זיך דאַבייַ אַ פּאָר צדדים נור עס ליעגט זיי נעביך דער טויט אויפ׳ן פנים; וואַהרשייַנליך אַלעס פערזעצט און געפאָהרען. איך פיעל שטענדיג עטוואָס איין אָבשטויסענדעס געפיהל, ווען איך לייען די נייַע מאָדע רעקלאָמעס אין דער פּרעסע פון די חזנים איבער די קאָנסערוואָטאָריען, וועלכע זיי האָבען אָבסאַלווירט, אָדער, אַם וועניגסטענס, בעזוכט, וואָס פאַר אַ חיזוק, וואָס פאַר אַ געלעכטער אויף דעם אונוויסענדען יודישען המון עס ליעגט אין די רעקלאַמעס!

ערשטענס איז דאָס גלאַט אַ ליגען, קיינער פון די רעקלאַמשטשיקעס האָט ניט בעטרעטען די שוועל פון איינעם קאָנסערוואָטאַריום, ניט אין רוסלאַנד און ניט אין אויסלאַנד, וואָהין זיי פאָהרען אַוועק אויף אייניגע וואָכען און דרעהען זיך פון יענער זייַט ריגאַדקע אום נאַכהער צוריק צו קומען און ריקלאמירען אַלס שילער פון קאָנסערוואַטאָריומס, וואָס זיי האָבען אין זייער גאַנצעס לעבען ניט געזעהען.

צווייטענס, מה ענין שמיטה אצל הר סני?--וואָס קעהר זיך אָן איין קאָנסערוואַטאָריום מיט עבודת המקדש? דאָס איז אַ גאַנץ בעזאָנדערעס פאַך, וואָרין אַלע פּראָפעסאָרען פון אַלע קאָנסערוואַטאָריען אין דער וועלט ווייסען ניט פון זייער געזונד, פון זייער לייַב און לעבען. ווי קלינגט איבערהויפּט דער טאָן פון אַזאַ מין רעקלאַמע פרעמד מיט דעם רעליניעזען געפיהל פון עבודת המקדש. ווען מיר זאָלען עס ריכטיג אַנאַליזירען!

אין קיין גאָטעס הויז אין די וועלט רעליגיאָנען וועט זיך דער מינדעסטע פסאַלאָמשטשיק ניט רעקלאַמירען, אַז ער האָט אַבסאָלווירט קאָנסערוואַטאָריען: עס זענען פאַרהאַן, פאַר טעמפּעל אָדער קירכען דיענער, קאָנסיסטאָריען, סעמינאַריען, טהעאָלאָגישע פאַקולטעטען, אָבער קאָנסערוואַטאָריום וואָס האָבען דאָ צו טהון? נאָר בייַ אונז לאָזט יעדער גאָט־בעטער פון זיך שרייַבען: „דער ערשטער דראַמאַטישער טענאָר, אָקאָנטשיוושי מילאַנסקאָיע קאָנסערוואַטאָריע“ אָדער: „דער ערשטער ליִרישער טענאָר, אָקאָנטשיוושי וויענסקאָיע קאָנסערוואַטאָריע“ און קיינער לאָזט פון זיך ניט

שרײַבען: „אײן שילער פון דער מירער ישיבה״ אָדער: „פון דער טעלזער תלמיד תורה״ אום מען זאָל איהם חאָטש חושד זײַן, אַז ער פערשטעהט פרוש המלות! נײן, זײ געפינען עס גאָר ניט פאַר נײטהיג דאָס פובליקום אבצוזנאַרען מיט דער ישיבה, אַזוי ווי זײ נאַרען עס אָפּ מיט דעם קאָנסער־וואַטאָריע, און דאָס פובליקום, פון זײַן זײַט, אינטערעסירט זיך גאָר ניט אין זעלכע זײַטיגע זאַכען, פּריוואַט ענינים, וואָס האָבען גאָר ניט צו טהון מיט דער הויפט זאַך, אויב דער קאַנדידאַט ווייסט פרוש המלות, אָדער אויב ער פערשטעהט, אַם ווײניגסטענס, ריכטיג צו לעזען די מלות אָהן פרוש. מיט אײן וואָרט, דער קאַנדידאַט ווײסט אַזוי פיעל פון מוזיק ווי פון דער סינאַגאָגאַלער פּאָעזיע, נאָר דער פערדראָס איז, וואָרום גע־פינט ער פאַר נײטהיג אָבשווינדלען דאָס פובליקום מיט קאָנסערוואַטאָ־ריען און פאַר אוננײטהיג זאָגאַר צו דערצעהלען אַ ליגען פון אַ ישיבה, פון אַ תלמוד תורה? דאָס איז די צווײטע דעקלאַראַציאָן פון דעם רעליגיעזען באַנקראָט וואָס אַנבעלאַנגט צו חזנים און געמײנדען.

איצט הויבען זיך אָן די פראָבען און די ספּעציעלע מוזיק פראַגע. נאָר ווער האָט דען צו זאָגען אויף דער מוזיק אין דער שוהל? אָדער ריכ־טיגער געזאָגט: ווער האָט דען ניט צו זאָגען אויף דער מוזיק אין דער שוהל?–די גאַריסטען, די שמשים, דער דיריגענט, די פערשיעדענען פאַרטײען און צדדים פון דער געמײנדע, וועלכע זאָגען מבינות אויף להכעים: דאָס הײסט, ווען עס געפעלט דיר, געפעלט עס ניט מיר, און ווען עס גע־פעלט דיר ניט, געפעלט עס ערשט רעכט מיר, די אַלע שטאָדט־געסט פון אַנדערע שוהלען, די אַלע אורחים פון אַנדערע שטעדט פון דער וועלט. וואָס זענען צופעליג אין דער שוהל, די שוהל מעקלער׳ס... די עשרה בטלנים, און אַזוי שטאָדט־שקצים, וואָס האָבען גרויסע מײַלער מיט שמו־ציגע וויצען און האָבען ליעב זאָגען דעות וואוהין זײ קומען, כאָטש מען פרעגט זײ ניט און מען הערט זײ ניט, דעריבער טראָגען זײ דאָך דעם בכבודיגען נאָמען „שטאָדט־שקצים״ כלומר: אַזוי איז דער פשט, מען זאָל ניט מײנען ער איז אַ שײגעץ אין דער באָד. אין דער יאַטקע, אין דעם בית־המדרש אסיפה, אין זײַן שוהל, בײַ די וואַהלען פון דער מעשטשאַנסקע אופראַווע, בײַ די וויבאָרעס פון אַ רב; נײן, ער איז שטאָדט־שײגעץ. אומעטום, וואוהין ער קומט, קומט ער אַ צווילינג, ער און זײַן געבאָרענער שײגעץ, אָבער דאָס

לעצטע ווארט אין דעם גאַנצען האַרמידער האָט דאָך דער מעטאַלענער פאָרשטאַנד, גאָלדענבערג דער פּאָסטאַוושטשיק, זילבערשטיין דער פעלהענדלער און קופּערשמיט דער קאַבאַטשניק, וועלכע בעשעפטיגען זיך, דעם גאַנצען לעבען, מעהר מיט דער קיטאַישער גראַמאַטיק איידער איבערהויפּט מיט דער מוזיק. איצט אָבער נאָך די וואַהלען ווערען זיי אין איין מינוט בקיאים אין אַלע שבע חכמות און בעזונדערס גרויסע מומחים אין דער שוהל-ליטורגיע, אין דער יודישער מוזיק, און גרויסע קענערס פון דער שוהל-עסטעטיק, צו וויסען וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט ניט. דער אַלמעכטיגער פאָרשטאַנד הויבט אָן צו מושטערען דעם חזן וואָס צו זאָגען, ווי צו זינגען און מיט וואָס צו נעהמען דעם עולם.

ווי מיר האָבען געזעהען האָבען אַלע קאַנדידאַטען אין זייערע רעקלאַמעס אַבסאָלווירט קאָנסערוואַטאָריען. שיינט מיר, מוזען זיי דאָך עטוואָס וויסען, אויב ניט פון דער אַלגעמיינער מוזיק--פון וועלכער זיי וועלען ערצעהלען רער כאָכען, אַז זיי האָבען דאָרט, זאַגראַניצע, פון יענער זייט קאַלווערעט געשטודירט—אַם ווענינגסטען זאָלען זיי כאָטש וויסען עפּעס פון דער מאָדערנער ליטורגישער מוזיק, פון דעם מאָדערנעם פאָרטראַג וואָס זולצער האָט געשאַפען, מוזען זיי אַמווענינגסטען נאָטען קענען לעזען, טאַקט קענען צעהלען, וויסען ניאַנסען נאָך דער מוזיקאַלישער דינאַמיק און טעקסטליבער רעטאָריק, אויב ניט דאָס, פאַר וואָס זשע רופען זיי זיך גאָר מיטין רוימישען טיטול: „קאַנטאָרען"?—לאָזט זיך אויס אַ מעשה צום ערשטוינען. שטעלט זיך אַנירער אַ יוד אָנגעפּרינדעט אין אַ שוואַרצער לאַנגער קוטע, מיט אַ 4 אָדער 6 עקענדיגען הויכען ספּאָדיק, מיט אַ ווייסען אָנגעבלוזענעם האַלזבאַנד—ווי אחשורוש אין פורים שפּיעל—מיט לאַנגע האָר, מיט איין וואָרט, מיט אַלע אַטריבוטען פון דעם מאָדערנעם קאָרקאַנטאָר, וואָס זולצער האָט געשאַפען, און קריכט אַרויס פון אונטער דער ערד, פון דעם קעלער, פון דער זינגשוהל, ווי מעפיסטאָפילים אין פאַוסט, קריכט, קריכט טעאַטראַליש מיט פאַרגלאָנצטע אויגען (А вотъ и я!) אַרויף, אויף די טרעפּ צום ארון הקידש, זיך אַ בויג געטהון, אַ קוש געטהון דעם פרכת, ווי איינער זאָגט: „אַ גוט מאָרגען, גאָטעניו! פרעה זיך, איך בין געקומען דיך צו בעשיינען!"... דער עולם האָט שוין שטאָף צו קריטיקירען, ווי אַזוי ער איז אַרויס פון דעם קעלער, ווי אַזוי ער איז אַרויף צום פרכת,

ווי אַזוי ער איז אַרויף צום עמוד. דער גאָטעס־דינענסט הייבט זיך אָן און באַלד ווײַזט זיך אַרויס, אַז אינזידער מאָדערנער שוואַרצער קוטע, מיטן לאַנגע האָר, מיט דער כפול ששה'דיגער מצנפת—שטעקט גאָר נעביך אַ אײַנפאַכער יוד, העכסטענס, אַ קלויזנער אַ בעל תפלה, אַ כפול שמונה'דיגער דראָנג!!... פון מוזיקאַלישע קענטניסען איז קיין סמן ניטאָ, ניט געלערנט און ניט געקאָנט איז געוויס נאַטירליך. אָבער אויך פון דעם בר אוריון איז קיין זכר ניטאָ, אַ פאַרטע אויף „בשלום" אַ פיאַנע אויף „אדיר במרום ד'" אַ געוויין ווי אַ קינד ווען אַ הונד כאַפּט בײַ איהם אוים דעם מיטאָג, אָדער ווי אַ בדחן בעזעצט אַ כלה צו דער חופה אויף „קול ד' יחולל אילות" אַ פלוידערען, אַ ברומען מיט אַ טאָן האַלטען בײַם כאָר, צערברעכען אַ וואָרט פון דרײַ זילבען אויף דרײַ הפסקות, און דערפאַר אַנדערע ווערטער איבערגע'חזר'ט ארבעה וחמשה, פראַזען צערבראָכען און צערשטיקעלט אויף שטיק שטיקעלאַך, אָדער, ווי עס הייסט, שלײַפען אײַן וואָרט אין דעם אַנדערען וואָרט, ווי צום בײַ־שפּיעל: „לעולם יהא" כאָר: „כּ אָ ם". „אדם ירא" כאָר: „אום". „שמים ב'" כאָר: „בּים". און פון אַלע קאָנסערוואַטאָריען לאָזט זיך אוים צו אַ פּאָר וואָ־לעכלעך און ליעדעלאַך. מיט איין וואָרט, ער זינגט נאָך דעם וואונש פון דעם אונוויסענדען מעטאַלענען פאַרשטאַנד, כדי צו נעהמען דעם אונגעבילדעטען עולם. בלײַבט דאָך די קשיא: מה נפשך. ביזטו אַ דײַטש וואָס טראָגסטו אַ יאַרמאָלקע? ביזטו אַ חסיד וואָס טראָגסטו ווײַסע הענטשקעס? ביזטו אַ קאָר קאַנטאָר וואָס פּלוידערסטו ווי אַ דראָנגישער בעל תפלה? ביזטו אָבער אַ יוד אַ בעל תפלה וואָס האָסטו זיך אָנגעטהון ווי מאָנדריש און שפּיעלסט קאָמעדיעס?--

אַזוי זעהען מיר אין דעם מאָדערנעם גאָטעסדינענסט אַ שלעכט פאָרשטעלונג, בּאַ זעהר שלעכטע אָקטיאָרען, אַז פון דעם גאַנצען זולצע־רישען רעפאָרם, וואָס האָט געקאָסט אַ ריזענדיגע מלחמה, איז געבליע־בען אַביסעל טעאַט־אַלישע מימיק וואָס זולצער האָט עס אויך גערן געהאַט מיט דער קאָראַלישען מונדיראָיוקע מיט די לאַנגע האָהר. צו אַזאַ אײַנעם פון דעם סאָרט אונוויסענדע קאַנטאָרען, וואָס איז נאָך דערצו געווען זעהר גראָב און גרוים געוואַקסען, האָט אײַנער געשריבען: „ותרבי ותבואי בעדי עדיים, שדים נכונו ושערך צמח ואת ערום ועריה" דאָס הייסט: די ביסט גראָב, די ביסט גרוים און הויך, ביסט אויסגעצירט און אויסגעפוצט, האָסט

אַ שטאַרקע ברוסט, מיט לאַנגע האָהר, אין דאָך ביזטו נעביך נאַקעט און הויל ווי די מאַמע האָט דיך געהאַט. דאָס איז אַ מיניאַטור בילד פון די מאָדערנע קלויז בעל תפלות אין זייערע קאָרקיטען אין די מאָדערנע קאָרקלויזען, עס הייסט: טעמפּעלס. דעם גרעסטען חלול השם געפינען מיר אין די מאָדערנע קלויז־טעמפּעלס מיט זייערע בעל תפלות אין די קאָרקוטען ביי אַ פּראָבע. איין מיטול, איין געלויף ווי צו א שרפה, איין געדרענג, איין געשריי מיט אַ שטופּעניש, מיט זשאַנדאַרען ביי די טירען מיט קנוטען אין די הענד וועלכע פאַלען ווי רעגען איבער די יודישע קעפּ, מיט איין אָנגעפּולטער שוהל ווי מיט הערינג אין אַ פאָס, ניט מיט דאָוונער, נאָר מיט הערערס, און נאָך מעהר, מיט קריטיקערס. און פון דעם גאַנצען אָנגעשטופּטען עולם איז ניט צו געפינען איין מנין מתפללים. איי וואָס דער תלמיד ערקלערט: „לשמע אל הרנה ואל התפלה״—„במקום רנה שם תהא תפלה״ ערקלערט ער! נור ווער דאַרף איהם הערען?!...

דאָ איז מען בעשעפטיגט איבער די אויערען מיט קריטיק איבער דעם קאַדענץ אויף „מקדש השבת״, אָדער „חדש ימינו כקדם״ און עס פליעהען בזיונות, און צו מאָל אויך פּעטש לשם שמים, און אין מיטען דרינגען זאָל מען גאָר הערען וואָס דער תלמיד זאָגט זיך ערגעץ אין א ווינקעל: „במקום רנה שם תהא תפלה״?! אין קורצען, אין אַ פּראָבע שבת שטעלט דאָס פּובליקום פאָר אַ דעמאָראַליזירטע מאַסע, איין תאָרינקע פּובליקום, וואָס האָט ניט קיין אַהנונג פון רעליגיאָן, און אין גרונד גענומען, אויך קיין שפּור פון אמתדיגער קונסט, פון שוהל עסטעטיק, וועלכע איז געגרינדעט נור אויף הייליגע איינפאַכהייט. און אָט דאָס פיעלקעפּפיגעס פּובליקום מיט זיין טויזענד פאַבען אונרעליגיעזען און אונאויסגעבילדעטען געשמאַק נעמט זיך דאָס רעכט צו דיקטירען, פון העלערהויט, ווי אַזוי צו פיהרען די עבודת ד'?! ריכטיגער געזאָגט: ווי אַזוי צו פיהרען די שבתקאָווע (קבע) פאָרשטעלונג?! וויפיעל פּראָבע שבתים אַזוינע פערזוכט צים ביישפּיעל די גרויסע שוהל אין... אַלע יאָהר, אָדער יעדע צוויי יאָהרע, און וויפיעל מאָל ווערט דאָס פּובליקום דאָרט אויף סנייע דעמאָראַליזירט, כדי נאַכהער צו דעמאָראַליזירען די קאַנטאָרען? אַלע רעדנער, שפּיעלער, זינגער, שוישפּיעלער, וועלכע טרעטען אויף אין דער עפענטליכקייט, מוזען וויסען וואָס פאַר איין אונגליק עס איז ווען עס קומט אַריין איין מחשבה זרה אין מיטען, מען

ווערט צערשטערט און מען קאן זיך ניט קאנצענטרירען אין דעם געדאנק וועלכען מען וויל זיך פארשטעלען דורך טאן, שאל, ווארט, מימיק. די ערג־סטע מחשבה זרה, די געפעהרליכסטע, איז די מורא אפשר געפעלט עס ניט דעם פובליקום, אויף יודיש הייסט עס: „אימתא דצבורא" און ניט אומזיסט האבען אונזערע תלמודיסטען אונבעדינגט פערלאנגט א רגיל פאר איינען, שליח צבור. דער רגיל הייסט אזעלכער, וועלכער איז אים שטאנד צו פערגעסען אין גאנצען די עקסיסטענץ פון א פובליקום, פאר איהם דארף קיין מענש אין זיין פאנטאזיע ניט עקסיסטירען, ערשט דאמאלס קען ער געבען דאס, וואס ער איז אים שטאנד צו געבען.

איצט איז דאך א פראגע: ווי קען האבען ז"ער קאנטאר אין אזא פראבע שבת כאטש די מינדעסטע אידעע פון רעליגיאן, פון עבודת ד', פון יראת המקדש, ווען א מיליאן אזעלכע מחשבות זרות שוועבען איהם אין קאפ, ווען טויזענדע אדער הונדערטער אויערען עפענען זיך ווי די זעק, כדי צו ציילען, הערען און קריטיקירען יעדען הויך, יעדען טאן, יעדען טרילער יעדע ניאנסע, יעדען צאן צו ציילען און טומלען נאר דעם חזן?--

שוין די קונסט אליין--ווען ער זאל זי שוין יא בעזיצען--איז אין אזא מאמענט צווישען אזא פרייעס געמישטעס פובליקום, איין ערב רב אים פולען זין פונ׳ם ווארט, די קונסט אליין איז דאמאלסט אין געפאהר, די רעליגיאן פעהלט דא גאנץ און גאר, כיי די הערער אויך אזוי גוט ווי ביי דעם זינגער. און דער חזן וואס גיט עטוואס פאר דען שלחן ערוך, האט מיט זיין תפלה ניט נאר קיינעם ניט מוציא געווען, ער האט אפילו זיך אליין ניט מוציא געווען. און פונקט אזוי ווי די פרומע יודען, וועלכע קומען הערען די פראבע, האבען אבגעדאווינט פריהער אין בית המדרש, אזוי מוז ער, ווען ער קומט א היים, אנפאנגען פון שוכן עד. דאס איז דאך געוועזען א דעמאראליזירטע פארשטעלונג פאר איין דעמאראליזירטען פובליקום, ווי אינזער בעקאנטער צירולניק בערגעל, דער ליעב־האבער פון דראמאטישע טענארען, האט עס ריכטיג אויף געפאסט. ווי ניעדריג דער גאטעסדינענסט איז געזונקען געענוגט צו ערצעהלען, דאס איין הזן, דער ביים דאווינען--נאך דער לעצטער מאדע--מימיק מאכט, האט ביי „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו", ביי „מלפנינו", נאך פארענט און ביי „ומאחרינו" נאך הינטען אנגעצייגט אויף זיינע פערזענליכע געגנער, און

זײַן פֿאַרטײַ איז צערשמאָלצען געװאָרען פֿון נחת, און האָבען איהם פֿאַר אַזאַ פֿײַנעם קלױען שפּיעל בעשאָטען מיט דאַנקען. און װי שען עס האָט זיך אױסגענומען װען אין אַן־אַנדערען טעמפּעל־קלױז איז דער בעל תפלה אין דער קוטע עפּיס אַ ביסעל מטורף געװאָרען און האָט נעפּאָנפּעט, געפּאָנפּעט אַ ליראָ, אַ װאָלאָכישע רדונע מיט באַטען, און פֿון די װערטער געמאַכט אַ גל של עצמות, געפּישטשעט פּיאַנע אױף „ובשופר גדול יתקע“ און זיך צירעװעט װי אַ בער אױף „וקול דממה דקה ישמע“ און האָט דערפֿאַר ערהאַלטען אַ בראַיואָ, פֿון דעם געשמאַקפּולען (?) פּובליקום אין דער הײַליגען טעאַטער־סינאַגאָגע! זאָגט זשע אַלײַן, איז בערגעל ניט גערעכט?!

װי בעסער איז שױן די לאַגע פֿון דעם בית המדרש בעל תפלה, קלױז חזן, אָדער ש״ץ דמתא אין די אַלטע שוהלען בײַ די אָרטאָדאָקסישע קהלות! װײַל ער איז מעהר אָדער װעניגער, אָנגעזעהען אַלס כלי קדש נעבען רב, שוחט, און דעריבער װאַרפֿט מען מיט איהם אױך ניט אַזױ שנעל. אַם ערגסטען איז די לאַגע פֿון די מאָדערנע קאָרקאָנטאָרען.

װי מיר האָבען געזעהען, קעהרט זיך די װעלט בײַם קאָנקורס פּראָבע און אױף נעהמען די חזנים. מען פּראָבירט אַ גאַנץ יאָהר אױס צװײַ גרינדען: ערשטענס מאַכען די גבאים פֿערגניגען דער געמײַנדע, זײַ גיבען זײַ אַלע שבת פֿרײַע פֿאָרשטעלונגען, און הערען אױס אַלע חזנים פֿון דער װעלט ביז זײַ געפֿינען דען פּאַסענדען (? ?..) פֿאַר זײַער שוהל, צװײַטענס מאַכען די גבאים דערבײַ עקאָנאָמיע, זײַ האָבען זיך באַװאָרענט און געשריבען אין זײַער קאָנקורס: „נור דעם אַקצעפּטירטען װערען בעצאָהלט די הוצאות“ אָנגעטהון, הײַסט עס, אײַן אײַזערנעם פּאַנצער, כדי די חזנים זאָלען צו זײַ ניט קענען צוטרעטען מיט טענות ומענות; אָבגעראַװעט, ניט געפֿעלען, מאַרש! זאָלסט דערלעבען דאָװינען װײַטער אַבי ניט בײַ אונז אױסער דעם חזן װאָס װערט אױף גענומען. און דער פּאַסענדער חזן בלײַבט תמיד ר״ח אלול, װען די ימים נוראים שטעהען שױן אינטער דער נאָז, דאָס איז װירקליך אײַן קונסטשטיק פֿון די גבאים, די שוהל איז יעדען שבת פֿול, יעדעס מאָל אײַן אַנדער ספּעקטאַקעל פֿון אַן־אַנדער חזן און עס קאָסט גיט אַ גראָשען. עס קומט זאָגאַר װען פּאַר, אַז אײַניגע חזנים קומען זיך צוזאַמען אױף אײַן שבת, דאַן געניסט דאָס פּובליקום אײַן קאָנצערט מאָנסטער, דער 1 שטער דאַװענט מנחה, דער 2 טער-קבלת

שבת, דער דריטער מטרבית, דער פיערטער—שחרית,דער פינפטער—מוסף, און דאס אלעס אומזאנסט. אבער וויפיעל גזלה געלד עס ליעגט אינטער דער אייזערנער מאסקע! מענשען פערקויפען פון זיך, פערזעצען פון זיך דאס לעצטע וואס זיי האבען, און פאהרען פראבירען זייער מזל און זעצען זיך אויס א שטרענגערע פראבע פון דעם פערוואקלאסנע ארטיסט אין קייזערליכען טעאטער, און ערשט נאכהער מוזען זיי בחרפת פנים אוועק פאהרען און צאהלען א יאהר זייערע חובות, זייערע רייזעשפייזען, אויסהונגערינגען זייערע ארימע פאמיליעס פאר די לוסטיגען פערגניגען וואס די פרעמדע געמיינדע האט נעהאט, פאר די ביטערישע עקאנאמיע וואס די פרעמדע גבאים האבען געמאכט זייער נעמיינדע! אין דעם גידריגסטען קאפעשאנטאן האנדעלט מען שוין מעהר הומאנער מיט די אקטיארען וואס נעפעלען ניט, מען בעצאהלט זיי אם ווייניגסטענס פאר זייערע רייזע שפעזען, און אין דער שוהל לאכט מען איהם אויס—דעם וואס געפעלט ניט און געה געזונד!...

נאר ווי געזאגט „לכל תכלה ראיתי קץ" אלעס האט זיין ענדע, די ימים נוראים קומען און איינער פון די קאנדידאטען ווערט מיט מזל, נאר אן גליק, אויף געגומען, מיט א קאנטראקט אויף איינינע יאהר.

און דאך, פרעהט זיך נאך ניט מיינע געעהרטע לעזער מיט דער בשורה פון א קאנטראקט אויף איינינע יאהר; די מייסטענס פון די אויסגע-קליבענע קאנטארען זענען אויס קוים די העלפט, אדער א דריטעל פון דער צייט פון זייערע קאנטראקטען, און זייער אפט זענען זיי גאר ניט מוציא שנתם. אין דער לעצטער צייט דיענען די קארקאנטארען, ווי די איזוואָ-שטשיקעס אויף א קאניעץ, איין עקיפאזש מיט צוויי פערדלאך קאסט נאטיר-ליך טייערער אויף דער שעה, איידער א דראשקע מיט איין פערדעל, נאר קאניעץ בלייבט קאניעץ. מען האט אויף נעגומען א דראמאטישען, אדער ליירישען טענאר, ער קען זיין איין עם הא״ץ ווי מנוח, איין ל״ץ פון דעם יודישען טעאטער, איין געוועזענער שיסטער, פאפיראסניק, בענדריוזשניק, אדער גראָ-מאפאנשטשיק, ניט קענען א ווארט עברי, ניט וויסען צו לעזען א שקאָ-לע נאטען, ער האט אבער זיך אויסגעלערענט מאכען א פאר קאדענצען אויף „מקדש השבת" אלא גרונם דער ווארשובור, אדער אויף „חדש ימינו כקדם" א לא קלונס דער בוקערעסטער, ער טרילערט אויף „היום יום

אחד לעומר״ ווי אײנער שיבט מצות, אָדער ער בעזעצט אַ כלה אין שוהל אויף די ווערטער „הגוים יאמרו למה״, „יאמרו הגוים למה״, יאמרו למה הגוים״, „הגוים למה יאמרו״, און ערשט ווען ער האָט אויסגעשלעפּט די גוים ווי די וועלט האָט אײן עק, הויבט ער אויף בײדע הענט צום פּובליקום און פרעגט זײ אויס אין אַ שוואַכער פּישטשענדער שטימע: „למה יאמרו הגוים?״ ביז דאָס פּובליקום איז צי שמאָלצען פון חדוה, פון די אײנפאַלען פון די ערפינדונגען, אַ לאַ קאָלומבוס, און האָט איהם פאַר אַזאַ קונסטשטיק אַפּלאָדירט „בראַיואָ״ אין שוהל. די אַלע קונסטשטיק אָבער זענען מעהר שטיק ווי קונסט און ווערען באַלד נמאס, האַלטען אײן סעזאָן, צוויי סעזאָנס ביז אויך דאָס פּובליקום זעהט אַלײן אַז דער גרויסער קאָר־חזן איז נאָך אַ גרעסערער דראָנג. מען הערט אויף נאָך צו לויפען, און די שוהל ווערט צו ביסלאַך לײדיג, און מע הויבט אָן צו טראַכטען ווי מען ווערט פּטור פון דעם אומגליק, ווי מען שיקט איִם וועק לעזאזל. מען הויבט אָן נאָך זוכען פּעהלער אין זײן עברי, אין זײן רעליגיאָזיטעט, די געמײנדע ווערט פּלעצליך פראָם און מען הויבט אָן זוכען אויף איהם חטאים ועוונות. ווי הײסט, אַ חזן פון אַזאַ עדה יודען זאָל אַהין געהען, זאָל דאָרט זינגען, זאָל זיך ניט פיהרען בדרך הישר?! (אויף דעם דרך הישר אויף וועלכען ער איז קײנמאָל ניט געגאַנגען און קײן מענש האָט זיך ניט אומגעקוקט דערויף ווען מען האָט איהם אויף גענומען). נאָך אײן מאָל, אײן שליח צבור, אַ קלײניגקײט אײן שליח צבור פון אַזאַ עיר ואם בישראל זאָל זיך ערלויבען דאָס אָדער יענעם אים שבת צי טהון וכדומהו?! אין קורצען מען הערט אויף צי צאָהלען שכירות און מען וויל נאָך שפּיעלען דעם גערעכטען. דער דראַמאַטישע טענאָר לויפט, לויפט צום מעטאַלענעם און נאָך מעהר דראַמאַטישען גבאי, ער טענה׳ט, ער שרײט זעהר דראַמאַטיש, זאָגאַר טראַגיש, דאָס ער האָט ניט וואָס צו עסען, דער פאַרשטאָנד איז קאַלט ווי אײז; זײ ווילען איהם געבען אַזעלכע קעסט ער זאָל אַלײן אַנטלויפען. און עס איז נעווענען אַ פאַל מיט אײן קאַנטאָר, וועלכער האָט צופעליגער ווײזע, אין דער צײט פון אַזאַ קריזיס געפינען אײן אַנדערע שטעלע, האָט דער דראַמאַטי־שער מעטאַלענער פאַרשטאַנד גאָר געשפּיע׳ט קאָמעדיען, און האָבען איהם טאַקע גיט געלאָזט אַיועק פאָהרען, ביז ער האָט זײ נאָך בע־צאָהלט אײן שענעם שטראָף. און אויף אַזאַ אופן ווערט דער בעריהמטער

דראַמאַטישער טענאָר אַ לאַ קאַרוזאָ, אָדער דער בעריהמטער ליריִשער טענאָר, אַ לאַ אַנסעלמי, אין מיטען דריגענ—גאָר אויס שליח-צבור!—ווי קאָמיש, ווי טראַגי-קאָמיש איז אַזאַ קינסטלערישער ליגען, אַזאַ רעליגיעזער הומבוג!- ביים אויף נעהמען האָט איהר געזוכט אין איהם אַ דראַמאַטישען אָדער לירישען טענאָר, און ביים אָבזאָגען זוכט איהר אין איהם דעם שליח-צבור הגון! וואו איז דער אמת, דער יושר, די לאָגיק?—מיר מוזען אָבער זוכען די סבה פון אַזאַ שמוציגען האַנדעל אין דעם, וואָס די יודישע געמיינדע ווייסט ניט וואָס זי זוכט—אַ כלי-קדש, אָדער אַ כלי-זמר, ווייל דער קאַנטאָר אַליין איז אויך גאַנץ דול איבער זיין פערזאָן און איבער זיין פונקציאָן, ער ווייסט אַליין ניט וואָס ער איז, אַ כלי-קדש, אָדער אַ כלי-זמר, ער האָט קיין פּראָגראַם, ער זעהט ניט פאַר זיך קיין בעשטימטען מאָדעל, ער זעהט נאָר איין זאַך, אַז וואָס מעהר מען איז מטירף, דאָס בעסער געפעלט מען דעם עולם. און לײדער איז דער יודישער עולם אין זיין סינאַגאָגע דער גרעסטער דעספּאָט צווישען אַלע עולם׳ס פון אַלע וועלט-רעליגיאָנען אין זייערע גאָטעס-הייזער. און דאַרום איז אונזער ליטורגיע קראַנק, אונזער פּובּליקום אַנאָרמאַל, אונזערע קאַנטאָרען איגנאָראַנט. איין „איתרא בלגינא קיש קיש קריא”. און אין דעם דעמאָראַליזירטען צושטאַנד איז שוין מעהר קיין וואונדער ניט וואָס חזנים בלאָזען סינאַגאָגאַלע תפלות אין שמוציגע רעהרען פון גראַמאַפאָנען,; וואָס לויפען אַרום זינגען אין די אויסגעלאַסענע טעאַטער׳ס און שאַנטאַנ׳ס; וואָס דאָס יודישע פּובּליקום—וואָס האַלט זיך אַזוי גרויס מיט זיין יודישען טעם—לויפט צום עגל ווי צום משכן, כדי צו הערען די חזנ׳ישע אַרטיסטישע תפלות-קאָנצערטען אין שוהל אָדער אין באָד; וואָס יודישע גבאים אין דער פּראָווינץ פערלאַנגען פון זייערע חזנים נאָכצוזינגען פון די גראַמאָפאָנען, און די יודישע תפלות ליידען חבוט הקבר, גלגול מחילות, פון די חזנ׳ישע העלזער אין די בייכער פון די גראַמאַפאָנען און דאָס אויסגעמייקעטע פון די גראַמאַפאָנישע בייכער צוריק אין די חזנ׳ישע העלזער, און דאָס אויסגעמעלה-גרה׳טע פון די חזנים נאָך אַמאָל אין די אויערען פון דער יודישער געמיינדע, וועלכע לעקט עס נאָך מיט די פינגער על קרבם ועל פרשם. זיי פערדיענען ניט אין דער אמת׳ן קיין עפּעס בעסערעס, דאָס ענטשפּריכט פאָלקאָמען דעם יודישען טעם...

## .XVII

### דער זשארגאן־געזאנג און דיאלעקט אין דער יודישער ליטורגיע.

אונזער ליטורגיע איז באַרבאַריזירט און טעאַטראַליזירט דורך עמי־הארצות. לאָמיר נעהמען, צום ביישפּיעל, דעם ערשטען אָבענד פון פּסח אָדער סוכות, ווען דער טעמפּעל איז פול. עס קומט דער זמן תפלה און עס הויבען זיך אָן אַרויף צו שיטען פון דעם קעלער, פון דער זינג־שוהלע קינדער און גרויסע פון דעם כאָר־פּערזאָנאַל. דאָס פּובליקום זיצט אָדער שטעהט אין כנופיות, זשימעט, רעדט, שפּאַרט זיך איינער מיט דעם צווייטען, ניט איבער „חמץ נוקשה שעבר עליו הפסח" אָדער איבער „צלתה מרובה מחמתה", חס וחלילה! אַזעלכע געגענשטאַנדען זענען שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע; זאָנדערן פון די פּרייזען אויף ווייצען, ראָגען, צוקער, ווענען די קורסען פון דער בירזשע, פון שטאָדט־נייאיגקייטען, פון אינטריגען, ספּלעטנעס, וועלכע קיין גאָטעס־הויז ביי אַנדערע רעליגיאָנען וועט עס קיינמאָל ניט הערען אין דער צייט פון דער ליטורגיע, וואָס מיט דעם צייכענט זיך אויס נאָר אונזער שוהל. פּלוצלונג הערט מען איין קול, איין בת־קול אָדער איין ווידער־קול, אויף דער אָבערער „לאַ" אָדער „סי", אָדער גאָר „דאָ" מיט אַ זילבע „מע"!—מען זעהט ניט דעם זינגער, זאָנדערן מען הערט בלויז זיין בת־קול": „מע!"—אַזוי ווי מען הערט אין דער אָפּערע „אָטעלאָ" דאָס וואָרט „דעסדעמאָנאַ" הויך שרייען פון אָטעלאָ אונטער דעם פאָרהאַנג. דאָס פּובליקום בלייבט שטיל, און—ברוך הבא! דער חזן קריכט אַרויס פונ'ם קעלער, ער איז שוין דאָ!—. וואָס האָט ער געוואָלט מיט זיין „מע!"?—ער האָט געוואָלט איבערראַשען דאָס פּובליקום מיט דעם אָבערען טאָן וואָס ער בעזיצט אויף דעם אָנפאַנג פון „מה טובו", אָבער ווייל דאָס איז זיין העכסטע טאָן, וואָס ער דערלאַנגט קוים, וועלכער קען ניט געזונגען ווערען אָפען אויף אַ „פתח". האָט ער איהם אַביסעל פערדונקעלט און פערשמעלערט ביז אַ סגול", האָט שוין דער „מה" געקלונגען ווי „מע!" פון אַ ווילדען צאַפּ ווען די הינד לויפען איהם נאָך אין וואַלד. נו, געה זיי אַ בריה־און ערקלעהר דעם עם־הארץ דאָס „לא ברוח ד', ולא ברעש ד'", דאָס אַזוי דאַרף מען ניט אָנפאַנגען איין עבודת ד', ווי עס הייסט: „נתנה עלי בקולה על כן שנאתיה— זה שליח־צבור שאינו הגון היורד לפני התיבה (תענית ט"ז); געה ערקלעהר איהם, דאָס

קיין גאָטעס־דינסט אין דער וועלט פאַנגט ניט אָן מיט אַ געוואַלד. מען האָט אַ מאָל געגיוואַלדעוועט און געטאַנצט בײַם עגל (קול ענות); מען האָט געגיוואַלדעוועט און זיך די הויט צו ריסען בײַם בעל, ווי אליהו הנביא לאַכט אויס די נביאי הבעל: „קראו בקול גדול כי אלהים הוא... אולי ישן הוא ויקץ. ויקראו בקול גדול...“ (מלכים א׳, יח.) די באַרבאַרישע מדה פון שרײַען האָט שוין לאַנג אויפגעהערט בײַ אַלע פעלקער און בעזונדערס בײַ יודען, וואָס זייער תפלה ווערט גערופען „צקון לחש“—איין שטילער הערצענס־אויסגוס! געה ערקלעהר איהם, דאָס עס איז איבערהויפט געגען דער אַלגעמײַנער עסטעטיק, אַרײַנפאַלען מיט אַ געוואַלד, מיט אַ געשרײַ און איבערשרעקען אַזוי פיעל מענטשען וואָס האַלטען זיך דאָ אונטער אַזוי געמיטהליך! געה ערקלעהר איהם, דאָס עס איז איבערהויפט געגען דעם אינהאַלט און זין פון „מה טובו“. איין אַלטער אַנטיסעמיט, בלעם, וואָס האָט נאָך אַנטײַל גענומען אין דעם קייזערליכען אַנטיסעמי־טישען סאַוועט בײַ פרעה, וואָס האָט ניט געקענט אָנקוקען די יודען ווי פאָבעדאָנאָסצאָוו, נור דערפאַר וואָס זיי זענען מאָראַלישער פון אַנדערע פעלקער, קומט צו שאַדען די יודען, און פאַר קנאה זאָגט ער בײַ זיך אין הערצען, אָדער שטילערהייט בלק׳ן, אַז מיט דעם פאָלק איז ניט צו מאַכען: „מה טובו אהליך, יעקב, משכנתיך, ישראל!“—דער פסוק האָט בעזאָנדערס דאָס גליק צו דינען אַלס אָנפאַנג בײַ יעדעם גאָטעס־דינסט. נו, דאַרף מען עס דאָך רוהיג זאָגען און פאָרטראָגען אַלס אינטראָדוקציאָן, אַלס הקדמה צו עבודת המקדש. „ד׳! אהבתי מעון ביתך... ואני אשתחוה ואכרעה... ואני תפלתי לך, ד׳, עת רצון...“ אין דעם אַלעם פיהלט זיך אַזוי פיעל אַנדאַכט, ערנסטען אינבּרונסטיגקייט. אַלזאָ, ווי קומט אַהער דער ווילדער אויסגעשרײַ פון יענער זײַט ארון־הקודש אויף „מע!“? מיט דעם ווילדען „מע“ צײַגט גלײַך דער קאַנטאָר, אַז ער ווייס ניט וואו ער שטעהט און וואָס ער האָט צו טהון. דער שליח־צבור בלײַבּט אין קעלער, און דער קלעזמער קריכט אַרויף מיט דער געמײַנהייט, מיט דעם אונוויסענדען שאַבּלאָנען אַרטיסט, כדי צו בעווײַזען גלײַך בײַ דער ערשטער מינוטע זײַן אָבערע „לאַ“, „סי“ אָדער „דאָ“—און באַלד בעוואונדערט ווערדען! באַרבּאַריזמוס!...

די אַלטע חזנים האָבען געהאַט די געוואָנהייט צו האַלטען די האַנד אונטער דעם קעהל־קאָפּ. דאָס איז געווען אינסטינקטיווע פערלײַכטערונג,

אַז די אָבּערע טענער זאָלען ניט קלינגען צו אָפען, צו פריי אַרויסגעהן פון דעם האַלז. אָט די מעטאָדע פון דריקען דעם קעהל-קאָפּ מיט די פינגער איז שוין פון זעהר לאַנג געוועזען איינגעפיהרט ביי די יודען, און דאָס איז דער זין, וואָס דער תלמוד ערצעהלט אונז פון אַ געוויסען זינגער הוגרוס בן לוי: „הוגרוס בן לוי ידע פרק בשיר ולא רצה ללמדם" (יומא ל"ח). „תניא, כשהיא נותן קול בנעימה מכנים אגודלו לתוך פיו ומניח אצבעותיו בין הנימין". דער צוועק איז געוועזען אַ בעשיידענער, פשוט, צו מאַכען זיך גרינגער דאָס זינגען. די מעטאָדע איז איצט אַרויס פון מאָדע, עס איז פאַרהאַן אויף דעם אַ פאָנעטישע מעטאָדע פון וואָקאַליזען, פון שטימבילדונג, אַז די אונטערשטע טענער בלייבען אָפען און די איבערשטע טענער בלייבען געדעמפּפט דורך סיסטעמאַטישער פערשמעלערונג און קלינגען זעהר גוט. ביים אויסאיבען אָט די מוזיקאַלישע און פיזיאָלאָגישע מעטאָדע, מוזען די הענד גראַד אַראָפּהענגען, דער קערפּער מוז געהאַלטען ווערען פריי און גלייך און די מויל-שטעלונג איינע אַנגענעהמע גראַדע זיין [1]. די מאָדערנע קאַנטאָרען ווילען דערפון גאָר ניט וויסען, דער גאַנצער קערפּער בעוועגט זיך אונריכטיג, נאָר בעזונדערס האָבען די הענד אָנגעפאַנגען צו שפּילען אַ גרויסע ראָלע: מען טרייבט מימיק אין דער לופט, אין דער הויך, אין דער ברייט, מען מיינט צו פערטייטשען די ווערטער מיט הענד, ביז עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ הענד-שפּראַך, אַ כיראָמאַנטישע מימיק!

אונזער בכבוד'יגעם האַלטען זיך אויף דעם אַלטאַר ווערט שטענדיג כאַראַקטעריזירט אין שלחן-ערוך מיט דעם פסוק: הקריבהו נא לפחתך הירצך?" דעריבער דאַרף קיין בעל-מום ניט זיין קיין חזן, איין שעפּעליאַווער, וואָס רעדט אויס אַ „ש" ווי אַ „ס" דאַרף קיין חזן ניט זיין. עס זענען פאַרהאַן אַ סך אַזעלכע כללים אין אונזער ליטורגיע-קאָדעקס, וואָס געהען אויס דאַרויף מעהר אויף דאָס איסערע אַלס אויף דאָס אינערע, מעהר עסטהעטיש אַלס עטהיש. ווען דער כהן האָט געהאַט אַ פלעק אויף זיין קלייד איז ער פסול געוועזען צו דער עבודה ווי אַ שכור, ווי אַ בעל-מום. איצט שיינט מיר, אַז יעדער מענש ווייס, אַז ווען מען קומט צו אַ קעניג

---

1) Die Gymnastik der Stimme von Oskar Guttmann. Leipzig 1882. Die Erkrankungen der Stimme von Prof. Dr. H. Krause 1898. Гигіена голоса д-ра А. Р. Ильина. С.-Петербургъ 1896.

אָדער צו אַזוי אַ שררה, מוז מען בײַם רעדען גראַדע האַלטען די הענד. וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשטשאַנסטווא, פאַר אײַן אונערצײַגענהײַט, פאַר אײַן עזות, פאַר אײַן קאָמעדיאַנסטוואָ צו וואַרפען מיט די הענד, צו אַפעקטירען, צו שפּיעלען כּאַנאַלע מימיק, צו הויבען קולאַקעס אויף גאָט?! טאָמער מײַנט איהר אײַנרעדען, אַז דאָס פאָרדערט דאָס געפיהל, די מוזיק פערלאַנגט עס, דער פּרוש המלות וויל עס, דאָס הײסט עס ווינשט טעמפּעראַמענט, וועל איך אײַך זאגען: "Hands ʌf!", ווײַל אַלע אײַערע מאָטיוועך זענען שקר וכזב!! שעקספּיר זאָגט: "אײַן מענש קען לאַכען און זײַן גאַנצען לעבען און דאָך בלײַבען אײַן שורקע" [1]. און איך זאָג אײַך: איהר קענט מאַכען מימיק מיט די הענד, מיט דעם קאָפּ און מיט די פיס בײַם זינגען און דאָך בלײַבען דראַנגעס! דער נביא זאָגט: "ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם... גם כי תרבו תפלה אינני שומע". און איך זאָג אײַך: האָלט אײַך רוהיג מיט דרך־ארץ אויף גאָטעס אַלטאַר, וועט איהר געווינען מעהר רעליגיעזע בעגײַסטערונג און מעהר קונסטפולעס טעמפּעראַמענט, אָבער אָהן מימיק, אָהן קאָמעדיע, אָהן קלויניסטע שטיקלאַך!

עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו מאַכען ביטערע טרילער אויף "היום יום... לעומר". אײַן עם־הארץ, אײַן מאָדערנע קאַנטאָר האָט עס אײַנגעפיהרט און אַלע הזנים טרילערען נאָך, און דאָס פּובליקום פערלאַנגט עס שוין. וואָרום מוז מען טרילערען אַזוי ביטער אויף אײַן געזעהנליכען דאַטום: "הײַנט איז דער 6־טער אָדער דער 27־טער לעומר"— ווײסט קײַן מענש. אורשפּרינגליך איז די ספירה־צײַט געוועזען די צײַט פון ערוואַכען אין דער נאַטור, דאָס ערוואַכען פון פריהלינג. מען האָט געצעהלט 7 וואָכען ביז מען האָט אַרײַנגעטראָגען אום שבועות (דאָס הײסט: יום־טוב פון וואָכען) די ערשטע פּרוכט, די בכורים אין בית־המקדש. און עס איז זעהר פײַערליך צוגעגאַנגען בײַ דער צערעמאָניע פון די בכורים: דער אָקס, וואָס האָט געפיהרט דעם וואָגען מיט די בכורים, האָט געהאַט הערנער בעדעקטע מיט גאָלד, און די אנשי מעמד האָבען איהם ערוואַרטעט מיט גרויס פאַראַד, אײַנע Orgel portativ האָט געשפּיעלט ("החליל מכה לפניהם", בכורים משנה [1]). און ווען די פּראָצעסיע האָט ערגײַכט ביז'ן בית־המקדש, האָט

[1]) .Hamlet by W. Shakespeare

[2]) עיין מאמרי "כלי זמר ביהודים" ב"השלח", כרך ו', שנת 1899, דף 425.

דער קעניג אַגריפּס אַליין אַריינגעטראָגען דעם קאָרב מיט די בכורים און געלעזען זיין געבעט, און די לוים האָבען רעטשיטאַטירט איינען פּסאַלמען („וידברו הלוים בשיר“).

נאָך בר כוכבא׳ס קריעג מיט די רוימער און נאָך דער מפלה פון די יודען אונטער די רוימער, איז געבאָרען געוואָרען אַ לעגענדע פון דעם אויסשטאַרבען פון צוועלף טויזענד פּאָר תלמידים פון ר׳ עקיבא צווישען פּסח און שבועות, און די צייט איז איבערגעקעהרט געוואָרען פון שמחה צו טרויער. אויך די קרייצצוגען אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען אויף זייער וועג אין פּאַלעסטינא אויסגעהרג׳עט אַ סך יודישע געמיינדען, ווענען פאָרגעקומען אים יאָהר 1096 אויך צווישען פּסח און שבועות, און צו זייער אַנדענקען האָט מען דאַמאָלס מחבר געווען די תפלה: „אב הרחמים שוכן מרומים“ און דעם נוסח פון „אל מלא רחמים“ צום אַנדענקען פון די טויטע.

אין דעם 13־טען יאָהרהונדערט איז געבוירען געוואָרען דער זהר מיט דער קבלה, וואס האָט געמאַכט אַ גאַנצעס קאַבאַליסטישעס שפּיעל פון די ספירות אויף אַ מיסטישע לעהרע פון צאָהלען, יחודים, זווגים פּרצופים, כלים, קליפּות און טומאות און קלינגענדע טיטולען, ווי: „חסד שבגבורה“, „הוד שבתפארת“, „נצח שבמלכות“, אַזעלכע שפּיעלערייען, וועלכע זענען אין גרונד גענומען ניט פערשטענדליך, און זייער בעדייטונג איז מעהר אין דער פאַנטאַזיע אַלס אין דער ווירקליכקייט. אַלענפאַלס פערדיענען אַזעלכע קלינגענדע נעמען גאָר אַ מאַזשאָר, אַיין „גבורה שבהוד“ אָדער אַיין „נצח שבתפארת“ זאָלען עפּיס מאַיעסטעטיש בעזונגען ווערען. די לעגענדע אָבער פון ר׳ עקיבא מיט דער געשיכטע פון די קרייצצוגען האָבען דערפון געמאַכט אַ מינאָר. יאָ, מען קען זינגען זעהר אַנשטענדיג אין אַ מינאָר. מיר האָבען אין אונזער ליטורגיע אַ סך אַזעלכע געשיכטליכע טרויער— אונזער גאַנצע געשיכטע איז ברוך־השם איינגעטונקט אין טרויער— און מיר זינגען זיי אין אַ מינאָר. עס איז אָבער געוואָרען „הימעל עפען זיך“, אַ יאָמער, אַ קלאָג, ערגער ווי תשעה באב. און די חונים האָבען עס דער־ווייל אויסגענוצט צו מאַכען דערפון אַ טראַגי־קאָמישע־קאָנצערט, צו בע־קלאָגען דעם „הוד שבחסד“, דעם „נצח שבמלכות“, וועלכע זיי פערשטעהען ווי דער האָן אין בני אדם, מיט וואָלעכלאַך און לידעלאַך, מיט דער מעלאָדיע פון אַ גראַם־זאָגער ביים בעזעצען אַ כלה. נאַכהער האָבען שוין

אויך די מאָדערנע קאָר־קאַנטאָרען, וואָס פערשטעהען אין די „פּגימות“ און „ספירות“ נאָך ווענִיגער פון די ערשטע, אָנגעפאַנגען צו מאָדערנטיִרען, קאַדענציִרען, טריִליִרען דעם „היום... יום... לעומר!“—היינט איז דער 22־טער לעומר!—. ציפער און צאָהלען קענען בשום אופן ניט בעקליידעט ווערען אין מוזיִק. און בעזאָנדערס נאָך אַ שאַרפען טריִלער מיִט קאַדענץ אויף „לעומר“ איז גאַנץ איינפאַך ווילד, פרעמד און פאַסט זיך ניט צו צום טעקסט, און נאָך ווענִיגער צו דער לעגענדע פון ר׳ עקיבא׳ן, די קרייצִיגע אָדער די קבלה. דאָס איז ווי אַ הוהן קריעכט אַרויף אויף דעם קוימען און קרעהט! סיידען זיי מיינען איִם לעומר דעם כדרלעומר, וועלכען אברהם אבינו האָט פעריאָגט.

איִן דער קיִרכע, וואו די פּויפּסטען און קאַרדינאֶלע האָבען צוזאַמען מיִט מוזיִקער און אַזוי רעליִגיעזע און דענקענדע מענער אונטערזוכט אַלע טעקסטען, בעפאָר מען האָט בעשטיִמט, וועלכער טעקסט איז מסוגל פאַר מוזיִק און וועלכער ניִט, און צו וואָס פאַר אַ סאָרט מוזיִק דער אָדער יענער טעקסט פאַסט, איז אַזאַ הפקרות ווי אין דער סינאַגאָגע ניִט פאָרגעקומען. זיי האָבען איינגעטהיילט דעם גאַנצען קיִרכען־טעקסט איִן צוויי סאָרטען, אונטער דעם טיִטוּל: „Accentus ecclesiastici“ דער טעקסט, וואָס איז ניט געווען מסוגל פאַר מוזיִקאַלישע מעלאָדיען און האַרמאָניען, האָבען זיי בעטיִטעלט מיִט דעם נאָמען: „Accentus“, דאָס הייסט: מען זאָל דאָס נור לעזען מיִט דעם אַקצענט, פאָרטראַגען, רעטשיִטאַטירען, פאָרלעזען בנעימה (Tonus Collectarum seu orationum). די צווייטע סאָרט האָבען זיי בעטיִטעלט מיִט דעם נאָמען: „Concentus“, צו דעם סאָרט געהערען אַלע גרויסע מעלאָדישע און האַרמאָנישע קאָמפּאָזיציאָנען, רעספּאָנזאָריען, אַנטיפאָנען, הימנען, מעסען, פּסאַלמען און אָראַטאָריען [1]. ווען די מוזיִק איִן טעאַטער מוז דיִענען אַלס פּרוש, אַלס קאָמענטאַר אויף דעם, וואו עס זענען פאַרהאַן אַזוי פיל אַנדערע מיִטעל אויף דער סצענע צו בעלייכטען דעם אינהאַלט, היִ פיִעל מעהר מוז זי דייטליך קאָמענטירען די ליטורגיע איִן דער שוהל, וואו זי מוז איינציִג אַליין דיִענען אַלס

1) Der Sulzerismus und die moderne synagogale Liturgie von P. Minkowsky. Wien 1905.

Auch Neumenstudien I Bd., XI Cap. S. 97. von Oskar Fleischer. Leipzig 1895.

קאָמענטאַר פונ׳ם הײליגען טעקסט, וואָס איז דאָס פּאַר אַ הפקר אין דער שוהל, וואָס יעדער איגנאָראַנט, וואָס טראָגט דעם נאָמען חזן, טרעט דעם הײליגען טעקסט מיט די פיס! אײנער שטעלט זיך װײנען אויף „פרים הנשרפים״—און דאָס פּובליקום איז ענטציקט; דער אַנדערער טרי־לערט אַ קאָפּ אויף דעם 30־טען „לעומר״—און דאָס פּובליקום איז ענטציקט. די אַלע אַנדערע חזנים זענען שוין אײן װעניג געצוואונגען נאָכצומאַכען, ערפילען דעם אומגעלומפּערטען וואונש פון דעם פּובליקום, וואָס אַנדערע איגנאָראַנטען חזנים האָבען עס שוין אַזוי ערצויגען. און אַזוי איז אונזער גאַנצע ליטורגיע אויף געבויט געוואָרען

איך האָב דאָ געשטעלט די ספירה אַלס בײשפּיעל, איך מײן אָבער דערמיט דאָס גאַנצע פּראָגראַם פון דער יודישער ליטורגיע, ווײל אין קײן ליטורגיע פון אַלע רעליגיאָנען איז דער הײליגער טעקסט ניט אַזוי איגנאָרירט, פערנאַכלעסיגט, פערניכטעט ווי בײ אונז אין דער שוהל. עס איז ניטאָ קײן נאָרמע, קײן פאָרמע, וואָס צו לעזען, וואָס צו בעטען, וואָס צו זינגען און וואָס פּאַר אַ סאָרט זינגען. עס איז אַבסאָליוט הפקר. ווער עס וויל נעהמט וואָס ער וויל און מאַכט דערפון ווי ער וויל. פריהער פערדאַר־בען די חזנים, דורך זײער איגנאָראַנץ און אונגעשמאַק, דאָס פּובליקום. און נאָכהער שרײען זײ, אַז דאָס פּובליקום פערלאַנגט, פאָרדערט, צווינגט, און צווישען פּובליקום און די חזנים ווערט פון דעם הײליגען טעקסט עפר ואפר. עס איז אַזוי ווײט געקומען, אַז ווען אײנער אין דער סינאַגאָגע זאָל זינגען נח מיט 7 גרײזען און אַביסעל טרילערען, בליפען און אויסלאָזען מיט אַ ווילדען קאַדענץ, וועט דאָס פּובליקום ווערען ענטציקט, ווײל דאָס פּובליקום פערשטעהט, מעהרסטען טײל, נעביך אַלײן ניט פון דעם טעקסט, און יענע, וועלכע פערשטעהען יאָ דעם טעקסט, מאַכען זיך אויך ניט ווי־סענדיג, ווײל זײ האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט זוכען עברי בײ אַ חזן, זײ ווײסען אַז דאָס חזנות זאָגט: „לא בי היא״, דאָס הײסט: עברי האָב איך ניט. און אין אַלע בעסערע געזעלשאַפטען ווערט דאָס עב־הארצות פון די חזנים זעהר בעליעבט אַלס דער בעסטער אַנעקדאָט. יעדערער טראַכט נאָך אויס אײגענע גרײזען און דערצעהלט עס אין דער געזעל־שאַפט אין נאָמען פון חזנים און אַזוי אַמוזירט מען זיך אַביסעל. און אַזוי ווי רש״י האָט אויסגעדיכטעט אויף לבן׳ען „כל מה שיש לדרוש לגנאי״.

אָדער דער מדרש אויף ושתי המלכה—„כל מה שיש לדרוש לגנאי”, אזוֹ דיכטעט יעדער אוֹיס טעקסט⸗גראָבהייטען וואָס די חזנים האָבען געמאַכט און די געזעלשאַפט אונטערהאַלט זיך און גלויבט, ווייל זיי האָבען אַ סך סבות דערצו. איז עס נאָך ניט צייט רופען צו די חזנים: „ביאו חשבון!”—בערעכענט אייך וואָס איהר זענט און וואָס איהר טהוט?!

איין כראָנישער פעהלער אין אונזער ליטורגיע, וואָס ברייגט מיך מאַנכעס מאָל צו פערצווייפלונג, איז די פערשידענע אויסשפּראַך אויף דעם אַלטאַר. איך וויל שוין ניט רעדען פון די גראַמאַטיקאַלישע פעהלערען, וואָס קעהרען איבער די אַקצענטאַציאָן פון די ווערטער און גיבען זעהר אָפט דער גאַנצער פראַזע גאָר אַנ'אַנדער בעדייטונג; איך רעד ניט פון דעם „נע ונח” פון דעם „דגש ורפה”, וואָס די מייסטען פון אונזערע רוסיש⸗פּוילען געמיינדען און איהרע חזנים האָבען ניט געלערענט, און פיהלען גאָרניט די העסליכקייט,—איך וויל רעדען איינפאַך פון דעם מישמאַש אין די דיאַלעקטען פון די פערשידענע אויסשפּראַכען פון די ווערטער, וואָס מאַכען אַ קאַקאָפאָניע פון דער בעסטער מוזיק. ביי אַלע פעלקער אין דער וועלט האָבען מיר פערשידענע דיאַלעקטען אין דער שפּראַך, ווי צום ביישפּיעל, די דייטשע שפּראַך האָט אונצעהליגע דיאַלעקטען. דער וויענער דיאַלעקט איז גאַנץ פערשידען פון דעם בערלינער, און דער בערלינער—גאַנץ אַנדערש אַלס דער האַמבורגער, און די אַלע גאַנץ פערשידען פון'ם פּלאַטדייטש, וכדומה. אָדער דער דיאַלעקט פון דער רוסישער שפּראַך אין מאָסקאַ איז גאַנץ אַנדערש אַלס דער אַדעסער דיאַלעקט, און די ביידע זענען גאַנץ אַנדערש אַלס דער קליין⸗רוסישער דיאַלעקט. אָבער עס גיבט איין אָרט וואו עס ווערט שטרייננג געהאַלטען דער בלומען⸗דיאַלעקט פון אַלע פערדאָרבענע פאָלקסטהימליכע דיאַלעקטען. דער אָרט איז—די קירכע. אויף דער קאַנצעל הערשט איבעראַל, ביי יעדען פאָלק, דער פּערל פון די דיאַלעקטען די עכטע גראַמאַטישע, קלאַסישע, ליטעראַרישע שפּראַך, דיאַלעקט און דיקציאָן.

ווי שלעכט אָבער שפּיעגלען זיך אָב אַלע העברעאישע פערדאָרבענע דיאַלעקטען גראַד אין דער רוסישער שוהל! איין אמת'דיגער קוידער⸗וועלש, און מוז ביים אינטעליגענטען צוהערער מאַכען די ווירקונג פונקט אַזוי ווי ער וואָלט הערען אַ פאָרשטעלונג אין טעאַטער פון אַ געמישטער טרופּפּע

פון דײַטשעֶן, פראַנצױזעֶן און איִטאַליעֶנעֶר: דעֶר איִנהאַלט איִז איֵינעֶר, נאָר יעֶדעֶר רעֶדט אױף זײַן שפּראַך, איֵין דיִסאָנאַנץ איִן פולעֶן זיִן פונ׳ם װאָרט. דיִ ספרדים שטאָלציִרעֶן מיִט זײֵער העֶבּרעֶאיִשעֶן דיִאַלעֶקט געֶגעֶן דיִ אשכנזים און עֶר איִז װיִרקליִך אַנעֶרקעֶנט אַלס דעֶר אַקאַדעֶמיִשעֶר, קלאַססיִשעֶר דיִאַלעֶקט. דיִ אשכנזים האָבּעֶן אָבּעֶר אױך זײֵער שפּעֶטעֶרעֶן דיִאַלעֶקט, װעֶלכעֶר איִז אױך שעֶהן און סיִסטעֶמאַטיִש אױסגעֶארבּײַט און אײַנגעֶפיִהרט איִן אַלעֶ טעֶמפּלעֶן איִן איֵיראָפּאַ און אַמעֶריִקאַ. דיִ רוסיִשעֶ יודעֶן האַגעֶגעֶן האָבּעֶן בּיִז איִצט אַנ׳ערב־רב פון דיִאַלעֶקטעֶן, װעֶלכעֶ בּעֶלײֵדיִגעֶן דאָס אױעֶר, און בּיִז איִצט איִז נאָך ניִט בּעֶשטיִמט געֶװאָרעֶן איֵין הױפּט־דיִאַלעֶקט פאַר דעֶר שוהל. דאָס טראַגיִ־קאָמיִשעֶ דעֶרבּײַ איִז גראַדעֶ, װײַל איִן רוסלאַנד װאָהנעֶן דיִ גרעֶסטעֶ צאָהל פון יודעֶן, און, װיִ עֶס איִז אָנגעֶנומעֶן, איִז דיִ גרעֶסטעֶ העֶבּרעֶאיִשעֶ און תלמיד׳יִשעֶ געֶלעֶהרזאַמקײַט איִצט איִז אױך דאָ, און בּיִז איִצט האָט זיִך נאָך קײֵנעֶר ניִט געֶנומעֶן דיִ טרחה אױסצוראָטעֶן דעֶם זשאַרגאָניִזמוס פון דיִ דיִאַלעֶקטעֶן איִן דעֶר רוסיִשעֶר ליִטורגיִעֶ און פעֶסט־שטעֶלעֶן אַנשטאַט איִהם איֵין הױפּט־דיִאַלעֶקט.

דיִ הױפּט־דיִאַלעֶקטעֶן זעֶנעֶן 3 : דעֶר פּױליִשעֶר, דעֶר ליִטװיִשעֶר און דעֶר רוסיִשעֶר; און װײַל זיִ האָבּעֶן איִן אַלעֶ שוהלעֶן כּאָריִסטעֶן פון אַלעֶ געֶגעֶנדעֶן פון רוסלאַנד און יעֶדעֶר זיִנגט דעֶם טעֶקסט נאָך זײַן געֶװאָהנטעֶן דיִאַלעֶקט, איִז װיִרקליִך ניִטאָ קײֵן העֶכּליִכעֶרעֶס. עֶס קליִנגעֶן איִן דעֶר האַרמאָניִעֶ גאַנץ אַנדעֶרעֶ פאַרבּעֶן נאָך דיִ פעֶרשיִעדעֶנעֶ געֶגעֶנדעֶן און אַנזאַצעֶן, װיִ אַזױ יעֶדעֶר איֵינעֶר דריִקט זיִך אױס.

נעֶהמעֶן מיִר צום בּײַשפּיִעל דיִ פראַזעֶ: „לבנין ושרין כמי בן ראמים”, װעֶט זיִ קליִנגעֶן—

| | | |
| --- | --- | --- |
| בּײם ליטװאַק: | „לְבָנֵיין וְשִׂרֵיין כְּמֵיי בֶּן רְאֵיימִים”. | Л'вонейнъ в'сирейнъ кмэй венъ р'еймимъ. |
| בּײם פּױלישען: | „לְבַנַיין וְשִׂרַיין כְּמַיי בֶּן רְאַיימִים”. | Л'вунайнъ в'сиряйнъ кмай венъ р'аймимъ. |
| בּײם רוסישען: | „לְבָנוֹין וְשֶׂרִיוֹין כְּמוֹי בֶּן רְאֵיימִים”. | Л'вунойнъ в'серіойнъ кмой венъ р'еймимъ. |

און װיִ בּעֶקאַנט, האָבּעֶן זיִך דיִ מײֵסטעֶן רוסיִשעֶ מאָדעֶרנעֶ חזנים אײַנגעֶװײֵנט איִן דעֶם דײַטשעֶן דיִאַלעֶקט, װיִ צום בּײַשפּיִעל:

לְבָנֹאן וְשִׂרְיָאן כְּמֹאו בֶן רְאֵיימִים.

רוסיש

Л'вонаунъ в'сиріаунъ кмоу венъ р'еймимъ.

צוזאַמען האָבען זײַ שוין דאָ פיער דיאַלעקטען, וואָס מאַכען די בעסטע האַרמאָניע דיסהאַרמאָניש. אָדער:

„לְכוּ נְרַנְּנָה לַה' נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ".

1) בײַם ליטוואַק: „לְכוּ נְרַנְּנָה (ליהוה) לַאדֵיינָיי נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ".

2) בײַם פּוילישען: „לְכִי נְרַנְּנָה לַדֵיינַאי נְרִיעָה לְצִיר יִשְׁעַיינִי".

3) בײַם רוסישען: „לְכִי נְרַנְּנָה לַדוֹינוֹי נְרִיעָה לְצִיר יִשְׁעֵנִי".

אויף רוסיש וועט עס זײַן:

1) „Л'ху нераннано ладейной норіо л'цуръ ішейну".

2) „Л'хи нераннуну ладайнай нуріу л'циръ ішайни".

3) „Л'хи нераннуну ладойной нуріу л'циръ ішейни".

4) „Л'ху нераннано ладауной норіо л'цуръ ишейну" דער קאַנטאָר:

אָדער: „וְהוּא הָיָה, וְהוּא הֹוֶה, וְהוּא יִהְיֶה בְּתִפְאָרָה".

1) ליטוואַק: „וְהוּא הָיָה, וְהוּא הַיוֶה, וְהוּא יִהְיֶה בְּתִפְאָרָה".

2) פּוילישער: „וְהִיא הָיָה, וְהִיא הַיוֶה, וְהִיא יֶהְיֶה בְּתִפְאֶרֶה".

3) רוסישער: „וְהִיא הָיָה, וְהִיא הוֹיֶה, וְהִיא יֶהְיֶה בְּתִפְאֶרֶה".

אויף רוסיש:

1) В'гу гоіо, в'гу гейве, в'гу іг'е б'сифоро.

2) В'ги гую, в'ги гайве, в'ги ег'е б'сифуру.

3) Б'ги гуіо, в'ги гойве, в'ги ег'е б'сифуру.

4) В'гу гуіо, в'гу гауве, в'гу іг'е б'сифуру דער קאַנטאָר:

אזוי זענען אונזערע אלע תפלות פערדאָרבען אין קלאַנג דורך דעם דיאַלעקטען־געמיש. קיינער וויל ניט אויף געבען זײַן דיאַלעקט. אָט די קראַנקײַט קענען היילען נור די יודישע מלמדים און די פראַגע פערדיענט אַ ערנסטע בעהאַנדלונג אויף אַ פערזאַמלונג פון לעהרער.

## XVIII.

## הַלְוָיַת מֵתִים און הַכְנָסוֹת כַּלָּה צערעמאָניען.

ביז אַהער האָבען מיר גערעדט פון די קראַנקהייטען, וואָס עקזיסטירען אין אונזער ליטורגיע אין דער שוהל. עס זענען פאַרהאַן אָבער

נאָך העֶסליִכעֶרעֶ קראַנקהײַטעֶן בײַ אונזעֶרעֶ פונקציאָנעֶן, אויך אויסעֶר דעֶר שוהל, וועֶלכעֶ פעֶרדיִעֶנעֶן נאָך מעֶהר אונזעֶר אויפמעֶרקזאַמקײַט, ווײַל זיִי קומעֶן פאָהר אויף דעֶר גאַס.

אַ פײַערליִכעֶ פונקציאָן, וואָס האָט עֶררײַכט איִן רוסלאַנד איִהר העֶכסטעֶ שטופעֶן זעֶנעֶן דיִ צעֶרעֶמאָניִעֶן פון הלוית־מתים און דיִ חזנ׳יִשעֶ „אל מלא רחמים ״קאָנצעֶרטעֶן איִן מיִטעֶן דיִ גאַסעֶן. דיִ צעֶרעֶמאָניעֶ פון הספד מתים איִז שוין זעֶהר אַלט בײַ דיִ יודעֶן. זיִ האָט זיִך נאָך אָנגעֶפאַנגעֶן מיִט דעֶם פאַטריִאַרך אברהם, ווען עֶר איִז געֶקומעֶן „לספוד לשרה ולבכותה״.

וואָס פאַר אַ ווערטעֶר, מעֶלאָדיִעֶ, צעֶרעֶמאָניעֶ עֶס זעֶנעֶן דעֶרבײַ פאָר־געֶקומעֶן ווײַסעֶן מיִר ניִט, אַס ווענִיגסטעֶן פעֶרשווײַגט עֶס דיִ ביִבעֶל. איִצט עֶהעֶן מיִר אָבעֶר, אַז שפּעֶטעֶר האָבעֶן זיִך דיִ הספדים־צעֶרעֶמאָניעֶן פאָרמיִרט איִן אַפּראָפּעֶסיִאָן פאַר מעֶנעֶר ספדנים און פאַר פרויעֶן מקוננות. [1] און דעֶר תלמוד פרעֶגט אויף דעֶם מאמר „יעקב אבינו לא מת״: „וכי בכדי ספדו ספדניא וחנטו חנטיאז״ (תענית פרק ראשון, דף ה׳). דערמיִט שטרײַכעֶן זיִי אונטעֶר, אז דעֶר הספד איִז בײַ אונז זעֶהר אַלט פאַטריִאַרכיִש. אין דעֶר נביא ירמיהו זאגט: „כה אמר ד׳ צבאות: התבוננו וקראו למקוננות ותבואינה... למרנה בנותיכם נהי ואשה רעותה קינה, כי עלה מות בחלונינו״ (ירמיה׳ ט׳).
און וויִ עֶס זעֶהט אויס, האָבעֶן זיִי שוין געֶהאַט אַ בּעֶשטיִמטעֶ פּראָגראַמעֶ פון דיִ הספדיִם און קינות, וואָס זיִי האָבעֶן שטודיִערט און זיִך אײַנגעֶטהײַלט איִן מקוננות, מענות ומטפחות. נאָך אַ קעֶניִג האָבעֶן זיִי געֶזונגעֶן: „הוי ארון והוי הודו״; נאָך אַ געֶלעֶהרטעֶן האָבען זיִי געֶזונגעֶן: הי, צנא מלא ספרי״; נאָך אײַנעֶם פרומעֶן האָבען זיִי געֶזונגעֶן: „אי חסיד אי עניו מתלמידיו של אברהם אבינו״ (ברכות דף ו׳); נאָך אײַנעֶם עֶהרליִכעֶן דיִענעֶר האָבעֶן זיִי געֶזונגעֶן: „הוי איש טיב, נאמן ונהנה מיגיע כפו״ כשם דף י״ד), נאָך אַ געֶנעֶראַל:— „שר וגדול נפל בישראל״; נאָך אײַנעֶם פון דעֶם פאָלק האָבעֶן זיִי שוין געֶהאַט מעֶהרעֶרעֶ נוסחאות, ווי צום בײַשפּיִעל: „ווי לאזלא, ווי לחבילא״; אָדעֶר: „נור גרמא מכבא ונמטי מיא לאנטיכו״; אָדעֶר: „רהיט וגפל מעברא ויזופתא יזוף״; אָדעֶר: „מותא כי מותא ומרעין חביליא״ (מועד קטן דף כ״ח). דיִ צעֶרעֶמאָניִעֶן פון קבורה און הספדים און קלאָגעֶן, וויִ אויך דעֶר נחום־אבלים, איִז דאַמאָלס געֶוועֶן אַזאַ לוקסוס, וואָס דיִ אָרמעֶ לײַטעֶ

---

[1]) עיין המאמר הגדול „יקרא דשכב״ בהמליץ שנת תרנה מאת המחבר.

האָבּען ניט געקאָנט נאָכמאַכען די מאָדע, און האָבּען דערבּיי זעהר פיעל געליטען. צווישען די קלאָג-מוטערס האָט געהערשט איינע אָרדנונג אים פראָ-ראַם, וואָס איז איינגעטהיילט געוועזען צווישען די מענות און מקוננות. „איזהו ענו?—פרעגט דער תלמוד—שכלן עונות כאחת״,—וואָס אַלע זינגען צוזאַמען; עס איז געוועזען אַנ׳ארט אוניסאָנאַ. עס האָט געזונגען איין גאַנצער כאָר פון דאַמען, איינע קאַפּעלע. די צווייטע אַרט „מקוננת״ איז שוין גע-וועזען סאָלאָ און כאָר, איינע האָט פאָרגעטראָגען אַ קלאַגע און די איבּע-ריגע האָבּען יעדעסמאָל אין אַנסאַמבּל געענטפערט דען רעפריין; דאָס איז געוועזען די׳אַנטיפאָנישע מאַניער דער פסאַלמאָדיען מיט וועלכער די יודען האָבּען זייער פסאַלמען געזונגען אין טעמפּעל „במקהלות ברכו אלהים“).

אויך איז געוועזען געוויססע אָרדנונג פאַר די ספדנים און ספדניות. אין דעם געהן בּיי דער לויה, צום בּיישפּיל אין גאליליי זענען זיי געגאַנגען פאָר דער מטה, אין יהודה אָבּער זענען זיי געגאָנגען נאָך דער מטה. און דאַריבּער האָבּען די בּני גלילאה שטענדיג געזאָגט: „עשה דברים לפני מטתך״ און די בני יהודה פלעגען זאָגען: „עשה דברים לאחר מטתך“. ולא פליגי, מר כי אתריה ומר כי אתריה״ (שבת פרק שלשה ועשרים. דף קנג.)

דאָס יודישע מוזיק-ליעבּענדע פאָלק האָט זיך אָבּער נאָך ניט צו פריעדען געשטעלט מיט בּלויזער וואָקאַלער מוזיק, דאָס הייסט נור מיט געזאַנג, דען אויסער דעם געזאַנג פון די ספדנים, מקוננים, מענות ומטפחות פלעגט מען אויך לאַדען צו די הלוית-מתים כלי-זמר, פלייטען שפּיעלער (מחוללים) און פלייטען שפּיעלערין (מחוללות). און ווען מיר ווילען וויסען ווי אזוי עס איז אריין אין דער מאָדע דיעזע מוזיקאַלישע צערעמאָניען בּיי הלוית-מתים, קענען מיר זעהען דערפון, וואָס דער תלמיד האָט עס געמאַכט צום געזעץ, אַז אפולו דער אָרימסטער יוד זאָל ענגאַזשירען צו דער בּעערדיגונג פון זיין פרוי ניט וויניגער אַלס צוויי פלייטיסטינען אין איין קלאָג מוטער „אפילו עני שבישראל לא יפחות משני חלילים ומקוננות״ (כתובות מ״ו משנה)״ מפני שבעלה חייב במזונותיה ובפרקנה ובקבורתה, מטה חלילים ומקינונתו (שמחות פרק י״ד עיין מאמרי בהשלח שנת 1899 כרך ו,) מיר קענען נור ניט וויסען אויב מען האָט געמאַכט די אַלע צערעמאָניען פון די מוזיק-אינסטרומענטען נאָר אין הויז פון דעם געשטאָרבּענעם, ווי נאַכהער בּיי די רוימער, אַדער טאַקי אין גאַס בּיי דער לויה. אַז די צערעמאָניע פון

די זינגער און שפּילער זענען איבערהויפּט געווען אין הויז פון דעם טויטען זעהען מיר פון דעם עוואַנגעליום: „וכבוא ישוע אל בית המושל ובראותו את המחללים ואת ההמון מהם ויאמר להם: סורו מפה כי לא מתה הנערה״ (מתיא ט׳, כ״ג).

וואהרשיינליך זענען אויך דאַביי געווען פערשידענע מנהגים אין יהודה און אין גליל (שבת קנ״ג). ווי די זאַך איז, נאָר דאָס איז זיכער, אַז דער ענין פון הלוית-מתים מיט פּאָמפּע, מיט רעדע, געזאַנג און אינסטרומענטען-שפּיעל האָט ביי די יודען זעהר אַ גרויס אָרט צוגענומען. און די אָרימע זענען ענטלאָפען ווען עס איז ביי זיי אימעצער געשטאָרבען און האָבען דעם מת געלאָזט אויף הפקר, דאָס הייסט, אויף קהל, זאָל קהל טהון מיט איהם וואָס ער פערשטעהט. („בראשונה היתה הוצאת המת קשה לקרוביו יותר ממיתתו, עד שהיו קרוביו מניחין אותו ובורחין. עד שבא רבן גמליאל ונהג קלות ראש בעצמו ויצא בכלי פשתן ונהגו העם אחריו לצאת בכלי פשתן״. מועד קטן כ״ז).

אין דעם טויטען קולטוס האָט זיך דער יודישער כהן ניט—ווי ביי אַנדערע פעלקער—בעטייליגט, אין בעריהרונג מיט מתים איז ער שוין אין פאָראויס געווען פאָלקאָממען אויסגעשלאָסען. אויך האָבען די אַלע צערעמאָניען ניט געטראָגען דען נאַממען „כהונה״, „עבודה״ „קדושה„ אין דיא מטפלים האָבען זיך נאַכהער אַ נאָממען געגעבען „חברא, קדישא״) זאָנדערן „יקרא דשכבי״ אָדער „יקרא דחיי״, צו ליעב דעם כבוד דער לעבעדיגען אָדער דעם טוידטען. צוזאַמענגענומען, זענען די אַלע טויטע צערעמאָניען געווען מעהר מענשענדיעסט ווי גאָטעסדיענסט, און דעריבער האָט איין פּריעסטער וואָס טראָגט דעם טיטעל „כהן לאל עליון״ ניט געהאַט צו טהון מיט דיזער פונקציאָן. און ווען דיזער כבוד האָט זיך איבערגעאַנדערשט אין אַ לוקסוס זענען אויפגעשטאַנען מענער מיט גרויסע חאַראַקטערען (ווי ר׳ יוחנן, ר׳ יאשיהו, ר׳ ירמיהו (ירושלמי כלאים) „ר׳ יוחנן מפקד אלבישיני בורדינא, לא חיורין ולא אוכמין״...) און האָבען מיט זייער אייגענער פּערזאָן פּראָטעסטירט—ביז עס האָבען אויפגעהערט די אַלע צערעמאָניען—„והאידנא נהוג עלמא אפילו בצרדא בר זוזא״ (כתובות דף ח׳), ווי זיי האָבען אויך פערבאָטען זאָגען נאָך דעם טוידטען אַזוינע שבחים וואָס ער האָט זיי ניט געהאַט—„כשם שנפרעים מן המתים, כך נפרעים

מן הספדנים ומן העונים אחריהם" (ברכות, פרק תשיעי דף ס"ב).

אין דער צייט פון אונזער גלות, און בעזונדערם אין דעם לעצטען יאהרהונדערט אין דעם אפגעזונדערטען געטטא, זענען די אלע צערעמא־ניען ביי די הלוית מתים—אויסער די הספדים אין די שוהלען--כמעט בטל־געווארען. ערשט נאך דער עפאכע פון מענדעלסאן, ווען עס האט אנגעפאנגען צו בליהען דער דראנג נאך אויסערליכער שעהנהייט, איז אויך דער טוידטענ־קולטוס אויף ס'נייע אויפגעבליהט ביי יודען. די אינטעליגענץ האט מיט רעכט געקלאגט, אז די יודען האבען אין זייערע געטטא'ס פערגעסען צו געהן אין ארדנונג: זיי האפען דעם מת אויף צוויי דריקעס (שטאנגען) און—ויברח, געמאכט מיט איהם פליטה אויף דעם בית־עולם. נאך עד היום הזה גיט ניט קיין גרעסערע שאנדע ווי א הלוית המת אין די קליינע שטעדטלאך אין רוסלאנד און פוילען: עס לויפען א באנדע שמוציגע, צערלומפטע, און זעהר אפט ניט גאנץ ניכטערע, יודען מיט דעם מת, און אהינטער זיי לויפט נאך א ווילדע מענגע מענער און פרויען, וועלכע רעדען, שרייען, וויינען, קלאגען, און מען רויכערט לולקעם, ציגא־רען, מען רעדט פוילע וויצען, און די גאנצע הלויה זעהט אוים א מין בהלה, ווי מען לויפט אוועק פון א איבערשווענמונג (מבול), אדער פון א שטאדט, וואס דער פיינד שיסט אויף איהר.—און מען האט נאך אמאהל אנגעפאנגען איינצופיהרען ארדנונג און צערעמאניען, מיט אפשטופונגען צווישען ארעם, מיטעל און רייך. פון רעליגיעזען שטאנדפונקט דארף מען תמיד זעהען צו בעשעהנען אלע מצוות—"משום זה אלי ואנוהו—התנאה לפניו במצוות" (שבת קל"ג, ע"ב.), און הלוית המת איז אלענפאלס א מצוה, ווען אויך ניט קיין כהונה, און יעדער פרומער יוד טודט, אדער דארף טוהן אלץ פון הדור־מצוה־וועגען. דער הדור מוז דעריבער שטענדיג זיין אונטערגעארדנעט דעד מצוה, אבער ניט די מצוה דעם הדור. דארין ליעגט דער גאנצער אונטערשיעד צווישען דעם העליניזם און דעם יודאאיזם, וואס ביי דעם ערשטען איז יעדער הדור א מצוה, וועהרענד ביי דעם צווייטען איז יעדער מצוה א הדור[1]. דער לוקסוס אבער פון דעם מא־דערנעם הלוית־מתים אין רוסלאנד מאכט אונבעדינגט די מצוה פאר א

---

[1]) אין מיין ווערק צום דרוקען: „Religion der Schönheit und Schönheit der Religio„n האב איך דיעזען געגענשטאנד אויספיהרליכער בעארבייט.—דער מחבר.

דינסט דעם הדור! אַ רעגעלמעסיגע גאַסען־פאָרשטעלונג! און אויב דער אמת איז אונז טייער מוזען מיר מודה־זיין, אַז די יעצטיגע הלוית־מתים אין די גרויסע שטעדט אין רוסלאנד זענען צופיעל דעקאָראַציעס, צופיעל טעאַטער־פאָרשטעלונג, און מיר קענען פרעגען: „לוקוס, לוקוס! עד מתי אתה מכלה ממונם של ישראל?!“...

די ראָליע פון דער קלאָגמוטער האָט אין אונזער צייט איבערגענו־מען דער מאָדערנער ראַבינער; די ראָליע פון דער זינגמוטער האָט איבערגענומען דער מאָדערנער קאַנטאָר. די באָרען געהען פאַר דעם ארון המת און זינגען אויף דעם גאַנצען וועג. אין אייסלאַנד טוהט מען עס ניט, און רוסלאַנד אָבער—יא. וואַרום?—ווייל די פּראַוואָסלאַוינע טוהען עס. בלומען־קרענץ ווערען געטראָגען ענטוועדער אין מיטען דער גאַס פאַר דעם אָרון המת אין אַ געוויסער אָרדנונג, אָדער זיי ווערען געפיהרט אויף אַ בעזונדערע וועגעלע. אין דער יודישער געשיכטע געפינען מיר ניט אַזאַ מנהג. מען טוהט עס אָבער דערפאַר, ווייל די קריסטען טוהען עס, מען ברויכט „בשמים וונים“...

אַזוי געהט אַ מתים־פּראָצעסיע מיט אויסגעפוצטע פערד, מיט אַ וואַנדערענדער סצענע אָדער פּלאַטפאָרמע, וועלכע ס׳טראָגט אויף זיך אַ וואונדער־שעהנעם קאַסטען מיט אַ טוידטען יודען איבערענין; נאָכהער—דער וואָגען מיט די גרויסע בלומענקרענץ, מיט לאַנגע לענטעס; דערנאָך—אַלע פריינד, גוטע־פריינד, אַ גרויסע מאַססע צושויער, לעדיגגעהער, וואָס האָבען מיט דעם נפטר גאָר נישט געהאַט צוטוהן און ווילען אויך מיט דער מציה פון הלוית המת ניט האָבען צוטוהן. וואָס און וואָהין געהען זיי?—זיי געהען הערען דעם קאָנצערט פון דער קלאָגמוטער און דער זינגמוטער. עס שלעפּט זיך אַיין ערב־רב מיט דעם כאָר פאַר די פערד און צווישען זיי קאַרמאַנטשיקעס, בייטעלשניידער, זייגער־גנבים, וועלכע געהען ניט משום „יקרא דשכבי“, זאָנדערען משום „יקרא דחיי“, דאָס הייסט אום עטוואָס אַרויסגנבענען פון די קעשינעס ביי די לעבעדיגע, און דערצו נאָך אַ פערגניגען האָבען: הערען די רעדעס פון דעם ראַבינער און דעם „אל מלא רחמים“ פון דעם קאַנטאָר.

די זשאַנדאַרמען, וועלכע בעגלייטען רוהיג ביי די קריסטליכע לויות כדי צו אונטערהאַלטען די אָרדנונג, פאָהרען ביי די יודישע לויות מיט

דער אונגעלומפערטער מענגע אַרײַן אין פובליקום ניט אום פערגניגען צו האָבען פון דעם „קול יעקב", זאָנדערן כדי צו פערשאַפען פערגניגען די „ידי עשו", און ווײַל די יודישע מענגע האָט לײַדער קײַן טאַקט ניט און שטופט זיך איבעראַל וואו מען וויל זי ניט, דאָ טײַלען די שזאַנדאַרמען ביד רחבה די נאַגײַקעס אויף די יודישע קעפ, אַ פאַדקאָווע אין רוקען, אײַן אַראַפניק אין מח, געהען אונטער דעם נאָמען „אָרדנונג" ביז מען קומט שוין צו דער שוהל און דער עולם בלײַבט שטעהן. די קלאָגמוטער, אויס=געסטראָצעלט און אַ ביסעל נערוועז, האַלט די רעדע נאָך די אײַנפאַכע אָדער דאָפעלפאַכע פערד וועלכע פיהרען די מתים=סצענע; וואָס מעהר פערד און בלומענקרענץ מיט ווײַסע אַטלעסענע לענטעס, אַלץ מעהר וואַרעמער פאַלט די קלאָגמוטער אַרײַן אין עקסטאַז, אין היץ, אין חלשות, אין אַ טײַך טרערען איבער די גרויסע אבדה, וואָס די אַלגעמײַנע מענשהײַט האָט אין דעם טוידטען מענשען פערלאָרען (חאָטש אַלע ווײַסען גאַנץ גוט, אַז דער נפטר האָט קײַנמאָל מיט אַ מענשען פרײַנדליך ניט גערעדט); איבער דאָס שיף — דאָס הײַסט, דאָס יודענטום, וואָס איז גלײַך לאניה בלב ים — וואס איז אונטערגעגאַנגען ווען זײַן קאַפיטאַן איז געשטאָרבען; „אוי לספינה שאבדה קברניטה" — אָבוואָהל דער נפטר האָט קײַנמאָל קײַן יודען צו זיך אין שטוב ניט אַרײַנגעלאָזט, און נאָך אַזוינע מעלות טובות וואָס דער נפטר האָט זײַ בעקומען אין דער מינוט וואָס ער האָט צוגעשלאָסען די אויגען זײַנע. מיט אײַן וואָרט, די מאָדערנע קלאָגמוטטער גיט אָפ קאָנצערט, זי יאָמערט, זי שרײַעט, זי פלאַקערט און איבערטרײַבט, זי מאַכט פיעל לאַרם פון גאָרנישט. אַם ענדע ווערט דער עולם אפשר טאַקע הינגערי=סען אויף אַ מינוט, דער דענקענדער צוהערער לאַכט בײַ זיך אין הערצען פון דער קאָמעדיע וואָס די קלאָגמוטער האָט אָפגעשפיעלט, און אין דער אמת'ן קומט איהם אין געדאַנקען דאָס פראַנצעזישע שפריכוואָרט: „Du sublime au ridicule il n'ja qu'un pas" (פון דעם ערהאַבענעם ביז דעם לעכער=ליכען איז אײַן שריט). אָדער ווי עס הײַסט אים יודישען: „כל יתר כנטול דמי", אָדער „כל המוסיף גורע". „כשם שנפרעים מן המתים כך נפרעים מן הספדנים ומן העונים אחריהם": (ברכות דע ס׳ב.) „לײַדער איז דער המון שטענדיג אין דער גרעסערען צאָהל, ער זיצט אויבען אין דער גאַלעריע אים טעאַטער, ער שטעהט אונטען אין דער שוהל, ער געהט נאָך נאָך מתים, ער

איז איבעראל מיט זיינעם אונגעשמאק, און דארום איז ביי די יודען דער עולם האמת אזוי פול מיט שקרים. מען דארף לייענען: „איש חיל", „נדיב לב", „אבי יתומים", „סוחר נאמן" און נאך און נאך, און גראדע אויף אזוינע מתים, וועלכע מען האט זיי געקאנט ווען זיי האבען געלעבט אין עולם השקר, פיר „אנשי חמס ומרמה", „אנשי נשך ותרבית, און נאך, אלס זיך נאך אמאל, צי איבערצייגען ווי אוננארמאל יודען לעבען און אויך שטארבען...

אבער מיט דער קלאגמוטער האט דאס גאסען־קאנצערט נאך ניט ערריכט די העכסטע שטופע, די קרוין פאן דער גאנצען טויטען־פארשטעלונג מאכט ערשט די זינגמאמע,—דער קאנטאר. זעהט ער איין מת מיט איין פאבען ארון, מיט איין פערדיל אהן בלומען, דא זאגט ער זיך איהם הערצען: „אויך מיר א מת?!" און זאגט אפ דען „מלא רחמים" איינפאך, אהנע פ׳ור, אהנע שלשלת, אהנע איבער׳חזר׳ן די ווערטער.

זעהט ער א מת אין א שענעם וואגען מיט צוויי פערד, מיט א מעטא־לענעם זארג, דאן ווארפט ער שוין ארייין איין פאר טרילער, חזר׳ט איבער א צוויי דריי מאל דעם „את נשמת", צווערשט: נ־הי־הי־הי־ש־...(№ 1 tr) מא־הא־הא־הא־האת! (№ 2 tr) אין דאס דריטע מאל א געשריי מיט גרויס אימפעט, בחטיפה ובעלטה, בגבורה ובזעקה: את נשמא—ת! פארטע פארטי־סימא, און דער נאך דרינשועט שוין דער כאר א טאן: „אום"—און דער קאנטאר קומט ווידער א מאל נאך מעהר אין דער פאסיקע און קריכט ארויף א טערצע העכער, מיט א חליפ פון א בעל־עגלה, ווען די פערד זענען ארייין אין א טיעפער קאליישוע איבער די רעדער אין דער בלאטע. „וועה איז מיר, און אך איז מיר, את נשמ— —(№ 3 tr.)—ת מרונא ר׳... שהלך, שהלך, שהלך לעו, עו, עי,

עו־עו־עו־עו לעולמו. דאס אבער איז נאך ניט דער סופערלאטיף, דאס הייסט, דאס בעסטע, זאנדערן דער קאמפעראטיף, דאס הייסט, מיטעל־מאסיג. זעהט ער אבער א וואגען מיט פיער פערד, מיט א וואגען מיט בלומען־קרענץ מיט א לאנגער שורה קינדער פון דער תלמוד תורה, צוזאמענגעקארטשעט פון קעלט אום ווינטער אונד צערשמאלצען פון היץ אום זאמער, און נאך זיי א קאמאנדע אינוואלידען פון דעם מושב זקנים וואס שלעפען זייערע לייטענע פיס נאך די תלמוד־תורה קינדער, דאס הייסט שוין א מת פון דער ערשטער קלאסע, דאן ווערט פון דעם

„מלא רחמים“ אַ קאַשע פון חליפּען, גאַפּען, מאָרדענטע, טריל‏ער, קאָ־לעראַטורען, ליגאַטען, חראַמעטען, פּיסקעס מאַכען און קאָדענצען. דער באָר ברומט, ברומט אַ טאָן, ווי אַ דודעלזאַק ווען דער קאַנטאָר ליריזירט־ביטלערט, פּאָנפּעט, בעזעצט אַ כלה, ווערט מטורף. און דאָס אַלעס אין מיטען דער גאַס אין פערזאַמלונג פון „כל מאמינים שהוא“, צווישען אַ ערב־רב פון בינדיוזשניקעס און איזוואָשטשיקעס מיט די בייטשען אין די הענד, פון סעדעחעס מיט קאָרזינעס מיט פּיש, הינדיקעס, בערעקעס און ציבעלעס, פון קליינע סוחרים פון די קליינע שטעדטליך וואָס זיי זענען געקומען האַנדלען באַקאַליי אָדער גאַלאַנטעריי און לויפען ביי טאָג אויף די מלא־רחמים פאָרשטעלונגען און אָבענד—אין די איליוזיאָנען און צירקען. עס איז שוין איינמאָל אַ קאָנצערט און איינמאָל אַ פּובליקום!—

נאָר דער גרעסטער בזיון איז ווען עס מאַכט זיך איין הלוית־המת פאָרשטעלונג מיט איינינע זינגמאַמעס, דאָס הייסט, חזנים. עס ברעכט אויס איין קאָנקורענץ אויף לעבען און טויט צווישען די זינגמאַמעס, מלא־מאַכערס, יעדער נעבען זיין שוהל. די חזנים האַלטען פּראָבע פאַר דעם שטרענג־סטען ווילדעסטען פּובליקום פון דער וועלט. דער אַרמער קאַנטאָר ווייסט, דאָס זיין גאַנצער לעבען הענגט אין דעם „מלא“. וואָס מיר מת! וואָס מיר יקרא דשכבי אָדער יקרא דחיי! ער האַלט אַ גאַסען־עקזאַמען און דאָס הערץ פאַלט איהם אַרויס פון שרעק, ער שטרענגט זיך אָן זיינע לעצטע קרעפטען ביז ער ווערט אין גאַנצען מטורף. האָט יענער קאַנטאָר געזאָגט 4 מאָל אַ וואָרט, זאָגט ער שוין 7 מאָל, נאָר עס געהט איהם נאָך ניט איין, ווייל ער איז ניט זיכער, אַז נאָך איהם וועט איין אַנדער קאַנטאָר ניט זאָגען, 10 מאָל אַ וואָרט. האָט זיך יענער געשטעלט אויף „את נשמת“ שטעלט ער זיך אויף „שהלך“ און אויף „בגן־עדן“ עפּענט ער אויף אַ פּיסק, מיט אַ ווייסען סאָלדאַטסקע טאָן אויף דער אָבערע לאַ. סי, דאָ, יעדער ווי הויך ער קען זיך אַרויף קאַראַבקען, אַ מין קרבן עולה ויורד. מיט איין וואָרט, דאָס פּובליקום האָט זיך אַמוזירט איבער דער גאַסען־פאָרשטעלונג און מען קריגט זיך איבער מבינות, ווער עס האָט זיך בעסער „צעלייגט“ ביים מלא רחמים. די אבלים שטעהען פערוואונדערט, ווי אין הינטער־פּלעט, און ווייסען גאָר ניט וואָס מיט זיי טוהט זיך. נאָר איז דען דער קאָנצערט פאַר זיי? ניין, דאָס איז נאָך אַמאָל אַ

חלול השם. גאַסען-קאָנצערט פאַר דעם רוסישען און יודישען המין-עם כדי נאָך מעהר איהם צו בּאַרבּאַריזירען אַלס ער איז. פון עסטהעטישע שטאַנדפּונקט האָט דער אַרמער אָדנאָקאָנע מת געקריגען דעם אַנשטענ-דיגסטען „מלא״: דער קאַנטאָר־איז נאָך דאַמאָלס געוועהן בּיי די גערדאַנ-קען. ווען די קאַנטאָרען זאָלען איין ווייניג דאַריבּער נאָכדענקען וואָלטען זיי זיבער צום איינציגען רעזולטאַט געקומען, אַז זייערע אַלע קאָנצערטען אין געגענוואַרט פון דעם מת זענען איינפאַך „לועג לרש“. און ווי איז דער „למה יאמרו הגוים“ וואָס משה רבנו האָט נאָך מורא געהאַט?—וואָס זאָגען קריסטען, וועלכע הערען עטוואָס אַזוינס, וואָס עם קומט פאָר בּיי הלוית המת. דער קאַנטאָר זאָגט אַ בּיסעל „שטייגער“, קאָנצערטירט און שפּיעלט אַ טראַגי-קאָמעדיע אין מיטען מאַרק כדי צו ווייזען די קראַפט פון זיינע שטיממבענדער. איז דען ניט מעהר רעליגיעזער, מעהר מוזיקאַלישער, מעהר טראַגישער, מעהר אַנשטענדיגער, ווען דער קאַנטאָר זאָל פאָרטראָ-גען דעם אל מלא רחמים לאַנגזאַם, אין אַ ריהיגער און מיטעלער לאַגע, אין איבּערהויפּט אַכט געבּען, דאָס יעדעס וואָרט זאַל אַרויסקומען ריין ווי בּריליאַנט, וואַרעם פון הערצען מיט עקספּרעסיאָן, גלאַט, אָהן קונסטשטיק, אָהן טרילער און געפּילדער, און איין מאָל פאַר אַלע מאָל ־וויסען, דאָס אַ טויטען-פּראָצעסיאָן איז קיין אָלימפּען-שפּיעל מיט וועטען. וואוהין קריכט איהר אויף די קוימינעם און שלעפּט נאָך מיט זיך דעם המין-עם און פערלאָזט דעם גראדען, גלאַטען, גלייכען וועג?!—איהר וועט מיר זאָגען: איהר זענט געצוואונגען מטורף צו זיין און מטורף צו מאַכען די וועלט, ווייל די געמיינדען פערלאַנגען עס. וועה. וועה איז צו אונז, דאָס מיר האָבּען אַליין ערצויגען אַזעלכע געמיינדען, וואָס פערלאַנגען עטוואָס אַזוינס, און אַזוי ווענעג קאַנטאָרען, וואָס זענען קאַמפּעטענט! ווארום פערלאַנגען ניט דיא געמיינדען פון אַנדערע רעליגיאָנען פון זייער גייסטליכקייט צו פאָלגען זייער געשמאַק אין ליטורגישע ענינים?—אם ענדע, ווארום פער-לאַנגען ניט עטוואָס אַזוינס דיא יודישע געמיינדען אין דייטשלאַנד, פראַנק-רייך, אַמעריקע פון זייערע קאַנטאָרען?—ווארום פערלאַנגען ניט עטוואָס אַזוינס איינינגע געמיינדען און רוסלאַנד וואָס האָבּען גליקליכער ווייזע געהאַט אינטעליגענטערע קאַנטאָרען? אַ געמיינדע פון טויזענד מענשען איז ווי אַ קליין קינד, און מען קען עס ערציהען נאָך בּעליבּען. אָבּער מיר

מוזען ציערשט אונז זעלבסט ערציעהן איידער מיר געהען ארויס אנדערע צו ערציעהען. ווי לעסינג זאגט: „דער מענגע בייפאל איזט צוואר ניט דער וואהרהייט גרונד... ער, דער די וואהרהייט זוכט, דארף ניכט די שטיממען צעהלען, דאך ווען דיא מענגע פעהלט, זא קאן אויך איינער פעהלען” (Fragmente von Lessing).

ליידער בעזיצט די רוסישע שוהל דעם בעסטען געזאנגסמאטעריאל נאר אין רויהען צושטאנד, די ליטורגיע אין רוסלאנד איז דאדורך אזוי ניעדעריג, וויל עס פארען זיך מיט איהר צו פיעל (כביכולדיגע) קינסטלער און צו וועניג שליחי צבור, און אויך דער קונסטלערישער טייל איז ניט די נאטורליבע און וויסענשאפטליכע קונסט, זאנדערן א באנאלע גע־קינסטעלטע קונסט.

איהר וועט מיך פרעגען: א״כ אין לדבר סוף? ווי אזוי קען מען טרעפען די ריכטיגע גרענעצען צווישען ערנסט און פארשטעלונג. ווען די גאנצע וועלט איז ניט מעהר ווי א טעאטער און פארשטעלונג?—וועל איך אייך ערקלעהרען: עס איז טאקע אמת, דאס אלעס אין לעבען איז טעאטער און פארשטעלונג. שעקספיר לאזט אנטאניא זאגען גראטיאנא: „איך האלט די וועלט ווי איין סצענע וואו יעדער מענש מוז שפיעלען איין פארטיע” [1] היינט שפיעלסט דו דעם קעניג און איך דעם בעטלער און מארגען שפיעל איך דעם קעניג און דו דעם בעטלער. אדער ווי אונזער תלמוד אין קורצען זאגט: „האי עלמא כבי הלולא דמיא”. און דאך איז פארהאן א גרויסער אונטערשיעד צווישען רעאליטעט און אילוזיאן.

דער ווירקליכער קעניג ערוועקט ביי דעם צושויער מאיעסטעטישע געפיהלען, ערהאבענהייט און עהרפורכט פאר דער פערזאן אין וועלכער די אונבעשריינקטע קראפט איז קאנצענטרירט; אלעס איז רעעל. דער סצענע־קעניג מוז איין גאנץ בעזאנדערען טאלאנט האבען כדי אין ווייניג־סטענס פיר איין מאמענט צומאכען פערגעסען דען צושויער אז דער סצעניש מלך עליון איז גאר אין לעבען איין מלך אביון. ווען ער שפיעלט צו ווייניג, אדער צופיעל, מאכט ער פון זיך איין טשוטשעלע און פון דעם קעניג, וועלכען ער שטעלט פאר—א פאראדיע, א געלעכטער. דער אמת׳דיגער בעטלער ערוועקט אין צושויער גלייך ווייליג א געפיהל פון ערבארמען, פון

1) Shakespeare's Merhant of Venice act 1. Scene 1.

עלענד, פון דער אונבעהאָלפענהייט פון אַ נעבּנמענשען; דער סצעניִשער בּעטלער מוז זיין איין בּעזאָנדערער קינסטלער כדי צו מאַכען פערגעסען דעם צושויער אויף אַ מאָמענט אַז ער איז רייך ווי ער איז, אָדער אַז ער איז פיעלפאַך רייכער אַלס דער צושויער, ער מוז ניט ווייניגער און ניט מעהר שפּיעלען די ראָלע וועלכער ער פּרעזענטירט. וואָס שעקספּיר, און נאָך פריהער דער תלמוד, בּעטראַכטען אויך דעם רעזלען קעניג אָדער בּעטלער ווי אַקטיאָרען איינער פאָרשטעלונג, —האָט מעהר צוטוהן מיט דער העכערער פּילאָזאָפיע, מאָראַל און צוועק פון דער וועלט, מיט דעם אָפּטימיסטישען און פּעססימיסטישען וועלט־פּראָבּלעם, וואָס אַרטור שאָפּענהויער האָט זיי געווידמעט זיין בּע־ריִמטעס ווערק: „די וועלט אַלס ווילע אונד פאָרשטעללונג". אין אַלטעג־ליכען געוועהנליכען לעבּען מוזען מיר בּיי אַלע אונזערע האַנדלונגען אונז זעלבּסט חשבון אָבּגעבּען, וואָס מיר מיינען דערמיט, און וואָס מיר זעהען דאַרין: רעאַליטעט אָדער פאָרשטעלונג; דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע פּרינציפּען אין אונזער פּראָפעסיאָן. אַלע אונזערע ליטורגישע פונקציאָנען בּעשטעהען פון דריי עלעמענטען: פון מענשענטהום, יודענטהום און אייגענטהום. דאָס ערשטע עלעמענט איז דער אומפאַנגרייכסטע, עס שטעלט פאָר די אַלע פערהעלטניסען צווישען דער אַלגעמיינער מענשהייט—פון וועלכען מיר בּילדען אויך אַ טייל—און זייער שעפּפער; דאָס צווייטע עלעמענט איז שוין פיעל בּעשריינקטער אין די גרענעצען פון נאַציאָנאַליז־מוס, און שטעלט פאָר די פערהעלטניסען צווישען יודען און זייער מאָנאָטהעאיסטישען גאָט: דאָס דריטע עלעמענט איז שוין גאַנץ בּעשריינקט אין אַ עגאָאיסטישען צירקעל, אין פּריוואַט געשעפט, אין איינצעלנע פער־העלטניסען אין וועלכעם יעדעס אינדיווידואום, יעדער פּרט בּעוועגט זיך, פּרייט זיך, אָדער ליידעט אין דער מאָס וואָס עס בּעריהרט איהם. אין דער שוהל זענען אַלע אונזערע תפלות, און אלע אַנדערע פּאָרמען פון דער ליטורגיע, ווי צום בּיישפּיעל, גאולות, קרובות, פּזמונים, פּיוטים, סליחות, הושענות, יוצרות, קינות און נאָך, אויסער קליינע אויסנאַהמען, פון די בּיידע ערשטע עלעמענטען—פון מענשענטהום און נאַציאָנאַלענ־טהום. אַלעס וואָס מיר רעדען דאָרט, זינגען, האָפען, בּעקלאָגען און אַזוי ווייטער, איז קיין איליוזיע, זאָנדערן רעאַליטעט. מיר שטעלען דאָרט ניט פאָר אַ זאַך, וואָס שטעהט אויסער אונז, מיר שטעלען דאָרט ניט פאָר אַ דראַמע

פון אַ געוויסען יאָהרהונדערט, וואָס איז ערגיץ מיט אַ פאָלק פערלאָפען; אָדער איינע האַנדלונג פון איין געוויסען אַלטען קעניג וואָס האָט זיין גאַנץ פערמעגען אַוועק געשענקט ביים לעבען זיינע טעכטער אין דערנאָך האָבען זיי איהם אין שטוב ניט אריין געלאָזט; אָדער צעזאַר׳ס איבערגעהן דעם רוביקאָן, פיעסקאָ׳ס פערשווערונג, האַניבאַל׳ס איבערפאסירען דיא אלפען און נאָך, און נאָך,—אונזער דראַמע איז אַ וועלט דראַמע, וועלכע שפילט זיך שוין פיער טויזענד יאָהר מיט אונז אַלס מענשען און נאָך מעהר אַלס יודען, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטהייליגט אונזערע פאַטריאַרכען און אין וועלכער מיר בעטהייליגען זיך אויך מיט אונזער גאַנצער עקסיסטענץ. אַלעס וואָס מיר שטעלען דאָרט פאָר איז ביין און פלייש פון אונזער קערפער. ווען מיר זינגען „הנשמה לך והגוף פעלך, חוסה על עמלך״, רעדט די מענשהייט צו איהר שעפער. ווען מיר בעטען: „ונסלח לכל עדת בני ישראל״, רעדט דאָס יודענטהום צו זיין גאָט; עס איז ליבעראַל ווען עס זאָגט: „ולגר הגר בתוכם וואו דער אידישער נאַציאָנאַליזמוס איז איבער־הויפט בררייטער אַלס דער מאָדערנער קריסטליכער נאַציאָנאַליזמוס. ווען מיר לעזען: „איכה ישבה בדד, העיר רבתי עם היתה כאלמנה; רבתי בגוים, שרתי במדינות היתה למס״, שטעלען מיר דאמיט פאָר קיין פאָרשטעלונג וואָס האָט פאַסירט מיט איינינע טויזענד יאָהר צוריק, אין אונזע־ אויערען קלינגט די שטימע פאָן דעם בעריהמטען נביא ירמיהו, וואָס האָט ניט געדיכטעט און בעזינגען לעגענדען ווי דער גריכישער האָמער זאָנדערן ער האָט מיט זיינע אויגען די נאַציאָנאַלע־קאַטאַסטראָפע בייגעוואָהנט. און ווען מיר לעזען ווי דער זעלבער נביא זאָגט פון זיך: „אני הגבר ראה עני בשבט עברתו״, הוערען די זינגער און צוהערער— ווען זיי פערשטעהען וואָס זיי לעזען אונד וואָס זיי הערען—ערשיטערט ביז דען מארך פון זייערע ביינער און פערזעצען זיך ווייט, אין דער־ טראַגישען היסטאָריע פון אונזער אומגליקליכען פאָלק. ווען מיר זינגען אום פרייטאָג אָבענד דאָס שיינע ליעד „לכה דודי״, אומפאַנגט אונז עטוואָס איין אינערליכע שטילע און הייליגע געפיהל פון דעם היסטאָרישען יודישען שבת פאַר וועלכען מיר האָבען אַזוי פיעל טייכען בלוט פער־ גאָסען און פערגיעסען נאָך יעצט.

אַזוי זענען כמעט אַלע תפלות, מעהר אָדער ווייניגער מענשליך אין

יודיש אין דער שוהל אזוי, אז דאָס זענען אייגענטליך ניט קיין אַקטיאָרען מיט צושויער, זאָנדערען די קאַנטאָרען מיט דער געמיינדע זענען ביידע צוגלייך פאָרשטעלער אין צושויער. די פסיכיקע פון דעם יודישען פובליקום בעאיינפלוסט דען קאַנטאָר כדי ער זאָהל נאָכהער דורך זיין פסיכיקע און די געזאַנגסמיטטעל, מיט וועלכע די נאַטור האָט איהם בעגאַבט, די פסיכיקע פון פובליקום נאָך צו איינער העכערער שטופע ענטפלאַמען, דער קאַנטאָר פיהלט אין זיין נשמה אַלע פסיכישע ליידען און פריי־דען פון זיינע מיטמענשען און מיטגלויביגער. דאָס איז רעאַליטאָט, דאָס איז קיין טעאַטער, מאַן מוז דערצו גאָר קיין בעזונדערער פרומער יודע ורחיל חטאין, זיין, מאַן מוז נאָר מענש און יודע זיין. און מאַן ווערט בע־גייסטערט אויף דעם אַלטאַר פון דער דראַמאַ פון אונזערע פאָלק, און מען ברויך גאָר ניט דערביי צו זיין אַ דראַמאַטישער טענאָר.

דאָס אַלעס אָבער ווערט פראָפאַנירט פון דער מינוטע אָן, ווען דער קאַנ־טאָר פאָנגט אָן, אַנשטאָט צו צופאַסען דען גוטען געזאַנג צום פרוש המלות, גאָר אַרויס צוקריכען און מאַכען האַלז־גימנאַסטיק אין צושטערט די שוהל־פאָעזיע צוליעב איין שטאַרקען טאָן, וואו דער טעקסט בעדייטעט שוואַך, אָדער איין הויכען טאָן וואו דער טעקסט בעדייטעט ניעדריג, פלוידערען און דרייען וואו דער טעקסט בעדייטעט רוהע, און איבער־הויפט ווען דער טעקסט שלעפט זיך נאָך איז אויס מיט דעם ערנסט, מיט דער ליטורגישען אַנדאַכט, עס ווערט אַ געמיינע פאַרשטעלונג, איינע ענטאַרטונג.

די צוויי עלעמענטען זענען אין בית המקדש געווען דאָס פלייש און ביין פון דער פריעסטערליכען ליטורגיע, און דער יעדער אַנ־שטענדיגער אינטעליגענטער קאַנטאָר פיהלט זיך שטענדיג ערהאַבען, שטאָלץ, ווען ער איז אַלס אַ נאַכפאָלגער פון דעם כהן דער טרעגער פון די ביידע עלעמענטען אין דער שוהל. נאַטירליך האָבען זיך די ביידע עלעמענטען אין משך פון די צווייטויזענד יאָהר פון אונזער גלות זעהר ענטוויקעלט, און אין דיזער ענטוויקלונג האָבען די חזנים פיטנים איין גרוי־סען טייל.

גאַנץ אַנדערס שטעהט די זאַך מיט דעם דריטען עלעמענט, וואָס איז אויסערהאַלב דער שוהל, אין די פונקציאָנען און זיטטען פון יודישען לעבען אין זייערע הייזער, אין וועלכע דער אַמאָליגער כהן האָט קיינמאָל

קיין אַנטהייל ניט גענומען. צו אַזעלכע פוקציאָנען געהערען הויפטזעכ־ליך הכנסת־כלה און הלוית־המת: ביידע זענען אַ מצוה, נאָר ניט קיין עבודה, אין דעריבער איז אויך די קאָנטראָרען־פונקציאָן ביי די ביידע גע־לעגענהייטען מעהר געוואנגליך אַלעס רעליגיאָז. דאָ הערשט פאָר אַלעס די האָפליכקייט מעהר אַלעס די אויפריכטיגקייט, מעהר די אויסערליכע גע־זעליגקייט אַלעס די אינערע פיהלבארקייט. נעהמען מיר צום ביישפיעל הכנסת כלה. אין דער ביבלישער צייט איז די גאַנצע התונה געווען זעהער אַ איינפאַכע זאַך אָהן צערעמאָניעס, אָהן רעליגיעזער פאָמפע. עס האָט דאַמאָלס אפילו דעם נאָמען „קדושין"— הייליג—נאָך ניט געהאַט, זאָנדערען „קיחה": „כי יקח איש אישה" ובא עליה... כדברים כ"ב), אָדער „מאמר": „עשה בה מאמר ( ובמות פרק ז משנה".) פאָליגאַמיע, פיעל ווייבעריי, אין נאָך דערצו אינטערנאַציאָנאַלע ווייבעריי, די וועלכע זענען דאַמאָלס אים גאַנג געוועזען ביי די יודען, האָבען שוין אויסגעשלאָסען די פונקציאָן. קעניגע און אויך פריעסטער האָבען געלעבט מיט „נשים נכריות" און זאָגאַר נאָך עזרא'ס רעפאָרמען (עזרא י'). און סעפּאַראַציאָן די היידינישע פרויען פון די יודען איז דער חתונה־פראָצס געווען זעהר איינפאַך. „שבעת ימים קודם יום הכפורים מפרישין כהן גדול... אף אשה אחרת מתקנין לו" (יומא משנה א).

„האשה נקנית בשלש דרכים: בכסף ובשטר ובביאה". נקנית— זי ווערט געקויפט, אָדער איינגעאייגנעט דורך געלד, דורך וועקסעל און דורך פעראייניגונג... ביי די אַלע דריי זאַכען האָט דער כהן ניט געהאַט וואָס צו טהון, און בעזונדערס האָט נאָך יעדער מאַן געקענט מקדש זיין אַ ווייב דורך אַ „שלוח", „האיש מקדש בו ובשלוחו" (קדושין מא).

ערשט שפּעטער האָט זיך עס אויסגעבילדעט צו פערשיעדענע צע־רעמאָניען, וועגען וועלכע ס'איז ניט דאָ דער אָרט צו רעדען ספּעציאַל [1]. אין קורצען, די מצוה הכנסת כלה, ווי הלוית המת שטעהען אויסער דער שוהל, זענען אין דער אַלטער צייט קיינמאָל ניט געווען די פונקציאָן פון פריעסטער און זענען איצט ביי די חזנים אויך ניט אין צירקעל פון דער ליטורגיע, זיי זענען פיעל מעהר איין איינקונפטס אַרטיקעל פאַר די קולטוס בעאַמטען, תקנת הרבנים, רח"ש וכל"ז און נאָך אַזעלכע יודישע הכנסות.

1) Jewish life of the middle ages. By Abrahams. London.

איינער מאַכט חתונה אַ טאָכטער און ער לאַדעט דעם חזן צו בעזינ־
גען די כלה, צו מאַכען שבע ברכות. דער חזן געהט מיט דעם פּאָר משמח
זיין חתן וכלה. עס איז דאָ קיין נאַציאָנאַלע פרייד ניטאָ און נאָך ווייניגער איין
אַלגעמיינע מענשליכע פרייד, עס איז אַ פּריוואַט זאַך: אַ יודישע טאָכטער,
אין פיללייכט נאָך אַ בוגרת, געהט חתונה האָבען. עס איז ווירקליך אַ פרייד,
צייט עס איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער מכשול פון אַנ'אַלטער יודישער
בוגרת... מען שפּיעלט, מען זינגט „קול ששון וקול שמחה, קול חתן
וקול כלה" און די ווייבער טאַנצען. אָבער דער דענקענדער חזן קאָן זיך דאָך אין
האַרצען פרעגען: ולשמחה מה זו עושה?—וואָס טהו איך דאָ?—וואָס רען,
די איינציגע פערבינדונג מיט דער שמחה איז נאָר דאָס מאַטעריאַלע, דאָס
ביסעל רח"ש. אַלזאָ, יענער בעצאָהלט מיר איך זאָל איהם משמח זיין, און איך
מוז זיין איין אָרענטליכער מענש און טהון מיין פפליכט און איהם משמח
זיין, נאָר וואָס מאַכט מען ווען מיר איז גאָר שלעכט אויפ'ן האַרצען, מיט
דעם מויל זינג איך פריידען און אין האַרצען פיהל איך גאָר טרויער?—
דער בעריהמטער פילאָסאָף און עסטהעטיקער עדוּאַרד האַנזליק, פּראָפעסאָר
אין דער ווינער אוניווערסיטעט און וועלט בעריהמטער מוזיק־קריטיקער,
זאָגט: דאָס זינגען איז ניט שטענדיג די שפּראַך פון דער נשמה, אַ בעווייז
דאַרויף, דאָס עס איז בעוואוסט, אַז ווען בעטהאָווען האָט קאָמפּאָנירט
זיין בעריהמטעס לוסטיגעס סקערצאָ איז ער דאַמאָלס געוועזען קראַנק און
פול מיט יסורים" [1]. דאָס קאָן אַלעס זיין ביי אַ געניוס, ביי בעטהאָווען און
ביים קאָמפּאָנירען, וואו עס אַרבייט מעהר דער מאַטעמאַטישער אינטעלעקט,
אָבער ניט ביי אַ געוועהנליכען זינגער, וואָס איז נור מיט דעם צאַרטען פיהלען
אומשטאַנד צו ליידען אָדער אויסצודריקען פריידען. נו, פון וואַנען זאָל
דאָס צאַרטע הערצליכעס פיהלען קומען, ווען די נשמה האָט קיין בע־
גייסטערונג ניט, קיין אַנדערע פערבינדונג אַלס די פּאָר רובלען? אַלזאָ פון
ערנסט קאָן דאָ ניט זיין די רעדע, דאָך דאַרף מען דאָ אויך ניט פער־
געסען, אַז אויך די פונקציאָן איז ניט קיין פאָרשטעלונג זאָנדערן אַ פערשע־
נערונג פון אַ רעליגיאָזען אַקט מען מוז אַ חוב טהון קאָררעקט, און דיענען
אַנשטענדיג דער זאַך. ווען אָבער אַנשטאָט צו משמח זיין חתן וכלה מיט

1) Eduard Hanslik's „Vom musikalisch Schönen 1854". Auch Moderne Musik-ästhetik von Paul Moos II. Th. s. 79. Leipzig 1902.

אַ גערעגענעם שעהנעם פּאָרטראַנ מיט רײנער דיקציאָן פון די װערטעך הײבט גאָר פלוצלונג דער חזן אָן צו דרײדלען צו פלוידערען „יצוה צור חסדו" שטײגער און װײזען פליטערלאַך פון שטומע גימנאַסטיק, דאַן האָט ער פערגעסען זײַן ראָלע און איז אַרײַנגעפאַלען גאַנץ און גאָר אין פאָר־שטעלונג, אין טעאַטער, װאו ער פערפאָלגט גאַנץ אַנ'אנדער צװעק אַלס קאָנצערטאַנט בעװאונדערט צו װערען. ער איז ניט מעהר קײַן טרעגער פון דער רעליגיאָזע קונסט זאָנדערען עהנליך צום אָרדינערען לץ, צום ברחן. און װאָס פאַר אײַן שלעכטען צײַגניס שטעלט זיך יעדער זינגער אויס װען ער בעװײַזט, אַז ער איז ניט אומשטאַנד צו ריהרען זײַנע צוהע־רער אײַנפאַך און גלאַט! און איך זאָג אײַך, מײַנע קאָלעגען, אַז נאָר דאָס אײַנפאַכע איז די העכסטע שטופע פון אַלע קונסטען.

דאָך זענען די הכנסות כלה קאָנצערטען ניט אַזוי װידריג װי די הלות מתים פאָרשטעלונגען אין די גאַסען. אַ מקונן אָדער אַ מקוננת האָבען בשום אופן ניט געקענט זײַן מאָראַלישׁ זעהר הויך. שטעלט זיך פאָר אַ פרױ, װעלכע איז בעשעפטיגט מיט דער הויז אַרבײַט זי באַקט אויס חלה אויף, שבת, אָדער זי איז אויף אַ ברית אָדער חתונה בײַ אַ פרײַנד, בײַ אַ קרוב, בײַ אַ קינד, און געפינט זיך אין דער לוסטיגסטער שטימונג, פלוצלונג קומט דער שמש זי לאַדען אויף הלוית המת. עס איז געשטאָרבען אײַנער אָדער אײַנע, װעלכע זענען איהר אַבסאָליוט געװען אומבעקאַנט, מיט װעלכע זי האָט אויף איהר גאַנץ לעבען ניט געהאַט צו טהון זי מוז זיך שנעל איבערקלײדען אין אײַן מינוט און לויפען אַהין, זיך פאַרקרי־מען, מאַכען פּיסקעס און אָנפאַנגען ניט מיט איהר קול אַ יאָמער, אַ געשרײַ אַ געװײן, אַ געחליפּ: „װי לאזלא, װו לחבילא" און נאָך. קײַן געדאַנק, קײַן געפיהל אויסער די פאָר גראָשען פערבינדט זי דאָ ניט צו דער גאַנצער טראַגעדיע. עס איז אײַנפאַך אַ טרויער־מאַרש אויף בעשטעלונג פאַר געלד, און די מקוננת פיהלט קײַנמאָל אין איהר האַרצען דאָס, װאָס זי פלוישט מיט איהר מויל. אַלזאָ איז דען דאָס מעהר פון אַ פאַלשער פאָרשטעלונג?! איז דאָס דען ניט קײַן אײַנפאַכער ליגען?!

און װען מיר שטעהען נעבען דער שוהל אין מיטען דער גאַס מיט אונ־זערע קינסטלערישע אל מלא רחמים'ס, זענען מיר דען העכער פון די אַלטע מקוננות?! זענען מיר ניט מעהר לעכערליך אײדער טראַגיש, װען

מיר איבערקינסטלען די טראַגעדיע אַזוי מיאוס, ביז צו אַ פּאַראָדיע?!...

## XIX.

## די שוהל.

די יודישע שוהל איז שטענדיגע געוועזען—און איז עס נאָך ביז איצט— אַ באַראָמעטער פון דער יודישער זיטליכקייט און קולטור. אין דער עפּאָכע פון דער טיעפסטער רעליגיאָן און העכסטען בילדונג האָט די שוהל גע־ בליהט; אין דער צייט פון פוילנים אָבער, ווען די יודען זענען געוועזען ענט־ וועדער ניט געבילדעט אָדער ניט רעליגיאָז, דאָ פאַלט די שוהל מיט זיי. ווי ריכטיג דער בעריהמטער יודישער פאָרשער ר׳ יצחק בער לעווינזאָן טיילט דאָס יודענטהום אין דריי פאַרטייען, בשעת ער זאָגט:

„שלש מפלגות ביהודים:
חסידים, זדים ומשכילים.
המשכיל על דבר יחקור את העבר:
החסיד ידרוש את העתיד;
וזד מה יאבה?—רק את ההוה״.

אַזוי לאַנג ווי דער גרעסטער טייל פון יודען געפינט זיך צווישען די צוויי פאַרטייען, פרומע און אויף געקלערטע וואָס קעמפפען צווישען זיך איבער דיא פרינציפּען פון יודענטהום, ברענגען זיי לעבען אין יודענטהום און די שוהל בליהט און מאַכט זעליג יעדער פאַרטיי נאָך איהר וואונש. קומט אָבער אַ צייט ווען די מעהרהייט פון יודען בעשטעהט אויס זדים, אויס דער פאַרטיי וואָס וויל ניט וויסען פון דער פערגאַנגענהייט און נאָך ווייניגער פון דער צוקונפט, דאַן האָט די שוהל ניט מעהר וואָס ציטהון, איהר מי־ ססיאָן איז צו ענדע.

די יודישע שוהל טראָגט זעלטען אויף זיך דעם נאָמען „בית ד׳״ אָדער „מקדש ד׳״, ווי עס האָט אַ מאָל געטראָגען דער משכן אָדער דער בית־המקדש אין ירושלים, זאָנדערען זי האָט צוויי נעמען: ענטוועדער „בית המדרש״ אָדער „בית הכנסת״ (פון דיעזע 2 נעמען וועלען מיר שפּעטער נאָך אויס־ פיהרליכער רעדען), דאָס הייסט איין הויז פון פאָרשונג, איינע אַרט אַקאַדע־ מיע פיר די געלעהרטען פונ׳ם יודענטהום, און איין הויז פאַר פאָלקס־פער־ זאַמלונגען פאַר׳ן געוועהנליכען פאָלק. ווי נאָהענט עס שטעהען די נעמען

צום נאָמען פון דער קוואָקער־קירכע אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, וועלכע איז בעטיטעלט מיט דעם נאָמען „Hause of friends“—„הויז פון פריינדע“. אַלזאָ, דאָס יודענטהום אַליין האָט קיינמאָל ניט ערקלערט די שוהל, אַן און פיר זיך, אַלס איינציגעס היילינגטום, ווייל: „בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך“, נאָר אַלס ראַהמע צום בילד צום הייליגען און וויסענשאַפט־ליבען יודישען גייסט, וועלכער זאָל דארין הערשען, דער גייסט פון ביידע פּאַרטייען, פון גלויבען און פאָרשען, פון דער תורה און עבודה, אָדער תפלה. די דאָפּעלע מיסיאָן האָט די שוהל ערפילט זייט דער צווייטער טעמפּעל האָט אָנגעפאַנגען צו שוואַנקען אונטער דער לאַסט פון די פּער־סישע דעספּאָטען און נאַכהער אונטער רוימישען סאַטראַפּען, ווי אונטער די פרעמדע עלעמענטען, וועלכע די יודישע זדים, גריעכלינגע און רוימלינ־גע, האָבען געווינשט אַריינצובריינגען אים יודענטהום, און דורך דעם האָט מען געקענט דען אונטערגאַנג פון גרויסען טעמפּעל מיט דער יודישער זעלבסטשטענדיגקייט פּאָראויס זעהען. דיעזער דאָפּעלער גייסט האָט גע־הערשט שוין אין די ערשטע שולען—אָדער פראָווינצען, ווי מען האָט זיי דאַמאָלס אויף גריעכיש גערופען—אין ירושלים, און מיט אָט דעם גייסט האָט די שוהל געמאַכט איהרע וועלט־וואָנדעראונגען נאָך יבנה אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט נאָך דער נייער רעכענונג, אין אַלע עקען פון דער וועלט ביז איצט. אין דיעזער דאָפּעלער שוהל איז געשמידעט געוואָ־רען די יודישע טהעאָלאָגיע, וויסענשאַפט, ליטעראַטור, דער ענציקלאָפּע־דישער תלמוד, די גרויסע עטהיק פון די יודען, די ליטורגיע און אויך די שוהל־פּאָעזיע און דאָס ביסעל קונסט פון דער טראַדיציאָנעלער מוזיק. וואָס מיר רופען עס נוסח, „שטייגער“ און אין דער מאָדערנע שפּראַכע—„אַלטע וויַיזע“, אויף וועלכער מאַן האָט איצט שוין אויף געבויעט איינע זייער בע־דייטענדע נייע וויַיזע, און דאָס לעצטע וואָרט פון יודישער מוזיק האָט נאָך די שוהל ניט געזאָגט.

אין דער צוויי־טויזענד־יאָהריגען וואַנדערשאַפט, וואוהין די יודען זענען געקומען, איז די שוהל שטענדיג דאָס ערשטע געמיינדע־הויז געוועזען וואָס זיי האָבען געגרינדעט און דאָס לעצטע הויז פון יועלכען זיי האָבען גענומען אַבשיעד. עס איז שוין איין היסטאָרישער פאַקט, דאָס וואָהין 10 דייטשען קאָמען צוזאַמען גרינדען זיי צוערשט איין ביערהאַלע מיט איינעם שטאָס

טיש ; וואָהין 10 ענגלענדער קומען צוזאַמען גרינדען זיי זיך צוערשט ספּאָרט-קלובּ מיט טעניסשפּיעלען ; וואוהין 10 פראַנצויזען קומען ציזאַמ- מען, גרינדען זיי זיך איין טעאַטער וואַריעטע מיט אַ קאַפּעשאַנטאָן ; וואוהין, 10 אַמעריקאַנער קומען צוזאַמען, גרינדען זיי זיך צוערשט איינע שיס-האַלע ; וואוהין 10 רוסען קומען ציזאַמען גרינדין זיי זיך אַ טראַקטיר ; וואוהין, 10 יודען קומען צוזאַמען, גרינדען זיי זיך בּאַלד איין מנין, דאָס הייסט איינע פּראָוויזאָרישע שוהל. ווען פיליפּ דער שעהנער האָט אין 3 טעג אַרוים גע- טריבּען אַלע יודען פון פראַנקרייך האָבּען זיי בּיי דער ערשטער סטאַנציע געמאַכּט אַ מנין און געדאַווינט. דאָס זעלבּע האָבּען זיי געמאַכט בּיי אַלע זייערע אויסוואַנדערונגען. זיי האָבּען זייער פּראָוויזאָרישע שוהל מיט- גענומען אויף אַלע וואַנדערונגען. זייערע רייכטימער האָבּען זיי געמוזט פערלאָזען, זייערע פּאַלאַצען האָבּען זיי פערשענקט אומזיסט אָדער פאַר קליינגעלד פערקויפט, זייערע אַלע יודישע הומאַניטערע אַנשטאַל- טען האָבּען זיי איבּעראַל איבּערגעלאָזט, נאָר די שוהל מיט איהר ליטורגיע, מיט איהרע מעלאָדיען זענען געווען די איינציגע גייסטיגע מטלטלין וואָס זיי האָבּען מיט געגומען מיט זיך איבּעראַל. בּיי יעדער צרה און גזרה וואָס דאָס פאָלק האָט געליטען אין זיין דיאַספּאַראַ (גלות) איז די שוהל געווען דער זאַמעלפּלאַץ פיר ראַט, פיר האָפנונגען, פיר געבּעט און שטאַרקונג. בּיי יעדער ערלעזונג פון אַ צרה, פון אַ גזרה און פון אַ מלחמה איז די סינאַגאָגע געווען דער זאַמעלפלאַץ פיר לויבּ, פיר דאַנק-ליעדער און געזאַנג. אין דעם גלאַנץ-פעריאָד פון בּילדונג אין שפּאַניען זענען געווען אַ זעלכע מענער, גבּאים, פרנסים, ווי רבי חסדאי אבן שפּריט, וועלכער וואַר מיניסטער בּיים כליף Aвder Ramon און—גבּאי אין דער גרויסער שוהל אין קאָרדאָבע; אָדער ר׳ שמואל הנגיד, מיניסטער אין גראַנאַדאַ און—פּאָרשטעהער פון דער סינאַגאָגע, און האָט יעדען שבת נאָך געהאַלטען אין דער שוהל אַ געלעהרטען פּאָרטראַג- אָדער דער בּעריהמטער פילאָזאָף מיימאָנידעס, רמב״ם איז געווען פּאָרשטעהער פון דער סינאַגאָגע אין פּאַסטאַט אין עגיפּטען ; אָדער דער בּעריהמטער געלעהרטער, ר׳ יצחק אַבּרבּנל איז געווען מיניסטער אין שפּאַניען אין פּאָרטיגאַל און פּאָרשטעהער פון דער יודישער שוהל, מיט איין וואָרט

דיא רייכסטע מענער פון יענער צייט זענען געשטאַנען אָן דער לייטונג פון דער יודישער געמיינדע אין דער שוהל. אין דער צייט פון די קרייץ

ציִגעֶן, פעֶטמיִלך, פפעֶפעֶרקאָרעֶן חמעֶלניִצקיִא, גאָנטעֶ און נאָך אַזעֶלכעֶ אומגליִקעֶן האָבּעֶן זיִך די יודעֶן איִן דעֶר שוהל ווי איֵין מעֶנש פעֶרזאַמעֶלט און אויסגעהרגעֶט איֵינעֶר דעֶם צווייֵטעֶן. איִן די לעֶצטעֶ יאַהרהונדעֶרטעֶן זיֵיט דעֶר געֶגעֶן בּעֶוועֶגונג פיִר רעֶליִגיאָן און בּיִלדונג פון דעֶם בּעל־שם, דעֶם ווילנעֶר גאון, און משה מעֶנדעֶלסאָהן האַט די שוהל אויפגעֶבּליִעֶהט צוליעֶב דעֶם קאַמפף; דאָס האָבּעֶן נאָר געֶבּראַכט די שטרעֶנג רעֶליִגיִאֶזעֶ אונ הויך געֶבּיִלדעֶטעֶ, די זדים זעֶנעֶן געֶוועֶן איִן דעֶר מיִנדעֶרהייֵט און זעֶנעֶן צוריִק געֶבּליִעֶבּעֶן. וואָס פאַר אַ פאָרשטייֵהעֶרס זעֶנעֶן זייֵט דאַמאָלס אויף געֶשטאַנעֶן איִן אַאָראָפּיעֶ און וואָס פאַר אַ טהעֶטיִגקייֵט זייֵ האָבּעֶן עֶנט־וויִקעֶלט איִן לעֶבּעֶן פון דעֶר שוהל! איֵין יעקבסאָהן איִן סעֶזעֶן, איֵין מאַיֵיעֶרבּעֶר איִן בּרליִן, איֵין גבריִאל ריִסעֶר איִן האַמבּורג, און אויך איִן אונזעֶר צייֵט איֵין מאָריִץ וואַהריִמאַן איִן בּודאַפּעֶסט, איֵין דאָקטאָר קוראַנראָ בּאַראָן קעֶניִגסוואָרטעֶר איִן וויעֶן, איֵין שמואל מאַנטאַגוּ איִן לאָנדאָן איֵין ראָטשיִלד איִן פאַריִז ובדומה; דאָס זעֶנעֶן די פאָרשטעֶהעֶר פון דעֶר מאָדעֶרנעֶר שוהל איִן איֵיראָפּאַ. אזוי איִז אויך געֶוועֶזעֶן איִן רוססלאַנד איִן די זעֶכציִגעֶר יאָהרעֶן פון דעֶם 19־טעֶן יאָהרהונדעֶרט, איִן דעֶר עֶפּאָכעֶ פון דעֶם רוססיִש־יודיִשעֶן גלאַנץ פּעֶריִאָד, ווען קלויזעֶן און בּתי־מדרשים פון איֵין זייֵט און שוהלעֶן און קאָר־שוהלעֶן פון דעֶר אַנדעֶר זייֵט האָבּעֶן געֶקעֶמפּפט מיִט איֵינאַנדעֶר, עֶס איִז איִבּעֶראַל געֶוועֶזעֶן לעֶבּעֶן, דאָרט זעֶנעֶן געֶשטאַנעֶן די בּעֶסטעֶ פון די אָרטאָדאָקסיִשעֶ עֶלעֶמעֶנטעֶן אָן דעֶר שפּיִץ, און דאָ די בּעֶסטעֶ פון דעֶר בּיִלדונג אָן דעֶר שפּיִץ, פיִר די זדים איִז דאָרטעֶן ניִט געֶוועֶזעֶן קייֵן פּלאַץ. אויך זעֶנעֶן זייֵ געֶוועֶזעֶן וויִנציִג און זעֶנעֶן בּטל געֶוואָרעֶן בּסמך ווי שוידעֶרהפט עֶס שטעֶהט בּייֵ הייֵנטיִגעֶן טאָג מיִט דעֶר אַלגעֶמייֵנעֶר שוהל איִן אַלעֶ איִהרעֶ פאָרמעֶן, קלויז, בּית־מדרש, שטאָדטשוהל, קאָרשוהל! די האַלבּ ציוויִליִזיִרטעֶ זדים זעֶנעֶן איצט איִן דעֶר מעֶהרצאָהל, זייֵ זוכעֶן ניִט קייֵן רעֶליִגיִאָן און אויך קייֵן יודיִשעֶ פאָרשונג, זייֵ וואַנדעֶרעֶן איִן לעֶבּעֶן אָהנעֶ פּריִנציִפּיעֶן זייֵ פעֶראַכטעֶן דעֶם קולטור־קאַמפּף מיִט זייֵן נצחון, און האָבּעֶן פעֶרבּיִטעֶן דעֶם שלחן ערוך אויף דעֶם שלחן ירוק, זייֵ גלויבּעֶן ניִט איִן יהו״ה און איִן זייֵנעֶ מלאכים זאָנדעֶרעֶן איִן מאַמאָן מיִט די מלאכים פון די קאָרטעֶן, זייֵ וואָלעֶן ניִט אויף זייֵן איִן די בּתי־מדרש״ם און לעֶרנעֶן פּרקים איִן ש״ם ופוסקים זאָנדעֶרן אויס דעֶם פּרק טרף בּקלפי

גאַנצע טײג און גאַנצע נעכט אין די קלובען, זײ זענען אָבעזיאַנעס, אַפּען, מאַכען נאָך די שלעכטע מדות פון אַנדערע פעלקער און די גוטע מדות ווילען זײ ניט וויסען. די טאַטעס שײמען זיך יעצט צו בעזוכען די שוהלען, איך די קאָרשוהלען אײן שטונדע אין דער וואָך משום: למה יאמרו הגוים וואָס וועלען זאָגען זײערע אײגענע קינדער די גוים!... און די קינדער שעמען זיך גאָר ניט פאַר זײערע טאַטעס צו פערברײנגען טאָג און נאַכט אין קאַפּעשאַנטאַנס אין די קלובען בײ די גרינע טישען וואו זײ פערשווענדען דאָס געלד וועלכע זײערע טאַטעס האָבען מיט אַזױפיעל מיהע צוזאַמענגענומען, דאָס געלד פיר וועלכעס דיא אָרימע יודען בעצאָהלען מיט זײער לעבען אויף די פאָגראָמען... און אײן עכטער אינדיפערענטיזמוס האָט די גאַנצע אידישע אינטעליגענץ בעפאַנגען, זײ ווילען ניט קעמפפען, זײ האָבען ניט פאַר וואָס צו קעמפפען, און ווילען ניט זיעגען, זײ ווילען ניט שטײעהן אָן דער שפיץ פון די געמײנדען, דאַרום מוז מען אין פיעלע טעמפלען וואַהלען אַזעלכע גבאים פון וועלכע מיר האָבען געהערט. און די ערשטע 2 בענק זענען לער אין אַלע רוססישע טעמפלען, דער פני המזרח איז א צט פינסטער, די אינטעליגענץ גלאָנצט אין איהר אַביזעוועגהייט, און געהען געהט נור די מאַסע, און ווי לאָזט די מאַסע אַ סך צו ווינשען אין איהרעם סינאַגאָגעלען בענעהמען.

אין זײַנע ווערק „Modernes Judenttum im morgen—und Abendland" Wien 1907 זאָגט דער מחבר Jakob Obermeyer זײַטע 10: „דער ספרדי בעטרעט דאָס גאָטעס הויז ווי ער וואָלט עטוואָס בעטרעטען דען פּאַלאַסט פון פירסט, און זײַן האַלטונג אים געבעט פאַר זײַנעם גאָט פאַסט זיך גענוי צו דער האַלטונג אײנעס בעטענדען אינטערטאַנען פאַר דעם טראָן פון זײַן קעניג. הונדערטער פון אַנדעכטיגען פערזאַמלען זיך אין בעטהויז און קײַן מינדעסטע געראויש ווײַזט ניט אויף זײער אַנוועזענהײַט נאָך דער פאָרבעטער, אײַן ווירדיגער, געוואָהנליך עלטערער מאַן, לאָזט זײַנע העללע, קלאָרע שטימע הערען, אום דען טאַקט צום געמײנשאַפטליכע געבעט אָנצוגעבען. זײַנע אַנגענעהמע, פליסענדע, אוים דעם הערצען קיועללענדע, דעם גײסט דער העבראַישען געבעטע ענטשפּרעכענדע פאָרטראַגס ווײַזע פאָרדערט די אַנדאַכט דער בעטענדען שאַאר.

דער אשכנזי דאַגעגען בעטריט דאָס גאָטעס הויז, ווי ער וואָלט פון זײַן

אַרבײַטשטעטע אַוועק אין קאַפּעהויז ער קוקט נאָך רעכטס, נאָך לינקס צו ערשפּייִהען אַ בעקאַנטען און צו צווינקען איהם גריסען; ער האַלט די הענד אויף דעם ריקען אָדער האַלט די פינגער אין די אַרעם עפנונג פון דער וועסט. געקומען אויף זײַן פּלאַץ זעצט ער זיך און פערלייגט די פיס אײַנע אויף די אַנדערע, און נאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גענוג הערומגעקוקט, שפּאַרט ער אָן דעם קאָפּ אויף בײדע אַרמע און קוקט אין בוך, וואָס ליגט פאַר איהם.

ווי קומט אָבער דער רוסישער יוד אין זײַן שוהל? און וואָס זוכט ער אין איהר איבערהויפּט?—ער קומט אין דער שוהל נאָכצוזוכען נאָך פערגניגען, נאָך הערשאַפט און נאָך כבוד; דאָס ערשטע—פערלאַנגט ער פון דעם חזן, וועלכער דאַרף איהם אַמוזירען; דאָס צווייטע איבט ער אויס אויף דעם שמש, און דאָס דריטע פערלאַנגט ער פון דעם פאָרשטאַנד. וועה איז צו דעם חזן, ווען ער אַמוזירט איהם ניט נאָך זײַן געשמאַק; וועה איז צו דעם שמש, ווען ער געהאָרכט איהם ניט זײַנע פערלאַנגען; און אויך דעם פאָרשטאַנד איז ניטאָ וואָס צו מקנא־זײַן, ווען ער האָט איהם ניט בעעהרט מיט דעם שוהל־כבוד, וועלכען ער האָט ערוואַרט. וויפיעל מחלוקת׳ן, קריגערייען האָבען זיך שוין געמאַכט אין די רוסישע שוהלען איבער די עליות, הקפות, חתן תורה און חתן בראשית? וויפיעל מחלוקת׳ן האָבען אויסגעבראָכען אין די רוסישע סינאַגאָגען דורך די הייליגקייט פון געשטאָפּטע „לוח־למדנים״, פון די שלחן־ערוך סישציקעס איבער „אב הרחמים״, איבער דעם „שיר המעלות״ אין די עשרת ימי תשובה צווישען ישתבח און ברכו, איבער אשרי־ובא לציון, אום הושענא רבה איבער „אבן שתיה״ אָדער „אערוך שועי״, איבער די מאה קולות פון די תקיעות, פון אַזעלכע מענשען, וואָס זענען אין לעבען פריי ווי זמרי בן סלוא, און קומען זיי נאָר אין שוהל אַרײַן—בעפאַלט זיי באַלד אַ פרומער יצר הרע צו שפּיעלען דעם פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן . . . קיין אַנדער פּלאַץ האָבען זיי ניט, און די שוהל מוז איבערטראָגען אַלע זייערע קאַפּריזען!! דער לוח־למדן האָט נאָך אַ מאָהל אַ רייכען בייטעל און וויל שפּיעלען אַ שוהל־„ספּאָרט״ דורך זײַן טיעפען וויסען אין נענועים און הושענות...

## אינטעליגענץ אין דער שוהל.

קיין קירכע אין דער וועלט איז ניט אַזוי פיעל שולדיג איהר גע־וועהנליכען פּובליקום ווי די יודישע שוהל דעם יודישען המון־עם; קיינע

אַנדערע קירכען־מוזיק איז ניט אַזאַ נרויסער בעל־חוב דעם קליינעם פּע־בעל. ווי די מוזיק פון אונזער שוהל. שוין מעהר אַלס צוויי טויזענד יאָהר טראָגט אַ אונגליקליכער וואַנדערענדער המון עס אויף זיינע פּלייצעס אַ שוהל מיט אַ עבודת ד׳, וואָס זיינע רבנים, פּיטנים און חזנים האָבען פּאַר איהם געאָרדנעט, און נאָר איהם צו פערדאַנקען עקזיסטירט די שוהל, נאָר אַ דאַנק איהם איז די סינאַגאָגע אַ רעזערוואואַר פון יודישער קונסט, פּאָעזיע און מוזיק.

ווי אונזערע רבנים האָבען זיך געהאַלטען פּאַסיוו, זאָגאַר פיינדליך, געגען די סינאַגאָגען, האָבען מיר שוין געשפּראָכען,—אָבער אונזער אינ־טעליגענץ איז איבערהויפּט געווען אין דער געשיכטע פון די יודען שטענדיג נעהענטער צו אַסימילאַציע, און זאָגאַר לייכטער צום גענצליכען איבערגאַנג צו אַנדערע גלויבענס, ווען יעס האָט זי בעפאַלען אַ סכנה; דעם „יהרג ואל יעבור" האָט די יודישע מאַססע שטענדיג מעהר געהאַלטען אַלס די יודישע אינטעליגענץ. דאָס איז געשעהען אין דער עפּאָכע פון דעם העלע־ללניזמוס, ווען אַלע רייכסטע און אינטעליגענטסטע יונגע לייט האָבען זיך העלליניזירט און האָבען „מפיר ברית" אָדער „מרשיע ברית" געווען. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אויך שפּעטער אין דער עפּאָכע פון דער אַראַבי־זאַציאָן, ווען די גאַנצע יודישע אינטעליגענץ האָט זיך אַראַביזירט און אין אַ עת צרה אָנגענומען—חאָטש אפילו לפנים—דעם איסלאַם. דאָס האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט שפּעטער אין דער זעלבע שפּאַניען, נאָר אונטער דער קריסטליכער העגאָמאָניע, ווען די בעסטע יודישע פאַמיליען זענען, גע־צוואונגענע, צום קריסטענטום איבערגעגאַנגען און האָבען געבילדעט גאַנצע־שאַרען פון מאַראַנען (אנוסים); דאָס זעלבע האָט זיך ווידער אַ מאָל איבערגע׳חזר׳ט אין דייטשלאַנד נאָך מענדעלסאָנען אין דער עפּאָכע פון דער גערמאַניזאַציאָן, ווען די פּעריל און בוימעל פון דער בעסטער אינטע־ליגענטסטער יודישער געזעלשאַפט האָט זיך רעפאָרמירט, אַסימילירט און אַם ענדע איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום. דאָס חזר׳ט זיך אויך איצט איבער אין אונזערע פינסטערע צייטען פון דער רעאַקציע אין רוסלאַנד, אַז די אינטעליגענץ איז אַלע טאָג—ביי אַ סכנה אָדער צוליעב אַ קאַריערע—מוכן ומזומן צו פערלאָזען דעם יודענטום. דאָס געוועהנליכע פּאָלק אָבער איז שטענדיג געשטאַנען און שטעהט ווי די אַלפּען, ווי איין אייזען, איהם

איז שוער צו ריהרען פון אָרט, און איז געבליבען קאָנסערוואַטיוו, ער האָט נויטיג אַ שוהל און אַנ׳עבודת אלהים, וועלכע איז ביי אונזער איצטי־גער אינטעליגענץ בלויז אַ נעבענזאַך, ווען ניט גאָר אַ איבעריגע זאַך.

צו דער פערטיידיגונג פון דער אינטעליגענץ קענען מיר זאָגען, אַז איהר יודענטום שטעהט זיי מעהר אין וועג אַלס דעם געוועהנליכען המון עם; אויך האָבען זיך תמיד אַלע פעלקער מעהר אינטערעסירט מיט דעם יודישען שאַרפען גייסט, און דאַרום. האָבען זיי אַלעס געטהון אום די יודישע אינטעליגענץ צו זיך אַריבערצוציהען. אום איהרע פעלקער מיט דעם בלוט צו פערמישען און פעראיידעלען. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אַ פאַקט בלייבט אָבער, אַז די סינאַגאָגע איז תמיד געשטאַנען אויף דעם פאָלק און איהר גאַנצע מוזיק איז ענטשטאַנען פון דעם פאָלק. די חזנים— די ליעבלינגע פון דעם פאָלק—זענען געווען ניט קיין באַח׳ס, מאָצאַרט׳ס, אויך ניט קיין בעטהאָווענ׳ס און הענדעל׳ס, זאָנדערן טאַלאַנטירטע מענשען פונ׳ם פאָלק: זיי האָבען אין זיך איינגעזויגען דאָס פאָלקס־ליעד, דעם פאָלקס־קימער און קלאָג, די פאָלקס־לוסטיגקייט און פרייד, און האָבען עס נאַכהער צוריק געגעבען דעם פאָלק אין שענערע קליידער און אין בעסערע ניואַנסען. נאַטירליך, איז אונז איצט — נאָכדעם ווי דאָס חזנות האָט אַרויפגעשטויגען ביז דער מדרגה פון ווירקליכער מוזיקאַלישער און אַקאַדעמישער קונסט—זעהר לייכט דאָס אַלטע צו קריטיזירען; דאָך אָהן אַזעלכע פאָלקס־מעלאָדיען וואָלטען מיר ניט געהאַט וואָס צו קריטיזירען; וואָלטען מיר גאָר דעם מוט ניט געהאַט צו בעהויפּטען אונזער איינ־טהייל און דער ענטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער מוזיק; וואָלטען אונזערע פיינד אונז אַלע ערקלערט אַלס פאַראַזיטען אין דער קונסט, אַלס פּלאַגיאַ־טען אין דער מוזיק. נור דעם פאָלק צו פערדאַנקען ווענדען גרויסע קריסטליכע מוזיקער אָן אונזערע סינאַגאָגאַלע מעלאָדיען אין זייערע אָפּערען, אָראַטאָריען, ווי בעטהאָווען האָט אָנגעווענדעט אונזער כל נדרי־מעלאָדיע אין דער Cismoll-guartet. Opis 131. Aвsatz 6. Adagio guassi poco. Andante; ווי סאַנ־סאַנס האָט אָנגעווענדעט אונזער מעלאָדיע פון „ונסלח" אין זיין ביבלישער אָפּערע: „שמשון אונד דלילה"; ווי מאַיער־בער—אונזער מעלאָדיע פון „ויכולו השמים" אין דער אָפּערע „הוגענאָ־טען". איך רעד שוין ניט פון אַנטאָן רובינשטיין. וועלכער האָט פשוט

געמישט אַלע שבת'דיגע זמירות פון בערדיטשעווער יודען אין זייַנע אָפּערען און אָראַטאָריען.

אזוי האָבען די קלויזען און בתי מדרשים געהאַט זייערע שעהנע יודען מיט די לומדים און די גבירים, וואָס האָבען זיך געוואָלט רייַבען לעבען זיי, און די סינאַגאָגע האָט געהאַט איהרע אייַנפאַכע פּראָסטע יודען. די אינטעליגענץ האָט זיך שטענדיג געהאַלטען פּאַסיוו, ביז עס איז געקומען די מענדעלסאָנישע עפּאָכע און האָט ערוועקט אַ ביסעל אויך די פער- שלאָפענע אינטעליגענץ, — און עס האָט זיך אין דער סינאַגאָגע אנגעפאַנ- גען צו קאָכען. אַ קלייַנע צייַט נאָך מענדעלסאָנען האָט עס אויסגעזעהן, אַז די אינטעליגענץ איז ערוואַכט, נאַטירליך, פריהער אין אייַראָפּאַ, און נאַכהער ביסלעכווייַז אויך בייַ אונז אין רוסלאַנד.

די עפּאָכע האָט געשאַפען איין טיפּ סינאגאָגע אונטער דעם טיטעל „טעמפּעל" אָדער „קאָהר-שוהל". די קלויזען, בתי-מדרשים און אויך די אַלטע פאָלקס-סינאַגאָגע האָט ניט צופריעדענגעשטעלט דעם עסטעטישען פער- לאַנג פון דער נאָך-מענדעלסאָנישער אינטעלעגענץ; נייַע טעמפּלען זענען אויפגעבויעט געוואָרען און די אינטעלעגענץ האָט גענומען די לייַטונג פון די טעמפּלען אין איהרע הענד. עס איזווירקליך געווען איין ליכט-פונקט אין דער היסטאָריע פון דער סינאַגאָגאַלער ליטורגיע. מענער פון אַלזייַטי- גער בילדונג און קולטור, דורכגעדרונגען מיט דער בעסטער אַבזיכט צו געבען דעם פאָלק איין בעסערע ערציהונג, איין שענערע ליטורגיע האָבען אין יעדער געמיינדע אין רוסלאַנד אויפגעהייבען איין אינערליכען קאַמפּף פאַר געשמאַק און שענהייט, פאַר אייראָפּעאישע קולטור און רעליגיעזער ערטעטיק. זיי האָבען איבעראַל ניט נור געקעמפּפט, נור אויך געזיגט און די בעזיכער פון די קאָהר-שוהלען זענען ביסלעכווייַז געקומען צו דער מדרגה פון די אשכנזים און זייערע טעמפּלען אין אייַראָפּאַ. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. די אוננאָרמאַלע יודישע בילדונג אין גימנאזיום און נאָך מעהר, די אונרעליגיעזע ערציהונג אין דערהיים האָט אַזוי ווייַט געבראַכט, דאָס זייערע אייניקלעך האָבען שוין לאַנג פערביטען די בעסטע קאָהרשוהלען מיט דער שענסטער גאָטעסדיענסט אויף דעם שמוציגען קאַפעשאַנטאַן מיט זייַנע באַקחאַנאַליען און אויסגעלאַסענע אָרגיען. זיי זענען שוין ברוך-השם לאַנג געקומען צו דער פראַגע: „מה העבודה

הזאת לכם?״ די קינדער פון די אַלטע און די טאַטעס פון די יונגע אבער האָבען עס בעדייטענד ערגער: זיי זענען שוין אין זייער דענקען לאַנג אַוועק פון דער שוהל פון זייערע עלטערען און צו זייערע קינדער מיט דעם קאָפּעשאַנטאַן קענען זיי ניט קומען, זיי האָבען זיך אַ ביסעל פערשפּעטיגט. די סינאַגאָגען האָבען זיי אין האַרצען שוין לאַנג פערלאָזען. די סינאַגאָגע אָבער האַלט זיי נאָך צו, און זיי מאַטערען זיך נאָך מיט דער סינאַגאָגע. אין קורצען, זייער לאַגע איז זעהר אַ שווערע. גאָט איז אָבער איין גרויסער פּאָטער און שיקט צו תמיד די רפואה פאַר דער מכה, „ויעש להם בתים״—און ער גיט אַנדערע הייזער, וואָס שטעהען אין מיטענוועג צווישען דער סינאַגאָגע און קאַפּעשאַנטאַן, אַזוי אַז מען קען דאָרט האַלב און האַלב אַנגענעהם די צייט צו טוידטען. דיזע ערשיינונג בעמערקען מיר יעצט אין אַלע גרעסערע טעמפּלען אין וואַרשוי, פּעטערסבורג, לאָדז, ווילנע, קיעוו, חערסאָן, ניקאָלאַיעוו, אַדעס, וכדומה, וויא מעהר אָדער וועניגער געשולטע קאַנטאָרען מיט גוט אָרגאַניזירטע קאָהרען שטעהען אויף די אַלטאַרען און לייסטען איין אַנשטענדיגע ליטורגיע, און ברענגען שעהנע קאָמפּאָזיציאָנען צור אויספיהרונג, און די טעמפּלען זענען אויך ווירקליך פול געפּאַקט פון די בעזוכער, אַזוי ווי הערינג אין אַ פּאַס, און צווישען זיי זענען דאָ פיעל קריסטען, בעאַמטע פון דער אַרמעע און פלאָט, וועלכע הערען מיט דער גרעסטער ענטציקונג און אויך זעהען ווי איין יודישעס פּובליקום בענעהמט זיך אין איין טעמפּעל. עס איז ווירקליך דער קידוש השם פון וועלכען איך רעד, צו וועלכען אַלע אונזערע אַנשטענדיגע קאַנטאָרען מוזען ציעלען. און דערנאָך זענען די ערשטע 2 אָדער 3 בענק לעער, אָהן מיטגליעדער: דאָס זענען די פלעצער פון דער יעצטיגער יודישער אינטעליגענץ, די קינדער פון די מענער, וואָס האָבען די קאָהר־שוהל געגרינדעט, וועלכע קומען אין דער סינאַגאָגע 2 אָדער 3 מאָל אין יאָהר צו הזכרת נשמות און אַ מאָל אויך צו נעילה! דאָס זאָגענאַנטע ביסעל פּיעטעט פאַר די עלטערען, וואָס זענען אינ׳ם יודענטהום אין אַלגעמיין און אין דער ליטורגיע בעזאָנדערס אויפגענעמען געוואָרען ערשט אין די לעצטע יאָרהונדערטען, לאָקט נאָך די אינטעליגענץ אין די סינאַגאָגע, די אַלגעמיינע אידעע פון עבודה ניט מעהר, מיט אַנדערע ווערטער: מענשענדיענסט שטעהט העכער ווי גאָטעסדיענסט!

גלײַך אָבער נאָך די הזכרת נשמות װערען די אײַבערשטע בענק װידער אַמאָל לעער פון דער אינטעליגענץ ביז דעם נעכסטעם מענשענדיענסט, ד. ה. ביז די נעכסטע הזכרת נשמות פון אַ צװײַטען יום טוב. אין אײנעם פון די אַדרעססער טעמפלען אַם שמיני עצרת, װען דער טעמפעל איז געװען געפּאַקט ביז נאָך „יזכור״ און נאָך דער לעצטער הזכרה איז די אינטעליגענץ פון די ערשטע בענקלאַך שענדליך אַװעקגעלאָפען, אויסער צװײ, װעלכע זענען נאָך איבערגעבליבען, פאַנגט אָן אײנער פון די בײדע שוין זײַן טלית אַרונטערצונעמען און מאַכען פליטה. דאָס איז געװען אײַן איינגעקומענער נגיד און האָט געגלויבט, אַז בלײַבען ביז נאָך קדושה װעט זײַן זעהר אונמאַנערליך, אונאַריסטאָקראַטיש, דאָס הײסט בלײַבען אױסער דער געזעלשאַפט װי אײַן בטלן. דער שכן זײַנער איז אָבער געװען אײַן געשיקטער מאַן און האָט גלײַך בעמערקט די פּסיכישע מלחמה פון דעם ערשטען, דאָ װענדעט ער זיך צום ערשטען מיט פאָלגענדע װערטער: „הערטען זי, מײַן הער N, װען זי איך פאַרטלויפען, זאָ טוה איך מיך אױס ביז דעם העמד אונד לעגע מיך גלײַך שלאָפען אויף דער ערשטען באַנק״! — די װערטער האָבען געװירקט אין דער אינטעליגענט נומער 1 איז נעבן נעבליבען דאָס מאָל ביז נאָך „אנעים זמירות״, זײַן שכן האָט איהם ניט אָבגעלאָזט. דער עפּיזאָד איז בעלעהרענד אין דעם כאַראַקטער פון דער אינטעליגענץ!

װיאו זענען די פּני המזרח דעם גאַנצען יאָהר? — דאָס איז די פראַגע, װעלכע קען גאַנץ לײַכט פערענטפערט װערען: זײ זענען אין די קאָנטאָרען, אין דער בערזע, אין קלוב, קאַפּעהויז, אין טעאַטער, אין דערהײם, אין גאַס, — נור ניט אין דער סינאַגאָגע. — װאַרום? — װײַל עס איז יעצט ניט אין דער מאָדע, ניט דער גוטער טאָן, עפּיס אין מיטען דרינען בעזובען די סינאַגאָגע, דאָס איז זאָגאַר שענדליך צום געשעפט, װײַל עס װאַרפט אַ פערדאַכט, דאָס מען האָט ניט מעהר צו טוהן אין געשעפט און מען געהט אין שוהל אַרײַן, פונקט פערקעהרט פון דעם קריסטליכען בעגריף איבער דער קירכע. דער װעלבער בעגריף האָט עקזיסטירט מיט 50 יאָהר צוריק, װען תורה איז נאָך געװען אין דער מאָדע, און װען אַ יוד אַ סוחר איז פּלוצלונג געקומען אין בית המדרש און גענומען אַ ספר צום לערנען, האָבען איהם די בטלנים שוין קריטיקירט, און געזאָגט: „ע־הע! הסירו מהסרי—

והכי קתני׳—.עֶר האָט שוין אַ פּנים פערלוירעֶן דאָס געֶלט—קומט עֶר שוין לעֶרנעֶן״. דעֶר זועֶלבּעֶר בּעֶגריִעף איִז יעֶצט אָנגעֶנומעֶן, איִן דעֶר עֶפּאָכעֶ, ווען דאָס יודעֶנטום קאָנצעֶנטריִרט זיִך מעֶה״ר איִן דעֶר עבודה. ווען אייִנעֶר קומט שוין צו אָפּט איִן טעֶמפּעֶל, איִז עֶר שוין וואַהרשייִנליִך קרעֶדיִט־אונפעֶהיִג. זאָ לאַנג אַ סיִנאַגאָגעֶ וואַר נויטיִג איִן יודעֶנטום האָט מעֶן געֶזוכט זיִ צו רעֶפאָרמיִרעֶן, נייַעֶ אָרדנונגעֶן, נייַעֶ טעֶמפּלעֶן מיִט אַלטאַרעֶן, שעֶהנעֶ זיִנגעֶר פאַר חזנים, שעֶהנעֶ חאָריִסטעֶן, שעֶהנעֶ געֶזאַנגעֶ, שעֶהנעֶ פּרעֶדיִגטעֶן, און איִן אויסלאַנד איִז נאָך דאָס אויך ניִט געֶנוג געֶוועֶן, האָט מעֶן אייַנגעֶריִכטעֶט שעֶהנעֶ אָרגעֶלעֶן מיִט אָרגאַניִסטעֶן און איִן אַלעֶ נייַעֶ טעֶמפּלעֶן, וועֶלכעֶ עֶס וועֶרעֶן איִן אייַראָפּאַ און אַמעֶריִקאַ יעֶצט אויסגעֶבּויט, קעֶמפּפט מעֶן פיִר אָרגעֶלעֶן. דאָס אַלעֶס איִבּעֶרצייַגט, אַז דיִ דאָרטיִגעֶ איִנטעֶליִגעֶנץ האָט נאָך נויטיִג טעֶמפּלעֶן, אָבּעֶר איִן רוסלאַנד, דאַנקעֶן גאָט, וועֶרט איִן עֶרגעֶץ ניִט געֶקעֶמפּפט, ווייַל דאָס געֶוועֶהנליִכעֶ פּובּליִקום איִז צופריִעדעֶן מיִט דעֶר סיִנאַגאָגעֶ אַזוי ווי זיִ איִז פאַרהאַן, „כלה כמות שהיא״, און דיִ איִנטעֶליִגעֶנץ האָט—איִן העֶרצעֶן—מיִט דעֶר סיִנאַגאָגעֶ לאַנג אָבּגעֶשניִטעֶן, זיִ קעֶן זייַן „כלה נאה וחסודה״, וויִלעֶן זייֵ זיִ ניִט אָנקוקעֶן. דאָרט געֶהט דיִ איִנטיִלעֶגעֶנץ איִמעֶר פאָראויס פאַרן המון אום דעֶם המון־עֶס מעֶהר צו קולטיִוויִרעֶן, דאָ פעֶרשטעֶקט זיִך דיִ איִנטעֶליִגעֶנץ איִן אַ וויִנקעֶל און לאָזט דעֶם המון עֶס טוהן איִן דעֶר סיִנאַגאָגעֶ וואָס עֶר וויִל. דעֶרום האָבּעֶן מיִר אַזאַ רעֶאַקציִעֶ איִן דעֶם גאָטעֶסדיִענסט, אַזאַ עֶנטאַרטונג איִן דעֶר עֶסטעֶטיִק פון דעֶר ליִטורגיִעֶ. דעֶר בּעֶריִהמטעֶר יודיִש־דייַטשעֶר פּאָעֶט הייִנריִך הייִנעֶ האָט שוין לאַנג געֶזאָגט: „דאָס דאַס יודעֶנטום קייַנעֶ רעֶליִגיאָן, זאָנדעֶרן אייַן אונגליִק איִזט״. דעֶר געֶוועֶהנליִכעֶר המון עֶס ווייִסט עֶס, פיִהלט עֶס און לייֵדעֶט; עֶר האָט אַ רעֶליִגיאָן און דאַדורך איִז דאָס אונגליִק קלעֶנעֶר און עֶר קעֶן דעֶריִבּעֶר לייַדעֶן.

דיִ איִנטעֶליִגעֶנץ אָבּעֶר וואָס ווייִניִגעֶר זיִ האַלט דאָס יודעֶנטום אַלס רעֶליִגיאָן, דעֶסטאָ מעֶהר איִז דאָס ודעֶנטום פאַר זייֵ אַ גרעֶסעֶרעֶר אונגליִק, ווייַל זייֵ ווייִסעֶן וויִרקליִך ניִט פאַר וואָס זייֵ לייַדעֶן. אייַן יודעֶנטום אָהן תורה, אָהן עבודה איִז קייַן יודעֶנטום ניִט. נור פיִלייַכט גלויבּעֶן זייֵ, אַז גמילות חסדים איִז אייַן גרעֶסעֶרעֶר האָריִזאָנט פיִר הומאַניִטעֶט אַלס דיִ בּייֵדעֶ עֶרשטעֶ, אָדעֶר נאָך העֶכעֶר, ווי אַ דייַטשעֶר פיִלאָזאָף האָט געֶזאָגט:

„איך געהערע קיינער רעליגיאָן, אויס רעליגיאָן". דאַן בענעהען זיי ווירקליך אַ זינד ניט נאָר געגען זייער פּערזאָן, זאָנדערן אויך געגען דער אַלגעמיינער לאָגיק: צו וואָס לוינט זיי צו ליידען פאַר אַ אידעאַל, וואָס עקזיסטירט גאָר ניט? איינינע קלאָגמוטערס, דאָס הייסט מאָדערנע פרעדיגער האָבען ערקלערט אין זייערע רעדען נאָך אַזעלכע פערשטאָרבענע יודען, וואָס האָבען אין זייער לעבען קיין מאָל ניט בעזוכט אַ סינאַגאָגע, דאָס דער גרויסער פערשטאָרבענער האָט גאָר ניט נויטיג געהאַט צו בעזוכען אַ סי־נאַגאָגע, ווייל ער האָט זי ביי זיך אין האַרצען געטראָגען. דאָס איז זעהר אַ שעהנע האָמילעטישע ווענדונג אום צו געווינען די צופרידענהייט פון דעם פערשטאָרבענעמס פאַמיליע. אַזוי האָבען אַלע גריעכליגען אין דער העלינסטישען פעריאָד, צוריק מיט 1900 יאָהר, די גאַנצע תורה אַלעגאָריש אויפגעפאַסט, זיי האָבען די גאַנצע יודישע לעהרע אין האַרצען געטראָגען, ביז דאָס האַרץ האָט געפּלאַצט און זיי האָבען זיך בעקערט צום קריסטענ־טהום. אַלע הערצער זענען גענוג גרויס אום גמילות חסדים אין זיי צו טראָגען, אָבער קיין האַרץ איז ניט געגוג גרויס אום די תורה און עבודה אין זיך צו האַלטען אָהן די תורה צו לערנען און אָהן די עבודה צו בע־זוכען. און ווען איך זעה די מאָדערנע יוגענד פון דער אינטעליגענץ מיט זייערע שמאָלע הערצער פיר גמילות חסדים, דענק איך שטענדיג דאַריין: וועט אַ מאָהל זייער קלאָגמוטער האָבען דעם מוט צוזאָגען. דאָס אַזעלכע איינגהערציגע האָבען געטראָגען די סינאַגאָגע אין זייער האַרצען?! און זייערע פאָטערס, וואָס מוטשען זיך נאָך מיט דער סינאַגאָגע—ווי בעדויע־רענסווערט זיי זענען נעביך! זיי בעטראַכטען די שוהל אַלס רעליקווע פון די אַלטע רוממע צייטען, אַלס מוזעאום פון אַלטע תפלות, וועלכע יודען בטלנים האָבען צוזאַמענגעשטעלט אין פערלויף פון איינינע טויזענד יאָהר, ווי צום ביישפּיעל איין „מה טובו", וואָס אַ היידע האָט פערפאַסט; אַ קינה, וואָס אַ יוד ירמיהו האָט פערפאַסט; אַ שמונה־עשרה, וואָס אַ יוד ר' גמליאל האָט צוזאַמענגעאָרדענט; אַ ראש־חדש בענשען, וואָס אַ באַבילאָנישער יוד ר' אַבא אריכא (רב) האָט פערפאַסט; איין „ציון", וואָס אַ יוד ר' יהודה הלוי האָט פערפאַסט; איין „כתר מלכות", וואָס אַ יוד ר' שלמה גבירול האָט פערפאַסט; איין „ונתנה תוקף", וואָס עפּיס אַ בטלן ר' אמנון האָט פער־פאַסט; איין „אקדמות" וואָס אַ פראַנצויזישער ענטוזיאַסט ר' מאיר ש"ץ

האָט פערפאַסט; איין פזמון, וואָס איין ר׳ אליעזר הקליר האָט פערפאַסט. יאָ, אַלעס איז ריכטיג, זיי אַנערקענען די שוהל אַלס אַ אַרכעאָלאָגישעס מוזעאום, וואָהין מען קען קומען איין מאָהל, צוויי מאָהל אין אַ יאָהר אויף אַ האַלבע שטונדע פון יוצא וועגען, אָבער ניט פעררוקט זיין און זיך נאַריש מאַכען צו אָפט מיט פוסטע קאַזאַלעס, דאָס הייסט מיט „אמרו לאלהים׳ס״, וואָס אַ שניידער האָט עס פערטײַטשט: רעדט צו דער וואַנד!—

מאַנכע פון זיי זענען נאָך זעהר פיין און בעצאָהלען „כופר נפש״ פיר זייערע פלעצער און קומען גאָר ניט אין שוהל. דאָס זענען דער ערשטער ראַנג אינטעליגענץ! עס גיבען אָבער אַנדערע, וואָס האַלטען נאָך ניט אַזוי ווייט און קומען אַ מאָהל אין דער סינאַגאָגע, און ווען זיי קומען זעהען זיי אוים ווי נײַמאָדנע יום־טוב׳ניקעס פון דעם 20־סטען יאָהרהונדערט: קוקען זיך אַ רום אין אַלע זייטען און פילאָזאָפירען אין דער שטיל, זיי רעזאָנירען אין האַרצען איבער דער פראַגע: „מה העבודה הזאת לנו?״ איך זאָג: „נײַמאָדנע יום טוב׳ניקעס פון דעם 20־סטען יאָהרהונדערט״, ווײַל יום־טוב׳ניקעס האָט די סינאַגאָגע שטענדיג געהאַט, נאָר ניט אַזעלכע. ווער פון אונז געדענקט ניט דעם טיפּ פון יום־טוב׳ניקעס און די 70־ער יאָהרען פון פאָריגען יאָהר הונדערט. ווען יודען זענען געוועזען צווייעט און צושפּרייט אין אַלע דערפער? דאָס גאַנצע יאָהר איז דער ישוב׳ניק, דער מוכסן, דער דאָרפס־אַרענדאַטאָר געוועזען בעשעפטיגט אין זיינע דאָרפס געשעפטען מיט דעם מוזשיק אין דאָרף, אויסער די יאַרידען, ווען ער פלעגט פאָהרען אין שטאָדט אַריין, נאָך די ערשטע סליחות, אַ פאָר טעג פאַר ראש־השנה, האָט ער דעם דאָרף פאַרלאָזען און צו פאָהרען אין שטאָדט און דאָרט צו בלײַבען ביז נאָך סוכות, אָדער, ווייניגסטענס, ביז נאָך יום כפור, צווישען יודען... אין דער שוהל.

די ימים־נוראים׳דיגע נסיעה אין שטאָדט איז פיר דעם ישוב׳ניק געוועזען איין עפּאָכע אין זיין לעבען: עס האָט איהם געגעבען פרישע קרעפטען צו בלייבען אין דאָרף דאָס גאַנצע יאָהר ווײַנענדיג אַ צוגעבונדענער מיטגליעד מיט דער שטאָדטישער יודישער געמיינדע, מיט דער סינאַגאָגע און מיט דעם יודענטום. די שטאָדטסלייט האָבען איהם גערופען „יום־טוב׳ניק״, דאָס הייסט, אַ יוד, וואָס קומט נאָר אויף יום טוב אין דער שוהל. אין אַ לאַנגען גרויסען וואָגען, „שאַראַבאַן״, מיט זיין ווײַב און קינדער, מיט זיין שפחה

און מיט זײַנע קינדערס רבי, מיט זײַנע הינדיקעס, װײַסע קאַפּהענער און קאַפּהינער אויף כּפּרות פיר זײַן פאַמיליע, און, װעלכּסטפערשטענדליך, דעם שענסטען האָהן דעם רב אויף אַ כּפּרה, מיט זײַנע קריגלאַך קעז און פּוטער, און סטעלניק אויף „המוציא" מיט האָניג, און אויך געלט אין דער קעשענע פאַר שטאָדטישע צרכי צבור און נאָך און נאָך איז דער אַלטער ישוב'ניק, אָדער יום טוב'ניק געקומען אין דער שטאָדט. מיט אונגעדולד האָט ער ערװאַרטעט דען ערשטען יודישען „שלום־עליכם" אין בית־המדרש. מיט אונגעדולד האָבען איהם אַלע אין בית־המדרש ערװאַרטעט, װײַל אויסער די אַלע גוטע זאַכען, װאָס איך האָב דאָ אויסגערעכענט האָט ער מיט־געבראַכט אַ סבר פנים יפות, אַ זיס פרײַליך פּנים און אַ הײַס האַרץ פיר דעם יודענטום, פיר די שטאָדט, פיר זײַן געמײַנדע, פיר זײַן שוהל און פיר דעם שטענדער מיט דעם בלעטעל פון זײַן נאָמען, פון װעלכען ער איז אָפּגעריסען געװעזען דאָס גאַנצע יאָהר. „אַך!—פלעגט ער זיפצען—מען טאָר ניט זינדיגען מיט די רייד, ברוך השם, פּרנסה איז דאָ אויפען פּולען מויל, נאָר מען װערט פערגראָבט אין דאָרף, מען הערט ניט קײַן ברכו, קײַן קדושה, מען האָט ניט קײַן מנין, קײַן שוהל, קײַן מקוה... מען הערט פּשוט ניט קײַן יודיש װאָרט, אויסער װען גאָט שיקט אונז צו עפּיס אײַן אורח הגון אײַן בן תורה". מיט אײַן װאָרט, די נסיעה פון דעם יום־טוב'ניק אין דער שטאָדט איז געװען אײַן מין עולה רגל זײַן אין בית המקדש. ער איז געקומען װי אײַן אָפּגעריסענעס גליעד פון אַ קערפּער אום זיך נאָך אײַנמאָל הײַסער צוצוקלעפּען. ער האָט װירקליך געפונען װאָס ער האָט געזוכט, און איז צוריקגעפאָהרען געשטאַרקט, ערװאַרמט, פול מיט גלויבען און האָפנונג.

דאָס איז דער כאַראַקטער פון דעם אַלטען דאָרפס־ישוב'ניק, װעלכער פלעגט קומען אין שוהל אויף די ימים נוראים, און דאַרום האָט מען איהם גע־רופען מיט דעם נאָמען „יום־טוב'ניק". װי אַנדערש אָבער איז יעצט דער שטאָדטישער, בעזאָנדערס דער גרויסשטעדטישע מאָדערנע יום־טוב'ניק! ער שפּאַצירט טאָג טעגליך נעבען דער שוהל און איז אין כעס אויף „ד' ועל משיחו" און בעזונדערס אויף דעם הויז, װאָס האָט איהם אַזוי פיעל אונגליק אין לעבען געשאַפען. ער פילאָזאָפירט אין קאָפּ, אויב די גאַנצע שוהל איז װערט דעם קלאָפּאָט װאָס מען לײַדעט דורך איהר: געהן

ראוונען אין א געוועהנליכען שבת, דאס הייסט עסען אפיקומן! עס הייסט, זינגען ליעבט ער זעהר, און נאך בעזונדערס די סינאגאגעלע מעלאדיען, והא ראיה, ער האט אין זיין גראמאפאן אין דער היים אלע חזנ׳ישע פלאסטינקעס איינגעהאנדעלט און פרייעט זיך מיט זיי פיעל בעסער ווי מיט די פלאסטינקעס פון די בעסטע אפערען=זינגער, נאר אבער געהן אין שוהל אריין?!... דערביי הערט ער ווי יענער אינטעליגענט האט שוין אויף געהערט צו בעזוכען די שוהל, מוז מען דאך אויך ווייזען אז מען איז אויך מאדערנע, אז מען האט אין זיך אויך א פארציאן אינטעליגענץ. ווען ער קאן זאגט ער אפ קנין און מנין און געזעגענט זיך אפ מיט גאט און מיט זיין שוהל אויף אייביג. ווען ער קען עס אבער נִיט, דורך פערשידענע אומשטענדען, האלט ער זיך מיט דער צרה, און ווען דער שמש קומט נאך געלד פאר זיין פלאץ, ערקלעהרט ער איהם אין א ביטערען שמייכעל: אז עס איז ניט אויסצוהאלטען פון דעם יקרות אין דער שוהל, וואו ער בעזוכט צוויי האלבע שטונדען אין יאהר און עס קאסט 10 מאל אזוי פיעל אלס אין דער לאזשע בענואר אין אפערען=הויז. איין אמת׳דיגער צער בעלי חיים! און ווען דער יום טוב קומט, בעעהרט דער מאדערנער יום=טוב׳ניק פון 20=סטען יאהר=הונדערט די שוהל מיט זיין בעזוך, און, זעלבסטפערשטענדליך, מאכט ער דאמיט גליקליך פריהער גאט און נאכהער זיינע יודען מיט זיין געגענווארט. נאר וואס ברענגט מיט זיך דער מאדערנער יום=טוב׳ניק אין דער שוהל? — איין הארטעס זויערעס געזיכט און איין שטיינערנעס געפרארענעס הארץ. ער שטעהט ווי אויף דיבעס און זיצט ווי אויף שפילקעס. מיט אייןווארט, ער איז מלא רציחה, און אין זיינע קאלטע אויגען קאן מען לעזען די גאנצע אונצופריעדענהייט און קריטישע פסיכיקע, וועלכע ער האט מיט זיך געבראכט. וועהרענד דער אלטע יום=טובניק פון דעם 18=טען יאהרהונדערט פלעגט קומען אין דער שוהל ווי א טאכטער צו איהר ליעבענדער מוטער, וואס מען האט איהר געגעבען איז זי געוועזען צופריעדען, גליקליך, קומט דער מאדערנע יום=טוב׳ניק אין טעמפעל ווי א בייזע שנור צו איהר פיינדליכער שוויגערמוטער, שטענדיג מיט פרעטענזיאנען, ווייל ער שטעהט מיט איין פוס אימער אויסערהאלב דער שוהל. און אליהו הנביא האט זעהר ריכטיג געפרעגט די נביאי הבעל:

„עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים“?

## .XXII

## דער המון עם־אין דער שוהל.

ווער האט געגעבען און ווער גיט עס נאך היינט דעם גאנצען אימ־פולס אין דער שוהל? — נאר דאס פאלק, די מאסע! דארום מוזען מיר שטענדיג לערנען צו שעצען דאס פאלק, דאס הויפט־עלעמענט אין דער שוהל, ווי די אלטע חזנים האבען עס ווירקליך געטאהן. מען ערצעהלט דא פון דעם בעריהמטען חזן ר׳ ניסן בלומענטאל ז״ל, אז ער איז איינמאל געקומען שבת אין דער פריה אין דער בראדער שוהל—וואו ער האט מעהר אלס 50 יאהר דען גאטעס־דיענסט געלייטעט און צור העכסטען שטופע אין רוסלאנד געבראכט—און האט געפונען זעהר ווייניג מענשען און נאך דאצו מדלת העם, ווייל עס איז געוועזען זעהר א שרעקליכעס וועטער אויף דער גאס. דאן זאגט ר׳ ניסן צום דיריגענטען: „זינגען מיר היינט עטוואס פיינעס פון אונזער רעפערטואר״ ווארום דען היינט עטוואס פיינעס?״—האט איהם דער דיריגענט געפרעגט.—ווייל עס זענען אין שוהל פארהאן איינינע ארימע לייט?!״

„פערשטעהסט — מיך, טאקע דערפאר דארף מען היינט זינגען עטוואס בעזונדערס, ווייל די רייכע לייט שלאפען נאך, און זענען מידע פון די קאנצערטען, טעאטער און געזעלשאפט און אנדערע פערגעניגען, וועלכע זיי האבען נעכטען גענאסען ביז נאך האלבע נאכט, זא דאס זיי קענען נאך ניט אויף שטעהען פון זייערע בעטען; אבער די ארימע לייט האבען נעכטען גאר ניט געהאט, און היינט זענען זיי אין רעגען און שנעה, אין דער קעלט און נעץ פריה אין שוהל געגאנגען, איז א יושר אז מיר זאלען זיי מאכען איין עונג שבת

אויך מיר שטעהען אים אלגעמיינען אויף דעם זעלבען שטאנדפונקט ווי בלומענטאל. נאר די פראגע איז: ווי זאלען מיר, די מאדערנע קאנטארען, זיך בענעהמען אין דער סינאגאגאלען מוזיק מיט דעם פאלק, וואס האט אזוי פיעל געטוהן און טוהט זא פיעל פאר אונזער שוהל? אויף וואס פאר אנ׳ארט זאלען מיר דעם פאלק מאכען זיין „עונג שבת״? ווייל דאסווארט „עונג״ איז צו רעלאטיוו, צו אלגעמיין, צו אונפערשטענדליך, צו פערשיידען צווישען דעם געבילדעטען געשמאק פון דער עכטער קונסט אין אונגעבילדעטען

געשמאק פון פאלק. פאלק און קונסט!—ווי ווייט שטעהען זיי איינער פון
דער צווייטער און וואס פאר איין אבגרונד איז צווישען די ביידע! „דאס
פערמעגען צו הערען—זאגט פראפעסאר פארקעל—איז נאך ניט היגרייֿ
כענד מוזיקאלישע דינגע צו בעאורטהיילען: דען מאן מוז דאבייֿ ניט בלאס
הערען, זאנדערן אויך וויסען וואס מאן הערט, דאס הייסט: מען מוז דאס
געהערטע פערשטעהען. א רעדע אויף א אונבעקאנטען שפראכע קען מען
עבענפאלס הערען, אבער ניט פערשטעהען און נאך ווייניגער ווערט בעֿ
אורטיילען" [1]). אזוי לאנג ביז די סינאגאגאלע מוזיק איז געוועזען פאלקסֿ
טיהמליך ווי לייכט איז עס דאמאלס געוועזען דאס פאלק צופריעדען צו שטעֿ
לען; איצט אבער, אז די סינאגאגאלע מוזיק האט זיך אויסגעארבייטעט
אויף גענעצען פון דער אמת'ער קונסט, וואס פאר איין אבגרונד איז פלוצלונג
אויסגעבראכען צווישען דעם פאלק, וואס הערט עס צו, און די מאדערנע
קאנטארען, וועלכע זינגען!- דאס פאלק איז אימער קאנסערוואטיוו אין זיין געֿ
שמאק, די קונסט אבער מוז אונבעדינגט אימער פראגרעסיוו פארטשרייטען,
זי מוז אימער שטרעבען נאך פארווערטס און עס קאסט איהר הארטע מלחמות
ביז זי חאפט דאס פאלק אויף דעם בוקסיר און שלעפט עס מיט זיך.

ווי פיעל ווירקט אויף דעם געשמאק פון פאלק זיין געשיכטע, זיין
קלימאטישע אין טאפאגראפישע לעבען, וואס צוליעב דעם האט יעדעס
פאלק אים קלאססישען אלטערטהום גאנץ אנדערע סקאלען געזונגען, ביז
די מענער דער קונסט זענען געקומען און האבען געגרינדעט אללגעמיינע
סקאלען פאר די קונסט, וואס ווילען פון גאר נישט וויסען, וואס געהארכט
דער קונסט אבער ניט דאס פאלק. אונזער סינאגאגאלע מוזיק מאכט יעצט
דורך די זעלבע עטאפען וואס די קירכע האט דורך געמאכט אין דער
געשיכטע פון איהר מוזיק-ענטוויקעלונג, און מיר קענען דא זאגען: „מה
שאירע לעשו אירע ליעקב", אויך דארט האט מען געציעלט דורך מוזיק
דעם פאלק פערגניגען צו מאבען און דעריבער האט מען זיך טאקע געֿ
שלאגען מיט דעם זעלבען פאלק, אזוי ווי עלטערען שלאגען זיך מיט דעם
קראנקען קינד ער זאל טרינקען ביטערע מעדיצין. וואס איז אבער זעהר
ניצליך פיר זיינע געזונדהייט. דער פאטער קעמפפט מיט דעם קינד געגען
דעם אונגעשמאק פונ'ם קינד ווייל ער ליעבט דאס קינד און ווינשט עס זאל

1) *J.* N. Forkel's Einleitung zur Allgemeinen Geschichte der Musik S. 54.

געֶזונד בּלִיהעֶן.

דִי עֶרשטעֶ יודעֶן=קרִיסטלִיכעֶ געֶמיֵינדעֶן האָבּעֶן אִין דעֶר קִירכעֶ געֶזונגעֶן פאָלקסלִיעדעֶר [1] בִּיז דעֶר סִינאָד האָט בּעֶשטִימט, דאָס קיַין פאָלקסלִיעד דאַרף מעֶהר אִין דעֶם גאָטעֶסדִיענסט נִיט צו געֶלאָזעֶן ווערעֶן [2]. אײנִיגעֶ יאָהר הונדעֶרט האָבּעֶן זיֵי אִין דעֶר קִירכעַ געֶזונגעֶן אַלעֶרליֵי סקאַלעֶן, גרִיכִישעֶ און יודִישעֶ, בִּיז עֶס זעֶנעֶן געֶקומעֶן דעֶר בִּישאָף אַמבּראָ=זיוֹס אִין דעֶם פִיערטעֶן יאָהרהונדעֶרט און נאַכהעֶר דעֶר פאַפּסט גרעֶגאָריוֹס אִין דעֶם זעֶקסטעֶן יאָהרהונדעֶרט און האָבּעֶן אויסגעֶאַרבּיֵיט ספּעֶציִעֶלעֶ קִירכעֶן=סקאַלעֶן און דִי אַלעֶ אַנדעֶרעֶ סקאַלעֶן האָט מעֶן זיֵיט דאַמאָלס אִין דעֶר קִירכעֶ נִיט מעֶהר צוגעֶלאָזעֶן. נאַכהעֶר האָט מעֶן געֶזונגעֶן דִ, לאַנגעֶ כאָראַל=נאָטעֶן (ווִי זיֵי האָבּעֶן זיֵי געֶרופעֶן: „Nota quadratus"), בִּיז מעֶן האָט אָנגעֶפאַנגעֶן צו זִינגעֶן פִיגוּראַל און מעֶנזוּראַל נאָטעֶן, ועֶלכעֶ עֶס האָט אויס געֶאַרבּיֵיט דעֶר אַבּעֶ גווידאָן פון אַרעֶצעֶ. זיֵי האָבּעֶן הונ=דעֶרטעֶר יאָהרעֶן געֶזונגעֶן מעֶלאָדיעֶן, בִּיז מעֶהאָט אָנגעֶפאַנגעֶן צו זִינגעֶן האַרמאָניעֶן. זיֵי האָבּעֶן הונדעֶרטעֶר יאָהרעֶן זִיך בּעֶדִיענט אִין דעֶר האַרמאָנִיעֶ מִיט דעֶם האָמאָפאָנִישעֶן סטִיל בִּיז מעֶן האָט אָנגעֶפאַנגעֶן צו קאָמפּאָנִירעֶן אִין פּאָלִיפאָנִישעֶן סטִיל מִיט דעֶם קאָנטראַפּונקט, מִיט דעֶם קאַנון מִיט דעֶר איֵינפאַכעֶן פיגעֶ און מִיט דעֶר פִיעלפאַכעֶן פוגעֶן און דאָפּעֶלטעֶן קאָנטראַפּונקט. עֶס אִיז מִיר אונמעֶגלִיך דאָ אויסצורעֶכנעֶן דִי אַלעֶ שטופעֶן, מלחמות און נצחונות וואָס דִי קונסט האָט געֶפִיהרט מִיט דעֶם פאָלק און פִיר דעֶם פאָלק. נאָר דִיעֶזעֶ איֵינצִיגעֶ בּיַישפִּיעלעֶן זעֶנעֶן שוין געֶנוג צו ציַיגעֶן, וויפִיעל חבלי לידה אַ אמת'עֶ קונסט מוז האָבּעֶן בִּיז זִי בּעֶזִיעֶגט דעֶן אָרדעֶנעֶרעֶן געֶשמאַק פון'ם אונציִווִילִיזִירטעֶן פאָלק. פרִיהעֶר האָט דאָס פאָלק זיַין עינג געֶפונעֶן אִין מעֶלאָדִיעֶ, און נאָך איֵינעֶן געֶווִיסעֶן קאַמפּף געֶוואָהנט זִיך שוין דאָס פאָלק צו האַרמאָנִיעֶ, פרִיהעֶר האָמאָפאָנִיש און נאַכהעֶר פּאָלִיפאָנִיש און אַזוֹי וויַיטעֶר. דאָס זעֶלבּעֶ שִיקזאַל געֶפִינעֶן מִיר אִיבּעֶראַל אִין אַלעֶ קונסטעֶן ווען דִי קונסט האָט מאַרשִירט פאָרווערטס און דאָס פאָלק געֶשלעֶפּט מִיט זִיך אויף דעֶם בּוקסִיר. און זעֶהעֶן מִיר דעֶן נִיט

1) Die Entwickelung der Synagogalen Liturgie S. 8. won P. Minkowsk Odessa 1902.

2) Die ersten Zeiten der christlichn Weltung Kunst. Ambros geschichte deʌ Musik Bd. 2, S. 4.

דאס זעלבע ביים יודישען פאלק? דאס יודישע פאלק, ווי יעדעס פאלק, האט זיינע ליעדער געזונגען און זיינע אינסטרומענטען געשפיעלט אין זייער פרימיטיווער פארעם. דאן איז געקומען זיין ערשטע גלאנץ-פעריאד זייט דער גרינדונג פון די פראפעטען-שולען אין שכם, אין דן, אין באר-שבע און נאך און נאך. אזעלכע הייזער זענען געווען שולען פאר רעדע-קונסט, פאר פאעזיע, פאר געזאנגס-קונסט, פאר מוזיק, פאר אינסטרומענטאלער קונסט, פאר כלי-זמר. איהרע העכסטע שטופע האט די פעריאדע דערגרייכט מיט דוד ושלמה, וועלכע זענען זעלבסט דיכטער און מוזיקער געוועזען און האבען אלס קעניגע פון איינעם טהעאקראטישעם פאלקע געגרינדעט טעאלאגישע אדער, דייטליכער, ליטורגישע מוזיק. די גרינדער פון דער מוזיק האבען בעטראכט די מוזיק מעהר אלס איין מיטעל צום גאטעסדיענסט דען אלס בעזאנדערע קונסט [1]. און ווי עס זעהט אויס איז אים ערשטען ווי אים צווייטען טעמפעל געווען די זעלבע טראדיציאנעלע מוזיק. אלעס איז געוועזען „כמצות דוד", נאך דוד'ס איינריכטונג. דאס איז געוועזען אין טעמפעל. אויסער דעם טעמפעל האט דאס יודישע פאלק געפונען זיין פערגניגען אין גאנץ אנדערע ליעדער: אין קריעג-ליעדער, אין טרויער-ליעדער און בעזונדערס אין טרינק-ליעדער, וועלכע זענען ווי עס שיינט געווען זעהר לוסטיג. ווען זיי זענען אין זייער לאנד געוועזען „איש תחת גפנו ותחת תאנתו" האבען זיי זייער עונג געפונען אין זייערע לוס-טיגע ליעדער, וועלכע האבען ניט צופריעדען געשטעלט דעם העכערען גייסט פון די נביאים, וועלכע האבען זיי יעדעסמאל קריטיזירט און אויסגעלאכט: „השותים במזרקי יין, הפורטים עלפי הנבל כדוד חשבו להם כלי שיר" (עמוס ו'.) עס זענען פארגעקומען באקכאנאליען מיט לוסטיגע געזאנגע, וועלכע זענען דעם פאלק אפשר בעסער געפעלען געווען ווי די דייטשע טעמפעל-מוזיק. און די נביאים האבען שוין געקעמפפט פיר געשמאק און שמעקען: „והשבתי המון שיריך וקול כנוריך לא ישמע עוד".

נאך דעם אונטערגאנג פון דער נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט און דעם פערפאל פון דער יודישער פרייהייט אין פערשידענע לענדער אונטער פערשידענע דעספאטען, הערען מיר שוין אנאנדער מוזיק, וועלכע הארמא-נירט מיט דער פעסימיסטישער פסיכיק פונ'ם פאלק, דער מאשזאר פון

1) Ambros geschichte der Musik I. Bd. S. 196.

לעֶבּעֶן הערט נאָך און נאָך אויף: „משבטלה הסנהדרין בטל השיר מבית המשתאות, שנאמר (ישעיהו כ״ד) בשיר לא ישתו יין״ (סוטה דף מ״ח.) און דער פערמינדערטער מינאָר טרעט אַריין מיט אַלע זיינע קרעֶפטעֶ אין אַלע צווייַגעֶן פונ׳ם פאָלקס-לעֶבּעֶן.

איין כאַראַקטעֶריסטיק פון דער פּסיכיק פונ׳ם פאָלק און דעם טריבּעֶן זין, וואָס האָט אַרייַנגעֶדרונגעֶן אין פאָלק, ווערט אונז געֶבּעֶן פאָלגעֶנדעֶ ערצעֶהלונג פון דעם לעֶבּעֶן דער תנאים און אמוראים. אין ספרי (ווי אויך אין מגן אברהם הלכות שבת סמן רפ״ח) ווערט ערצעֶהלט: „רבי עקיבא היה יושב ובוכה בשבת״ — רבי עקיבא איז געֶזעֶסעֶן און האָט געֶוויינט אום שבת. האָבּעֶן איהם זייַנעֶ תלמידים געֶפ־עֶגט: רבינו! למדתנו „וקראת לשבת עונג״?! — דו האָסט אונז געֶלעֶהרעֶנט: „זאָלסט רופען דעם שבת פערגניגעֶן״!? אמר להם: „זהו עונג שלי!״ — האָט ער זיי געֶענטפעֶרט: „דאָס איז מייַן פערגעֶניגעֶן״.

דאָס דאַמאָלס האָט דער מאָלל אים יודישעֶן פאָלק נאָך קיין וואָרצעֶל געֶשלאָגעֶן און די יודישעֶ פּסיכיק איז נאָך ניט גאַנצליך געֶוואָרעֶן פערפינסטעֶרט — חאָטש עֶס איז שוין געֶוועֶזעֶן נאָך דעם חורבן בית שני — זעֶהעֶן מיר אַזוי וואָהל פון דער פראַגעֶ פון די תלמידים, ווי פון רבי עקיבא׳ס ענטפעֶר, ווען דער יאָמער זאָל שוין דאַמאָלס געֶוועֶן אַזוי בּעֶליעבּט אין יודישעֶן פאָלק, ווי שפּעֶטער וואָלטעֶן זיי איהם גאָר ניט צו רעֶדעֶ געֶשטעֶלט. וואָס זייער גרויסער לעֶהרער אונטערהאַלט זיך שבת אין וויינעֶן. אויך רבי עקיבא וואָלט זיי גאָר ניט נעֶענטפעֶרט: „זהו עונג שלי!״, דאָס הייסט, דאָס איז בּלויז מייַן פערגניגעֶן, וואָס איהר פערשטעֶהט עֶס ניט. די פּסיכיק פון ר׳ עקיבא אינטערעֶסירט אונז בּעֶזונדעֶרס, ניט ווייַל ער האָט אין זייַן צייַט זעֶהר אַ בּעֶדייַטעֶנדעֶ תלמוד׳ישעֶ ראָלעֶ געֶשפּיעלט, זאָנדערעֶן ווייַל ער האָט אויך געֶשפּיעלט נאָך אַ גרעֶסעֶרעֶ פּאָליטישעֶ ראָלעֶ און איז מעֶהר אָדעֶר ווייניגער בּעֶטראַכט געֶוועֶזעֶן אַלס הויפּטפיהרער פונ׳ם פאָלק אין זייַן צייַט, און אָט דעם רבי עקיבא׳ן געֶפינעֶן מיר אָבּער בּייַ אַנ׳אַנדער געֶלעֶגעֶנהייַט גאַנץ אין אַנ׳אַנדער געֶגעֶנגעֶזעֶצטער שטימונג זיך אויסדריקעֶן: ווען אַלעֶ זענעֶן געֶוועֶן טרויעֶריג איז ער גאָר לוסטיג געֶוועֶזעֶן. אַזוי ווערט אונז ערצעֶהלט אין תלמוד:

„רבן גמליאל, רבי אליעזר בן עזריה, ר׳ יהושע און רבי עקיבא

זעֶנעֶן געֶגאַנגעֶן איִן וועג, האָבּען זיֵי געהערט „קול המונה של רומי מפלטיא כרחוק מאה ועשרים מיל"—די שטימע פון דעם רוימישען פאָלק פון פלאַטיאָ אין ענטפערנונג פון 120 ווערסט. „התחילו הם בוכים ורבי עקיבא משחק"— האָבּען זיי אָנגעפאַנגען צו וויינען און רבי עקיבא צו לאַכען. פרעגט ר' עקיבא: „וואָרום וויינט איהר דען?"—ענטפערען זיי איהם: „אַזעלבע געצען־ דיענער, ווי די רוימער זענען, זיצען זיכער און גליקליך, און מיר, וואָס אונזער בית המקדש איז פערברענט, זאָלען מיר ניט וויינען?!"—דאָ ענטפערט רבי עקיבא: „לכך אני משחק: אם לעוברי רצונו כך לעושי רצונו עאכו"כ"—ווען די, וועלכע האַנדלען געגען גאָטס ווילען, לעבען אַזוי גליק־ ליך, ווי וועלען מיר נאָך גליקליכער לעבען, וועלכע פאָלגען דעם ווילען פון גאָט!".

ווען זיי האָבען עררייכט דעם הר הבית האָבען זיי בעמערקט „שועל שהיה יוצא מבית קדשי הקדשים"—אַ פוקס, וואָס איז אַרוים געגאַנגען פון דעם קדשי הקדשים. האָבען זיי נאָך אַ מאָל אָנגעפאַנגען צו וויינען און רבי עקיבא צו לאַכען. פרעגען זיי איהם: „מפני מה אתה משחק?"— וואָס לאַכסטו דען?—פרעגט ער זיי צוריק: „וואַרום וויינט איהר דען?" זאָגען זיי איהם: „ווי הייסט? אויף דעם פלאַץ, וואָס עס שטעהט געשריע־ בען „והזר הקרב יומת" (במדבר א')—איין פרעמדער ווען ער געהט אַריין זאָל געטויט ווערען, איז איצט מקוים געוואָרען (איכה ה'): „על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו"—„אויף דעם בארג ציון, וועלכער איז וויסט, שפּאַ־ ציערען אַרום פוקסען זאָלען מיר ניט וויינען?!" ענטפערט רבי עקיבא: איך לאַך דאַרום: „ואעידה לי..." (ישעיה ח')—אַזוי ווי עס איז מקוים געוואָרען די נבואה פון אוריה, אַזוי וועט אויך מקוים ווערען די נבואה פון זכריה (זכריה ח'): „עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים". אמרו לו: „עקיבא נחמתנו, עקיבא נחמתנו" (מכות, דף כ"ד ע"ב).

דאָ זעהען מיר דעם זעלבען רבי עקיבא'ן אַלס איינציגער אָפּטימיסט צווישען אַ געזעלשאַפט פון פעסימיסטען; אַלע וויינען אויף דעם נאַציאָנאַלען אונגליק, נאָר איין רבי עקיבא לאַכט! אויב ער געפינט ווירקליך אין לאַכען מעהר עונג אַלס אין וויינען—איז צוואַר איין גרויסער צווייפעל, נאָר אַ פאַקט בלייבט אַ פאַקט, דאָס געראַדע צווישען וויינענדע לאַכט ער דער איינציגער!

כדי צו פערשטעהן דיזע פערקערטהייטען אין דער פסיכיק פון ר׳ עקיבא׳ן, מוז מען די גאַנצע רבי עקיבא׳ס פערזענליכקייט אין איהר גאַנצען אומפאַנג טיעפער לערנען קענען, כדי צו בעגרייפען, ווי ווייט, ווי טיעף, ווי הויך, ווי אינדיווידועל רבי עקיבא איז געשטאַנען צווישען זיינע אויסער־לייזענער געזעלשאַפט. כאָטש ר׳ גמליאל איז געוועזען דער נשיא, איז דאָך רבי עקיבא געווען דער איינפלוסרייכסטער אין פאָלק און אין זיין פערזענליכקייט שפיעגעלט זיך אָפּ דער גאַנצער פסיכישער דאָפּפעל־שטאַנד פון דעם פאָלק אין זיין צייט.

רבי עקיבא האָט דאָס זעלבע, און אפשר נאָך מעהר, ערלעבט אַלס ירמיהו אין זיין צייט. די ביידע זענען געווען נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטען אין העכסטען זין פון׳ם וואָרט, נאָר אין געגען געזעצטער ריכטונג: יענער איז געווען לאָיאַל דער פערסישען רעגירונג און האָט זיך געהאַט צו בע־קלאָגען, וואָרום דאָס פאָלק איז מיט איהם ניט געגאַנגען; דער אָבער איז געוועזען אָפּאָזיציאָנעל דער רוימישער רעגירונג און האָט נאַכהער געהאַט צו בעקלאָגען, וואָרום דאָס פאָלק איז יאָ מיט איהם געגאַנגען; ווען ר׳ עקיבא זאָל לעבען בלייבען נאָך דער בר־כוכבא׳שען רעוואָליציאָן, וואָלט ער געהאַט דאָס רעכט צו קלאָגען: „אני הגבר ראה עני בשבט עברתו״ ווי ירמיה אין זיין צייט. ביידע האָבען זיך אויף פערשידענע וועגען מוסר נפש גע־ווען פאַר דאָס יודישע פאָלק, נאָר מיט דעם אונטערשיעד, דאָס ירמיה האָט דורך דעם אויפשטאַנד פון פאלק, וועלכען ער האָט געוואָרענט און געראַטען לאָיאַליטעט, אַס ענדע אויך געליטען, און רבי עקיבא האָט דורך דעם אויפשטאַנד, וועלכען ער האָט אַליין דעם פאָלק געראַטען, געשטיצט און אינספּירירט, געטריבען דאָס פאָלק אין אומגליק. פאַר אַלעם האָט ער זיך אין שטילען אַליין בעשולדיגט אין די לעצטע קאַטאַסטראָפע, אין דעם אונטערגאַנג פון לעצטען יודישען שטאָדט ביתר מיט אַלע איהרע יודישע אַנשטאַלטען, ווייל ער האָט אונטערשטיצט מיט זיין אויטאָריטעט און פּאָ־פּוליאַריטעט דעם בר־כוכבא׳שען אויפשטאַנד. ער איז געוועזען דער ער־שטער, וואָס האָט עפענטליך אויפגעטרעטען געגען די הדריאַנישע גזרות; ער געהערט צו דער קריעגערישען פאַרטיי, וואָס האָט געלאַכט פון דעם פריעדליכען, לאָיאַלען גייסט פון רבי יוחנן בן זכאי וואָס האָט מיט וועס־פּאַסיאַנוס פריעדען געשלאָסען, און איהם נאָך געשימפּפט: „משיב חכמים

אחור ודעתם יסכל״.

ער איז געווען דער רעוואָלוציאָנערן־גייסט, וואָס האָט געשמידט אין קאָפּ פערשידענע פּלענער, כדי צו ריזיקירען דעם רעשט פון דער יודישער פרייהייט. אין זיין קאָפּ האָט געשוועבט דאָס מאָדעל פון יהודה המכבי, וואָס איז מיט איין הויפען פון ענטוזיאַסטען פיר רעליגיאָן און נאַציאָנאַליזמוס אויף געטרעטען געגען אנטיוכוס אפיפנוס און צוריק געוואונען די פרייהייט.

דאַרום איז ער פול געווען פון צוויי געגענגעזעצטע עלעמענטען: פון שרעקען און האָפנונג, מיט אַנגסט פאַר אַ אונגליקליכען רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציאָן, און מיט שטאָלץ אויף דער מעגליכקייט, אפשר געלינגט עס איהם אויך דורך נאַציאָנאַלער בעגייסטערונג איבערנאַטירליכע וואונדער צו מאַכען און די פערלאָרענע זעלבסטשטענדיגקייט נאָך איינמאָל צו עראָבערען.

אין אַזאַ צווייפעלהאַפטען און נערוועזען צושטאַנד, מיט אַזוי פיעל בעהאַלטענע פּלענער געגען די רוימער, געגען די צעזאַר׳ס, און בעזאָנדערס געגען דעם האַרטנאַקיגען אנדריונוס קיסר (האַדריאַן), וועלכער האָט ניט נאָר געוואָלט עראָבערען די יודישע טעריטאָריע, זאָנדערן, פיעל מעהר, צערשמעטערען דעם יודישען גייסט—ווי אַ מאָל אנטיוכוס אפיפנוס אין מאַקאַבעאישער צייט—די סופרישע רעליגיאָן, וואָס אין דער שפּיץ פון איהר איז געשטאַנען ר׳ עקיבא און זיינע קאָלעגען,—אין אַזאַ צושטאַנד קען מען אויך אום שבת זיצען און וויינען. אויב אָבער עס איז ריכטיג געוועזען איין עונג פאַר איהם דאָס וויינען—ערלויבען מיר אונז צו צווייפלען, ווייל זיין אַנטוואָרט האָט אַ דיפּלאָמאַטישען צוועק געהאַט: ער האָט געוואָלט בערוהי־גען זיינע שילער. נאָך מעהר דיפּלאָמאַטיש איז געוועזען זיין לאַכענדער אַנטוואָרט, ווען ער האָט געזעהען דעם פוקס אַרויסלייפענדיג פון דעם לפני ולפנים; זיין לאַכען איז ניט אינגאַנצען דיפּלאָמאַטיש געוועזען, עס איז געווע־זען אַ רעפלעקט פון דער בעהאַלטענער האָפנונג אויף אַ נצחון נאָך דער רע־וואָלוציע. מיט דיזער דיפּלאָמאַטישער ווענדונג האָט ער זיינע קאָלעגען געטרייסט, אָבער וואָס איז ביי איהם אין האַרצען געוועזען? פיליַיכט נאָך מעהר שמערצען אַלס ביי זיינע קאָלעגען. ער האָט געוואוסט, אַז דיזער אויפשטאַנד מוז זיין דער לעצטער, און ווי עס איז ווירקליך פאָרגעקומען,

איז די לעצטע האָפנונג פון די יודען צו גרונד געגאַנגען, און אויך דער גייסט, פון דער גאַנצער בעוועגונג, ר׳ עקיבא אַליין, האָט געפונען זיין טויט. מיר בעגעגענען נאָך אויף אַ אַנדער פּלאַץ דעם זעלבען טעמפּעראַמענטספּולען רבי עקיבא׳ן, וואו ער וועקסעלט זיין שטימונג אין איין סעקונדע פון וויינען און לאַכען.

דער תלמוד ערצעהלט: „רבי עקיבא ראה אשת טורנוסרופוס, רק, שחק ובכה״ — רבי עקיבא האָט געזעהען טורנוסרופוס׳עס פרוי, האָט ער אויסגעשפּיגען, זיך צולאַכט און פונאַנדערגעוויינט (עבודה זרה, דף כ׳). אַזעלכע שנעלע איבערגאַנגען קענען מיר בעגעגענען נור ביים גייסטרייכען סופר, וואָס איז אומשטאַנד צו בעגרייפען אינטעלעקטועל אין איין סעקונדע אַלע מעגליכע פערקערטהייטען. אין דער הינזיכט שטעהט ער כמעט העכער פון דעם נביא אין זיין טיפער איבערלעגענהייט. און דאָך האָט ער ניט ערהייכט די גאָטסגנאָד, די גייסטעסערהאַבענהייט, די הויכע פאַנטאַזיע, דעם שוואונג פון דער שענהייט, דעם עסטעטישען זין פון דעם נביא. אַ סופר איז אַ בעל חשבון, ער צעהלט און בערעכענט; אַ נביא איז קיין בעל חשבון, ער שוועבט און טרוימט. ווי געזאָגט, געפינען מיר ביי רבי עקיבא פיליכט מעהר מסירת נפש ווי ביי ירמיהו, און ער שרייט: „אבינו מלכנו חטאנו לפניך! אבינו מלכנו אין לנו מלך, אלא אתה!״ אין איין מעלאָדיע, וואָס אי זי וויינט, אי זי לאַכט. איין „אני הגבר״ מיט איהר עלעגישען טרויעריגען מעלאָדיע וואָלט ער קיינמאָל ניט אומשטאַנד געוועזען צו פערפאַסען, ווען ער וואָלט אפילו אויך געוועזען איבערלעבען דאָס אומגליק.

רבי עקיבא פערזאָניפיצירט די שוואַנקענדע פסיכיק, וועלכע בעזעלט אַ פאָלק, ווען עס האָט נאָך האָפנונגען זיך צוריק צושטעלען. — די פסיכיק, וועלכע האָט בעהערשט דאָס יודישע פאָלק אין דער ערשטער העלפט פון דעם צווייטען יאַהרהונדערט — פון וויינען און לאַכען צוזאַמען. אַ גאַנץ אַנדער פסיכיק בעגעגענען מיר ביים יודישען פאָלק שפּעטער מיט דריי הונדערט יאָהר, ווען דער „מזמור לדוד״ איז ווירקליך געוואָרען אַ „קינה לדוד״. „מר בריה דרבינא עבד הלולא לבריה, חזינהו לרבנן דהוי קא בדחי טובא, אייתי כסא דמוקרא בת ת׳ זוזי ותבר קמייהו ואעציבו. רב אשי עבד הלולא לבריה חזינהו לרבנן דהוי קא בדחי טובא אייתי

בסאן דוגתא חיורתא ותבר קמייהו ואעציבו. אמרו ליה רבנן לרב המנונא זוטא בהלולא דמר בריה דרבינא: „לשרי לן מר!“—אמר להו: „ווי לן דמיתנן, ווי לן דמיתנן“ (ברכות פרק חמישי, דף ל״א). רב אשי און רבינא זענען געווען די גרעסטע געלעהרטע אין זייער צייט, די ראשי־ישיבות פון סורא און פומבדיתא און זיי האבען געאָרדענט און געשלאָסען דעם תלמוד אם ענדע פון פינפטען יאהרהונדערט נאך דער נייער צייטרעכנונג, און אזעלכע צוויי חתונה׳ס פון רב אשי׳ס זוהן און רבינא׳ס אייניקעל, וואו עס האבען זיך געפונען די גרעסטע לייט פון דער געמיינדע, די בלומען פון דער יודישער געזעלשאפט און האבען זיך אויפ׳ן יודישען שטייגער לוסטיג אונטערגעהאלטען — ווי דער תלמוד זאגט: כל הנהנה מסעודת חתן וכלה ואינו משמחו עובר בחמשה קולות—איז עס פאר רבינא׳ן צופיעל געווען, און ער האט געבראכט א טייערע געשיר, וואס האט געקאסט פיערהונדערט גולדען און האט עס צובראכען, און זיי זענען טרויעריג געווארען. דאס זעלבע האט אויך רב אשי געטוהן, אויך צובראכען א טייערע געשיר און זיי זענען טרויעריג געווארען. דאס איז אבער נאך ניט גענוג געווען, האבען זיי זיך געווענדעט צו רב המנונא זוטא ער זאל עטוואס זינגען אום צו משמח זיין חתן וכלה,—און ער האט א שעהנעם זינג געטוהן: „וועה איז צו אונז, וואס מיר מוזען שטארבען! וועה איז צו אונז, וואס מיר מוזען שטארבען!!“

אויב ער האט דערמיט בעזונגען דעם אלגעמיינמענשליכען טויט, אדער ער האט בעקלאגט דעם נאציאנאלען יודישען טויט, אדער, פיליייכט האט ער דאמיט אנגעוונקען אויף דעם שפריכווארט: „ומוצא אני מר ממות את האשה“, ווי מען פלעגט דאמאלס אויף יעדער חתונה זינגען: „מצא או מוצא“,—ווייסען מיר ניט. ביי א סעודת חתן וכלה ביי די געלעהרטעסטע מענער אין דער געמיינדע, און בעזונדערס ביי רב אשי, דאס אויסער זיין העכסטע שטעלונג אלס געלעהרטער, אלס מסדר התלמוד, איז ער אויך געווען דער רייכסטער מאן אין זיין געמיינדע, ווי אמאהל דער פאטריארך רבי יהודה הנשיא אין זיין צייט („מימות רבי ועד רב אשי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד“. גטין, פרק הנזקין דף נ״ט). וואו עס זענען געווען די רייכסטע און שענסטע מענער פון דער געמיינדע— אזא פעסימיסטישע שטימונג, אזא פינסטערע פסיכיק און אזעלכע עלעגישע

ליִדעֶר?! און דאָס זאָל זײַן די שמחה, דעֶר עונג פון דעֶם „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה, קול מצהלות חתנים מחופתם ונערים ממשתה נגינתם“ ?!

דעֶר בּעֶריהמטעֶר אונגאַרישעֶר אָריעֶנטאַליסט H. Vambery ווײַזט אין זײַן שריפט: Die primitive Kultur des Turkotatarischen Volkes אויף דעֶם אונגאַרישעֶן שפּריכוואָרט „Sirva vigad a magyar“ (וויינעֶנדיג בּעֶלוסטיגט זיך דעֶר אונגאַר) „גיבּט עֶס דאָך טאַנצווײַזעֶן אין מאָלל און וועֶלכעֶן וועֶהמוט מיט דעֶר הײַטעֶרקײַט רינגט, די טרעֶהר אין ױאײַנעֶם לאַכעֶנדעֶן אויג גלעֶנצט“[1]. אין קורצעֶן, די יודישעֶ מוזיק האָט אָנגעֶפאַנגעֶן לײַדעֶן גלות מיט די יודעֶן צוזאַמעֶן. תלמודיסטעֶן און רבּנים האָבּעֶן זי פעֶרפאָלגט עד חרמה, און דאָס יודישעֶ פאָלק, וועֶלכעֶ איז אינסטינקטיוו זעֶהר בּעֶגאַבּט פיר מוזיק, האָט זיך אַלײן נעֶבּיך געֶמוזט קולטיווירעֶן איהרעֶ אָרימעֶ ליִדעֶר און איהרעֶ פאָלקס־זינגעֶר. „שלחו ליה למר עוקבא, זמרא מנא לן דאסור? שרטט וכתב להון: „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים“ (הושע ט'). ולשלח להו מהכא: „בשיר לא ישתו יין ימר שכר לשותיו“ (ישעיה כ"ד)? אי מההוא הוי אמינא הני מלי זמרא דמנא אבל דפומא שרי קא משמע לן“ (גטין דף ז') ד. ה. אינסטרומעֶנטאַלעֶ ווי וואַקאַלעֶ מוזיק זעֶנעֶן בּײדעֶ פעֶר־בּאָטעֶן. „אודנא דשמע זמרא תעקר“—דעֶר אויעֶר וואָס הערט געֶזאַנג זאָל אויסגעֶריסעֶן וועֶרעֶן. „אמר רבא: זמרא בביתא חורבא בסיפא“ (סוטה דף מ"ח). מיט אײן וואָרט, זינגעֶן האָט אויפגעֶהעֶרט צו זײַן אַ קונסט, זאָנדעֶרן גאָר אַ פעֶרבּרעֶכעֶן. די נאַטירליכעֶ ליבּעֶ צום זינגעֶן האָט אָבּעֶר אין'ם פאָלק תמיד גובר געֶוועֶן דעֶם רבּנישעֶן פעֶרבּאָט: „Naturam expellas furca, tamen usque recurret“—„די נאַטור לאָזט זיך ניט בּעֶצווינגעֶן“. דאָרט אין די קלויזעֶן און בּתי־מדרשים זעֶנעֶן געֶזעֶסעֶן די רבּנים אין זײעֶרעֶ ד' אמות של הלכה און צוזאַמעֶן מיט די שעֶהנעֶ יודעֶן האָבּעֶן זײ זיך בּעֶגנוגעֶנט מיט דעֶר „תפלה“: דאַגעֶגעֶן האָט דאָס געֶוועֶהנליכעֶ פאָלק, דעֶר המון עם אין זײַנעֶ סינאַגאָגעֶן זיך פעֶרגניגעֶנט מיט דעֶר „רנה“ (געֶזאַנג) און אָהן רנה האָט בּײַ איהם די תפלה קײַן טעם ניט געֶהאַט; דאָרט האָט מעֶן זיך בּעֶגניגעֶנט מיט די סקאַרבּאָווע מעלאָדיעֶן, וואָס די גאַנצעֶ געֶמײנדעֶ האָט זײ אויסוועֶניג געֶזונגעֶן, מיט דעֶם נוסח התפלה וואָס מעֶן האָט זײ

[1]) A. Svoboda's Illüstrirte musikgeschichte I Ba 118 Stutgart 1892.

ניט געטאָרט משנה זײַן (צוואת רבי יהודה החסיד ועוד כמה ספרי יראים) און דאָס ביסעל זינגען פון דעם בעל תפלה איז געװעזען װי אײַן שטעהענ־דיג װאַסער. דיזען קאָנסערװאַטיזמוס פון דעם בעל־תפלה האָבען מיר אײַגענטליך צו פערדאַנקען אונזער פרעטענזיע אויף אונזערע טראַדיציאָ־נעלע סינאַגאָגעלע מעלאָדיען ¹). װען ניט דער בעל תפלה מיט זײַנע עװיגע מאָנאָטאָנע מעלאָדיען, נוסחאות און שטײַגער, אָדער גוסטען (פון דעם לאַטײַנישען „gustus"—געשמאַק), װאָלטען מיר איבער־הויפּט גאָר ניט געקענט מאַכען קײַן אַנשפּריכע אויף אײַגענע יודישע מוזיק אין דער אַלטער קלאַססישער צײַט... דאָ אָבער אין דער סינאַגאָגע האָט דער חזן, אָדער ש"ץ דמתא, געמוזט יעדען גאָטעסדיענסט פון די שבתים און בעזאָנדערס פון די ימים טובים און ימים נוראים מיט עטװאָס נײַעס אונטערצופּרישען, צו דיזען ליבעראַליזמוס אין דער מוזיק האָט איהם גע־צװאונגען זײַן שטעלונג: אָהן דעם האָט ער ניט געקענט אויפגענומען װערען אַלס ש"ץ דמתא.־דער װאָס האָט ניט געקענט אַלײן קאָמפּאָנירען האָט געזונגען פרעמדעס, און דער חזן װאָס האָט אַלײן עטװאָס שעהנעס געקענט קאָמפּאָנירען האָט בעקומען דעם טיטול „מחדש". װאו האָט ער אָבער גע־נומען שטאָף אויף מחדש צו זײַן?

און זײַן געשיכטע פון דער מוזיק זאָגט אַמבראָס: „מאַן דאַרף פאָן דער מוזיק דער ערשטען קריסטליכען צײַטען אַננעהמען: זיא זײַ צוערשט פאָלקסגעזאַנג געװעזען, געגרינדעט אויף אַרט אונד װײַזע דער גלײַכצײַטיגען אַנטיקען טאָן קונסט (דער העבראַער אונד העלענען) אבער דורכ־דרינגען, געהאָבען אונד געטראָגען פון נײַען קריסטליכען גײַסטע" ²).

דאָס זעלבע האָט פאַסירט מיט דער סינאַגאָגאַלען (אָבער ניט מיט דער קלויז—בית־המדרש) מוזיק. אין די 18 יאָהרהונדערטען פון דעם יודישען גלות איז דאָס פאָלקס־ליעד, אָדער, בעסער געזאָגט: דאָס קאָסמאָ־פּאָליטישע ליעד פון אַלע פעלקער, װאָס דאָס יודישע פאָלק האָט אין דער צײַט פון זײַן װאַנדער־לעבען אין זיך אויפגענומען און פעריודישט,—אַרײַן

¹) זעה מײַן װערק „Еврейская музыка" זײַטע 1512 אין דעם נײַעם מו־זיקאַלישען לעקסיקאָן Г. Риманъ. Музыкальный словарь, подъ редакціей Ю. Энгеля.

²) A. Ambros geschichte der musik II Ba 11 S. „Die ersten zeitn der christlichen welt und Kunst".

אין דער סינאַגאָגע געגען די פּראָטעסטען פון די רבנים אַלער צײַטען.

דאָס פאָלק האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט אָבשליסען און איז שטענדיג געקומען אין בעריהרונג מיט זײַנע שכנים, און פאַר זײַנע אויגען און אויערען האָט זיך ענטוויקעלט די מוזיק פון אַלע פעלקער; אַרבײַטס־לידער, קריגסלידער, טרינקלידער, טריאומפלידער, סאָלדאַטענלידער, טויטענלידער, טרויאונגסלידער קאַרנאַוואַללידער, די לידער פון די פראַנצויזישע באַרדען. פון די מיטעלאַלטערליכע טרובאַדורען (אין וועלכע עס האָבען זיך אויסגעצייכענט אַסך יודען.—גרעטץ. „געשיכטע דער יודען"). דער מיננען זינגער, דער מייסטער־זינגער, דער לידער קרענץ, אַריאָן און נאָך מעהר אַזעלכע געזאַנגס־פעראיינען, און אַלעס וואָס די פעלקער האָבען אין טאָן געזעצט, זענען געבוירען געוואָרען אין זײַן געגענוואַרט. עס האָט אַלעס געהערט און עס האָט זיך צו איהם צוגעקלעפּט, עס האָט איהם אויך געריצט נאָך יעדען אונגליק אַ וויינענדעם ליד, ווי נאָך יעדע ישועה— אַ פרעהליכעס ליעד צו פערפאַסען. און איידער עס איז געגאַנגען צום רב אַ שאלה פרעגען: אויב ער מעג זינגען דאָס ליעד אָדער יענעם ליעד האָט עס שוין געזונגען וואו עס שטעהט און געהט, און האָט טאַקע פעלאַנגט פון זײַן חזן דמתא ער זאָל עפּיס דערפון מאַכען, איבערזעצען אויף אַ תפלה אין שוהל און דאַדורך מחדש צו זײַן. דער המון עס האָט זיך אַזוי געוועהנט מיט די חדושים, דאָס ער האָט פערלאַנגט אונבעדינגט דאָס יעדען נאָך־ימים־נוראים זאָל ער עפּעס קענען מיטנעהמען אַהיים צו דער אַרבײַט, עפּיס אַ שעהנעם „הבן יקיר לי", אַ פײַנעם „בבקרת'ל". און דיזע נײַע סינאַגאָגאַלע מעלאָדיען האָבען זיך פערברייטערט אין דעם גאַנצען המון־עם־געזעלשאַפט, און דער חזן, דער מחדש איז דאַדורך געווען די בעליעבטעסטע פערזאָן צווישען זײַן עולם. אויף אַזאַ אַרט האָבען זיך פעראייניגט סינאַגאָגע און הויז און דער סינאַגאָגאַלער מוזיקאַלישער ערציהונג, ערפינדונג און שעפּפונג פונ'ם איינפאַכען פאָלק. דער חזן וואָס האָט ביז דעם 19־טען יאָהרהונדערט ניט געקענט קיין נאָטען, זאָנדערן אַלעס בעל־פה, איש מפי איש אויסגעלעהרנט, איז פּשוט געוועזען איינער פון דעם פאָלק וואָס האָט געהאַט אַ קול־נגינה, אָדער, ווי מען פלעגט עס דאַמאָלסט רופען: „כלים" און אַ „חתוך הדבור", און פון הערען און זעהען, אַזוי ווי יעדער פון פאָלק, האָט ער זיך געוועהנט מחדש צו זײַן „זאַבען".

אַזוֹי האָט דאָס פאָלק גֶעוואַנדערט נאָך אַראַבּיען אונטער די קאַליפֶען (כליפים) און די רבנים האָבּען אָנגעפאנגען צו שרייבּען רעליגיעזע און פילאָזאָפישע טראַקטאַטען אין אַראַבּישען און העברעאישען שפּראַכען ; די פילאָלאָגען—בּיבעלקאָמענטאַריען (פירושים) און העבּראֶאישע גראַמאַטיקען; די משוררים—געדיכטע (ליעדער) און פיוטים, און פזמונים, וועלטליכע און סינאַגאָגאַלע, און דאָס פאָלק מיט זיינע חזנים האָבּען זיך זעהר פערגניגענט אין די אַראַבּישע ליעדער און. האָבּען זיי גלייך איינגעפאַסט אויף די סינאַגאָגאַלע פיוטים מיט דעם נאָמען „לחן ערב": דאָס הייסט, מיט אַראַבּישע מעלאָדיען. זיי האָבּען געוואַנדערט נאָך טערקיי, נאָך די סלאַווישע, ראָמאַנישע און זאַקסאַגערמאַנישע לענדער, די קלויז ריהרט זיך ניט, איהר בעל־תפלה בלייבּט אימער און איבּעראַל דער זעלבּער קאָנסערוואַטאָר, דאָס איינפאַכע פאָלק און זיין חזן אין דער סינאַגאָגע קומען גלייך אין בעריהרונג מיט די ליעדער פון אַנדערע פעלקער, און די סינאַגאָגאַלע מחרשים געווינען נייעם שטאָף אויף אָנצופאַסען אַ וואָלעבּעל אויף „יעלות", איין פוילישען פּאָלאָנעז—אויף „אָז בּקול רעש גדול", אַ קליינאַנעריש—אויף „כבקרת", אַ רוסישען מאַרש. אָדער אַ „קאָזאַק" אויף—„מלך עליון", אַ וואָלינִיש „בּעטלערעל" אָדער „ליר־ני־קעל"—אויף „ומי שמיחדים", איין אונגאַרישען טשאַרדאַש אָדער ראַפּסאָדיע—אויף „הבן יקיר לי".—מיט איין וואָרט, דער סינאַגאָגאַלער „מחדש" האָט אין קאָפּ אַ מוזיקאַלישעם געמיש פון קאָסמאָפּאָליטישע „וכל מאמינים שהוא"ס און דאַפון שלעפּט עס ווי פון אַ קרעניצע בּיי יעדער געלעגענהייט, און דאָס פובּליקום, דער המון־עם, ווערט צערשמאָלצען פון מתיקות. די רבנים מיט די שעהנע יודען, די תלמודיסטען, פון די תנאים בּיז די גאונים, פון דעם מיטעלאַלטער בּיז ר' יעקב עמדין, בּיז פיעלע רבנים נאָך איהם, בּיז אונזער צייט, שרייען, פּראָטעסטירען נעגען זינגען אין גלות. געגען דעם המון עם, וואָס גיט אויף דעם שענסטען תלמיד חכם און נעהמט אויף גאָר אַנ'עם־הארץ צום חזן דאַדורך ווייל ער זינגט, „השולח זמורה אל אפם", געגען דעם גאַנצען חזנישען אינסטיטוט, געגען חזן בּאַסזינגער, ווי עמדין דריקט זיך אויס: „ובה רשעים תועבה", און אַזוי האָבּען זיי נאָך גאָרניט אויפגעהערט צו שימפּפען בּיז היינט; דאָס פאָלק אָבּער האָט צוויי אויערען, מיט איין אויער הערט עס די שימפּפעריי פון די רבנים און מיט דעם צווייטען אויער—די זיסע געזאַנג פון זיינע חזנים, און פערגעסט די ערשטע און האָט פערגניגען

פון די צווייטע. אַזוי האָט דער המון־עם נעשטיצט זיין סינאַגאָגע אין דער יודישער געשיכטע ביז דעם 19־טען יאַהרהונדערט און עס האָט זיך דאָרט אויסגעבילדעט איין המון־עמ׳ישער עונג, איין פעבעלהאפטער געשמאַק. ערשט אין דעם 19־טען יאָהרהונדערט האָבען שוין איינינגע חזנים אויפגעטרעטען מיט נאָטען לעזען, מיט „בלאַטקענען״. עס איז געווען אַמין אָרט פון כישוף. ווי הייסט? אונזער חזן קען בלאַט! דאָס איז געווען אַ בעזונדער שטאָלץ פון דעם המון עס. אַביסעל נאָטען לעזען אָדער נאָטען קראַצען פון דעם בלאַט, וואס אַ יונגעל לערענט עס יעצט אין האַר אין 3 מאָנאַטען, האָט געהייסען פאַר די ערשטע בלאַט־קענער איין אַטעסטאַט פון דער העכסטער מוזיקאַלישער קונסט, אַצעפעלנישער דירישזאַבל אין אונזער צייט. און עס האָבען אָנגעפאַנגען צו פיהרען דעם גאָטעסדינסט חזנים מיט בלאַט.

נאָר וואָס האָבען דיעזע חזנים מיט בלאַט געזונגען—? די זעלביגע באַרבאַרישע געזאַנגען וואָס עס האָבען געזונגען יענע אַלטע חזנים אָהן בלאַט. איך האָב געהאַט אַ מלמד וואָס פלעגט ניט רעדען דברי חול פון 12 אַזייגער פרייטאָג ביי טאָג ביז נאָך דער הבדלה שבת־צו־נאַכט. אַלעס פלעגט ער רעדען נור אויף לשון קודש. האָבען די לצני הדור אויף איהם געזאָגט, אַז „ער רעדט אוים לשון הרע און רכילות אום שבת אויף לשון קודש אין בית המדרש פיל מעהר פון אַ רוסישען קאַזאַק די גאַנצע וואָך אין טראַקטיר״. אַזוי איז עס געווען מיט די „חזנים מיט בלאַט״. זיי האָבען זייערע ווילדערייען אין בלאַט פערצייכענט, און האָבען אין בלאַט מעהר אויסגעפלוידערט ווי יענע אַלטע אָהן בלאַט, און דער המון עס האָט זיין עונג געהאַט. יעדער ווי ווייט איז געווען דער עונג פון דעם פאָלק מיט זיינע זינגער פון דער אמתער קונסט! ווי ווייט איז דיעזער זינגזאַנג געווען פון פאָרם, פון סימעטריען, פון אַרחיטעקטור, פון עסטעטיק, פון סיסטעם, פון קאָמפּאָזיציאָן! איין שוארגאָנישעד קוידערוועלש אין טאָן און קלאַנג! און דער ערשטער רעפאָרמאַטאָר אין סעזען, יעקבזאָהן, איז געווען גאַנץ פערריקט פון דיזען זינגזאַנג, און די ערשטע רעפאָרם אין געווען אַרויסצו־שמייסען דאָס שמוציגע וואַסער אָבער מיט דעם קינד—דאָס הייסט מיט אַלע אונזערע אַלטע נוסחאות—צוזאַמען. און עס האָט געקאָכט אין אַלע סינאַ־גאָגען אין אייראָפּאַ. ביז איין זינגער פון גאָטעס גנאַדען ווי גרעץ האָט זיך אויסגעדריקט (11 Bd)—האָט אין וויען אויפגעטרעטען אַלס קאַנטאָר

און רעפאָרמאַטאָר און האָט אָנגעפאַנגען צו קעמפפען מיט דעם פערדאָר־בענעם געשמאַק פונ'ם פאָלק.

ראָס איז איין קורצע סקיצע פון דעם המון עס אין דער סינאַגאָגע. מיר אַנערקענען דעם המון עס אַלס הויפּטפאַקטאָר אין דער סינאַגאָגאַלער ליטורגיע און מיר מוזען איהם דאַנקבאַר זיין; נאָר אָבער דאַרפען מיר ניט אָפּפערען די אמתע קונסט פון דער מוזיק עסטעטיק, וועלכע מיר שטודי־רען יעצט און פערשטעהען, צוליב דעם אונענטוויקעלטען געשמאַק פונ'ם פאָלק: דאַמיט ווייזען מיר זעהר אַ שלעכטען דיענסט דער סינאַגאָגע, וועלכע מיר שאַצען אַזוי הויך און אויך דעם פּובליקום, וועלכע איז אונז אַזוי טייער. אונזער הייליגע פפליכט פאַר דער סינאַגאָגע, דעם פּובליקום און אויך פאַר דער קונסט איז צו שטרעבען, דאָס פאָלק אין געשמאַק צו־ערציהען, דאָס פאָלק צו זיך עמפּאָרהעבען, אַז זיין געשמאַק זאָל זיך נאָך און נאָך פערעדעלען אָבער ניט זיך אַרונטערלאָזען צום אונגעבילדעטען פאָלק מיט דער קונסט צוזאַמען. מיר מוזען קעמפפען מיט'ן פאָלק פאַר געשמאַק און שמעקען, ווייל מיר ליעבען דעם פאָלק און זיין כבוד איז אונ־זערער, ווייל עס טוהט אונז וועה, אַז מיר ווערען אויסגעלאַכט און אַלס באַרבאַרען ערקלערט, אַלס פּאַראַזיטען פון דער קונסט פערשריהען. ביי אַלע פעלקער האָט דאָס פאָלק די באַזיס פאַר דער קונסט געלעגט ביז אַ געוויסע צייט. ווען די קונסט הויבט אָן איהר מיסיען צו ערפיהלען מוז דאָס פאָלק צוריק ווייכען, זיין מיסיאָן איז דאַמיט ערפיעלט.

די אמתע קונסט האָט קיין אַנדערע שונאים ניט אויסער יענע, וועלכע פערשטעהען זי ניט. „Ars non habet osorem nisi ignorantem“. אויך אונזער פאָלק האָט זיין מיסיאָן אין דער סינאַגאָגע שוין לאַנג ערפיעלט. די פערגאַנגענהייט געהערט איהם; זייט זולצער'ס ערשיינען אָבער פאַנגט אָן אונזער מיסיאָן, צו בעאַרבייטען דעם גרויסען פאָלקסשטאָף צו אָרדנען, צו ריטמיזירען, צו האַרמאָניזירען, און די צוקונפט געהערט אָהנע וויטערעס דער הייליגער קונסט, און נאָר איהר מוזען מיר, יודישע קאַנטאָ־רען, טראָגען רעכענונג. „ליעבט אייער נעכסטען גלייך ווי אייך“—זאָגט פרידריך ניטשע—אָבער זייט מיר ערשט זאָלכע די זיך זעלבסט ליעבען“. און איך זאָג אייך, מיינע קאָלעגען: פערפיינערט דעם געשמאַק פון אייערע געמיינדען ווי אייער אייגענעם געשמאַק, אָבער זייט איהר ערשט אַזעלכע.

וואָס פֿערפֿײַנערען צוערשט דעם אײַגענעם געשמאַק. די פֿערפֿײַנערונג מוז איִמער אין דער גאָלדענער מיטטע בלײַבען. מיר דאַרפֿען ניט פֿון אונזערע סינאַגאָגען מאַכען יודישע פּראָטעסטאַנטישע קירכען, ווי דאָס האָבען געמאַכט אונזערע קאָלעגען אין זײערע רעפֿאָרמירטע געמײנדען אין וועסט (מערב)-אײראָפּאַ, ניין! טויזענדער מאָל ניין! אונזערע סינאַגאָגאַלע אַלטע מעלאָ-דיען זענען איין אונערשעפּפֿליכער ברונען, און אויפֿגעבען אונזער טראַדיציאָן הײסט זאָפֿיעל, ווי פֿערשטאָפּפֿען פֿרישע לעבעדיגע ברונען און טרינקען פֿון שטעהענדיגע וואַסער אין איין גראָבען. אָהן דיזע אַלטע מעלאָדיען איז די סינאַגאָגאַלע ליטורגיע אַלעס, נור ניט יודיש. די יודישע מעלאָדיע קען פֿון זיך זאָגען ווי הלל: אם „אני כאן הכל כאן—אם אין אני כאן מי כאן?“ מיר מוזען אָבער אויפֿהערען זיך פֿערצוקען אין אַ מוזיקאַלישען זשאַרגאָן, אין די ליטווישע חריפות און די חסיד'ישע אומגעלומפּערטע התלהבות אין אונ-זערע סינאַגאָגלען-געזאַנגען. מיר מוזען, מעהר ווי אַנדערע פֿעלקער, אַכט געבען אויף אונזערע סינאַגאָגאַלע מוזיק אויך דאַדורך, ווײל די יו-דישע ליטורגיע האָט ניט קײן אַנדערע הילפֿס-מיטעל, ווי צום בײשפּיעל, סקולפּטור, מאַלערײ, גלאָקען-קלאַנג און גערוך, און אויך די פּרעדיגט פֿעהלט אונז אין רוסלאַנד,—די אַלע מיטעל וואָס שטעהען בײ דער זײט פֿון דער קריסטליכער און הײדנישער ליטורגיען. די אײנציגע בת יחידה אין דער סינאַגאָגע איז די מוזיק, מוזען מיר זי דאַדורך היטען כבבת עין. לײדער האָט די בת יחידה זיעבען און זיעבציג ניאַנקעס און דאַרום איז זי אַזוי פֿערקריפּעלט. זי וויל צופֿיעל יעדען געפֿעלען, און שמינקט זיך מיט פֿרעמדע פֿאַרבען, זי קוקט ניט, אויב עס פּאַסט איהר, אַ בת יחידה פֿון אַ מלך און אַ כהן, וואָס איהר כבוד איז זי זאָל זײן אײנפֿאַך, בעשײדען, הײזליך, און געהט גאָר אויסצווזוכען ליעבהאָבער, „ובת איש כהן כי תחל לזנות את אביה היא מחללת“. זי פֿאַרבט זיך מיט אָריענטאַלישע אָדער אָקסידענטאַלישע פֿאַרבען, סלץ אײנס: פֿרעמדעס בלײבט פֿרעמדעס. איהרע זעננער—כמעט אַלע רוסישע חזנים—ווײסען נאָך ביז איצט ניט צו אונטערשײדען פֿון דעם הײדנישען, קריסטליכען און יודישען טאָן-אַרטען, אויב איבערהויפּט די סינאַגאָגע האָט אָרגינאַלע אָדער ספּעציעלע סקאַלען, אַלע זינגען יודיש—אַזוי גלויבען זײ וויײניגסטען דאָס זײ עס זינגען—יעדאָך ווײסען זעהר ווייניגע דעם אונטערשיעד צווישען גריעכישע צער.

קאָווּנע און סינאַגאָגאַלע טאָן־אַרטען. דאָס פּובליקום גלויבט, דאָס יעדער חליפה, גוואַיין, דרעה, שנערקעליי און נאָך איז יודיש; זיי ווייסען ניט, דאָס אַלע פעלקער און בעזונדערס פון דעם אָריענט און פון דער סלאַוישער ראַסע, וויינען, חליפען, דרעהען, שנערקעלען און דערנאָך איז עס קיין יודיש, ווייל זיי וויינען אויף אַנדערע סקאַלען ניט ווי דער יודישער. זי קליידעט זיך אָן מיט קליידער פונ׳ם טראַקטיר פונ׳ם קאַפעהויז, פונ׳ם שאַנטאַן און צירק און שטעלט זיך פאַר דעם יודישען פובליקום אין דער סינאַגאָגע. זי קליידעט זיך אָן זעהר פרום ווי אַ בת כהן און געהט גאָר אין די שיינקען, אין די טראַקטירען, אין די טעאַטער, אין די בורדעלען און שטעלט זיך דאָרט פאַר דעם קריסטליכען פובליקום. זי וויל נור בייפאַל און שמוציגען כבוד, עס ליעגט איהר גאָר ניט דאַראַן פון ווען, פאַר וואָס און וואו. און דער נביא שימפפט איהר מיט רעכט נאָך: „קחי כנור סובי עיר זונה נשכחה, היטיבי נגן, הרבי שיר למען תזכרי״ (ישעיהו כ״ג, ט״ז). דאַרום איז אונזער סינאַגאָגע אַזוי פערוויסטעט, אַזוי באַרבאַריזירט אים פערגלייך מיט אַלע גאָטעס הייזער פון אַלע פעלקער. ווי פיעל סינאַגאָגען עס געפינען זיך אין יעדער שטאָדט אַזוי פיעל משונה׳דיגע ליטורגיען געפינען מיר דאָרט. איין רומיש קאַטאָלישער קאַרדינאַל פון רומי קען אוים פאָהרען די וועלט און וואָהין ער קומט קען ער גלייך צוגעהן צום אַלטאַר און טהון זיין עבודה צוזאַמען מיט די גייסטליכע, וועלכע ער האָט אין זיין לעבען ניט געזעהען. איין פראַוואָסלאַווישער אַרחיעפיסקאָפּ אוים מאָסקוואַ, קען אוים פאָהרען גאַנץ רוסלאַנד און גאַנץ איירופּאָ, וואו עס פינדעט זיך איינע פראַוואָסלאַווישע קירכע און קען קומען גלייך אויף דעם אַלטאַר צוזאַמען מיט דער גייסטליכקייט, וועלכע ער האָט אין זיין לע־בען קיין מאָל ניט געזעהען, און דער גאָטעסדיענסט וועט איינינג און אַנשטענדיג געהען. אַזוי זענען אָרגאַניזירט אַלע ליטורגיען אין דער וועלט. ווי ווילד שטעהט עס אָבער מיט דער יודישער ליטורגיע! אין יעדער סי־נאַגאָגע אין דער זעלבער שטאַדט איז שוין אַ גאַנץ אַנדערע גאָטעס־דיענסט, אַזוי, דאָס דער בעריהמטעסטער חזן, זקן ורגיל, וועט ניט וואַגען צו געהן צום אַלטאַר ביז ער האָט ניט פריהער געמאַכט אַ פּראָבע, אָדער פּראָבען, ווייל ער קען ניט וויסען וואָס פאַר איין אָפּערע עס ווערט דאָ אויפגעפיהרט; ווייל ער איז מעהר כלי־זמר ווי גייסטליכער אין קען ניט

וויסען ווי אזוי די אפערא איז אויפגעפיהרט געווארען פון איין פריהערדיגען כלי־זמר, ווי פיעל פיטשיקאטעס, מארדענטע, טרילער, קאדענצען און פישטשען יענער האט געמאכט; ער קען ניט וויסען וואס צו דאווענען און וואס צו זינגען: עס גיבט קיין נארמע, ער קען ניט וויסען וואס דאס פובליקום ליעבט,—דאס פובליקום, וועלכעס בעגניגט זיך ניט מיט זיין שותפות, זאנדערען הערשט, בעפעהלט, ווי איין דיקטאטאר, שיקט מוזיקאלישע מאנדאטען זיינעם שליח־צבור־כלי־זמר, ער זאל זיי נור נאך איהרעס בעפעהל, בעשטעלונג אויספיהרען. דאס הייסט, זיי ווילען דאמאלס הארכען זיין זינגען, ווען ער איהרע בעפעהלען געהארכט, און ווי אזוי בענעהמט זיך דאס פובליקום אין זיין סינאגאגע די עס ליעבט אזוי פרייער, פאמיליערער קען עס זיך ניט אויפפיהרען אין דעם ערגסטען טינגעל טאנגעל הויז. עס זיצט און זאגט מבינות, פערגלייכט אלע סינאגאגאלע חזנים־כלי־זמר פון דער וועלט, קווערט נאך איין „שטיקעל" שימפפט און שפוקט נאך דעם צווייטען שטיקעל, לאכט פון דעם דריטען שטיקעל, פאטשט בראוואַ פון דעם פיערטען שטיקעל. און דאביי קומען פריוואט־חשבונות צווישען זיך אליין אויך אין דער עפענטליכקייט אין דער סינאגאגע. עס גענוגט איהם ווען דער קאדענץ אויף מקדש השבת זיינעם געגנער געפעלען, דאס ער זאל שימפפען און בעווייזען ווי עקעל עס איז געוועזען. אדער, ווען זיין געגנער האט אויסגעשפוקט און געזאגט: „ער איז ווערט מען זאל איהם צערברעכען אלע זיינע ביינער", דאס ער זאל איהם ענטפערען „ער איז ווערט מען זאל איהם אויסקושען יעדעס אבר!" זא וואס האט געוויס קיין גאטעס הויז אין דער וועלט ניט געהערט, און ווען עס געפעלט איהם שוין זעהר גוט—לויפט ער דענאך שנעל גאך קדושה אוועק אום רעכטצייטיג אנצוקומען אין א טאנץ־זאל וואו איין אנטרעפרעניאר האט געדונגען א יונגעלע צו קאנצערטירען א שבת־דאווענען. און ווען דאס יונגעלע מאכט איהם א קינדיריש חנ'דעלע ווערט ער באלר ענטציקט און זאגט: „עס מעגען די כפרה ווערען אלע גרעסטע חזנים פון דער וועלט פאר זיין טריט!! ווי אזוי מוז שוין איין פאלק געפאלען זיין אין זיינער רעליגיאן, אין זיינעם עסטהעטישען געשמאק, ווען ער האט איבערגעקעהרט דאס הייליגסטע וואס ער האט אין א קאנצערט, אין א מארק, אין א באזאר! האט מען עס נאך געהערט ביי די האטעטאנטען, דאס א יונגעלע פון 10 יאהר זאל זיך פערשטעלען פאר א גייסטליכען

לפי שעה, אַ קלײַן אַרכיִעפּיִסקאָפּעל, און דאַוונען איוף בּילעטען?! און דאָס טהוט דאָס פֿאָלק, וואָס מען רופט עס: „עם הספר“ „עם הרוח“ אָדער טעאָקראַטיִשעס פֿאָלק, וואָס האָט פערזאָרגט די גאַנצע וועלט מיִט געטער, רעליִגיִאָנען און טעסמאַטענטען?!!

## XXIII

## די גייסטיגע יוגענד פונ׳ם פאלק.

איִן דעם איין און צוואַנציגסטען קאַפּיִטעל האָבּען מיִר געשפּראָכען פון דער מאָדערנער איִנטעליִגענץ און פון זײַערע קיִנדער, וואָס דאָס פּאָלק רופט זיי: „דיִ גאָלדענע יוגענד“, דאָס הייסט, דיִ יוגענד וואָס בּרענגט אוים געלד, וועלכע האָט קיינע אָנדערע אידעאַלען אים לעבען אויסער געלד, וואָס אַנערקענט ניִט קיין אַנדערען גאָט אויסער מאַמאָן, וואָס האָט מיִט דעם יודענטום ניִט צו טהון; און זאָ לאַנג זיי האָבּען דאָס געלד זענען זיי אָנגעזעהנע געסט איִן דער פּרעמדער געזעלשאַפט. זיי זענען געוועהנליִך געקרוינט מיִט דעם נאָמען „סליִוּוקעס“: דאָס הייסט דיִ סמעטענע פון דער געזעלשאַפט, אַבוואַ״ל אים גרונדע גענומען זענען זיי גאָר דיִ זאָווערמליִך, אָדער גאָר דאָס זויער וואַסער, די סיִוואָראָטקע פון דער יו־דיִשער געזעלשאַפט.

נור וויִ דיִ זאַכע איִז, איִז די רעדע געוועזען פון דער געלד־יוגענד, דיִ געלד־קיִנדער פון דער געלד־אַריִסטאָקראַטיִע, וואָס נעהען אַרײַן איִן דער קאַטעגאָריע פון די „זדים“, דיִעזע זענען ניִט קיין נײַע איִן דער געשיִכטע פון די יודען, און געהערען ניִט נור דעם רוסיִשען מאָדערנעם יודענטום, זאָנדערן זיי זענען דער אויסוואוקס אים יודענטום פון אַלע צײַטען, אַלע לענדער; דיִעזע זענען געוועזען די „מפירי ברית“ איִן דער עפּאָכע פון דער העלעניִזאַציאָן, זיי האָבּען זיך ניִט בּעשעפטיִגט מיִט דער פּיִלאָסאָפּיִע פון אַריִסטוס, מיִט דער עטהיִק סאָקראַטאָס, מיִט דעם טראַגעדיִען אשבילוס און איִבּערהופּט, מיִט גריִעכיִשער פּיִלאָסאָפּיִע, עטהיִק און עסטהעטיִק, מיִט דער רעליִגיִאָן פון דער שײנהייט, זאָנדערן מיִט דען לוסטיִגען שפּיִעלען, מיִט דעם פּיִטיִשען גיִמנאַסטיִשען וועטען און גאַסען בּאַקכאַנאַליִען. דיִעזע האָבּען דעם טורבּאַן אַנגעצויגען איִן דער עפּאָכע פון דער אַראַבּאַזיִציאָן; דיִעזע זענען אויך די ערשטע געוועזען זיך צו אַסיִמיִליִרען איִן דער עפּאָכע פון דער גערמאַניִזאַציאָן איִן די בּערליִנער סאַלאָנען נאָך מענדעלסאָנ׳ס

אויפטרעטען. דיעזע יוגענד פונ'ם געלד האָט קיין מאָל ניט געקעמפפט פאַר אידעען איבערהויפּט און בעזונדערס פאַר אידישע אידעען, וואָס זיי האָבען אין האַרצען גאָר פעראַכטעט. איינער זייטס זענען זיי שטאָלץ געוועזען ווי די שפּאַניער, געגען איהרע ברידער, און צאַהם ווי די האָזען געגענאיבער די אַנדערע פעלקער; געגען די איהריגען געהאַלטען דעם קאָפּ פעררים'סען הימעל־הויך, און פאַר דעם פרעמדען דעם זעלבען קאָפּ געבייגט ערד־נידעריג. אין איהרעם נאַנצען וועזען האָבען זיי פאָרגעשטעלט איין עבדות בתוך חרות", צום שיין, פריי, אין האַרצען אָבער—עלענדע שקלאַפּען. דיעזע יוגענד האָט זיך אס ענדע אַליין נעשאַדעט. נאָכדעם ווי זי האָט איהר געלד אַריבער געפּעקעלט אין פרעמדע הענד, האָבען זיי יענע פרעמדע פריינד זעהר בכבוד'יג אַרויסגעשמיסען. „שאין מקרבין לאדם אלא בשעת הנאתם"—איז אַ אייביגער אמת, דאָס גאַנצע יודענטום האָט דאַדורך—אויסער דעם געלד־ ווענינ געליטען, עבען פערקעהרט, די פרעמדע האָבען זיך אימער געוואונשען אַזאַ יודישע גאָלדענע יוגענד אום נעהער צו קומען צו די יודישע קאַפּיטאַלען; אַלענפאַלס האָבען ־ זיי קיין בייזעס בלוט ניט פעראורזאַכט.

עס גיעבט אָבער נאָך איינע 2־טע סאָרט יוגענד אינ'ם [פאָלק, די זין פון דער מיטלער קלאַססע, אַ יוגענר, וועלכע איז [פול אייפער פאַר אידעאַלען, וועלכע איז בערייט זיך צו אָפּפערען פאַר וועלט־אידעען, מיט איין וואָרט—„יוגענד פונ'ם גייסט", אַ יוגענד, וואָס איז רייך אים גייסט, און וואָלט אומשטאַנד געוועזען צו ווערען די סליוזקעס פונ'ם יודישען פאָלק, אין פולען זין פונ'ם וואָרט, ווען זייער ערציהונג זאָל געוועזען זיין אַ נאָרמאַלע. און ליידער האָט אונז ערשט די יוגענד אין דער לעצטער צייט מיט איהרעם גייסט פיעל מעהר אונגליק פעראורזאַכט אַלס יענע יוגענד פונ'ם געלד מיט זייער געלד. דיעזע יוגענד איז איינע ספּעציאַלע יודיש־רוסישע וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט אין די לעצטע 25 יאָהר, דורך דעם קריזיס, וואָס דאָס יודישע פאָלק האָט אין רוסלאַנד דורך געמאַכט. קיינע יוגענד פון איין אַנדערען פאָלק אין דער וועלט ווערט יעצט ניט אַזוי פערשריען, אַזוי בעשולדיגט ווי די יודישע גייסטיגע יוגענד אין רוסלאַנד, אין גאַנץ אַמעריקאַ, איירָאָפּאַ. האָט זיך די יודיש־רוסישע גייסטיגע יוגענד פערשאַפט אַ שרעקליכע רעפּוטאַציאָן, זי ווערט גאַנץ איינפאַך

געפירכטעט, אין דאָס האָבען מיר צו פערדאַנקען דעם אונפּרינציפּיעלען, אונסיסטעמאַטישען, אונליטורגישען ערציהונג פון דער יודישען גײַסטיגען יוגענד אין דעם מאָדערנעם רוסלאַנד. דיעזע גײַסטיגע יוגענד האָט דאַרום געשפּיעלט אײַנע אונפערשטענדליכע, אוניודישע ראָלע אים קאַמפּף פון „חרות בתוך עבדות", אין װעלכען זי האָט זיך אונפּראַקטיש בעטײַליגט. און אין דער לעצטער בעװעגונג אין רוסלאַנד האָט די יודישע גײַסטיגע יוגענד זעהר אַ שלעכטען עקזאַמען אױסגעהאַלטען, פאַר װעלכען דאָס יודישע פאָלק האָט געדאַרפט בעצאָהלען מיט בלוט, מיט מענשען-אָפּפער און מיט דעם רעשט פון זײַן פריהערער פרײַהײַט; אַ קאָנטריבוציאָן פאַר די פעהלער, פאַר דעם פערלאָרענעם קריעג פון זײַן אונרײַפען, אונרעליגיעזען, אוננאַציאָנאַלען און, אַם ענדע, אויך אונהומאַנען גײַסטיגען יוגענד.

די געשיכטע פון אונזער פאָלק צײַגט, דאָס אַלע אױפשטאַנדען און קעמפּפען פון אונזער פאָלק געגען אַ אַנדערע פעלקער, פונקט אַזױ װי צװישען זיך, האָבען אימער געהאַט אונטער זיך אַ רעליגיעזען, ליטורגישען און נאַציאָנאַלען באָדען. שױן דער ערשטער עגיפּטישער אױפשטאַנד האָט אַ רעליגיעזען, ליטורגישען קאָלאָריט: „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה" (שמות ג׳, י״ב). די מלחמות מיט די פּאַלעסטינעזישע פעלקער האָבען שױן, אױסער רעליגיאָן און ליטורגיע, אױך אַ נאַציאָנאַלען גרונד געהאַט. די מלחמות צװישען די יודישע קעניגען אָדער צװישען די נביאים האָבען אױך, אױסער דינאַסטישע פראַגען מעהר אָדער װעניגער אײַנען רעליגיאָזען און ליטורגישען כאַראַקטער. די מלחמות מיט נבוכדנאצר מיט די סיליײַקידען, מיט די אַנטיאָכיסען אין דער צײַט פון די מאַקאַבײַער, און נאָכהער צװישען די מאַקאַבײַערען און הערָאָדיאַנערען, צװישען דער פריעדענס-פּאַרטײַ מיט ר׳ יוחנן בן זכאי אין דער שפּיץ, אין ריש ברווני און קריגענס-פּאַרטײַ מיט די סיקריקען און צעלאָטען אין דער שפּיץ, געגען װעספּאַסיאַן, טיטוס, קאַליגולוס, האַדריאַן און מיט דעם גענעראַל סעװער בײַ ביתר אָדער טור-מלכא און נאָך, — האָבען נאָך מעהר געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזען, ליטורגישען און נאַציאָנאַלען קריעג. אױך אַלע פערטהײַדיגונגס-מלחמות, אָדער, בעסער געזאָגט, מסירת-נפש׳ען אין מיטעלאַלטער ביז באָגדאַן חמעלניצקי׳ן, גאָנטאַ׳ן און קרושעװאַנ׳ס צײַטען

זענען אלע אויסגעגאנגען פון רעליגיאן און ליטורגיע, אויס תורה און
עבודה. דאס יודענטום האט געקעמפפט אדער עס האט זיך פערטהיידיגט
ווען אנדערע האבען עס בעקעמפפט, און דאס יודענטום האט נאכהער
טייער געמוזט בעצאהלען; זיי זענען דארויף אויסגעגאנגען: דאס איז די
נארמע פון אלע אלטע און נייע פעלקער. וואס פאר א כאראקטער האט
אבער געטראגען די אגרעסיווע, אקטיווע בעטייליגונג פון דער יודישער
גייסטיגער יוגענד אין די לעצטע אונרוהען אין רוסלאנד?—זענען זיי דען
פארקעמפפער פון א יודישער אידעע? — זענען זיי דען געוועזען איבער-
הויפט די שליחי צבור פון דעם יודענטום? — אה ניין! — א יוגענד וואס
האט אין איהרע ערציהונג ניט פון יודישער תורה און ניט פון יודישער
עבודה געגאסען, א יוגענד וואס איז גענוג עהרליך געוועזען אין איהרער
דעקלאראציאן, אין איהר פאליטישען פראגראם עפענטליך צו בעפרייען
זיך פון די ביידע יודישע פרינציפען, און ערקלעהרט איהם פאראויס, דאס
זי אונטערנעהמט דעם קריעג ניט פאר דאס יודענטום, זאנדערן פאר
דאס מענשענטום.—זיי קענען קיינמאל ניט אנגעזעהען ווערען אלס רעלעגא-
טען, אלס פארקעמפפער פון דעם יודישען פאלק. און דארום איז עס אזוי
טרויעריג, ווען דאס יודישע פאלק האט צו צאהלען אזוי פיעל קאנטרי-
בוציאן פאר דעם פערגרייזטען, פאר דעם פערלארענעם קאמפף פון זיין
נטפרעמדעטען גייסטיגען יוגענד. עס קען דא ווירקליך אנגעווענדעט
ווערען דער זאץ: „בנים אכלו בוסר ושיני אבות תקהינה“. אין דיעזעם
קאמפף פאר סאציאלער און פאליטישער פרייהייט, דאס הייסט, אין די פרינ
ציפען פון „גמילות חסדים“, פון הומאניטעט, פון דער זעליגקייט פונ'ם
גאנצען רוסישען פאלק, אין וועלכען די יודישע גייסטיגע יוגענד האט
געפונען איהר איינציגע רעליגיאן, זענען זיי דאדורך צו גרונדע געגאנגען,
נאך מעהר מאראליש אלס פיזיש, ווייל אהן יענע פריהערע ביידע יודישע
פרינציפיען, „תורה און עבודה“, האט אויך דאס דריטע פרינציפ זיין מא-
ראלישע קראפט פערלארען און איז אונטער דער שווערען לאסט פונ'ם
קאמפף צוזאמענגעבראכען. די גרויסע עקספאנסיווע און קאסמאפא-
ליטישע אידעע, מיט וועלכער די יודישע גייסטיגע יוגענד האט אנגעפאנ-
גען איהר קאמפף, איז נאכהער געזונקען צו איינער מיסעראבלער עגא-
איסטישער עקספראפריאטארישער אנארכיע. אנדערש האט עס זיך גאר

ניִט געקענט ענדיִגען, ווייַל עס האָט איִהר געפעהלט דיִ יודיִשע סיִנאַגאָגאַלע
עטהיִק פון „מאי דסני לך לחברך לא תעביד"; פון „יהוי מתפלל בשלומה
של מלכות, שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו", אָדער „ודרשו את
שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ה׳ כי בשלומה
יהיה לכם שלום" (ירמיהו כ"ט, ז׳). מתפלל היִן מתפלל העֶר, ווען דיִ
גייַסטיִגע מאָדערנע יוגענד האָבען אָבער גאָר ניִט געוואָלט מתפלל זייַן!
דיִ סינאַגאָגע האָט אויך דעם יודיִשען משיח קיינמאָל ניִט סיִמבאָליִזיִרט מיִט
קראַפט, מיִט געוואַלד, און דאָס סיִנאַגאָגאַלע יודענטום האָט קיינמאָל ניִט
געלעהרט דורך מענשליִכער געוואַלט און אויפשטאַנד צו מאַכען גליִקליִך
דיִ וועלט. דיִ גייַסטיִגע יוגענד אָבער האָט אוניודיִש אָנגעפאַנגען און איִז אונ-
יודיִש דורך געפאַלען, און איִהרעם אונשולדיִגען פאָלק געבראַכט ניִט נור
אונגליִק, זאָנדערן אויך שאַנדע (דורך גייַסטרייַכען אַזעוו וכדומה). מעגען
דיִ אַלע פרייַדענקער און ראַציאָנאַליִסטען פערוואַרפען רעליגיאָן און ליִטורגיִע,
אָבלייקענען דיִ גאַנצע איִדעע פון אַ גאָטהייַט און צום פּריִנציפּ רער מענשליִכען
עוואָלוציאָן דיִ איינציִגע וויִסענשאַפּט שטעלען וויִ ערנסט האַעקעל איִן זייַן
ווערק „Die Welt Räthsel" צום שלום קומט, דאָס פיִנפצעהן מיִליאָן מענשען
פערדרעהען זיִך אומזיִסט זייערע קעפּ מיִט פערשיִעדענע פאָרמען פון גאָט-
הייַטען, דאָ אַלעס לעבעדיִגע אויס איינעם זיִך איי ענטוויִקעלט האָט
(„Omne vivum ex ovo"[1]) אָדער וויִ סיואָבאָרע איִן זייַנעם ווערק „Geschtalten
Glaubens des" לאַכט אויס דיִ האָמעריִשע פראַזע איִבער דעם זיִעג בייַטראָיאַ:
ניִכט אונז, זאָנדערן דען גאָטערען געבּיהרט דאָס לאָב".—פאַר דיִ יודיִש-
רוסיִשע גייַסטיִגע יוגענד האָבען דיִעזע אַטעאיִסטיִשע טעאָריִען מעהר
אונגליִק אַלס זעליִגקייַט געבראַכט; מאַרקסיִזמוס, לאַסאַליִזמוס, דאַרוויִניִזמוס
און אויך האַעקעליִזמוס האָבען בייַ דער רוסיִשער גייַסטיִגען יוגענד מעהר
אַוועק גענומען איידער געגעבען, און איִהר קליינעם מאָגען מיִט צופיִעל
מאָדערנע פיִלאָזאָפיִע איִבערשטאָפּט. אַזוי לאַנג וויִ דיִ יוגענד איִז ערצויגען
געוואָרען בייַ זייערע עלטערען צו הויז אויף תורה, אויף רעליִגיאָן און
יודיִשע זיִטטען, און איִן דער סיִנאַגאָגע—אויף עבודה און ליִטורגיִע, דאָס
הייסט, זיִ האָט געזעהען, דאָס מאַן בעטעט, דאָס מאַן אַנבעטעט איינע
העכערע קראַפט, וועלכע דיִ דענקענדע מענער רופען עס: טעאיִזמוס,
דעאיִזמוס, אָדער זאָגאַר פּאַנטעאיִזמוס, האָבען דיִ פּריִנציפּען פון הומאַניִטעט,

1) Ernst Haeckel. Die Welträthsel III Cap., S. 22.

פון גמילות־חסדים נור געשטארקט יענע ביידע, און גמילות־חסדים איז אימער געוועזען געגענזייטיגע גוטע בעהאנדלונג אין דער הלל'שען אויפפאסונג, דאס „אלעס וואס דיר אונאנגענעהם איזט טוהע עס ניכט דיינעם נעכסטען". דער גרעסטער גמילות־חסד האט ניט געקענט מבטל זיין דעם „לא תגנוב", דעם „לא תרצח", דעם „לא תענה ברעך עד שקר", דעם „לא תשנא את אחיך בלבבך"—דאדורך וויל איהם צו זייטע זענען געשטאנען די תורה און די עבודה. קוים אבער איז די יודישע רעליגיאן אים יודישען הויז אבגעשוואכט געווארען און די יוגענד האט די סינאגאגע מיט איהר לעהרע, ליטורגיע און טראדיציאן געענצליך פערלאזען, און דאדורך די גאנצע אידעע פון איינער העכערען קראפט, די אין זיך סימבאליזירט דאס גוטע און דאס שענע, עטהיק און עסטהעטיק, אויפגעגעבען, און זיין איינציגע רעליגיאן האט ער בעשרענקט אויף „ה־ו־מ־א־נ־י־ז־מ־ו־ס", אויף דעם אטעאיסטישען גמילות־חסדים,—האט די יוגענד לאנג ניט געקענט אויסהאלטען און ביי דער ערשטער פראבע איז דיעזער אבגאטט פון דער מאדערנער גייסטיגער יוגענד צוזאמענגעבראכען און פערוואנדעלט געווארען צום גנב, צום מערדער, צום עקספראפריאטאר, צום אויפשטאנדען געגען דער ארדנונג פון דער געזעלשאפט, געגען די רעליגיאן פון זיינע עלטערען, געגען זיין איינציגע רעליגיאן, געגען נאציאן, געגען זיין איינענעם גמילות־חסדים'דיגען ברודער. און ווען „אזעוו עט קאמפאניע" האט זיך צושטארק צע'גמילות־חסד'ט אין פאריז, שווייצאריע, עסטרייך און דייטשלאנד, האט געמוסט אין קעשעניוו משה קיגעלמאן אין דער ארמער סינאגאגע בעת העבודה מיט א תורה אין דער האנד דערשטאכען ווערען. דאס איז געוועזען דער רעזולטאט פון דעם מאדערנעם גמילות־חסדים אהן תורה און אהן עבודה.

אין קורצען, דאס יודישע פאלק האט דאפעלט צו בעצאהלען: איינערליך פאר די האנדלונג פון זיין יוגענד געגען יודענטום, און אויסערליך פאר די האנדלונג פון זיינער יוגענד געגען מענשענטום; איינערליך האט די יוגענד פעראכטעט איהרע עלטערען פאר איהר לאיאליטעט, פאר איהר אנווייזונג דער יוגענד צו פאלגען די לעהרע פון דער סינאגאגע, צו געהארכען די יודישע עטהיק און ליידען רוהיג, און אויסווענדיג האבען זיי געהאט אויסצושטעהן די ראכע, די נקמה פון דעם רוסישען פאלק פאר

די יודישע רעוואָלוציאָנערע יוגענד. יאָ, רעוואָלוציאָנער איז זי פיעללייכט געוועזען, אָבער ניט יודיש. דיזע יוגענד וואַנדעלט נעבען דער סינאַגאָגע און קליגעלט, שפּאָטעט, לאַכט און פרעגט: „מה העבודה הזאת לכם?"— און די עלטערען טרויערען, בעדויערען, ליידען און פרעגען זייערע קינדער: „מה העבודה הזאת לכם?"—

ווער האָט רעכט צווישען זיי?—...

## XXIV

## דער גרויסער פאַר־ימים־נוראים יאריד אין דען סינאגאגען.

צוריק מיט 10 יאָהר איז אין וויען געשטאָרבען דער בעריהמטער קאַנטאָר יוסף גאָלדשטיין אים חודש יוני. די געמיינדע האָט אַ גאַנצען יאָהר, צום צייכען פון טרויער, גאָר פון קיין קאַנטאָר־פראַגע ניט גע־שפּראָכען. ערשט נאָך דעם יאָהר האָט מען קאָנקורס געשריעבען און נאָך פיעלען פראָבען איז דער קאַנטאָר ג. אוים בודאַפּעסט אויפגענאָמען געוואָרען. האָט זיך די בודאַפּעסטער געמיינדע געווענדעט צו דער וויענער מיט אַ בריעף, אין וועלכען זי האָט ערקלעהרט, דאָס דער קאַנטאָר ג. איז נייטיג פאַר די ימים נוראים אין בודאַפּעסט, ווייל די צייט איז צו קורץ איינעם אַנדערען צו געפינען, אלזא בעטען זיי די וויענער געמיינדע, זי זאָל ערלויבען דעם קאַנטאָר ג. צו פאָהרען צוריק נאָך בודאַפּעסט אויף די ימים נוראים.

וואָס וואָלט געאַנטוואָרטעט איינע רוסישע געמיינדע אין אַזאַ מין פאַל?—ענטוועדער גאָר ניט געאַנטוואָרטעט, אָדער פון יוצא וועגען וואָלט איהר אַנטוואָרט זיכער געוועזען, דאָס יעדער געמיינדע מוז זאָרגען פאַר זיך, נור דעם קאַנטאָר שטעהט עס פריי צו טהון וואָס ער וויל. דאָס וואָלט געוועזען די אָפיציעלע אַנטוואָרט פון דער אָנדערע געמיינדע; דעם קאַנטאָר אָבער וואָלט זי ערקלעהרט: דאָס ווען ער וויל דאָ בלייבען, מוז ער שוין די ימים נוראים אויך דאָ דאַווענען, זאָנסט קען ער טהון וואָס ער וויל. ווי וואָלט דער קאַנטאָר אין אַזאַ פאַל געהאַנדעלט פערשטעהען מיר אַלע: ער וואָלט נעשריעבען, זיך ענטשולדיגט, אַהער אַהין—ער וואָלט געבליעבען אויף דער נייער שטעלע, און די אַלטע געמיינדע זאָל איהם קומען וואַרגען. עס איז אָבער וויען, אַ שטאָדט אין צענטרום פון איירָאָפּאַ מיט אַ ציוויליזירטער

קולטוס־געמיינדע, אין וועלכער עס הערשט אָרדנונג און יושר. און די וויענער געמיינדע האָט געאַנטוואָרטעט ווי ס׳שטעהט איהר אָן, זי האָט באַלד געשריבען נאָך בודאַפּעסט: „אָבוואָהל די דינסטע פון דעם קאַנטאָר ג. פאַר די נעכסטע ימים נוראים איר זייער וויכטיג זינד, נור אָבער וויל זי ניט אויף זיך נעמען וועה צו טהון איהר שוועסטער געמיינדע... און זי ערלויבט דעם קאַנטאָר ג. אויף ימים נוראים נאָך בודאַפּעסט צופאָהרען. ערשט אם חול המועד סוכות האָט די וויענער געמיינדע געשריבען נאָך בודאַ־פּעסט, אַז זי וועט זעהר דאַנקבאַר זיין דער בודאַפּעסטער געמיינדע ווען זי וועט שיקען דעם קאַנטאָר ג׳. שוין אויף שמיני עצרת נאָך וויען. און די בודאַפּעסטער געמיינדע האָט געשיקט אַ דאַנק־בריעף נאָך וויען, און האָט בעגלייט דעם אָבגערייזטען קאַנטאָר צום וואָגזאַל אם חול המועד, און ג׳. האָט זיין אמט אין דער נייער געמיינדע אין וויען אַם שמיני עצרת אָנגעפאַנגען.

אין פאָריגען יאָהר האָט בערלין איינגענומען אַ נייעם קאַנטאָר (עס שיינט, אויס אמשטערדאַם), און דער קאַנטאָר איז געבליבען אויף די ימים נוראים אויף זיין אַלטער שטעלע, און בערלין האָט געוואַרט אַ האַלב יאָהר ביז ער איז אַהין געקומען.

אין ניו־יאָרק, וויא עס וואָהנען אַ האַלב מיליאָן יודען צוזאַמען מיט אַ פּאָר הונדערט סינאַגאָגען, איז איינגעפיהרט, אַז ווען אַ קאַנטאָר פון אַ קלענערער געמיינדע ווערט איינגענומען אין אַ גרעסערער געמיינדע, וואַרט אויף איהם זיין נייע שטעלע ביז ער דינט דאָרט אויס זיין צייט און נאַכהער טרעט ער אָן זיין אַמט אין דער נייער געמיינדע מיט גרויס פּאַראַד און אויף די Inauguration Services ווערען אַ סך געסט איינ־געלאַדען, און די ערשטע צווישען זיי זענען די הויפּט־מיטגליעדער פון דער אַלטער געמיינדע מיט דעם פאָרשטאַנד אין דער שפּיץ. דער קאַנטאָר ווערט גראַטולירט צו זיינער נייען שטעלונג פון ביידע געמיינדען און אָלעס איז זעהר עהרנהאַפט.

אַזוי האַנדלען ציוויליזירטע געמיינדען אין איראָפּאָ און אין אַמעריקאַ. וואָס פאַר אַ מאָראַלישע ווירקונג עס מאַכט אַזאַ מין האַנדלונג אויף ביידע צדדים קען דאָך יעדער מענש פערשטעהן. די שוועסטער־געמיינדען שטעהען אימער אין דער בעסטען פערבינדונג און ווען דער קאַנטאָר איז איין אונ־אָרדענטליכער מענש, אָדער איז זאָגאַר אונפערטרעגליך מיט מענשען, קען

ער צוואר צו יעדער צייט זיך בעפרייען פון זיין געמיינדע, אָבער קיין אנשטענדיגע געמיינדע וועט איהם מעהר ניט אויפנעהמען. יעדער קאנטאָר ווייס, אז וואס אנשטענדיגער, ווירדיגער, מוזיקאלישער ער וועט זיך אויפפיהרען אין זיין קליינער געמיינדע, דעסטאָ מעהר שאנצען האָט ער צו אוואנסירען ביז דער גרעסטער געמיינדע, יעדע געמיינדע נעהמט אויף א קאנטאָר אין א ריכטיגער צייט און נאך מעהר, לאָזט זי דעם קאנטאָר אוועקגעהן אין א ריכטיגער צייט, און קיינער ליידעט ניט דאביי, אלעס איז מיט עהרע, מיט שלום, מיט רוהע, מיט יושר, מיט אנשטאנד פאר אלע פיער טהיילען: פאר די אלטע געמיינדע, פאר די נייע געמיינדע, פאר דעם קאנטאָר וואס געהט איבער און אויך פאר דעם קאנטאָר, וואס קומט איבער נעהמען זיין פלאץ און דער קלענערער געמיינדע.

ווי געהט אָבער צו די זאך אין רוסלאנד?—איין קאנטאָר ווערט געוואָהר, דאס אין איין אנדער שטאָדט איז א פּאָסטען געוואָרען לעדיג—אהא! ער מאכט שוין עפּיס א פזמון, א ליגען, ער דערצעהלט זיין פאר־שטאנד, אז ער מוז פאָרען נאך א פּאס, ער פאָהרט צו זיין קראנקער מוטער, ער פאָהרט זיך קורירען, ער פאָהרט צום זונ׳ס פּריזיוו,—מיט איין וואָרט, ער פאָהרט פאר פערשידענע צוועקען, נור ניט חס וחלילה א פּראָבע האלטען! וואס געהט איהם יענע שטעלען אָן! ער פאָהרט בשלום אוועק און אין צוויי וואכען ארום שרייבט ער אריין א בריעף צום פאר־שטאנד, דאס ער איז געבליבען אָבער־קאנטאָר אין יענער שטאָדט, און ווען?—א חודש פאר ימים נוראים. עס ווערט א גוואלד, א געפּילדעריי, א הו־הא אויף דעם ליידאק, אויף דעם שארלאטאן, וואס האָט געבראָכען האנד, תקיעת־כף, וואס האָט פערנומען געלד אין דער סינאגאָגע, וואס האָט געמאכט חוזק פון דער שוהל און א געלעכטער פון דער געמיינדע;

אם מייסטען ליידען דאביי די גבאים, וואס האָבען פון זייער טאש אויסגעלעגט דאס גאנצע יאָהר שבירות מיט דער האָפנונג אָבצונעהמען זייערע חובות פון דער ערב־יום־כפור׳דיגער קערה: איצט, אז דער קאנטאָר איז אנטלאָפען, וועט די קערה זיין לעדיג און זייערע א פּאר טויזענד רובעל מוזען פערפאלען ווערען. די גבאים מיט דעם רבינער שרייבען באלד איין פייערדיגען בריעף, אָדער זאָגאר איין לאנגע דעפּעשע, צום פאָרשטאנד פון דער נייער געמיינדע בזה הלשון: „ארונים נכבדים!... אזוי ווי איהר האָט אויפגענומען דעם קאנטאָר N, וואס האָט מיט אונז א קאָנטראקט

ביז יאַנוּאַר און אויך אַ תקיעת כף, און איז אונז שולדיג געלד, וואָס האָט פּערנומען, דאָס געלד וואָס מען דאַרף איהם ערשט נאָך ימים נוראים צאָהלען, און איז אַוועק פון אונז בשלום, בחנם. ערב ראש השנה, ווערט דערפון אַרויסקומען אַ גרויסער חלול השם. עס איז דאָ אַ קאָר, וואָס מען קען איהם ניט ענטזאַגען און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל דאַוונען, און מיר האָבען אַזוי פיעל געלד אויסגעלעגט וואָס עס מוז פאַרפאַלען ווערען, אויב דער קאנטאָר וועט ניט דאַווענען ימים נוראים. ע״כ, בעטען מיר אייך, ווי גאָט איז אייך ליעב, איהר זאָלט אונז דעם בזיון ניט מאַכען, איהר זאָלט ניט הרוב מאַכען אונזער אָרימע געמיינדע, איהר זאָלט ניט אַוועק גזל'ענען אונזער געלד, וואָס מיר האָבען אויסגעלעגט אין שוהל, און איהר זאָלט איהם ערלויבען ער זאָל פאָרען צוריק אויף ימים נוראים. און מיר געבען אייך אונזער וואָרט באלה ובשבועה, בחרם ובשמתא, דאָס באַלד נאָך ימים נוראים וועלען מיר איהם ניט האַלטען ער זאָל אונז צו צאָהלען. ומבטחוננו ששארית ישראל לא יעשו עולה, דאַנקען מיר אייך שוין אים פאָראויס און ווינשען אייך אַ כו״ח טובה בכלל ישראל. ועל החתום הרב הדוחאָוונע, הרב מטעם, הגבאים ואיזו נגידים״.

אַלוֹאָ מיינט איהר אַוודאי, דאָס דער בריעף האָט געווירקט?—אָה, זענט איהר זיך זעהר טועה! אין די סינאַגאָגען אין רוסלאַנד געהט אַלעס אויף זאַכוואַט, אויף עקספּראָפּריאַציאָן: דער קאַנטאָר ביי דער געמיינדע, די געמיינדע ביים קאַנטאָר, איין קאַנטאָר ביים צווייטען קאַנטאָר און איין געמיינדע ביי איהר שוועסטער־געמיינדע. קיינער פון זיי וויל קיין ריקזיכט ניט נעהמען פאַר דעם צווייטען, און ווען עס געלינגט בלייבט נאָך דאַצו אַ חכם!—דער קאַנטאָר בלייבט, זעלבסטפערשטענדליך, אויף זיין נייער שטעלע נאָך מיט שטאָלץ: ווען זיין פריהערדיגע געמיינדע פערלאַנגט איהם אַזוי שטאַרק צוריק, איז דאָך אַ בעוויז, דאָס ער איז גאָר אַ גרויסער חזן, אַ חזן מדינה. זיין אַלטע געמיינדע שרייעט, נור ווער הערט זי? די גבאים פון דער נייער געמיינדע לאַכען זיך רוהיג און זאָגען: זאָל יענע געמיינדע שרייען ביז זי וועט געוואָהנט ווערען. וואָס? השומר אחי אנכי?! דאָס רעזולטאַט מוז אונבעדינגט זיין זעהר אַ דעמאָראַלישעס, אַ דעמאָראַליזאַציאָן פאַר אַלע פיער: פאַר די נייע געמיינדע, פאַר די אַלטע געמיינדע, פאַר דעם קאַנטאָר, וועלכער האָט אַזוי

שענדליך פערלאָזען זײַן שטעלע, און פאַר דעם קאַנטאָר וואָס וועט אין דער אײַלע ערב ימים נוראים פערלאָזען נאָך אַמאָל אַנ'אַנדער געמײַנדע אום צו בעקלײַדען די שטעלע פון דעם ענטלאָפּענעם קאַנטאָר. בײַ בינ־דיושזניקעס אויפ'ן מאַרק, ווען זײַ קויפען אָדער וועקסלען זײַערע פערד, געהט עס שענער צו ווי אויף דעם סינאַגאָגאַלען יאַריד בײַם וועקסלען די חזנים. דער קאַנטאָר האָט ניט נור אין זײַן אַלטער געמײַנדע צוריק געלאָזען אײַנעם נאָמען פון אַ שאַרלאַטאַן, זאָנדערן ער האָט נאָך דיזען נאָמען פערגרעסערט, אין זײַן נײַער געמײַנדע מיטגעבראַכט. מען האָט איהם אויפגעכאַפּט אין דער נײַער געמײַנדע ערב ראש השנה, אין אַ נצחון־צײַט, אין דעם ברענענדיגען סעזאָן. מען האָט זיך אַביסעל איבער־אײַלט, מען האָט איהם פערשפּראָכען מעהר וויפיעל די געמײַנדע קען און מעהר וויפיעל דער קאַנטאָר איז ווערט. די ימים נוראים געהן אַוועק און מען פאַנגט אָן אַביסעל ניכטערער צו ווערען. ווען דער קאַנטאָר קען זיך וועניגער דרעהען אויף דעם שטריק, איז וועניגער קאָרענצירט אַלס מען האָט פון איהם ערוואַרטעט, איז ער אָהנע ווײַטערעס אײַן אונגליקליכער מענש, מען פאַנגט איהם שוין אָן צו געבען אַזעלכע קעסט ער זאָל אַלײַן ענטלויפען. נאָר אין בעסטען פאַל ערקלהערט איהם דער פאָרשטאַנד נאָך שבת בראשית, דאָס ער איז אַזוי געפעלען אין דער געמײַנדע, דאָס זײַ וועלען איהם אײַנהאַלטען כאָטש די העלפט פון זײַנע שכירות ביז דעם 2־טען נאָך ימים ניראים, ווײַל: „מיט וואָס זענען מיר גאַראַנטירט, דאָס איהר וועט אונז ניט טהון דאָס זעלבע, ווי איהר האָט געטוהן יענער געמײַנדע? מיר ווײַסען שוין ווי חזנים האַלטען קאָנטראַקטען, ווי זײַ מאַכען זיך פון תקיעת כף'ס און נאָך און נאָך, און מיר ווילען ניט בלײַבען אַזוינע נאַרען ווי די גבאים פון אײַער פריהערדיגער שטעלע". דער קאַנטאָר ווערט אין כעס, ער הוצט, ער פײַערט, ער בעלײַדיגט זיך: סטײַטש, מען האַלט איהם ניט פאַר קײַן אָרדענטליכען מענשען?! עס העלפט איהם אָבער ניט, מען גיט איהם צו פערשטעהען, דאָס „די מסירה איז תמיד זיס, נאָר דער מוסר—מיאוס", דאָס הײַסט, ער איז זעהר אַ שענער מנגן, זײַן נגינה איז זעהר זיס, נאָר זײַן בענעהמען—מיאוס, ער האָט קײַן זיץ־פלײַש, ער האָט קײַן וואָרט, בײַ איהם איז אײַן קאָנטראַקט גאָר ניט, אײַן תקיעת כף גאָר ניט, אויך אַ פּאָר הונדערט רובעל חוב, וואָס ער האָט חאַפּט אַפריהער, גאָר ניט,

און ווען ער האָט געקענט ענטלויפען כמעט ערב ראש השנה פון זיין עלטער געמיינדע, קען מען מיט איהם זיך מיט קיין זאך בעוואָרענען אויסער איינהאַלטען די גאַשזע ביז נאָך ימים נוראים. מיט איין וואָרט, מען בעהאַנדעלט איהם ווי ער האָט פערדיענט און ער האָט אַ פנים ווי אַ שוואַרץ־יאָהר. פון הויכאַכטונג פאַר זיין פערזאָן, פאַר דעם מענשען, דער וואָס טראָגט אויף זיך איין היילינגעס אַמט איהם גאָטעס הויז, איז מעהר קיין רעדע; ער איז בעטראַכטעט פון קאָפּ ביז די פיס ווי אַ קלעזמער.

די לעזער וועלען מיך ניט חושד זיין, דאָס איך נעהם מיך אָן פאַר די קאַנטאָרען ווי חזן'ס צד: די גאַנצע שריפט מיינע איז מעהר פילפיק, אַלס פאַנעגיריק פאַר מיינע קאָלעגען, ביי מיר איז אַ פּרינציפּ: „וחרפה לא נשא על קרובו" און בעהאַנדעל, נאָך קרעפטען, אַלע מאָדערנע סינאַגאָגאַלע פראַגען גאַנץ אָביעקטיוו. נאָר אָבער דאָ מוז איך אין נאַנצען די שולד אַרויף לעגען אויף די גבאים, אויף זייער גאַנצע סיסטעם פון באַפּען־לאַפּען איינער ביים אַנדערען. מען קען אויף זיי זאָגען: „הוא המסית והוא המדיח", זיי אַליין רעדען אָן דעם קאַנטאָר צו האַנדלען אונאַנשטענדיג און נאַכהער בעשטראָפען זיי איהם דאַפיר, ווייל ער האָט אונאָנשטענדיג געהאַנדעלט. ווי קלוג זולצער האָט מיר געזאָגט אים יאָהר 1882, ווען איך האָב איהם בעזוכט דאָס ערשטע מאָל אין וויען: „די רוסישע געמיינדען שיקען איהרע קאַנטאָרען שטודירען אין וויען, זיי העטען בעסער געטהון, ווען זיי איהרע פ אָ ר ש ט ע ה ער שטודירען געשיקט העטען". ווען דער חזן זאָל וויסען, דאָס קיין נייע געמיינדע וועט איהם ניט אויף נעהמען ביז ער האָט ניט געענדיגט זיין אַמט אין זיין אַלטער געמיינדע, וואָלט ער ניט אַוועקגעלאָפען אַזוי שמוציג ערב סליחות אָהן אַ זיי־געזונד פון זיין געמיינדע און מאַכען אַ חלול השם. און וואָס הייסט אַ יודישע געמיינדע בעגזל'ט אַ צווייטע געמיינדע, מאַכט זי באַנקראַט, לעבערליך, וואָס איז? זי וויל האָבען גרונס'ן ביי זיך אויף ימים נוראים! ווייל זי איז רייכער פון יענער געמיינדע און קען צאָהלען אַ פּאָר הונדערט רובעל מעהר, האָט זי שוין דאָסרעכט צו בעראַבעווען די קלענערע געמיינדע?! איז דאָס יודענטום? איז דאָס עבודת ה'?! „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?!" איינע געמיינדע איז דורך אייך רואינירט, אויסגעפּאַטשט, אויסגעלאַכט—און איהר זאָגט שירה?! און וואָס וועט איהר פיהלען ווען מען וועט עס אייך טוהן שפּעטער מיט

אַ יאָהר ?– איהר וועט געוויס אויך זאָגען: „דער חזן, דער שאַרלאַטאַן! דער לייַדאַק!“ נאָר ווער האָט איהם צום שאַרלאַטאַן געמאַכט ווען ניט איהר אַליין? „לאו עכברא גנב אלא חורא גנב“.--

פון דעם יאַריד אין די קליינע שוהלען מיט איהרע ימים נוראים׳דיגע חזנים וויל איך גאָר ניט רעדען, דאָרט שפּיעלט זיך אָפּ אויף דעם יאַריד איינע טראַגיקאָמעדיע. איך שטעל מיר פּאָר איינען שקלאַווען-יאַריד אין אַפריקאַ, יענע זענען ניט אַזוי צו בעדויערען ווי די אונגליקליכע חזנים.

עס איז געװנוג אַרייַנגעהן אין חודש אלול אין איינע פון אַזעלכע שוהלען צו מנחה צייַט און זעהען אַ כנופיא יודען אָנגעטהון בגדי שבת מיט טוזדטע געזיכטער. זיי וועלען באַלד האַלטען פּראָבע! איינער וועט דאַוונען מנחה, דער אַנדערער – מעריב, דער דריטער וועט נאַכהער אַזוי זאָגען „שטייגער“, דער פיערטער וועט טאַקע זאָגען עפּיס איין ימים נוראים׳דיגס, אין מיטען מיטוואָך אָבענד- איין „יראתי בפצותי שיח להשחיל“! די גבאים און די פני העדה זיצען ווי די פּרינצען בהרחבה און עקזאַמעניִרען די חזנים, ווי די קצבים זייערע אָקסען אין דער באָינע! דאָרט שרייען די אָקסען און דאָ—די חזנים. וויפיעל ווערען אויסגעלאַכט, אוים געוויצעלט און פאַרטגעשיקט מיט חרפה און בושה! איין ימים נוראים׳דיגעס צו זינגען אין מיטען מאָנטאָג אָדער מיטוואָך פאַר איין פּובליקום מיט ציגאַרען אין די מיילער, מיט וויצען, הייסט אַזוי פיעל ווי מאַכען הבדלה פרייטאָג נאָך חצות. זיי ווילען ניט וויסען, דאָס איין ימים נוראים׳דיגעס צו זינגען קען מען ווירקליך נור אים ימים נוראים. און נאָך אַלע פּראָבען, ווען דאָס ימים נוראים׳דיגע האָט שוין געפעלען, ברענגט מען ערשט דעם גראַמאָפאָן פון דעם גבאי׳ס הויז מיט אַ פּאָר פּלאַסטינקעס פון די גראַמאָ-פאָן-העלדען, גרונם און קלונם, בוסר און קברתן, און מען פערלאַנגט טאַקע דער קאַנדידאַט זאָל מוחל זיין באַלד על רגל אחת נאָכזינגען גרונם׳ס ו„תערב“ אָדער קלונם׳ס „אב הרחמים“, בוסר׳ס „על חטא“ און קברתן׳ס „אשמנו“.

נור, ווי שוין וויעדערהאָלט, רעד איך הויפּטזעכליך פון דער מאָ-דערנער סינאַגאָגע, דאָס הייסט, פון די טעמפּלען מיט די מאָדערנע קאָר-חזנים מיט דעם ימים נוראים׳דיגען יאַריד, מיט דעם כאַפּען-לאַפּען די חזנים איין געמיינדע ביי דער אַנדערער, מיט דער גאַנצער געמיינהייט וואָס עס קומט פּאָר אויף דיזעס סינאַגאָגאַלען יאַריד. דאַמיט איז אָבער

דער גרויסער סינאַגאָגאַלען־יאַריד נאָך ניט צו ענדע. דער שענדליכסטער יאַריד פאַנגט ערשט אָן נאָכדעם, ווי דער נייער חזן איז אויפגענומען מיט מזל און מיט יושר אין זיין נייער געמיינדע איין מאָנאַט פאַר ימים נוראים, וועגען דעם כאָר־פּערזאָנאַל, און בעזונדערס, מכח די קליינע יונגליך, די סאָפּראַנען און אַלטען, וועלכע פעהלען דאָ.

האָט מען עס נאָך ערגעץ ווען געהערט ביי אַנ׳אַנדער פאָלק, דאָס דער פאָרשטאַנד פון דער קירכע זאָל אַרויסשיקען לאָווטשיקעס, כאַפּערס, זיי זאָלען גנב׳ענען קינדער פון אַנדערע קירכען, ווי ס׳טוהען די גבאים פון די פּראָווינץ־סינאַגאָגען אַלע פאַר ימים נוראים?! זיי שיקען אַרויס טאַקע דעם כהן גדול, דעם חזן אַליין, דעם דיריגענטען, דעם באַס, דעם שמש אָפּצורעדען קינדער פון אַנדערע סינאַגאָגען, וועלכע האָבען זיי אויס־געהאַלטען איינינגע יאָהר און געצאָהלט אַ דיריגענטען ער זאָל זיי מוזיקאַ־ליש אונטערריכטען. דאָס איז די צווייטע גנבה, גזלה און חלול השם! די אַלטע בעלי עגלות, זכרונם ל—רחה, האָבען ניט זעהר מקפּיד געווען צו גנב׳ענען אַ בייטש און דאַצו טאַקע אַ פערדיל אויך פון אַנ׳אַנדער בעל עגלה, און אין דער בעל עגלה׳שער טערמינאָלאָגיע האָט מען עס אימער בעפּוצט מיט אַ לשון נקיה: וועקגעלאַטכעט אַ שמייסער (בייטש), [וועק־געלאַטכעט אַ לויפער (פערדעל).

אין דער חזנ׳יש־גנב׳ישער טערמינאָלאָגיע הייסט עס: אָבגעשפּיליעט איין אַלט. אָבגעטרעטען אַ דיסקאַנט. זעהר נאָבעל! — זעהר ערהאַבען! און ווי מייסטערהאַפט געהט עס נאָך צו ביי דעם אָבשפּיעליען, אָבטרענען! קומט נאָך תשעה באב פאַנגען אָן די קאָר־שולען, אין וועלכע עס שטעהען שטענדיג כאָרען, צו עמפּפאַנגען אורחים הגוגים אַלע שבת מיט האַרטע, גלענצענדע, אויסגעביגעלטע צילינדערס, מיט ווייסע שניפּסלאַך, מיט מאַנטלען מיט פליעגעל. וועד זענען די יעזע יודען? דאָס ברויכט מען ניט צו פרעגען: זיי זענען די חזנים פון דער פּראָווינץ־קאָרשולען, וואָס נעהמען אויף געוועהנליך אויף אַלע ימים נוראים אַ חזן מיט אַ קאָר און נאָך ימים נוראים שיקען זיי אַוועק די גאַנצע קאָמאַנדע לארבע פנות עולם.

זיי געהען אַראָפּ אין זינגשול און שטעלען זיך פאַר דעם אָבער־קאַנטאָר, דעם דיריזשאָר, בזה הלשון:—נור איידער איך וועל אייך דערצעה־לען, וואָס זיי זאָגען ביי דער פאָרשטעלונג, מוזט איהר וויסען דאָס די

חזנ׳ישע שפּראַך ווײַט זולצערען האָט זיך פּערדײַטשט, אַ־לאַ שילער, העכסט קלאַסיש!—.האָב איך די הערע מיר פּאָרצושטעלען נתנאל בן צוער האָבערקאַנטאָר פון לעפּעטעחע! אָדער, זמרי בן סלוא האָבערקאַנ־טאָר פון פּאוולאָגראַד!... .אין גאַנץ פראַנקרײַך טראָגט נור אײנער דעם טיטול פון .גראַנד־ראַבבען דע פראַנס״, און ווין טראָגט נור אײנער דעם טיטול .אָבער־ראַבינער״, אין ענגלאַנד טראָגט נור אײנער דעם טיטול „Chief Rabbi" הױפּטראַבינער (פון דער גײַסטליכקײַט פון אַנדערע רעליגי־אָנען, מיט זײערע אָבשטופּענדע יערארכיע, איז ניט צו רעדען). און צווישען די חזנים אָבער איז יעדער ווײַסער שניפּס, מיט אַ מאַנטעל מיט פליגעל, מיט אײן אויסגעבינגעלטען הויכען צילינדער אויף דעם ל־ע־ע־ר־ע־ן קאָפּ,—אײן האָב־ע־ר ק־אַ־נ־ט־אָ־ר! ! ווײסט איהר וואַרום?—ווײַל דיזער „האָבער־קאַנטאָר״ האָט נאָך אײנען אונטער־קאַנטאָר, און דאָס גנוגט. נו, גוט: .עס פרײַעט מיך זעהר איהרע בעקאַנטשאַפט״. דער שמש ווערט שוין אויפמערקזאַם די הערען האָבער־קאַנטאָרען שענע פּאַסענדע פלעצער אין טעמפּעל אָנצוײַגען. און אויך אַ פּאָר עליות זײ צו געבען ווי עס פּאַסט דען קאָלעגען. די .האָבער־קאַנטאָרען״ בעגניגען זיך אַם מײַסטען ניט מיט די שעהנע פלעצער. וואָס דער שמש ווײַזט זײ אָן, און קריכען אַרויף דוקא אויף דער ערשטער באַנק מיט סאַק און פּאַק, מיט צילינדער און פליגעל. דער גאָטעס־דינסט פאַנגט אָן און די קאָלעגען .האָבער־קאַנטאַ־רען״ הערען און זעהען מיט אָפענע אויערען און מיט קאַמערטענער צווישען די צעהנער.

דיזער קאַמערטאָן—אײגענטליך זעהר אַ קלײנעס אינסטרומענט, נור מיט אײן קלאַנג—איז אין די הענד בײַם דיריזשאָר, אַזוי ווי דער קאָמפּאַס בײַם שיפּס־קאַפּיטאַן, אום צו וויסען וואו ער געפינט זיך. אַלס משמיע קול און אַלס מוקצה איז ער פאַר יעדען אַנדערען צוועק אום שבת רעליגיע פערבאָטען. נור אָבער זענען מיר אונז אויף דעם אַלטאַר מורה היתר, ווײַל אויך אין בית המקדש האָט עבודה דוחה געווען שבת. ניט נור מען האָט געצונדען פײַער, געשלאַכטעט קרבנות, געשפּריצט, געבראָטען, געקאָכט און נאָך אַלע אבות מלאכות, זאָנדערן מען האָט אויך געשפּילט אויף אַלע אינסטרומענטען. עס איז געוועזען אַ פּאָלעמיק צווישען די תלמוד׳יסטען, אויב די הויפּט שירה איז וואָקאַל, .בפה״, אָדער אינסטרומענטאַל,

„בכלי": „עיקר שירה בפה או עיקר שירה בכלי". נור אָבֶער בּיידע זענען געוועזען ערלויבט לכבוד דער עבודה אום שבת און יום הכפורים. „דכולי עלמא עיקר שירה בפה וכלי לבסומא קלא הוא דעבידי" (ראש השנה נ'; ערכין י"א; תענית כ"ז; עבודה זרה מ"ו). "לבסומי קלא" הייסט אַזוי פיעל, פערשענערען, פערזיסען, בעגלייטען, אַקאָמפּאַנירען די שטימע פון דעם זענגער. אויסער די חצוצרות, אין וועלכע די כהנים האָבען געבלאָזען אום שבת, יום-טוב, ראש השנה ויום הכפורים „על עולותיכם ועל זבחי שלמיכם", האָט יעדער קרבן-צבור געפאָדערט שירה מיט דעם מויל און מיט די אינסטרומענטען. „שיר של קרבן עבודה הוא ודוחה את השבת" (סוכה ו'). און איבערהויפּט האָבען אַלע קרבנות צבור דוחה געוועזען שבת און מען האָט געזונגען און געשפּיעלט, אויסער קרבנות יחיד— פּריוואַט אָפּפער, וועלכע האָבען שוין ניט פערלאַנגט קיין שירה און קיין מוזיק: „אין אומרים שירה אלא על עולת הצבור וזבחי שלמיהם האמורים בתורה, אבל עולת נדבה וכל נסכים הבאים בפני עצמן אין אומרים עליהם שירה (רמב"ם מוספים ו', ה', כלי המקדש ג', ג'). אויף דיעזעם געשטיצט ערלויבען מיר אונז בּיי דער יעצטיגער עבודה (תפלה במקום קרבנות תקנום) זיך צו בעדיענען מיט דעם קאַמערטאָן, ווייל ער איז אונז נעהטיג ניט נור לבסומא קלא, זאָנדערן דעם גאַנצען גרונדטאָן פון דעם קאָרגעזאַנג צו ערהאַלטען. יעדאָך ווען חזנים קומען בּלויס צו הערען און קלאַפּען מיט די קאַמערטענער אין די צעהנער און בּלאָזען מיט די פּייפעליך, וועלכע האָבען אויך אין בית המקדש ניט דוחה געוועזען שבת און יום-טוב („החליל אינו דוחה את השבת ואת היום-טוב" סוכה נ'),—ציינען זיי דערמיט, דאָס דער קלעזמער קריכט אַרויס און איז מחלל שבת בּפרהסיא אין דער סינאַגאָגע לעיני כל ישראל; ציינען זיי, דאָס אויך זיי בעקלעהרען די סינאַגאָגע אַלס טעאַטער, צירק, אָפּעראַ, אָפּערעטע, און וואָס זאָל שוין דער המון-עם זאָגען ?!

דאָס פּובּליקום איז אַביסעל ערשטוינט פון די נעסט מיט די פליעגעל און קאַמערטענער. נאָר זיי שווייגען און ליידען; וואָס זאָל מען מאַכען, די פּראָווינץ-חזנים קומען אין דעם טעמפּעל, מעסטען זיי תמיד מיט זייערע קאַמערטענער דעם טאָן וואָס דער קאַנטאָר מיט דעם כאָר זינגען.

זײַ האָבּען אָבּער אַ גרויסען טעות! זײַ מעסטען ניט די שטימע פון דעם קאַנטאָר, זאָנדערן פון די יונגליך וואָס זײַ זינגען, וואָס דער מעקלער האָט זײַ שוין פריהער פאָרגעשטעלט, אום צו וויסען ווען אָבּצושפּילען. נאָך דעם גאָטעס־דיענסט קומט דער בּרײַטער חזנ׳ישער „יישר כח" מיט איין זעהר זיסען פּנים און „האָבּען די הערע" און נאָך און נאָך, און אם ענדע „אַדיע!". אַרויסגעגאַנגען פון טעמפּעל צום מעקלער, וואָס האָט שוין דאָרט לאַנג אויף זײַ געוואַרט און „וואַליאַי" צו די עלטערען פון די קינדער מיט דעם מעקלער צוזאַמען, מיט עטליכע גאָלדינע מטבעות מיט אַ פּרײַז פון 125 רו״כ פאַר ימים נוראים אויסער הוצאות הדרך, קעסט און קוואַרטיר. און דער פּאָטער איז ניט אים שטאַנד גובר[1] זײַן דעם יצר הרע, און שבת אָוועגד נאָך הבדלה:—„ויברח יעקב", ענטלויפט דער פּײַנער שליח־צבור מיט דעם יונגעל, דאָס אָבּטרענען איז געשעהען גליקליך. די הוצאות פון אַ יונגעל קאָסט אונגעפעהר 200 רובּעל פאַר ימים נוראים, דאָס איז ערשט איין יונגעל; מען מוז דאָך אין אַ סך שטעדט אַרויספאָהרען בּיז מען גנב׳עט צוזאַמען די לעבּעדיגע זינגענדע סחורה, קומט אויס, דאָס פאַר דעם געלד וואָס די פּראַווינץ געמיינדע האָט בּעצאָהלט פאַר איהר גע׳גנב׳עטען און גע׳גזל׳טען כאָר אויף ימים נוראים, וואָלט זי געקענט האַלטען אַ יעהרליכען כאָר מיט איין אַנשטענדיגען דיריגענטען, ער זאָל אויסבּילדען קינדער פון דעם שטעדטעל. זײַ טהון עס אָבּער ניט, און אים פאַריגען יאָהר האָט פּאָלאָגראַדער גבאי, בּײַ וועמען „אין כסף נחשב למאומה", אין חודש אלול בּע׳גנב׳עט אַלע שוהלען אין אַדעס, בּעצאָהלט ממון קורח יעדעם יונגעל און אָבּגעשפּיליעט. אַלזאָ; וואָס הײַסט עס? אויף אַ טלית שאולה איז אַ פראַגע אויבּ מען מעג אַ ברכה מאַכען, אויף איין לולב הגזול טאָר מען קײַן ברכה ניט מאַכען, ווײַל עס שטעהט „ולקחתם לכם—משלכם" און אַ גע׳גזל׳טער חזן פון אַנ׳אַנדער געמײַנדע, און אַ גע׳גנב׳עטער יונגעל פון אַנדערע סינאַגאָגען מיט אײַנעם שפּיצבּיבּיגען גבאי, וואָס פיהרען אַ גאָטעס־דיענסט און קלאַפּען זיך אַלע יום כפור: אשמנו, בגדנו, גזלנו, אום איבּעראַיאָהר אָבּערמאָלס צו זינדיגען, צו ליגנערען, צו גזל׳ענען, מעג מען יאָ!?— איז דאָס ניט איין געלעכטער, אײַנע פּאַראָדיע אויף דער גאַנצער יודישער עבודה?!

איין געמײַנדע האַלט אויס אַ דיריגענטען יאָהרענלאַנג און צאָהלט ער זאָל אויסבּילדען קינדער, און דער אָרעמער דיריגענט אַרבּײַט מיט

בלוט אײניגע יאָהר ביז ער אַרבײַט אויס אײניגע אַנשטענדיגע יונגלעך, טראָגט אָן דער רוח אַ „האָבער־קאַנטאָר“ פון אַ דיקטאַטאָר אַ גבאי, דעם, וואָס האָט איהם אָנגעשפּאַרט אונבעדינגט נור אויף ימים נוראים צו געבען אַ מוזיקאַלישע פאָרשטעלונג, כדי דער המון־עם זאָל איהם הושענא רבה ווײַטער אויסוועהלען, און מען שיקט אַרום גנבים, עקספּראָפּריאַטאָרס, צו בע׳גנב׳ענען די שוועסטער־געמײַנדען, צו בערויבען די ברידער־קאַנטאָרען, צו מאַכען אַ חלול השם, אַ געלעכטער פון דער געמײַנדע, וואָס האָט דאָס גאַנצע יאָהר אַזוי פיעל געלד בעצאָהלט! איבעראַל האַנדעלט מען נאָך דעם פּרינציפּ פון קין׳ען: „השומר אחי אנכי?!“

און די דעמאָראַליזאַציאָן איז אַזוי ווײַט, דאָס מען שעמט זיך גאָר ניט מיט אַזעלכע גנבות, אדרבה מען בעריהמט זיך נאַכהער: „איך האָב איהם צונעהמען דאָס חדר!“ „אַ בריה, אַ כוואַט אַ שליח־צבור!“... און דער ימים נוראים געהט אַוועק, און דער גבאי איז נאָך אַ מאָל געוועהלט, און ערקלערט, דאָס מען מוז זיך אויסצאָהלען פון די חיבות, דאָס מען דאַרף אָב לאָזען דעם חזן, דעם כאָר, און דער כאָר ווערט צעזײַט און צעשפּרײַט און דער חזן פאַנגט אָן צו וואַנדערען ביז דעם נעכסטען ימים נוראים און עס חזר׳ן זיך איבער אַלע שמוציגע געשיכטען פון פאַר א יאָהרען.

איך גלויב, דאָס ווען מיר וועלען מאַכען אַ סך הכל פון די אַלע בילדער, וואָס איך האָב דאָ געגעבען פון דער סינאַגאָגע, פון דעם מאָדערנעם טעמפּעל, פון דעם בית־המדרש. פון דער קלויז, פון דעם חזן, פון דעם קאַנטאָר, פון דעם בעל־תפלה, פון דעם ימים נוראים קאָר־חזן, פון דעם פאָרשטאַנד, פון די דוכאָוונע חופ״קים, פון די קאַזיאָניקעס, פון דער אינטעליגענץ, פון דעם המון עם, פון דער גאָלדענער יוגענד און פון דער גײַסטיגער יוגענד, פון דער עטיק, פון דער עסטעטיק, פון דעם גראַמאַפאָן, פון דעם דוחאָוונע קאָנצערט, פון די שוועסטער־געמײַנדען און ברידער־קאַנטאָרען, פון דער סינאַגאָגאַלע־מוזיק און ליטורגיע, פון דעם האַנדעל צווישען חזנים און משוררים—מוזען מיר קומען צום שלום, דאָס אונזער מאָדערנע סינאַגאָגע שטעלט פאָר אײַן פאָלקאָמענעם כאָאָס, אײַן תהו ובהו, אײַן ווילדעס קאָנצערט־הויז, און די חזנים זענען אײַנע געזעל־שאַפט וואָס געהען אַויך אַרום אין עולם התהו,״זײ ווײסען אַלײן ניט אויף

וואָס פאַר אַ וועלט זיי זענען, צום שיין זענען זיי מהללים, מחננים און וויסען ניט פון דער רעליגיאָן און עבודה; צום שיין זענען זיי משוררים ומזמרים און האָבען זעהר וועניג צו טהון מיט דער קונסט, און אין איני זער גרויסען לאַנד וועלען זיך פיעלייכט געפינען 10 אָדער 12 קאַנטאָרען, וואָס וויסען טיכטיג זייער פאַך, און ווירדיג פערטרעטען. די יודישע אינטעליגענץ איז פאָלקאָמען אינדיפערענט געוואָרען צו איהרע קאָר־טעמ־פלען, וואָס האָט צוריק מיט 50 יאָהר אַזוי וואַרעם אונטערשטיצט, די יוגענד שטעהט איבערהויפט מחוץ למחנה, און דער איינפאַכער אונציוויליזירטער המון־עם איז דער איינציגער דיקטאַטאָר אין די טעמפלען. דער געזאַנג האָט זיך פערשלעכטערט, פערראָהעט און מיר שטעהן יעצט פאַר דער פראַגע: וואָס זאָל ווערען אונזער סינאַגאָגע אין דער צוקונפט—קאָנצערט־הייזער פון דער ביליגסטער סאָרט מיט זייער טינגעל, טאַנגעל אַרטיסטען, אָדער אידעאַלע סינאַגאָגען מיט ווירדיגע שליחי צבור? וואָס זאָל געטהון ווערען כדי צו רעטען די סינאַגאָגע?

## XXV

### די בעסערונג פונ׳ם צושטאנד אין דער סינאגאגע.

איך וויל דאָ ניט בעשפרעכען די פראַגע: ווי ווייט דאָס יודענטום איז איבערהויפט נויטיג, נאָך וועניגער,—ווי ווייט עס איז איס אַלגעמיי־נעם נוצליך אַ רעליגיאָן. דיזע פראַגען צו בעהאַנדעלען לאָז איך איבער צו ענטשיידען מעהר קאָמפעטענטע מענער פון מיר. מיין שריפט איז געווידמעט ספּעציעל דער ליטורגיע פון דעם יודענטום, וואָס עקסיסטירט שוין אַזוי לאַנג און וועט וואַהרשיינליך נאָך זעהר לאַנג עקסיסטירען, און וועניגסטענס אַזוי לאַנג ווי אַלע אַנדערע פעלקער וועלען האָבען רעליגי־אָנען. אַלס דיענער פון דער סינאַגאָגע אין אַלע איהרע פאָרמען: אין די חסיד׳ישע קלויזען און חבד׳סקי בתי־מדרשים, ביי די גוטע יודען אין זייערע הייזליכע מנינים און אין די ליטווישע מתנגד׳ישע קלויזען, אין די שטאָדט־שוהלען אַלס ש״ץ דמתא, אין די דייטשע טעמפלען אין אייראָפּאָ און אַמעריקאָ, ביז דעם בראָדיער טעמפּעל וואו איך בעקליידע שוין 18 האָר דאָס אַמט פון איין אָבער־קאַנטאָר,—ערלויב איך מיר אָנצוצייגען עייניגע תקנות און רעפאָרמען, אום אין וועניגסטענס צו בעזייטיגען איניגע

קראַנקהײַטען פון אונזער מאָדערנער ליטורגיע, מיט דער האָפנונג, דאָס אַנדערע, ווירקליך ווירדיגע קאָלעגען, וואָס אַנערקענען אַזוי ווי איך די ניעדריגע לאַגע פון אונזער סינאַגאָגע, וועלען מיר בײַשטעהן מיט ראַטה און טהאַט און וועלען איהרערזײַטס נאָך אַנדערע מיטעלען אויסזוכען אום צוערדרײַכען דעם אַלגעמײַנעם הײַליגען צוועק.

פאַר אַלעם, בעפאָר מיר וועלען פאָרלעגען אונזערע תקנות, מוז ענטשידען ווערען פרינציפיעל די פראַגע פון אַלע פראַגען, נעמליך: וואָס זענען מיר? אָדער וואָס זאָלען מיר זײַן?—

§ 1.

דער מאַן, וואָס טראָגט אויף זיך איין אַמט פון דער ליטורגיע, איז צוערשט שליח צבור און נאָכהער קינסטלער; ער קען זײַן דער גרעסטער קינסטלער, בלײַבט זײַן קונסט אַן דער צווײַטער רײַהע, אַן דער ערשטער רײַהע אָבער מוז ער בלײַבען „שליח־צבור״.

§ 2.

אום דאָס צו ערדרײַכען מוזען די קאַנטאָרען בעזײַטיגען זײַער „בטלנות״, מוזען זיך נעהמען אויסצובילדען אין יודענטום און אין דער מוזיק, זיי מוזען שטודירען העבראַיש און מוזיקאַלישע ליטעראַטור אין ווענינסטען 2 שטונדען אַלע טאָג. און ווײַל די מוזיק איז נאָך ווענינ געשריבען אין העבראַיש, מוזען זיי אונבעדינגט לערנען איינע אַ לעבעדיגע שפּראַך אום צו ערווערבען אין דיעזער שפּראַך מוזיק־קענטניסע.

§ 3.

איין קאַנטאָר, וואָס וויל ווערען איין שליח־צבור הגון, מוז אונבעדינגט קענען אַלע דינים פון דעם סדר העבודה, און צו דעם צוועק מוז ער לערנען שולחן־ערוך פאַר יעדען יום־טוב, ימים נוראים און אַלע פערשידענע געלעגענהײַטס־גאָטעסדיענסטע אין יאָהר, דאַמיט ער זאָל פעסט וויסען אַלע דינים פון דער תפלה, פון דעם סדר היום. דאַדורך וועט ער ניט זײַן אויסגעלאַכט עפענטליך פאַר זײַנע טעותים און עס וועט איבער איהם ניט אויסברעכען קיין מחלוקת אין דער געמײַנדע.

§ 4.

ער מוז וויסען, אַז ער איז ניט נור אַ זינגער, זאָנדערן אַ דאַוונער דאַרום זאָל ער די תפלה, ווען ער זינגט ניט, זאָנדערן דאַווינט, די ווערטער דײַטליך אַקצענטואירען, און ניט אָבמורקען און מבליע זײַן אַלעס ביז דער קאָמפּאָזיציאָן.

§ 5.

דער קאַנטאָר מוז אימער זײַן בײַם דאַוונען דער ערשטער און דער לעצטער, ער מוז וואַרטען אויף דעם פּובליקום, אָבער ניט לאָזען דאָס פּובליקום וואַרטען אויף זיך. ווען דער אונטער־חזן לאָזט אויס „על כסא רם ונשא״ מוז דער קאַנטאָר מיט דעם כאָר שוין בערייט זײַן אָנצופאַנגען דעם „שוכן עד״; ווען אָבער ער לאָזט דאָס פּובליקום אויף זיך וואַרטען איז ער ניט קײַן ווירדיגער מענש און נאָך וועניגער איין „ש״ץ הגון״. ער דאַרף אויך ניט אָוועקלויפען נאָך דער צווייטער שמונה־עשרה פון דעם עמוד און זיך זעצען אויף זײַן פּלאַץ מקבל זײַן די „יישר כח־ס״ פאַר זײַן קאָנצערט און מאַכען אין דער סינאַגאָגע איין מאַרק, וועהרענד דער צווייטער קאַנטאָר ענדיגט דאָס דאַוונען; דאָס איז ניט ווירדיג, און איין ש״ץ הגון דאַרף עס ניט טהון.

§ 6.

איין ש״ץ הגון דאַרף ניט מאַכען מיט די הענד, ניט מיט דעם קאָפּ און קיינע אַקטיאָרסקי מימיק בײַם דאַוונען; די אַלע אזעלכע עפעקטען פּאַסען אין צירק, אין טעאַטער, אָבער ניט אין דער סינאַגאָגע. עס איז דאָ ווירקליך אָן צו ווענדען דעם תלמוד׳ישען זאַץ: „כל המרים יד נקרא רשע״, אָדער, ווי די ביבעל לעהרט אונז: „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״, אין כחנו אלא בפה. ער דאַרף ניט רעדען אָדער גאָר לאַכען מיט די משוררים, זאָנדערן זיך אַנשטענדיג האַלטען. דאָקטאָר נאָטנאַגעל אין ווין פלעגט זאָגען: „איין גוטער דאָקטאָר מוז צוערשט זײַן איין גוטער מענש״. און איך זאָג אייך: איין אַנשטענדיגער קאַנטאָר מוז צוערשט זײַן איין אַנשטענדיגער מענש. און ווען איהר ווילט געהערט ווערען פון די געמיינדען אַלס ש״ץ הגון און ניט אַלס כלי־זמר, מוזט איהר צוערשט עהרען זיך אַליין. איך מוז דאָס שטעלען אַ טאָן דויערען ווי מעגליך קורץ.

§ 7.

ניט איבער׳חזר׳ען קיין ווערטער אָדער גאָר גאַנצע פראַזען, דאָס איז געגען דין, דאָס איז אויך געגען עסטעטיק. זיך געוועהנען נאָר זאָגען איין מאָל אַ וואָרט, און וויפיעל יודישעס געפיהל און מוזיקאַלישע קונסט קען מען מיט איינמאָל אַ וואָרט אַרויסקריגען! אונזער תפלה איז אין ווערטער רייך, פיעלייכט גאָר צו רייך, און ווען אין דעם געוועהנליכען לעבען איז ניט שעהן ווען מען בעבעט עטליכע מאָל איין וואָרט, וויפיעל העסליכער איז עס נאָך מאַכען איינע ליטורגיע פאַר איינע פּלוידערשפראַך.

§ 8.

קושט ניט דעם פרוכת ווען איהר געהט אַרויף דאַווענען. אין שלחן ערוך איז ניט דערמאָנט פון קושען זיך מיט פרוכת׳ן. זולצער האָט עס איינגעפיהרט און איהר טהוט עס אַלץ נאָך. ווייסט איהר דען ניט וואָס דער תלמוד זאָגט: „ר׳ מאיר מצא רמון תוכו אכל קליפתו זרק“. זולצערס מעלאָדיען, האַרמאָניען, רעטשיטאַטיווען און דראַמאַטישע פּאָרטראַג, און די גאַנצע מעטאָדע זולצער׳ס ביים זינגען און זאָגען איז אונז זעהר טייער, דאַדורך וויל ער איז געוועזען דער ערשטער באַהן־ברעכער צו אַ געאָרדנעטען גאָטעס־דיענסט; זולצער׳ס קאָמעדיע אָבער שמייסט אַרויס צום דרייטייפעל! זי האָט האָט שוין אויך אין זיין איינענעם לאַנד אָבגעלעבט און עס איז שוין לאַנג צייט, דאָס איהר זאָלט אויך זי דאָ אַוועקוואַרפען. זייט נור איינפאַך, ריין געקליידעט, אָבער ניט איבערגעפוצט ווי אַ קלויזען; אַנשטענדיג אַריינגעהן, אָהן רעוועראַנס, די שכינה איז ניט קיין וויענער דאַמע, וועלכע איז געוואָהנט מען זאָל איהר קושען די הענד ,קיסע די האַנד׳ כמנהג וויען.

§ 9.

אין דער לעצטער צייט זענען די מייסטען פון אונזערע קאַנטאָרען אונמוזיקאַליש, אָדער איבערמוזיקאַליש. מען זינגט ניט—מען שלעפט, און דער „טאַקט“ האָט גענצליך אויפגעהערט. געזאַנג אָהן טאַקט, אָהן שטרענגען ריטמוס, איז איין גולם אָהן אַ נשמה. די אורזאַכע פון דעם פערשלעכטערען דעם געזאַנג איז איינפאַך, וויל עס פעהלט די נייטיגע

אינטעליגענץ דאַצו, ווייל עס פעהלט דער קינסטלערישער געשמאַק, ווייל מען האָט ניט געלערענט: „לא יגעתי ומצאתי אל תאמין". מען האַלט נור אין איין נאָכמאַכען און אַם מייַנסטען מאַכט מען נאָך די יעניגע חזנים, וואָס האָבען בייַם המון־עם בייפאַל דורך זייערע פערדריקטהייטען. די זעלבע זענען אַלייַן אונמוזיקאַליש, אונוויסענד, נור אַביסעל זיסקייט אין דער שטומע געזונגט שוין בייַם אונוויסענדעם פאָלק צו מאַכען זיי בעלעבט. זעלבסט־פערשטענדליך, זענען די אָבעזיאַנעס, וועלכע זיי מאַכען נאָך, פיעל שלימער אַלס דער אָריגינאַל. מיט איין וואָרט, זיי האָבען פערווידעלט, פער'כלומר'ט אַלעס שענע אין דער סינאַגאָגאַלער מוזיק. און איך זאָג אייך: היט אָב דעם טאַקט! היט אָב די נשמה פון דער מוזיק! אייערע אונטאַקטישע געזאַנגען, זיי קענען נאָך אַזוי פיעל געפעלען דעם אונוויסענדען פאָלק, זענען לייַמענע גולמים און פער'גולמ'ען דאָס פאָלק. לערענט מוזיק, לערענט עסטעטיק, לערענט אַלעס, נאָר לערענט איבערהויפט און פערפייַנערט אייַער געשמאַק, וועט איהר נאָכהער אַליין פיהלען אַ עקעל צום פינקעל יודישען ליגאַטאָ (ווי פראָפעסער ו'. ראַקיטאַנסקי האָט עס אימער גערו־פען), צו דעם בילינגען האָניג, מיט וועלכען איהר קוויקט זיך יעצט אַליין און ערקוויקט נאָך אייַערע הערער. די שענע ניאַנסען אין דעם פאַר־טראַג זענען די פאַרבען אין דער מאַלעריי, און ווען איהר וועט לערנען וועט איהר ווערען מאַלערס אַנשטאַט שמירערס. ערשט דאַן וועט איהר אים שטאַנד זיין אויף צו הייבען דעם המון־עם פון זיין פערשימעלטען אונגעשמאַק, און ווער עס ליעבט ווירקליך דאָס פאָלק — מוז מיט איהם מלחמה האַלטען, מיט איהם קעמפפען פאַר געשמאַק און שמעקען, ווי עס הייסט: „לדורון לתפלה ולמלחמה". זייט זיכער ער וועט אייך נאָכהער דאַנקבאַר זיין.

## § 10.

קריכט ניט איינער אויף דעם צווייטען, ווען עס איז אַ מחלוקת אין געמיינדע איבער אַ חזן, אָדער מען וויל אָבזאָגען אַן אַלטען שוואַכען חזן בעפאָר מען האָט איהם פערזאָרגט, קריכט ניט דאַוונען: „לא תעמוד על דם רעך". געדענקט אימער דאָס גרויסע וואָרט פון דעם גרעסטען יודישען מוראַליסטען הלל: „אל דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון".

§ 11.

זינגט ניט אים גראַמאָפאָן די קאָמפּאָזיציאָנען פון דער סינאַגאָגע, ענטלויפט פון דעם עפוש און נעמט אויף זיך באלה ובשבועה אין דער סינאַגאָגע ניט צו זינגען פון די קאָמפּאָזיציאָנען פון דעם גראַמאַפאָן, ענטלויפט פון דעם מאָדערנעם חלול השם. זינגט ניט די וואַרשעווער און ווילנער דוחאָוונע אויסגעלאַסענע פערפעבעלטע קאָנצערטען. מיר האָבען נאָך קיינע דוכאָוונע קאָנצערטען ווי אַנדערע פעלקער, מיר האָבען בלויז תפלות און תהלות פון אונזער עבודה אין דער סינאַגאָגע, און די קאָמפּאָזיטאָרען האָבען זיי פערפאַסט פאַר דעם גאָטעס-דיענסט אין דער סינאַגאָגע, שלעפּט זיי ניט אַרום אין אַלע סמיטניקעס צווישען אַלע ערב רב׳ען...

§ 12.

אין דייטשלאַנד האָבען זיי קולטוס-געמיינדען אָדער געמיינדע-בונד. צום ביישפּיעל: אין בערלינער טעמפּלען זענען אָנגעשטעלט מעהרערע קאַנטאָרען, וועלכע דאַווענען וועקסעלווייזע אַלע שבת אין איין אַנדערען טעמפּעל, דאַדורך האָט די ליטורגיע אין אַלע טעמפּלען די זעלבע פאָרם, אַזאַ מין בונד האָט אָבער אויך זיינע שוואַכע זייטען, דאָס דער גאָטעס-דיענסט האָט דאַדורך פערלאָרען זיין אינדיווידועלע בעגייסטערונג, אַלס קלינגט ווי פון אַ לייער-קאַסטען. אַזאַ מין בונד איז פאַר אונז אין רוסלאַנד ניט אַנציעמפּפעלען. אַם וועניגסטענס יעצט איז ער נאָך צו פריה. יעדאָך ווען מיר ווילען די סינאַגאָגע און רוסלאַנד אויפהייבען מוזען זיך די געמיינדען נעהענטער אינטערעסירען איינע מיט דער צווייטער, איין פאָרשטאַנד מוז זיך אינטערעסירען אין דעם אַנדערען פאָרשטאַנד, איין קאַנטאָר מוז זיך אינטערעסירען אין דעם אַנדערען קאַנטאָר, און אַלע צוזאַמען אין דעם אַנשטאַנד פון די געמיינדען, אין דעם כבוד פון אונזער ליטורגיע און אין דעם אויפבליהען פון אונזער סינאַגאָגאַלער מוזיק, עס זאָלען געגרינדעט ווערען ביוראָ׳ס אין ווילנא, וואַרשוי, בערדיטשעוו, אָדעס, וואוהין אַלע געמיינדען זאָלען זיך ווענדען ווען זיי ברויכען אַ קאַנטאָר. דיעזע ביוראָ׳ס רעקאָמענדירען, צום ביישפּיעל, פיער אָדער פינף קאַנטאָרען, וועלכע פּאַסען פאַר דיעזען אָדער יענען פּאָסטען, דאַן בערופט די געמיינדע די רעקאָמענדירטע קאַנדידאַטען און גאַראַנטירט זיי, פאַר אַלעם, פאַר זייערע רייזע-

שפּײזען, און בּעשטימט פאַר יעדען קאַנדידאַט איין פּראָבּע שבת. װען אײנער פון די קאַנדידאַטען געפעלט, קען ער צװאַר בּלײבּען אויף דיזעם נײַען פּאָסטען, מיט דער בּעדינגונג אָבּער, דאָס װען ער איז אנגעשטעלט בּײ אַנאַנדערער געמײנדע האט ער קײן רעכט ניט זײַן אַמט אנצוט= רעטען אין דער נײַער געמײנדע בּיז זײַן צײַט דאָרט איז צו ענדע, אָדער בּיז זײַן פריהעריגע געמײנדע בּעפרײַט איהם שריפטליך פון זײַן פּאָסטען. דאַמיט געװינען די געמײנדען, די קאַנטאָרען און, איבּערהויפּט, די ליטורגיע: די געמײנדען פערשפּאָרען זיך די מיהע אויסצוהערען אַזעלכע קאַנטאָרען, װאָס פּאַסען גאָר ניט פאַר זײ, און די שפּײזען, װעלכע זײ מוזען דאָך אַלס מיטלײד, מעהר אָדער װעניגער, אומקעהרען; די קאַנטאָרען װעלען אויפ= הערען צו בּעפּאַלען צװאַנציג שטיק אויף איין שבת אין דער זעלבּער גע= מײנדע און לײַדען בּזיונות אָהן נוצען; די סינאַגאָגע װעט אויפהערען צו זײַן אַ קוטעל הויז פון אומזאָנסטיגע חזני'שע קאָנצערטען „ששה בּכרם אחד"—אויף יעדער תפלה זעקס חזנים. מיט איין װאָרט, עס װעט אויפ= הערען דאַדורך דאָס שפלות פון די געמײנדען, פון די חזנים און פון דער ליטורגיע. נור דאַצו מוזען זיך פערא‍ײניגען אַלע גבּאים, און, בּעזונדערס, אַלע חזנים פון רוסלאַנד, װײַל דער צװעק איז „כבוד העבודה ויראת המקדש".

## § 13.

דער קאַנטאָרען=פעראיין זאָל פון זיך װעהלען איין „ליטורגישעס פּרעזידיום", אײנע אַרט סינאַגאָגאַלע סינאָד, װאָס זאָל קאָנטראָלירען דעם גאַנצען סדר העבודה אין רוסלאַנד, זײ זאָלען שטודירען דעם מאָדערנעם גאָטעס=דיענסט אין רוסלאַנד אין אַלע זײַנע פאַרבּען מיט אַלע זײַנע מאַנגעל און קראַנקהײַטען און פּאָרבּערײַטען אויסגעאַרבּעטע בּעסערונגען, כדי אין אײנער אַלגעמײנער פערזאַמלונג פון דעם קאַנטאָרען=פעראיין פּאָרצולעגען און אָבּצושטימען.

יונגע קאַנטאָרען און דיריגענטען זאָלען אונטער קײנע אומשטענדען ניט צוגעלאָזען װערען צו דער עבודה בּיז דאָס פּרעזידיום האָט זײ אַטטעסטירט, דאָס זײ זענען װיסענשאַפטליך און מאָראַליש װירדיג צו= געלאָזען צו װערען לעבודת ה'. נײַע קאָמפּאָזיציאָנען פון קאַנטאָרען און

דירעקטאָרען זאָלען אין קיין סינאַגאָגע ניט צוגעלאָזען ווערען אָהן אַ בעשטעטיגונג פון דעם פרעזידיום.

§ 14.

אין דעם פרעזידיום זאָלען געוועהלט ווערען נײַן קאַנטאָרען און דרײַ דירעגענטען, מיט אַ דאָפּעלטער שטימע פאַר דעם פרעזידענטען.

§ 15.

געזאַנגע פון דעם טעאַטער, קאָנצערט און אַלער אַרט פּראָפאַנע לידער דאַרפען אונטער קיינען אומשטענדען אין דער יודישער ליטורגיע ניט אַנגעווענדעט ווערען. דאַגעגען זאָל מען היטען די טראַדיציאָנעלע נוסחאות ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ווײַל נור די נוסחאות פעראייניגען אונז אין אַלע סינאַגאָגען פון דער וועלט. אײַן זענגער, וואָס איז ניט בקי דורך און דורך אין אַלע סינאַגאָגאַלע נוסחאות, זאָל בשום אופן ניט רעקאָמענ־דירט ווערען אַלס קאַנטאָר אין אַ געמײַנדע.

§ 16.

דער קאַנטאָרען־פעראיין דאַרף זיך זעצען אין פערבינדונג מיט די לעהרער־פעראיינען און פעדאַגאָגען, וועלכע פערפאַסען העברעאישע מעטאָ־דען פאַר די קינדער, אום די דיאַלעקט־פראַגע צו בעאַרבײַטען אין זייערע מעטאָדען; טאָן און וואָרט זענען שטענדיג געוועזען אַ צווילינג. ווי קען אַ שפּראַך פּרעטענדירען אויף שיינהייט, ווען זי איז פאָנעטיש, אים קלאַנג אַזוי פערדאָרבען ?! וואַרום האָבען עס די דײַטשע לעהרער געבראַכט צו אַ פעראייניגטען דיאַלעקט פון דער העברעאישער שפּראַך, און אין רוסלאַנד, וואו די העברעאישע שפּראַך האָט זיך אַזוי בליהענד ענטוויקעלט אין דער מאָדערנער צײַט, שפּרעכען קײַן פינף מענטשען מיט איין דיאַלעקט ? לעהרער און פעדאַגאָגען ! שרײַבט ווייניגער מעטאָדען און ווידמעט מעהר אײַער אויפמערקזאַמקייט אויף אויסצוראָטען די פערשידענע העסליכע דיאַלעקטען פון אונזער טהײַערער שפּראַך .

§ 17.

אום צו געווינען אונזער גײַסטיגע יוגענד פאַר די סינאַגאָגע מוזען מיר אײַנפיהרען, מיט הילפע פון די ראַבינער, ספּעציאַלע יוגענד־גאָטעס־דיענסטע

אום שבת נאָך מיטאָג, און רעֶליגיאָנס־שטונדעֶן אום זונטאָג און קריסטליכעֶ פײַעֶרטעֶג, ווי עֶס איז אײַנגעֶפיהרט אין אײַראָפּאַ און אין אַמעֶריקאַ אין אַלעֶ געֶמײַנדעֶן. בײַ דעֶם רעֶליגיאָנס־שטונדעֶן אין דעֶר סינאַגאָגעֶ, וועֶלכעֶ די רוסישעֶ רעֶגיערונג וועֶט, ווי אַלעֶ אַנדערעֶ רעֶגיערונ־געֶן פון דעֶר וועֶלט, זיכער הולדיגעֶן, זאָלעֶן אונטעֶרריכטעֶט וועֶרעֶן אויך סינאַגאָגאַלעֶ רעֶספּאָנזעֶן, כדי די אַלעֶ קינדעֶר זאָלעֶן זיך בעֶטײַליגעֶן בײַם שבת'דיגעֶן גאָטעֶסדיענסט און זאָלעֶן צור הערליכקײַט און אַנדאַכט פון דעֶר ליטורגיעֶ בײַטראָגעֶן. זעֶלבסטפעֶרשטעֶנדליך, מוזעֶן דעֶרבײַ געֶהאַלטעֶן וועֶרעֶן קינדעֶר־פּרעֶדיגטעֶן, ווי עֶס איז שוין לאַנג אײַנגעֶפיהרט אין פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, עֶסטרײַך־אונגאַרעֶן און אַמעֶריקאַ. די סינאַגאָגעֶ איף טלאָמאַצ־קעֶ אין וואַרשוי עֶרפילט נאָך בײַ ווײַטעֶם ניט איהר מיסיאָן ווען קוטנעֶר און וולאָצלאַווקעֶר יודעֶן קומעֶן שבת צו בעֶוואונדעֶרעֶן דעֶם חזנ'ס שטימעֶ; די בראָדעֶר סינאַגאָגעֶ אין אַדעֶס עֶרפילט נאָך זעֶהר ווײניג איהר פפליכט ווען בעֶנדעֶרעֶר ווײַנשײַנקעֶרס און טיראַספּאָלעֶר פּאָפּשויעֶס־הענדלעֶר קומעֶן שבת זיך צו עֶרגעֶצעֶן מיט יודישעֶר מוזיק. „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז"—די סינאַגאָגעֶ דאַרף וועֶרעֶן, אין אַ געֶוויסעֶן גראַד, אײַן עֶרציהונגס־פּלאַץ פאַר די קינדעֶר. גראַדעֶ אין דעֶר מאָדעֶרנעֶר צײַט, ווען די יודישעֶ תורה ווערט אַזוי וועֶניג פעֶרשטאַנעֶן פון דעֶר יוגענד, מוז די עבודה אין דעֶר סינאַגאָגעֶ מעֶהר אויפטרעֶטעֶן, אַזוי ווי עֶס איז געֶוועֶזעֶן אין דעֶר אוראַלטעֶן צײַט, ווען דאָס גאַנצעֶ יודענטום האָט זיך קאָנצעֶנטרירט בלויז אין דעֶר עבודה. אונזער רעֶגיערונג וועֶט געֶוויס שטיצעֶן אַזעֶלכעֶ קינדעֶר־גאָטעֶסדיענסטעֶן און רעֶליגיאָנס־שטונדעֶן אין דעֶר סינאַגאָגעֶ; זי וועֶט דאַדורך עֶרציעהעֶן בעֶסעֶרעֶ בירגער, און מיר וועֶלעֶן דאַדורך געֶווינעֶן בעֶ־סעֶרעֶ קינדעֶר, בעֶסעֶרעֶ מעֶנטשעֶן און בעֶסעֶרעֶ יודעֶן.

§ 18.

די פּראָווינץ־געֶמײַנדעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן נויטיג אַ כאָר נור אויף ימים נוראים, זאָלעֶן זיך וועֶנדעֶן צווישעֶן פּסח און שבועות צו די ביוראָ'ס מעֶן זאָל זײ שיקעֶן אַ דיריגעֶנט, וועֶלכעֶר וועֶט אים פעֶרלויף פון 4 חדשים פּאָרבעֶרײַטעֶן דעֶם פײַנסטעֶן כאָר פון די הײַמישעֶ קינדעֶר. דאַמיט וועֶט אויפהעֶרעֶן דאָס גנב'עֶנעֶן קינדעֶר פון אַנדעֶרעֶ סינאַגאָגעֶן אום ר"ח אלול. עֶס וועֶט זײ קאָסטעֶן פיעל ביליגער און זײ וועֶלעֶן האָבעֶן זעֶהר אַ שעֶנעֶם כאָר.

איִך וויִל ניִט זאָגעֶן, דאָס איִן מיַינעֶ שמונה עשרה תקנות וועֶט אַלעֶס איִן דעֶר מאָדעֶרנעֶר סיִנאַגאָגעֶ וועֶרעֶן גוט, איִך וויִל נור גלויבעֶן, דאָס מיַין שריִפט וועֶט אויפוועֶקעֶן אונזעֶרעֶ קאָלעֶגעֶן פון זיַיעֶר ליִטאַרגיִ־ שעֶן שלאָף, און עֶס וועֶט אָנפאַנגעֶן אַ נייַעֶ און בעֶסעֶרעֶ עֶפּאָכעֶ איִן דעֶם מאָדעֶרנעֶם יודעֶנטום איִן דעֶר רוסיִשעֶר סיִנאַגאָגעֶ. איִן קורצעֶן, „דאָס וואָרט מוז שעֶן זיַין, דיִ טהאַט מוז גוט זיַין, דאַריִן ליִעגט דעֶר קנאָטעֶן פון דעֶר עֶטהיִק און עֶסטהעֶטיִק!"

# דרוק־פעהלער.

| שורה: | אנשטאט: | דארף זיין: | זייטע: |
|---|---|---|---|
| 7 | „אונגעקוט" | „אונגעקיקט" | 37 |
| 10 | „טעהר" | „מעהר" | 55 |
| 29 | „אייזערנע" | „גאלדענע" | — |
| 11 | "XI„ | "IX„ | 65 |
| 6 | „טשעמאן" | „טשעחאן" | 90 |
| 30 | „Syinagogale" | „Synagogale" | 122 |
| 30 | „Dr. Schz" | „Dr: Schüz" | 123 |
| 8 | „וויניגקייט" | „איינינגקייט" | 124 |
| 18 | פעהלט נאך דעם ווארט „עגיפטיאנער" דאס ווארט „געהאט" | | 132 |
| 31 | „won" | „von" | 137 |
| 31 | "דער" | „דעם" | 138 |
| 17 | „סראטעסטירט" | „פראטעסטירט" | 140 |
| 13 | „זמן עבודתנו" | „זמן עבדותנו" | 145 |
| 25 | „וועלבע" | „וועלכע" | 148 |
| 18 | „סינאגאנגאלע" | „סינאגאגאלע" | 161 |
| 7 | „Hands ʌf" | „Hands of!" | 165 |
| 24 | „קיינערו" | „קיינער" | 171 |
| 11 | „עהען" | „זעהען" | 172 |
| 31 | „יקרא דשכב" | „יקרא דשכבי" | — |
| 2 | „פראראם" | „פראגראם" | 173 |
| 18 | פעהלט נאך „בענעהמען" דאס ווארט | „איבריג" | 192 |
| 27 | „געמיינשאפטליבע" | „געמיינשאפטליכען | — |
| 29 | „דער" | „דעם" | 196 |
| 13 | „קווערט" | „קוועלט" | 222 |
| 30 | „האטעטאנטען" | „האטענטאטען" | — |
| 31 | „מיטעלאלטעא" | „מיטעלאלטער" | 225 |
| 19 | „נטפרעמדען" | „ענטפרעמדען" | 226 |
| 18 | „אוים איינעם זיך איי" | „אין איינעם איי זיך" | 227 |
| 20 | „Glaubens des" | des Glaubens" | — |